STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06567

# YIDISH LEBN IN AMERIKE

Abba Gordin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א ב אָ  ג אָ ר ד י ן

# יידיש לעבן אין אמעריקע

(אין שפּיגל פון פּ. בימקאָס ווערק)

☆

אַרויסגעגעבן פון
יידישן שרייבער פאַריין „ה. ד. נאָמבערג״
ב ו ע נ אָ ס  א י י ר ע ס
התשי״ז — 1957

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
**Abo Gordin**
New York

**ABO GORDIN**

# Vida Judía en América

(A LA LUZ DE LAS OBRAS DE F. BIMKO)

**Hecho el depósito que marca le Ley 11.723.**

**Buenos Aires, 1957**

ערשטער טייל:

# יידן אין אַמעריקע

I

## דאָ און דאָרטן

פון פ. בימקאָ

פאַרעפנטלעכט אין „זאַמלביכער נומער 7"
ניו־יאָרק 1948

א.

# דער גורל

דאָס לעבן פון אַ יחיד ווערט נישט געשריבן דורכאויס פון אים אַלס אַ באַוווסטזיניק, ראַציאָנאַל וועזן. די גמרא באַצייכנט געוויסע האַנדלונגען פון מענטשן, וואָס ווערן דירעקטירט עפּעס ווי נישט פון זיי אַליין, נאָר פון פאַרבאָרגענע כוחות, וועלכע געפינען זיך ערגעץ אין מענטשן, צי אַרום מענטשן, אין דער *פערזענלעכער* סביבה זיינער, מיט די ווערטער „דאיהו לא חזי, מזליה חזי" (מגילה ג׳, ע״א). ער האָט עס נישט געזען, אָבער די מערכה, זיין מזל, האָט עס יאָ דערזען, און האָט געהאַנדלט לויט אָט־דער זעאונג. פון וועלכער דער מענטש, דער טייל זיינער, וואָס איז באַוווסטזיניק און האַלט זיך פאַר דעם *טוער*, ווייסט נישט און, ממילא, קען ער נישט באַגרייפן דעם מיין און מהות פון דער האַנדלונג, וואָס איז אַ פועל־יוצא פון אָט־יענער מיסטעריעזער וויזיע.

„דאָס בחורל שמחה בונעם איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אַן אַלט יידיש יחוסדיק הויז" (ז. 63).

אייגנטלעך איז ער נישט אַרויסגעריסן געוואָרן; ער האָט זיך אַליין אַרויסגעדריסן, אַזוי גוט ווי אַ מחנה „אַנדערע יידן מיט בערד און אָן בערד, פון כלערליי עלטערס, וואָס איז זיי ענג געוואָרן אין דער אַלטער וועלט, און די ערד האָט גענומען ברענען אונטער די פיס. זיך גענומען טראָגן מיט אַן אָקסן־שיף צו דעם היגן פאַרכישופטן לאַנד פון ווייס ברויט, גראָבבייכיקע אַרבוזן"... (דאָרט).

עפּעס האָט אָנגענומען שמחה בונעמען און אים געגעבן אַ רייס אויס פון זיין באָדן.

שמחה בונעם איז „פון אַן אַלט יידיש יחוסדיק הויז"... ער האָט ברידער וואָס זיינען יינגער און עלטער פון אים, דאָך קיינער פון זיי רירט זיך נישט. קיינעם רייסט נישט אויס, נאָר דווקא אים. זיי האָבן נישט געוואָלט קומען אַפילו שפּעטער, ווען ער האָט שוין געהאַט דורכגעטראָטן פאַר זיי אַ וועג איבערן ים" (ז. 62).

אויב די פיזישע וועלט אַרום אונדז איז אַ בוך פאַרזיגלט מיט זיבן זיגלען, איז דאָס קליין וועלטל פון יעדן איינצלנעם יחיד אַ ספר פאַר־

חתמעט מיט זיבן מאָל זיבעציק זיגלען. און דעם ספר פון לעבן פון אָט־דעם איינצלנעם ווער שרייבט אים? מיר לייענען אים טיילווייז, מיר פאַרשטייען אים בלויז ערטערווייז, ריכטיקער וואָלט זיין ווען מיר זאָגן, אַז מיר זיינען משער, אַז מיר כאַפּן אויף די מיינונג פון זיינע זאַצן. באמת טאַפּן מיר אַ וואַנט, ווייל מיר ווייסן קוים דעם ריכטיקן פּירוש־המילות פון אָט־דעם לשון פון געשעענישן און אַקציעס, אין וועלכן דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז געשריבן. נישט־וויסנדיק געגוי דעם מענטשנס אָנהייב, נישט וויסנדיק געגוי זיין סוף, ווי קומען מיר גאָר צו קענען וויסן און באַגרייפן זיין מיטן?!

און אויב דאָס איז אמת בנוגע דעם סאָציאַלן אַטאָם, דעם אינדיווידו, אַ פשיטא שוין ווען עס רעדט זיך וועגן אַ קאָלעקטיוו; און על אחת כמה וכמה ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ מיסטעריעזן פאָלק ווי „ישראל סבא״. דאָס יידישע פאָלק איז אַ סאָציאָלאָגישע רעטעניש איינגעוויקלט אין אַן אומפאַרטרוילעכן סוד. ווער קען אונדז געבן זיין באַשייד, און ווען?

## ב.

# לך־לך

אַן אויסטערלישער פסוק הענגט ווי אַ פּאַטום איבערן שיקזאַל פון פאָלק ישראל. אָט־דער פסוק לענקט זיין מערכה. פון אים וויקלט זיך אַרויס זיין געשיכטע, וואָס איז געצייכנט אין אַ מאָדנעם כתב, וואָס מיר קענען אים נאָך נישט לייענען קלאָר און דייטלעך. מיר שטויסן זיך בלויז אַ האָרעלע אָן וועגן דעם מיין פון דעם געשריפטס, וואָס אַ וווּנדער פסוק־האַנט שרייבט נישט אויף אַ וואַנט, נאָר אינדערלופטן און אַזוי, אַז איין העלפט פון יעדן אות לאָזט פאַלן איר שאָטן אויף דער ערד און די צווייטע העלפט שטרייפט מיט איר שאָטן דעם הימל... און זיי אַ קלוגער און לייען אַ כתב אין וועלכן הימל און ערד איז אויסגעבונדן.

דער פסוק וואָס גיט אונדז אַ קלאַפּ אין קאָפּ, ווי נאָר מיר דערזעען אַ יידן עוקר־זיין פון זיין איינגעזעסענעם. אַנגעוואָרעמטן דורך דורות. אָרט איז דער אַלעמען באַקאַנטער „לך לך״ (בראשית י״ב. א). איר זעט ווי די צוויי ווערטער זענען אויס? — „לך לך״ מען דאַרף עס אפשר לייענען נישט ווי די מסורה־נקודות ציינגן אַז „לֶךְ לְךָ״. נאָר „לֵךְ־לֵךְ״. גיי און גיי ווייטער און הער נישט אויף צו גיין...

„גיי אַרויס פון דיין לאַנד, פון דיין געבוירן־פּלאַץ און פון דיין פאָ־טערס הויז...״

קודם כל גיי... כאָטש דאָס לאַנד, דוכט זיך, איז דיין, ביסט נישט קיין פרעמדער, און דו ביסט דאָרטן געבוירן געוואָרן, און דאָרט איז גע־שטאַנען דיין וויג, און דאָרטן לאָזטו איבער אַ פאָטערס הויז... פון דור דורות, — גיי!

און וואוהין גיין? צו אַ פאַרכישופט לאַנד, אַן אומבאַשטימט לאַנד. דאָס לאַנד פון אַריינוואַנדער און באַזעצן זיך וועט ווערן אָנגעוויזן שפּע־טער. ווייל דאָס איז נישט דער עיקר. דער עיקר איז דאָס אַרויסוואַנדערן, דאָס עמיגרירן, טוישן דעם וווינפּלאַץ.

עס ווערט נישט אָנגעדייט אין פּסוק וואוהין צו גיין, די הויפּט־זאַך איז דאָס גיין, נישט בלייבן אין לאַנד, אין דער היים, נאָר הולכן.

דאָס לאַנד פון באַזעצן זיך איז אַ לאַנד, וואָס איך וועל דיר אָנצייגן שפּעטער.

און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, און איך וועל דיך בענטשן, און איך וועל גרויס מאַכן דיין נאָמען, און דו — זיי אַ בענ־טשונג! (דאָרט, פּסוק ב׳).

אברם הערט אָט־די שטימע, וואָס רעדט אַרויס פון זיין אינערלעכ־קייט, זיין אונטערבאַוווסטזיין; און ער פאָלגט אָ־דעם קול, דעם שטרענגן אָנזאָג און גרויסן צוזאָג, און לאָזט זיך אין וועג אַריין.

דער וועג, ווייזט אויס, איז אומענדלעך. ער ציט זיך איבער יאָר־הונדערטער, יאָרטויזנטער און גאָר לאַנגע שטחים פון דעם ערד־קוגל...
גיין אַהין!

די מדרשים דערציילן אונדז, אַז אברם האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון קאַלך־אויוון, אין וועלכן זיין ברודער, הרן, איז פאַרברענט געוואָרן.

אָבער דאָס ראַטעווען זיך איז דאָך פאָרגעקומען פיל פריער. ווייל פון אור־כשדים, ווו נימרוד האָט געוואָלט פאַרברענען אברמען, האָט נאָך עוקר־געווען אברמס פאָטער, תרח, ווי עס שטייט בפירוש:

„און תרח האָט גענומען אברמען זיין זון און לוטן דעם זון פון הרנען, זיין זונס זון, או שרי, זיין שנור, די ווייב פון אברמען זיין זון, און ער האָט אַרויסגעוואַנדערט מיט זיי פון אור כשדים אום צו גיין קיין לאַנד כנען. זיי זיינען אָבער, געקומען ביז חרן, און האָבן זיך דאָרט באַ־זעצט... און תרח איז געשטאָרבן אין חרן״ (דאָרט, י״א, ל״א־ל״ב).

אַזוי אַז אברם האָט אַרויסגעצויגן פון חרן, ווו ער איז שוין געווען איינגעזעסן און איינגעבירגערט און געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן. און אַט פון דאַנענט ציט ער, פון זיין צווייטן אַדאָפּטירטן פאָטערלאַנד. אַזוי אַז חרן איז, זיכער, נישט געווען זיין געבוירן־פּלאַץ, בלויז זיין וווין־פּלאַץ.

און דער פסוק־אַנזאָג: „לך לך מארצך וממולדתך" באַציט זיך נישט אויף אברמען נאָר אויף אַלע אברהמלעך... עס איז אַ באַפעל וואָס איז אַנגעלאָדן מיט שיקזאַל, אַן אַנזאָג וואָס אַנטהאַלט אַ פאָרויסזאָג...

עס איז אַ מעשה מיט אַ וואַנדערונג נאָך אַ וואַנדערונג און ווייטער אַ וואַנדערונג.

אברם זיצט נישט איין אין כנען, ווו עס איז געווען אַ הונגער, און ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין מצרים; און פון מצרים האָט מען אַרויס־געשיקט (דאָרט, י"ב, כ') „אים און זיין ווייב און אַלץ וואָס ער האָט פאַר־מאָגט", און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין פריערדיקן פּלאַץ.

אַ היפּשע ביסל יאָרן שפּעטער, ווען אברהם איז אַלט און ער טראַכט וועגן אַ פּאַסיקן שידוך פאַר זיין איינציקן זון יצחק, זאָגט ער אַן זיין עקאָ־נאָם אליעזר: „וואָרן צו מיין לאַנד און מיין געבוירן־פּלאַץ זאָלסטו גיין" (דאָרט, כ"ד, ה').

נאָך אַזויפיל יאָרן פון וווינען און רייזן אין לאַנד כנען איז ער נאָך אַלץ פאַרקניפּט מיט זיין אַלטן היימלאַנד. דער „דאָ און דאָרטן" איז צו־זאַמענגעקייטלט. ער שטייט אַפילו אין קאָמוניקאַציע מיט דער משפחה, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין דער אַלטער היים, ווי מען זעט פון די פסוקים:

„מען האָט מיטגעטיילט אברהמען אַזוי צו זאָגן: „מלכה האָט גע־בוירן זין" (דאָרט, כ"ב, כ'־כ"ד). און די גאַנצע גענעאַלאָגיע פון די חרן פאַמיליע־לייט ווערט אָנגעגעבן. אברהם איז גוט אינפאָרמירט וועגן אַלע פּאַסירונגען וואָס קומען דאָרטן פאָר. ער וווינט טאַקע אין כנען, אָבער זיין האַרץ איז נאָך אַלץ אין חרן, זיין צווייטע היים... „און דאָס האָט זיך אַזוי געוויגן ווי אויף אַ וואָגשאָל... פון וועלכע איין שאָל איז דאָ און די אַנדערע — דאָרטן"... (ז. 66).

קיין חרן לויפט אויך יעקב, ווען ער דאַרף זיך ראַטעווען. ער קומט אָבער צוריק אין לאַנד כנען, ווו ער זיצט נישט איין און וואַנדערט אויס קיין לאַנד מצרים. די קורצע געשיכטע האָלט אין איין איבערחזרן זיך: אברהם ציט קיין מצרים און ציט צוריק; דאָס אייגענע טוט יצחק, און

דאָס אייגענע טוט יעקב. אָבער יעקב ציט נישט צוריק, נאָר מ ע ן ב ר ע נ ג ט אים צוריק אין אַן ארון...

„און די קינדער האָבן אים אַוועקגעפירט קיין לאַנד כנען און אים באַערדיקט אין דער הייל אין פעלד מכפלה" (דאָרט, נ', י"ג).

די וואַנדערניש איז אין דעם בלוט, און זי איז עס די ראַם, אין וועל־כער דאָס בילד פון דער יידישער געשיכטע איז אַריינגעפּאַסט. און דאָס בילד רייסט זיך פון ראַם, אָבער קען נישט אַזוי לייכט אַרויס. ישראל וואַנדערט, ווייל תמיד „איז זיי געוואָרן ענג אין דער אַלטער וועלט, און די ערד האָט געגומען ברענען אונטער די פיס".

„און זיי זיינען געגאַנגען פון פאָלק צו פאָלק און פון איין קעניגרייך צו אַן אַנדער פאָלק" (דברי הימים א', ט"ז כ'). דאָס איז די קווינטעסענץ פון דער יידישער געשיכטע.

און די, וואָס האָבן זיך איינגעעקשנט און אַגיטירט צו בלייבן אויף די אַלטע ערטער אין פוילן און אויסקעמפן אַ נאָרמאַלן מצב, זיינען גע־ווען שווער אויף זייער היסטאָרישן געהער, און האָבן נישט דערהערט די אונטערזאָגענישן, די שעפּטשונגען פון יידישער היסטאָריע, פון דעם יידישן אימפּעראַטיוו „לך־לך!" וואָס שטייט אָנגעשריבן אויפן אויבער־שטידל פון דער טיר פון יידישער כראָניק, וואָס פירט אין דער אייביקייט אַריין.

מחמת יידישע היסטאָריע איז מער ווי געוויינלעכע היסטאָריע, עס איז פּרע־היסטאָריע, היסטאָריע און פּאָסט־היסטאָריע. עס איז דער גע־שיכטלעכער „היה־הווה־ויהיה", וואָס זיין הויפּט־מעטאָד איז אויסוואַנ־דערן... „ויברח יעקב" און זיך ראַטעווען מיטן לעבן, וואָס דאַרף זיך ציען צו דעם „לעולם־ועד", צו דער אומענדלעכקייט אין צייט.

און דער מעטאָד ווערט אויסגעדריקט אין דעם „ויסעו — ויחנו"... געפאָרן, זיך אָפּגעשטעלט און ווייטער געפאָרן...

דער פּאָקוס ליגט אין אויסוואַנדער מער ווי אין איינוואַנדער.

ג.

# היינעם מאָטיוו: נישט קיין צוריקגעקערטע ליבע

דער וואַנדערער גיט אונדז אַ בילד פון וואַנדערער שמחה בונעם, אַ זאַך, וואָס ער טוט נישט אָפּט בנוגע זיינע „פאַרשוינען".

„אין די אויגן — אַזוינע העלע בליקן, וואָס לייכטן אויף, אַלץ איינ־איינעם, גליען, שפּריצן מיט פונקען״ (ז. 63).

צו דערקענען אַ יידן איז אַמלייכטסטן און אַמבעסטן ביי די אויגן. דאָס אויג איז דער פענצטער, דורך וועלכן מ׳קען אַריינקוקן און דערזען די נשמה, און זי אַליין, די נשמה, קוקט אַרויס פון דעם ליימענעם שטיבל, די געפענגעניש, אין דער וועלכער זי איז פאַרשפּאַרט, דורך דעם אויג... דאָס יידישע אויג איז כמעט אַליין אַ שטיק יידישע נשמה. דאָס איז דער איינציקער אבר, וואָס איז כמעט מער גייסט, ווי שטאָף.

„איך בין אַ ייד. האָט אַ ייד נישט קיין אויגן?״ (שעקספּיר, שיילאָק). און נאָך וואָס פאַראַ אויגן! אַ יידנס אויגן איז אַ מקום קדוש, אין וועלכן ער האַלט אין איין מתפלל־זיין, און זיך בעטן און ציטערן. דאָס אויג איז אויך דער שומר, און דער אויסשפּירער, ווען דער ייד שיקט אַרויס אויף אַ ווייטן מרחק אַרום און אַרום, ער זאָל „אויסזען דאָס לאַנד״ און לאָזן גלייך וויסן צי אַ סכנה לויערט נישט אויף אים. און אַזוי ווי געפאַרן האָבן כסדר געלויערט איז דעם יידנס אויג קלאָר, שאַרף, אַנגעגליט און אָנגעשפּיצט.

„די אָרעמס ציען זיך ווי ביימעלעך אויפן ווינט, ווילן עמעצן אַרומנעמען מיט גליענדיקער בענקשאַפט, נאָך איידער מ׳איז ערגעץ דערפאָרן״ (ז. 66).

דער רוסישער דיכטער זאָגט, „אים איז אומעטיק, און עס בענקט זיך — און עס איז נישטאָ וועמען אָנצורייבן אַ מאָרדע...״ אויב עס איז אומעטיק, איז ווי דאַרף מען זיך דערמונטערן און צעשטרייען? דורך נעמען זיך שלאָגן, געבן קלעפּ, אַריינפאָרן עמעצן אין די ציין. עס איז „הידים ידי עשו״. אין געשלעג ווערט פריילעך אויפן האַרצן.

פּושקין זעט דעם געפעכט און צוזאַמענשטויס פון פעלדזנשטיין און כוואַליע. דער העברעאישער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי, וויפל ער האָט זיך נישט געפלייסט צו פּראָווען גויישע־העלענישע שטיק, זעט נאָך אַלץ ווי די וועלן, אויס מאַנגל וועמען ליב־צו־האָבן, האַלדזן און נעמען אַרום די פעלדזנשטיינער... אַ יידישער קוק אויף זאַכן.

דאָס בחורל, שמחה בונעם, אַז ער האָט אָרעמס, וויל ער זיי געברויכן... אויף וואָס? אויף אַרומצונעמען. וועמען? עס ווייסט נאָך אַליין נישט. ער איז נאָך אין ערגעץ נישט דערפאָרן, אָבער זיין ליבשאַפט האָט

ער שוין אַרויסגעשיקט פּאָרויס, פאַר אים, אַהין, וווהין ער וועט ערשט אָנשפּאַרן שפּעטער.

ביז ס'נעמט אים שפּאַרן אַ קינדיש געוויין:

„— אוי, ווי שווער ס'איז צו זיין עלנט און אַליין" (ז. 63).

אין דעם ליריש־צעווייטיקטן פּסוק פון תהלים (כ"ה, ט"ז) ליגט די גאַנצע בענקעניש פון יידישן וואַנדערער, וואָס פילט זיך אַזוי איינזאַם:

„ווענד זיך צו מיר און באַגנעדיק מיך, ווייל איך בין עלנט, אָרעם, און איינער אַליין."

שמחה בונעם, די פּילע שמחה בונעמס, ווילן זיך וואַרפן, און וואַרפן זיך אַלעמען אויפן האַלדז... באָטן אָן זייער בענקנדיקע נאָגנדיקע ליב־שאַפט, און ווערן אָפּגעשטויסן און אויסגעלאַכט. דאָס איז היינעס מאָ־טיוו, אומצוריקגעגעבענע ליבע. „עס איז אַן אַלטע און אייביק נייע (יידי־שע) געשיכטע..."

שמחה בונעם ציט זיך מיט די אָרעמס אַרומצוכאַפּן זיך, אַרומצונע־מען זיך — און ער ווערט אַריינגעשליידערט אין אַ פרעמד לאַנד...

„אויסגעקערט ווי מיט אַ בעזים פון דער שיפּס־איינגעווייד" (דאָרט), צי גאָר אויסגעשפּיגן, ווי יונה...

„ער איז אַרויף אויף אַ האַרטער, שטיינערנער ערד" (דאָרט).

עס וועט נעמען אַ היפּשע צייט איידער ער און זיינסגלייכן, יידישע וואָגלערס, וועלן צעווייבן די ערד, צעאַקערן זי און צעבראָנעווען, אַזוי אַז צו פאַרזיכערן, אַז וואָס זיי גייען פאַרזייען וועט אויפגיין און געדייען. עס איז שווער צו צעאַקערן שטיינערנע ערד און זייען אויף איר — און דערוואַרטן און באמת זוכה־זיין צו דערזען דעם אויפשפּראָץ פון אייגע־נעם פאַרזיי אָדער פאַרפלאַנץ.

אָט־דער שמחה בונעם האָט צו דעם נישט זוכה געווען, ווי דער סוף פון סיפּור־המעשה לאָזט אונדז וויסן. אַנדערע יידן האָבן געהאַט און וועלן האָבן מער מזל אין דער הינזיכט. אָבער דער באָדן איז פאַר זיין אַלעמען געווען אַ האַרטער און פול מיט שטיינער, שטרויכלונג־שטיינער. זיי האָבן אַלע געהאַט אויסצושטיין אַ סך, און בייצושטיין נסיונות (ז. 66).

שמחה בונעם איז אַריין אין לאַנד מיט דער גאַנצער כאָפּטע יידן; און ער האָט זיך באַזעצט „אויף די אונטערשטע גאַסן ביים מזרחדיקן ריווער" (ז. 64).

„און דאָ געבליבן שטעקן צווישן זיי מיט זייערע, צומייסטן קורצע

און גראָבע ווייבער, צעוואַקסן אין דער ברייט; געבליבן זיצן מיט זיי אין דרויסן, פאַר די טירן פון די הייזער, נאָכן אָפּאַרבעטן אַ טאָג, לאַנג ווי דער גלות, ביי דעם „בזעת אפיך תאכל לחם", און פרייכן שווער, אַז מ'קען הערן אויף מיילן" (דאָרט).

דאָס הייסט זיי האָבן גענומען שאַפן אַ אייגענעם ישוב, אַ שטיקל „יידיש־לאַנד". געפאָרן בציבור אויף דער אָקסן־שיף און געוווינט אויך דאָ בציבור. אַזוי אַז מען זאָל נישט צעשטויבט ווערן, נאָר דווקא בלייבן צווישן אייגענע. ווי ענג און פאַרשטיקט מען זאָל נישט וווינען, אַבי נישט אין אַ פ ר ע מ ד ע ר אינדערפרעמד, נאָר ביי זיך אין אַן אייגן שטיקל היים, זאָל בדאַי זיין אַן אייגן געשאַפן געטאָ. געטוליעט זיך איינע צו די אַנדערע, און אין אָט־דער טוליעניש פּרובירט איבערצוקומען די פאַר־פרעמדקייט און פאַרוואָרלאָזטקייט.

וויפל די רייכע „יהודים" מיט זייערע פאַרשידענע קאָמיטעטן האָבן זיך נישט געמיט די אָנגעקומענע עמיגראַנטן צו צעשליידערן איבער פאַר־שידענע שטעט און שטעטלעך, און אַפילו „קאָלאָניעס", האָבן זיי גאָר־נישט געקענט אויפטאָן קעגן דעם געזונטן יידישן אינסטינקט. זיי האָבן זיך נישט צעשפּרייט און צעזייט איבערן קאָנטינענט. אין דער יידישער דעצענטראַליזאַציע איז פאַראַן אַ לאָקאַלע קאָנצענטראַציע. אַ ייד צווישן יידן... ווייל אויב אַפילו זיין צעשפּרייט און צעוואָרפן, דאַרף מען נאָך אַלץ בלייבן צווישן אייגענע, צווישן יידן, ווי דער פּסוק זאָגט „איך וועל זיי צעטיילן צווישן די קינדער פון יעקב און צעשפּרייטן אין ישראל" (בראשית, מ"ט, ה').

ד.

## תפילין־לייגן און קוקן אין הימל

שמחה בונעם איז געקומען „לקבר ישראל" לעבעדיקערהייט, ווייל אין דעם צימער, אין וועלכן ער האָט געוווינט איז געווען פינצטער ווי אין אַ גרוב (ז. 64).

עס איז געווען אַ פענצטערל בלויז אויף אויפצוּוועקן ז כ ר ו נ ו ת, בלויז אויף צו רייצן זיך מיט אים.

פון וואָס זיינען באַשטאַנען די זכרונות? פון היימישע זאַכן, פון היימיש הימל און ערד.

דאָס געוועזענע איבערגעבראָכן אין דער פּריזם פֿון אַ דערמאָנעניש וווּרט שענער, אַטראַקטיווער.

און שמחה בונם נעמט ציען פּאַראַלעלן צווישן „דאָ און דאָרטן". און מערקווירדיק עס קומט כסדר אַרויס אַז דער פּאָזיטיוו איז אויף דעם צד פֿון פֿאַרלאָזענעם היימלאַנד. דאָרטן איז געווען אַ הימל; דאָרט איז געוואַקסן גראָז, טייכעלעך האָבן געמורמלט געמיטלעך און תּפֿילהדיק. דאָ איז קיין זאַך נישטאָ, לויט שמחה בונעמס באַנעם.

אַי וואָס, אויב ער איז אַזוי פֿאַרבענקט נאָך דעם טאַטן, הימל, און דער מאַמען, ערד, האָט ער זיך דאָך געקענט אַוועקלאָזן ווייטער, זיך באַזעצן אויף אַ פֿערמע, לעבן אַ וואַלד, אויף דעם ברעג פֿון טייך? אַמעריקע פֿאַרמאָגט גענוג טייכלעך און גרעזלעך און וועלדלעך. דאָס נישט. דאָס וועט ער נישט טאָן. ווייל דאָ איז דער וואַלד נישט קיין יידישער, דאָס גראָז איז אַ פֿרעמדס, און דער באָדן איז אויך נישט געכשרט, נישט געיידישט.

„וויפֿל יאָרן דאַרף מען דאָ זיין, אַז די ערד זאָל זיין יידיש? און דער הימל איבערן קאָפּ אַ יידישער?" (ז. 106). דאָ מוז שמחה בונעם זיין ווו „מזרחדיקן ריוועריר". ער וועט נישט לאָזן די שאַרפֿע ציין פֿון דיסטאַנץ אים אַלע יידן זיינען, נישט אָפּגעזונדערט; אין ניו־יאָרק, און דווקא לעבן אַריינגעמען אין דער אַרבעט, צעמאַלן, צעקייען, אַזוי אַז דער ווייטער האַלדז און אומגעהויער גרויסער בית־הבליעה זאָל אים אַראָפּשלינגען, און ער זאָל, חלילה, אינגאַנצן פֿאַרלוירן גיין אין פֿרעמדן בויך.

די זכרונות פּייניקן און מאַטערן אים, דאָך האָט ער הנאה פֿון זיי, זיי קוויקן זיין פֿאַרבענקטע און פֿאַרצערטע נשמה. אין די מאָמענטן ווען ער איז באַהערשט פֿון די דערמאָנענישן, פֿעקלט ער זיך אַריבער אויף די פֿליגלען פֿון נאָסטאַלגיע צוריק אַהיים, אין זיין אַלטן „יידנלאַנד", אַרויס פֿון נייעם מקום ווו עס הערשט לעת־עתּה אַזאַ געדרענג און אַ דערשטיקעניש, אַז אים פֿעלט אויס אַביסל לופֿט אָפּצוחייהן די לונגען.

„ער דערמאָנט זיך אַז ער האָט אַמאָל, אַמאָל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דעם [פֿענצטער], און געזען דעם הימל זיך אויפֿרייסן" (ז. 64).

אַמאָל אַמאָל מיינט זעלטן, נישט אָפֿט האָבן אַזעלכע זאַכן פּאַסירט, דאָס באַדייט אויך לאַנג־לאַנג צוריק. כאָטש ער איז נאָך גרין, נישט לאַנג אין לאַנד, זעט עס אים אויס צו זיין אַן אייביקייט, און אַ געשעעניש פֿון דער היים קומט אויס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אַמאָל־אַמאָל, שיער נישט „פֿאַר־

ציַיטנס". וויַיל דאָ לויפן נישט די יאָרן. זיי גייען צופוס און טרעטן שווער מיט אַ באַזונדערן „הילוך" (ז. 66).

אין נחת גייט די ציַיט שנעל אַוועק. אין פּראַצע און פּייניקונג שטעלט זי קוים אַ פּוס, ווי אַ מידע פּוסגייערין.

אַמאָל אַמאָל האָט ער געזען דעם הימל זיך אויפּרייסן...

ווי קומט צו אַ יידן שטיין און קוקן אויפן הימל, ער האָט נישט עפּעס בילכערס צו טאָן?

אַ ייד האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו זיין פיזישער סביבה, צו דער וועלט, איבער וועלכער ער האָט אויפגעשטעלט אַ העכערן שטאָק — יענע וועלט. צוליב וואָס זאָל ער זיך אָפּגעבן מיטן שורום־בורום, מיט דער מענגע פון דערשיינונגען און נאַטור־פּראָצעסן, וואָס האָבן נישט קיין גרויס ווערט, זיי באַזיצן נישט קיין פאַרשטאַנד און נישט קיין פריַיען ווילן. צו עוסקן־זיך מיט זיי איז נידעריקער פון זיין ווערדע. ווער זיַינען זיי, ער זאָל זיך מיט זיי רעכענען?! זיי האָבן דען מצוות מקיים צו זיין! דער הימל איז טאַקע אַ טלית פון זייד און תכלת, אָבער קיין ציציות זיַי־נען נישט אַריַינגעפלאָכטן. און די ערד איז דאָך אַוודאי אַ שפלע זאַך, אַ פוסבענקעלע בסך־הכל. און אַלע נאַטור־טואונגען און זאַכן זיַינען דאָך בלויז שלוחים, זיי טוען וואָס מ'באַפעלט זיי. ווינטן, פיַיער, שניי זיַינען שיק־ייַנגלעך פון בורא־עולם. ווי אין פּסוק שטייט:

„פיַיער און האָגל, שניי און דאַרף, שטורעם־ווינט טוען זיין אָנזאָג" (תהלים, קמ״ח, ח׳).

„ער גיט שניי ווי וואָל, פראָסט ווי אַש צעשפּרייט ער. ער וואַרפט זיין אייז, ווי ברעקלעך, זיין קעלט ווער קען אויסהאַלטן. ער שיקט זיין וואָרט — און זיי צעגייען, ער בלאָזט זיין ווינט — און וואַסערן פליסן" (דאָרט, קמ״ז, ט״ז).

און אויב אַזוי, וואָס לוינט זיך עס צו האָבן צו טאָן מיט אָט־די משרתים. עס האָט נישט קיין זינען צו פאַרהאַנדלען מיט יעדן שטיקל זעלנער באַזונדער, ווען מ'קען האָבן אַ צוטריט צום גענעראַל אַליין. אָדער, נאָך בעסער און נאָך העכער, צום פעלד־מאַרשאַל, און וועלכער האָט נאָך די מעלה, וואָס ער „איז נאָענט צו די וואָס מעלדן זיך צו אים, וואָס רופן צו אים אויף־אָן־אמת" (דאָרט, קמ״ה, י״ח).

וואָס וועט דער ייד זיך „מאַרודזשען" מיט יעדן שטיקל גאָרנישט פון אַ פענאָמען, ווען ער האָט אַ פריַיען צוטריט צו דעם האַר פון דער

וועלט? אַז מ׳קען אָנקומען צום קיסר אַליין, וועט זיך עמעצער גיין „פּאַטשקען״ מיט סטראַזשניק?

דער ייד האָט נישט געקוקט אויפן הימל, אַפילו ווען אָט־דער הימל, אַלס אַ סומע פון אַסטראָ־פיזישע אָביעקטן האָט זיך אינגאַנצן אויפגעלייזט אין פסיכאָלאָגיע און טעאָלאָגיע, אין גאָטהייט. עס איז געוואָרן אַ „יראת־שמים״, אָדער אַ שטול, אַ זיצפּלאַץ, אַ טראָן פון מלך מלכי המלכים.

אַ ייד האָט דען געהאַט צייט זיך צו פאַרגינען צו שטיין ליידיק און גאַפן סתם אין דער וועלט אַריין! מ׳האָט דאָך געדאַרפט לערנען תורה, מקיים־זיין דעם „והגית בו יומם ולילה״ (יהושע א׳, ח׳), אָדער תשובה טאָן, זיך פאַרנעמען מיט מעשים טובים; אַלץ ענינים, וואָס האָבן פאַרשאַפט דעם יידן אַזאַ אַנטציקנדיקן פאַרגעניגן, אַז נישט נאָר עולם־הזה, אַפילו אַלע תענוגים פון עולם־הבא הייבן זיך גאָרנישט אָן לגבי זיי. „איין שעה פון ווילטאָג אויף יענער וועלט איז בעסער פון אַ גאַנץ לעבן פון פאַרגעניגן אויף דער וועלט; אָבער איין שעה פאַרבראַכט אין תשובה און גוטס־טאָן אויף דער וועלט איז בעסער פון דער גאַנצער עולם־הבא, וואָס איז אָן אייביקייט״ (אבות ד׳, כ״ב).

און אויב נישט לערנען, דאַרף אַ ייד טראָגן דעם יאָך פון „דרך־ארץ״, פון פרנסה, פון פאַרדינען פאַר זיך און ווייב און קינדער. און יידישע פרנסה איז דאָך שווער ווי שפּאַלטן דעם ים (פּסחים, קי״ח, ע״א). איז ווען וואָלט גאָר איינפאַלן אַ יידן צו שטיין און פאַרקוקן זיך אויפן הימל?

איז דער תירוץ ער האָט „געזען דעם הימל זיך אויפרייסן ביים לייגן דעם של ראש, ביים אַרומדרייען די רצועה אויף דער האַנט״ (ז. 64).

דאָס לאָזט אונדז הערן, אַז גאָר שטאַרק פרום איז שוין שמחה בונעם נישט געווען. ער איז נאָך דאָרטן געווען שוין אַ „קל״, אַבּיסל „געכאַפּט אין דער מעשה״. ווייל אַן אמת פרומער ייד האָט אַ סך כוונות, און גאָר וויכטיקע, מכוון צו זיין, בשעתן אָנטאָן די תפילין און דרייען די רצועות, און האָט נישט קיין פרייע מינוט צו קוקן אויפן הימל. עפּעס אַ קלייניקייט לייגן תפילין! דאָס ווערט דאָך געטאָן לשם דעם, אַז דער קדוש־ברוך־הוא זאָל זיך אייניקן און זיך באַהעפטן מיט דער הייליקער שכינה... וואָס איז אַ סעקסועל מיסטישער סוד...

אָט־וואָס אַ פרומער ייד זאָגט פאַרן לייגן די תפילין:

„צוליב דער אייניקונג פון קדוש־ברוך־הוא און זיין שכינה מיט ציטער, און גנאָד, צו אייניקן דעם שם י״ה מיט ו״ה אין אַ פולקאָמער איי־

ניקונג אין נאָמען פון כלל ישראל. אין לייגן תפילין האָב איך די אבזיכט מקיים־צו־זיין דעם געבאָט פון מיין באַשאַפער, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט צו לייגן תפילין... אין זיי איז פאַראַן די אייניקונג און אייניקייט פון זיין געבענטשטן נאָמען אין דער וועלט, און בכדי מיר זאָלן געדענקען די נסים און וווּנדער, וואָס ער האָט געטאָן מיט אונדז, ווען ער האָט אונדז אַרויסגעפירט פון מצרים; און וואָס צו אים איז די מאַכט און די הער־שאַפט איבער די אייבערשטע און די אונטערשטע באַשעפענישן צו טאָן מיט זיי לויט זיין ווילן. און ער האָט אונדז באַפוילן צו לייגן תפילין אויף דער האַנט, צוליב דער דערמאָנעניש פון אויסגעשטרעקטן אָרעם [פון דער לינקער זייט], וואָס איז קעגנאיבער אונדזער האַרצן, דורך דעם צו צווינגען די ליידנשאַפטן און די איבערקלערונגען פון אונדזער האַרצן צו טאָן זיין דינסט, געבענטשט איז זיין נאָמען; און אויף דעם קאָפּ [דער של ראש] קעגנאיבער דעם געהירן, כדי די זעל וואָס איז אין מיין געהירן מיט די איבעריקע חושים מיינע און כוחות זאָלן אַלע זיין גענויט צו טאָן זיין דינסט, געבענטשט איז זיין נאָמען, און פון דעם אַרויספלוס פון די תפילין זאָל זיך ציען צו מיר און איך זאָל האָבן לאַנגע יאָרן און הייליקן אַרויספלוס און הייליקע געדאַנקען, און קיין שום קלערונג פון זינד און פאַרברעכן; און דער יצר־הרע זאָל אונדז נישט איבעררייִדן, און זאָל זיך נישט רייבן מיט אונדז, און זאָל אונדז לאָזן דינען דעם אייבערשטן לויט אונדזער האַרצנס פאַרלאַנג.

און זאָל זיין דער ווילן פון פאַר דיר, השם, אונדזער אלהים, און דער אלהים פון אונדזערע אבות, אַז די מצווה פון לייגן תפילין זאָל פאַררעכנט ווערן פאַרן קדוש־ברוך־הוא ווי איך וואָלט זי געהאַט מקיים געווען מיט אַלע איינצלהייטן און אָפּגעהיטקייטן און אַלע אבזיכטן, פּרטים, דקדוקים און כוונות און תרי״ג מצוות וואָס הענגען אָן אָן איר. אמן סלה.״ (סידור).

דאָס דאַרף געזאָגט ווערן גלייך פאַרן אָנטאָן די תפילין, און בשעתן אַרויפטאָן די תפילין, אויסער די געוויינלעכע ברכות, דאַרף מען רעציטירן:

„און פון דער אייבערשטער קלוגשאַפט, גאָט, זאָלסטו אַרויפטאָן אויף מיר, און פון דיין פאַרשטענדעניש מאַך מיך פאַרשטענדיק, און מיט דיין גנאָד זאָלסטו מיך גרויסן, און מיט דיין שטאַרקייט זאָלסטו פאַרשניידן מיינע פיינט, וואָס שטייען־אויף אויף מיר, און דעם גוטן בוימל זאָלסטו אויסליידיקן און אַריינגיסן אין די זיבן רערן פון דער מנורה„ צו מאַכן

פליסן דיין גוטסקייט צו דיינע באַשעפעניש. דו עפנסט דיין האַנט און זעטיקסט אַן אַלץ, וואָס לעבט, מיט ווילן.״

און ווען מ׳וויקלט די רצועה דריי מאָל אַרום דעם מיטלסטן פינגער, זאָגט מען:

„איך האָב דיך פאַרלאָבט אויף אייביק, פאַרלאָבט דיך צו מיר מיט גערעכטיקייט און מיט גערירכט און גנאָד, און באַרמהאַרציקייט. איך האָב דיך פאַרלאָבט מיט געטריישאַפט, און דו זאָלסט קענען יהוה...״

אָט וויפל עס איז פאַראַן צו זאָגן און טראַכטן, און איבערטראַכטן דאָס געזאָגטע, אַזוי אַז אַן אמת פרומען יידן קען גאָר דער אַסטראָנאָמי־שער, אַטמאָספערישער אָדער מעטעאָראָלאָגישער הימל אין קאָפּ נישט ליגן. און אויב אַזאַ זאַך האָט שמחה בונעם יאָ געטאָן, קענען מיר שוין אים געהנוי קלאַסיפיצירן. מיר ווייסן שוין צו וועלכן סוג ייד ער האָט גע־הערט אין פוילן.

דאָס דאַרפן מיר האָבן גוט אין זינען בכדי צו פאַרשטיין, וואָס עס וועט פאַרקומען מיט אים און זיין נישט־צעוואַקסן פאַמיליע.

ה.

## דאָס בענקען

ער האָט געזען, בשעתן לייגן תפילין, נאָך זאַכן אויסערן הימל, און נישט בלויז געזען, נאָר אויך געהערט, און ער לעבט עס איצטער איבער אין דערמאָנעניש, וועלכע מאַכט די געוועזענע זעאונגען און הערונגען באַ־חנט און באַצויבערט, באַליכטן מיט דער לבנה־שיין פון בענקעניש און פאַרגאַנגקייט־וויי.

„דערזען אַ זוים בלויען וואַלד פון אים אַרויסקומען, ווי אַ ייד מ־יט אַ ברייטער באָרד האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ הילצערנער פור, מיט פיר סקריפּענדיקע רעדער, וואָס האָבן אַריינגעשריגן אין דעם יונגן טאָג אַריין. געהערט דאָס שטאָלצע קרייען פון הענער, סוויטשערן פון מענגעס פייגל. ווו האָט דאָס אַלץ באַדאַרפט זיין? ערגעץ אין דמיון, אָדער אונ־טערן רוקן פון דעם צעפּלאָשעטן ים, וואָס ער איז אים נישט אַריבערגע־פאָרן מיט קיין שיף, נאָר אַריבערגעריטן אויף די צעגליטע גרזשיוועס פון אַ צעבריקעטן לייב״ (ז. 64).

דער לייב, פאַרשטייט זיך, קומט אַרויס נישט פון אַן אַפריקאַנעם

וואַלד, אויך נישט פון אַ שטאַטישן חיות־גאָרטן; ער קומט אָדער פון ארון־קודש אַראָפּ אָדער גאָר טאַקע פון דער פאָלקס־לעגענדע וועגן גור־אריה, וועמען אַ לייב האָט אַרויפגעזעצט רייטן אויף זיין רוקן און אַוועקגעלאָפן מיט אים גלייך אין גן־עדן צו קבלת־שבת, און וווּ דער גור־אריה האָט גע־האַלטן שבת מיט די אבות און אַנדערע צדיקים; און מוצאי־שבת האָט אים דער אייגענער לייב געבראַכט צוריק אין זיין שטעטל.

שמחה בונעם זיצט אין געהאַקטע ווונדן אויף דעם מזרח־טייך. ער געדענקט גוט זיין היים. ער דאַרף אַפּילו נישט געבן זיך קיין שבועה, אַז ער וועט זיין היים קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און דעריבער זינגט ער יאָ גאָטס געזאַנג אויף דער פרעמדער ערד, וועלכע, נאָך אַלע פאַרגלייכונגען וואָס ער מאַכט און אַלע קומען זיי אַרויס נישט צו איר גונסטן, איז פאָרט קיין פרעמדע נישט. ער איז צווישן יידן און קיינער האַלט אים נישט גע־פאַנגען.

„זייענדיק אַליין, צי צווישן מענטשן, ער זאָל זיך פלוצלונג נעמען וויגן פונקט ווי דאָרט אין קהלס בית־המדרש צו והיא רחום יכפר עון... און אַליין נישט וויסנדיק איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַזאַ דינע מעלאַנ־כאָליע, אַז תפילות זאָלן אים באַפאַלן ווו ער גייט און שטייט, ער זאָל נע־מען זאָגן הלל, לכו נרננה, מיטן ניגון פון דעם דאָרטיקן בעל־תפילה, און וויינען פון מיטן שלאָף". (ז. 65).

און אויב אַפּילו געפאַנגען און פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף, איז וואָס? אַ ייד ווערט נישט פאַרלוירן אין דער פרעמד, והא ראיה יוסף הצדיק: גע־קומען ווי אַ קנעכט און זיך דערהויבן צו ווערן אַ וויצעקעניג אין לאַנד. אָבער דאָך פילט זיך שמחה בונעם די ערשטע צייטן ווי אַ פאַרלוירענער, און ער האָט כמעט ווי חרטה הלמאי איז ער געקומען...

„«הזאת נעמי?» אַזוי זעט אויס זעט עס אויס? אַזאַ פּנים האָט עס דאָ? און צו דעם האָט ער זיך געריסן? און אויף וואָס מ'האָט עס אויס־געביטן דאָס סאַמעטענע גראָז מיט די ווייכע גרינע לאַנקעס? אויף מאָנט־גאָמערי־סטריט?" (ז. 64).

די פאַרלאָזטע היים זעט איצט אויס אין זיינע אויגן ווי עס וואָלט געוווען מקויים דער „יום שכולו שבת" (ז. 65). אָבער ער וועט זיך איינ־פּעדימען אין דעם נייעם געניי. ער וועט העלפן אויסהעפטן א נייע דעסנע אויף דעם גאָר אַלטן מלבוש פון יידישער קהילה־אויפבויערײ.

זיי אַלע בענקען. די ערשטע קינדערשע איינדרוקן זיינען די שטאַרק־

סטע. אַ יידישער מענטש איז ווי אַ בוים. אָבער אַ באַזונדער מין בוים, ווען ער איז עוקר, נעמט ער פּסיכאָלאָגיש מיט זיין באָדן, זיין גאַנצע סביבה אין געדעכעניש. און נישט איין באָדן און איין סביבה טראָגט ער מיט זיך, וווהין ער זאָל נישט גיין. נאָר טאָקע צוויי. אין צווייען איז שטאַר־קער; איין באָדן פון זיין גאָר ערשטן און אייביקן פאָטערלאַנד, ארץ יש־ראל, און דעם צווייטן פון זיין ווינאָרט, וואָס שפּרייט זיך איבערן גאַנצן שטח פון לאַנד נעמט אָבער שטייף אַרום בלויז זיין שטעטל, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיינע פאָרמאַטיווע יאָרן.

„...ס'האָט געלאָכט צו אים קינדיש און מיט אַ חנדעלע עפּעס אַ גוט ברייוועלע פון דער היים" (ז. 66).

ו.

## די היגע פריידן

„דאָס צעבלוטיקטע פון דער היים האָט איטלעכס מאָל פאַרשטערט די שמחה" (דאָרט).

עס ווייזט זיך שוין אַביסל שמחה, און עס איז שוין פאַראַן וואָס צו פאַרשטערן. די זון נעמט דורכרייסן די וואָלקנס און אַריינקוקן מיט אַ פּאָר שטראַלן אין שמחה בונעמס לײדן.

דאָרטיקע לײדן און היגע פריידן (דאָרט).

די לענדער בייטן זיך מיט זייערע ראַליעס. אַן איבערבראָך קומט פאָר אין לעבן פון די אַריבערגעוואַנדערטע.

די פריידן זיינען דאָ ווייניקער איינגעגאַנגען, מחמת דעם וואָס מ'איז געוואויר געוואָרן פון דאָרטיקע צרות און פּלאָגענישן, פון די גזירות, וואָס די יידן שטייען זיך אויס פון די פּוילישע עמלקים.

דאָך נאָך יעדן צער ווייזט זיך עפּעס ווי אַ שכר, אַ פאַרגיטיקונג.

„אַזוי איז אים, למשל, פאַרן טאַטנס טויט אָפּגעצאָלט געוואָרן מיטן ווייב" (דאָרט).

אַזוי ווי ביי יצחק, מיט דעם אונטערשייד, דאָרטן, אין חומש בראַ־שית, איז די קאָמפּענסאַציע געקומען פאַר דער פאַרלוסט פון דער מוטער.

„און יצחק האָט זי אַריינגעבראַכט אין געצעלט פון שרהן זיין מו־טער. און ער האָט גענומען רבקהן, און זי איז געוואָרן זיין ווייב, און ער

האָט זי ליב געהאַט. און יצחק האָט זיך געטרייסט נאָך זיין מוטער״ (בראשית כ״ד, ס״ז).

שמחה בונעם האַלט אָן די טראַדיציע פון יצחקן, ער האָט ליב זיין ווייב נאָך דער חתונה. עס איז נישט אַ חתונה, וואָס קומט ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ ליבע־שפּילן.

דאָס וואָלט שוין געווען יעקבס אַ טראַדיציע. ער איז דער ערשטער פון די אבות, וואָס האָט אַנטדעקט דעם סוד האהבה.

אָבער ביי די פרומע יידן איז יעקבס טראַדיציע נישט אָנגענומען גע־וואָרן. דאָס איז געבליבן ווי עפּעס וואָס געהערט צו יענע אויסטערלישע האַנדלונגען וואָס פּאַסן זיך אין דער צייט, וואָס פאַר מתן־תורה. מאַלע וואָס יעקב האָט געטאָן, ער האָט דאָך אויך גענומען צוויי שוועסטער... יעקבס ליבע איז געבליבן אין חומש אָן אַ נאָכפאָלגן. דער חומש באַגנוגנט זיך ס׳רוב מיט דעם „און ער האָט זי גענומען״, „און ער איז געקומען צו איר״, „און ער האָט זי דערקענט״ — און יוצא, מען קען זיך באַגיין אָן פאַרליבעניש...

און ווי וואָלט זיך עס גאָר פּאַסן פאַר אַ יונגן מאַן ווי שמחה בונעם, וואָס האָרעוועט שווער זיך דורכצושלאָגן מיט דער הוצאה און זיך נעמען עפּעס אָפּשפּאָרן און זיך גרייטן צום בויען אַ נעסט. אים קריכט נישט אין קאָפּ קיין „ליבע־שמיבע״ ווען — ער האָט „געמוזט שטופּן דאָס וועגעלע, קערן אַ שאָפּ, היטן עופּהלעך, לאָזן פאַרע אין אַ טערקישער באָד, אויס־געריסן ווערן ביי נאָך אַזוינע גוטע זאַכן״ (ז. 69).

ער האָט נעבעך געטאָן כל עבודה קשה גרינערהייט. „ביז אַהער איז דאָך אַמעריקע פאַר אים געווען קאַטאָרגע״ (ז. 95).

און אַז שמחה בונעמס מוטער שטאַרבט — וואָס פּאַסירט? „באַלד נאָך דער מאַמעס טויט האָט אים ס׳ווייב געשענקט אַ טאָכטער, און נאָך אויפהייבן זיך פון שבעה געקענט שטיין אַריבערגעבויגן איבערן קינדער־בעטעלע, און שמוצערן צו דעם ווי צו אַ העזעלע: «מאַמעשי, מאַמע שיי־נעו!»״ (ז. 67).

דאָס קינד אַ נאָמען געגעבן נאָך דער מאַמען.

„ערשט נאָכן טויט די זכיה געהאַט צו קריגן די טאַטע־מאַמע צו זיך אין שטוב אַריין״ (דאָרט).

ז.

# זיך געשטאַרקט

אַזויערנאַך האָט זיך צעריסן אַ יידיש הויז, און, חלילה, נישט איינ־געפאַלן. עס איז געבליבן שטיין, נאָר אין צווייען: אַ שטיקעלע דאָרט, אַ שטיקעלע דאָ, און אויף ביידע זייטן ים זיך צעוואַקסן... דער רוח־הקודש איינער און דער זעלביקער. וואָס מיר מרחק, ים? ס׳אַ באָבע־מעשה!... אין דער מחשבה איז פאַראַן איין וועלט, אַ גרויסע יידישע וועלט, אָבער אַלע עקן, אַן ימים, און וואָס גרעסער איז אַלץ בעסער. דער גאָט פון די יידן איז אומעטום, נישט ווי, למשל, דער פוילישער — בלויז אין פוילן; דער האָלענדישער — אין האָלאַנד; דער טערקישער — אין טערקיי, וכדומה... בעסער: מער מרחק, מער שטח... זז. 68־67).

„האָט געזאָגט רבי תנחומא: „עס איז אַ מעשה מיט אַ שיף, וואָס איז געווען פול מיט גויים, בלויז איין ייד איז אויף איר געווען. זייענדיג זיי אָנגעקומען צו אַן אינדזל. האָבן זיי געזאָגט צום יידן: „נעם דיין געלט און גיי אַרויף אויפן אינדזל און ברענג אונדז פון דאָרטן, וואָס מיר דאַרפן". האָט דער ייד געענטפערט: „איך קען דאָרטן נישט קיין איין בעל־אכסניא. ווּהין זאָל איך גיין?" האָבן זיי געענטפערט: „דאָרטן איז פאַראַן אַ יידישער בעל־אכסניא, אין יעדן פלאַץ וווּהין דו גייסט, איז דיין גאָט מיט דיר" (דברים רבה, פרשה ב׳, אשר לו אלהים קרובים אליו).

„פאַרוואָס הייסט דער אייבערשטער «מקום» (רוים)? ווייל אין יעדן פלאַץ ווו צדיקים געפינען זיך, איז ער מיט זיי." (פרקי רבי אליעזר, ל״ה).

„די שכינה באַזעצט זיך נישט אויף דעם לאַנד, נאָר אין דער תורה. זי באַזעצט זיך נישט אויבן, נאָר אין דער לערע. די שכינה באַזעצט זיך נישט אויבן און נישט אונטן, נאָר אין דער תורה. און כל־זמן די תורה איז מיט דעם פאָלק ישראל, קאָן עס עקזיסטירן אין דער וועלט" (זהר דברים, רס״ח, ע״א).

„גייען יידן דאָרטן אין בית־המדרש אַריין — מיט וואָס זייענדיג זיי מער אויסגעצוימט פאַר די היגע, דאָ? מ׳ברויך ווייט זוכן אַ בית־המדרש?... אַלע יידן זייענדיג דאָ נאָך יונג, ערשט נעכטן אייערנעכטן אַהערגעקומען... און אויב יונגע יידן, האָבן זיי מער כוח פאַר דאָס צו שרייען: אמן, יהא שמיה רבה!" (ז. 68).

אַ ייד קען נישט זיין צו לאַנג אַ שרוי־בצער, פעסימיסטיש. אַפילו

ווען עס האַלט שוין פילאָזאָפיש גאָר שמאָל, און עס קומט אַז אַלץ טויג צו גאָרנישט, גיט ער אַ דריי איבער דעם פעסימיסטישן טעזיס, און טענהט צו זיך: וויבאַלד אַלץ איז הבל־הבלים, איז יאוש צען מאָל הבל־הבלים, איז פעסימיזם אוודאי גאָרנישט ווערט. און ער שטעלט אויף זיין צעפאַלענע סוכה פון אָפּטימיזם און בטחון. און דער ייד גלייבט, אַז מיט זיין איינגעגלויבטקייט, זיכערקייט אין זיינע כוחות און, איבערהויפּט, מיט יידישן פלייס און איבערגעבנקייט וועט ער אַלץ בייקומען, און אַרויס, סוף־כל־סוף, אַ זיגער, טריאומפירן איבער אַלע שטערענישן.

אַז מ׳וויל האַלטן און אָפּהיטן יידישקייט — ווער קען שטערן?

און שמחה בונעם מאַכט זיך קוראַזש. ער וויל זיך מוטיקן און צום ערשטן און לעצטן מאָל האָט ער דעם דרייסט אָוועקצושטעלן דעם היגן יידן העכער פון דאָרטיקן, פון היימישן יידן. ער מאַכט זיך האַרץ, ער וויל פאַרדרייען זיינע ספקות, כאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז די היגע יידישקייט איז שוואַך, קוים וואָס עס זשיפּעט, און ער זאָגט עס אַביסל שפּעטער ווען עס גייט אין דעם, אַז מ׳זאָל ראַטעווען דאָרט די יידן, און ער שאַצט אָפּ ריכטיק זייערע פאַרדינסטן פאַר דעם אויפהאַלט פון אַ יידיש אָרט לעבן און שטייגער.

„אַז ס׳איז אַ מדינה פון טרפות... ווער זיינען ז יי און ווער י ע־נ ע יידן; ווי קומען זיי בכלל צו יענע? קענען זיי דען גרייכן צו זייערע קנעכלעך? אַז דאָרט לייכט ווי פריער דער אור התורה. מען זיצט אין די שולן, בתי־מדרשים, און מ׳לערנט; מ׳פאַסט תעניתים, מען וויינט אויף גלות השכינה...״ (ז. 83).

דאָס איז אַלץ בנוגע גייסטיקע זאַכן, אין רוחניות, אין יידישקייט קענען זיך די היגע יידן נישט פאַרגלייכן מיט יענע...

ח.

## יידן נעמען איין די שטאָט

אָבער וואָס הערט זיך מכוח גשמיות, עקאָנאָמישע ענינים?

יעקב דאַרף אָפּציען. מאַכט די פליטה. קוים ניצול געוואָרן פון עשו. אָוועק דינען פאַרן שטיקל ברויט, פאַרן ווייב, קינד און רינד. און וואָס האָט פאַסירט מיט אים?

ער איז דאָך דער יידישער פּראָטאָטיפּ, דער ערשטער „בורח״. ער־

איז דער מוסטער פון אַלע יידישע פּליטים. עס האָט געגומען אַ היפּש ביסל יאָרן, אָבער ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. און נאָך ווי זיך אַרויפּ־געאַרבעט. לכתחילה איז ער געווען אַזוי נישט־אויסטראַכטעריש אין זיינע וווּנטשן און געבעט. אַלץ וואָס ער האָט פאַרלאַנגט איז „ברויט צום עסן און אַ מלבוש אויפן לייב" (בראשית כ"ח, ב'). און דערנאָך — איז ער נתעשר געוואָרן. דורך וואָס? דורך זיין יידישער חכמה, אויפטוערישקייט, דערפינדערישן גייסט און שווערער אָנגעשטרענגטער פּראַצע. אָבער פּאַר שכירות האָט ער נישט געוואָלט אַרבעטן, ווייל עס איז נישטאָ קיין מזל־ברכה אין צוגעטיילטן גראָשן (תענית, ח', ע"ב). פון אַ שטיקל פּאַר־דינסטל, זעט איר, קען יאָ אויסוואַקסן אַ היפּשער ריווח. די זאַך איז נישט באַשטימט, עס איז עלאַסטיש. עס קען זיך ציען און אויסציען.

„און אַזוי גיך ווי די... יידן זיינען געקומען צו זיך, געעפנט די אויגן... האָבן זיי גלייך... פאַרלאָזן דעם תחום־המושב; אַרויס מעבדות לחירות, אַרויס איבער גרויס ניו־יאָרק — איינגענומען די שטאָט; אַריינ־געשפּיגן דעם סוועט־שאָפּ אין פּנים, אַ קאָפּע געטאָן דעם פּושקאַרט... און אויפגעהויבן די קעפּ: אויף דעם זיינען מיר דאָ אַהערגעקומען, צו אַרבעטן ווי אין מצרים, בחומר ובלבנים? זיי האָבן צעריסן די קייטן, און זיך צע־שאָטן ווי די בייטשן פּערל... אַלע זיינען פון דעם זעלביקן טייג געקנאָטן... הייזער, געשעפטן — ס'איז יידיש עשירות... און דאָס איז זיי נישט אַראָפּ־געפאַלן פון הימל, נאָר פון זייער מי און פּראַצע, שכל און חכמה, יידישע חכמה" (ז. 68).

די יענקעלעך חזרן איבער די חומש־געשיכטע פון זייער פּאָטער יעקב... עס זיינען פאַראַן גאָלדענע מעגלעכקייטן אין דער גאָלדענער מדינה. דער מיטל־קלאַס הייבט זיך. ער וואַקסט. אויף דער אותו־מינוט ווען ער איז אַריבערגעקומען און געווען גריין האָט ער געמאַכט אַ טראָט צוריק, זיך אַראָפּגעלאָזן אַ פּאָר טרעפּלעך נידעריקער. אָבער וואָס פּאַר אַ פּערספּעקטיוון וויקלען זיך מיט דער צייט פאַנאַנדער אין אָט־דעם ניי־לאַנד, וווּ אַלץ האַלט זיך אין בויען, אין אויפגיין ווי אַ טייג אויף הייוון, אַ לאַנד פון רחבות, ווו מ'קען זיך צענעמען די הענט; און ווו זיין וועג איז נישט פאַרצוימט פון אַלע זייטן; ווו ער קען זיך לייכט באַוועגן און אַרויסווייזן זיינע אונטערנעמערישע פעאיקייטן, זיין שאַרף־ספּעקולאַטיווו קאָפּ, זיינע פּאָזיטיווע איינפאַלן אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן אָנ־שטרענג.

דאָ וועט דער ייד פון מיטל־קלאַס און פון אַלע איבעריקע קלאַסן, ווייזן וואָס ער קען טאָן ווען ער איז נישט געפּענטעט.

און ער באַווייזט עס. אַמעריקע מיט איר פרייער איניציאַטיווע איז פאַר אים ווי אַנגעמאָסטן.

דער אידעאַל פון פרייהייט אַנטשפּרעכט דער פּסיכאָלאָגיע און טראַכטנסווייזע פון דעם קליינבירגער. די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט" פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז געשריבן געוואָרן פון קליינבירגער, די „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטשן" פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז פאַרפאַסט געוואָרן פון קליינבירגער.

אַ קליינבירגער איז אַ מענטש, וואָס האָט בטבע פיינט צו זיין עקאָנאָמיש אונטערגעוואָרפן אונטער יענעמס ווילן, צו האָבן איבער זיך אַ באַלעבאָס, צו דינען יענעם, צו זיין אַ משועבד. ער האָט האָלט צו אַרבעטן פאַר זיך, נישט פאַרדונגען, נישט פאַרקויפט, נישט פאַרשקלאַפט. ער וויל זיך נישט אונטערוואַרפן אונטער אַן אַנדער מענטשנס רשות.

## ט.

# די ליבשאַפט צום תלמוד

שמחה בונעם איז דווקא נישט געווען איינער פון די וואָס איז אַוועק מיט גרויסע ברייטע שפּרייזן אַרויף, אַרויף צום לייכטן עקאָנאָמישן דערפאָלג.

„אָבער נישט צו פאַרזינדיקן. די יונגע מאַמע, אַמעריקע, האָט אים אויך, נישקשה, אַ גלעט געטאָן איבערן בעקל. דער פושקאַרט האָט געשריגן פאַר דער נאָז; אַז ער זאָל הולכן, — און זיך קוים אָפּגעטראָגן מיט גאַנצע ביינער" (דאָרט).

„ער איז אַרויף אויף דעם ריכטיקן פערד, — אויף דער קראָם; די קראָם האָט, אייגנטלעך, ערגעץ טיף אין אים געהויערט נאָך פון דור דורות. וואָס האָט זיין טאַטע, וואָלף בריזעוועך געטאָן, געלייגט לאַטעס אויף שיך? אָדער איינגענייט אַ נאָט פון אַ רעקל? און מיט וואָס האָט ער געקענט זיין אַנדערש פון טאַטן זיינעם? נישט מער, וואָס יענער האָט צווישן איין קוואָרט הירזש און דער אַנדערער, וואָס ער האָט פאַרקויפט צום פויער, — געכאַפּט אַ קוק אין אַ גמרא, וואָס איז געלעגן פאַר אים אָפן; און ביי אים איז עס בלויז דאָס מעל מיט די הירזש. אַז שבת און יום־טוב

מוז ער שטיין אין געוועלב — וואָס וועט ער זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיטן קוקן? דאָס וועט אים פאַרגלעטן?״ (ז. 69).

אָט־יענעם ברען און יענע מאָס פון מסירת־נפש, וואָס אַנדערע פעל־קער האָבן אַרויסגעוויזן צו אימפּעריע־בויעניש האָט דער ייִד אַריינגע־לייגט אין אויפהאַלטן און קולטיווירן זיין אָריגינעלע שאַפונג אויף דעם געביט פון רעליגיע און הייליקער ליטעראַטור.

דעם חומש האָט דער ייִד, זיכער, נישט פאַרלאָזן. דער חומש, דער תנ״ך איז, אמת, זיינס. ער האָט עס געבוירן און אויסגעהאָדעוועט, אָבער עס איז פאָרט נישט אינגאַנצן זיינס. ווייל אויך דער קריסט אָנערקענט עס, האַלט עס פאַר הייליק.

דער „עם־הספר״ דאַרף, אָבער, האָבן אַן אייגן ספר, אַ ווערק וואָס בלויז ער אַליין אָנערקענט עס. ער אַליין שטודירט עס, האַלט עס טייער, צאַצקעט זיך מיט דעם — און קיינער אויסער אים וויל עס נישט.

אַ ווערק, וואָס די שונאים זאָלן עס האָסן נישט ווייניקער, ווי זיי האָסן אים אַליין. אַ ווערק וואָס טיילט דעם ייִדנס שיקזאַל, אָט־אַזאַ ווערק האָט דער ייִד באַדאַרפט האָבן, און זיך מיט אים אידענטיפיצירן, אין אים אַריינטאָן זיין אייגענע נשמה, אַריינגיסן אין אים זיין שווער געמיט, און ווערן מיט אים אַן אומצעשיידט פּאָר.

דעם תלמוד האָט מען פאַרברענט אין פּאַריז אין יאָר 1244.

דער רוימישער פּאָפּ מאַרטין דער פינפטער האָט פאַרבאָטן צו שטו־דירן דעם תלמוד און באַפעלן צו פאַרניכטן אַלע עקזעמפּלאַרן וואָס מען קען געפינען.

אין 1520 אום ראש השנה האָט מען קאָנפיסקירט אַלע גמרא׳ס און פאַרברענט עפנטלעך אין רוים, לויט דעם באַפעל פון דער אינקוויזיציע.

דאָס זעלבע איז געטאָן געוואָרן אין קרעמאָנע, איטאַליע, אין 1559.

די רוימישע פּאַפּעס גרעגאָרי דער דרייצנטער און קלעמענט דער אַכ־טער האָבן אין 1593 באַנייט דעם פאַרבאָט פון שטודירן דעם תלמוד.

אין פּוילן, האָט דער בישאָף דעמבאָווסקי אין יאָר 1757 באַפוילן צו פאַרברענען דעם תלמוד.

דאָס פאַרהאַסטע בוך, די גמרא, וואָס אַזויפיל בלבולים זיינען אויף אים אויסגעטראַכט געוואָרן, אַזויפיל פאַרפאַלגונגען האָבן זיך געשאָטן אויף זיין געבויגן ביז צו דער ערד קאָפּ, אַזויפיל מאָל פאַרבאָטן געוואָרן צו לערנען עס — אָט־דער ספר איז דער ייִד ממש, דאָס איז ער אַליין.

אין דעם ספר איז פאַרזיגלט זיין מערכה. דאָ, צווישן די טאָוולען, האָט געלעבט דער ייד. אָן דעם ספר האָט ער זיך געקלאַמערט מיט אַלע כו־חות, און אָן אים האָט ער זיך געהאַלטן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין פראָווערביאַלער עקשנות.

דער תנ״ך, כאָטש אַן אייגן קינד, אָבער דאָך פרעמדלעך. ער איז אויסגעוואקסן אויף אַן אַנדער באָדן, און רעדט עפּעס מיט אַ מאָדנעם לשון, מיט אַזאַ הויך געפליגלט אימאַזשיסטיק. און די יידן אין אים זיי־נען אַזוינע אויסטערלישע, אָדער נביאים, אָדער געצנדינערס און, אַפילו, קריגערס, און אַפילו קעניגן.

אַ פּוילישער ייד האָט ווייניק וואָס געלערנט דעם ספר־הספרים. אי־בערהויפּט נאָך וואָס די משכילים האָבן זיך צוגעכאַפּט צו אים, ווי צו אַ הייסן לאַבן ברויט... דאָס צופיל אָפּגעבן זיך מיט אָט־דעם ווערק איז גע־ווען אַ סימן פון אַן אָפּנויג, אַן אָפּווייך פון דרך הישר...

זיין גאַנצע ליבשאַפט האָט דער פּוילישער ייד אָוועקגעגעבן דער גמרא. דאָ האָט ער זיך דערפילט אין אייגענעם עלעמענט. מען קען פרעגן און ענטפערן, פּאָלעמיזירן. עס באַהאַנדלט ענינים, וואָס זיינען אים גע־ווען נאָענט צום האַרצן, וועגן זיין אויפפיר סיי אין בית־מדרש, סיי אין הויז און סיי אין געשעפט.

און ווו איז עס פאַרפאַסט געוואָרן? אין וואָגלעניש, ערגעץ אין בבל, אין ישיבות. דאָ האָט זיך דער פּוילישער ייד געפילט ווי אין דער היים, צווישן אייגענע יידן, וואָס זיינען מדקדק כחוט השערה, וואָס מאַכן צוי־מען אַרום צוימען, סייגים און גדרים — ס׳איז אַ מחייה!

אין דעם גרויסן און ריין־יידישלעכן ספר האָט ער זיך געקענט אויס־לעבן אָן אַ שטער און אָן אַ בשותפות מיט דעם שכן, דעם „ערל". „עברי" זיך אויסגעלערנט, חומש, תנ״ך אויפן שפּיץ מעסער. און עס איז דיינו. צופיל לערנען עס איז געווען געפערלעך... מ׳קען נאָך, גאָט באַהיט, אַראָפּ פון יידישן דרך. אַזעלכע ספרים זיינען דאָך פאַראַן אין תנ״ך, וואָס מען האָט זיי געדאַרפט גונז־זיין, ווי, דהיינו, קהלת, איוב, שיר השירים... און אַפילו ישעיה איז אויך געווען בחזקת סכנה... די קריסטן ברענגען אַזוי־פיל פּסוקים פון אים און פאַרדרייען זייער טייטש און מיין... מ׳טאָר עס צופיל נישט עסן, מ׳קען מכולה מאַכן דעם יידישן מאָגן... און אויס־מקיא׳ן די גאַנצע ביסל יידישקייט.

אַנדערש איז געווען די גמרא. עס איז „כולו שלי", אַ יידישער מאכל

מיטן אמתן ייִדישן טעם, געקאָכט אין אַ ייִדישן טאָפּ, פּאַררוקט אין אַ ייִדישן אויוון... עס איז געווען מעדני מלכים... די סוגיות אַ דערקוויקונג, עס האָט צעשפּילט דעם שכל, דעם שאַרפן קאָפּ, נישט די פאַנטאַזיע. מיט דעם האָט זיך דער ייִד געקוויקט אַ גאַנצע וואָך און אויך שבת און יום־טוב. דאָס איז געווען זיין טעגלעך ברויט און אויך זיין „בשר ודגים וכל מטעמים״.

און ווען די וועלט אַרום אים האָט געזידלט און געקאָכט מיט שנאה צו אים און צו אַלדאָס זייניקע, האָט ער געהאַט אַ פעסטונג, אַ מקום־מקלט, ווו זיך צו באַהאַלטן: צווישן זיינע דיקע פיר ווענט האָט ער זיך געפילט זיכער מיטן לעבן.

און דער אַנטרינונגס־פּלאַץ איז נישט געווען אויף דער יבשה און נישט קיין שטיק יבשה, נאָר ים, אַ ים־התלמוד, טיף און ברייט, אָן אַ גרונט און אָן אַ ברעג. דער ים האָט געברויזט און זיך געכוואַליעט. אָבער די שטורעמס וואָס האָבן געבושעוועט איבער אים, און זיינע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געהויבן ביז צום הימל אַרויף, זיינען געווען אַזוינע פריינט־לעכע, אַזוינע ליבלעכע. זיי האָבן דעם ייִדן מיט זיין גאַנצן פּעקל צרות און דאגות געטראָגן אַזוי הכנעהדיק, און מיט אַזאַ חביבות און ידידות, אויף זייערע רוקנס. טאָקע אַ ים אַ צעשטורעמטער אַ רווישנדיקער — אָבער דער ייִד האָט אים כסדר געשפּאָלטן. אַ ים — אַ שפּרונג אַריין און זיינע שונאים, די פּרעהס פון אַלע צייטן מיט זייערע רייטוועגענער, האָבן אים נישט געקענט נאָכהאַלטן, נישט געקענט אָניאָגן. די שונאי־ישראל זיינען געווען שטאַרק און מעכטיק אויף זייערע יבשות, אָבער דער ים־התלמוד איז געבליבן דורכאויס אין ייִדנס רשות, און זיינע שיפן פון סברות אָנגעלאָדענע מיט פּלפּולים און כל־המינים אינטעלעקטועלע גע־ווירצן האָבן געזעגלט פריי און פראַנק...

דער פרומער ייִד אין פּוילן, ווען ער איז געווען פאַרטאָן אין זיינע מסחרים — דאָס הייסט ווען ער האָט עס נישט איבערגעלאָזט צו זיין „אשה״, וועלכע איז געווען, צו אַ געוויסער מאָס, פּטור פון מצוות און פון לערנען תורה און, דעריבער, געהאַט צייט זיך אָפּצוגעבן מיט אָט־די וועלט־לעכע זאַכן — האָט געהאַט אַ טאָפּלטע לאָיאַליטעט צו די געשעפטן און צו דער גמרא, ש״ס און פּוסקים.

אַנדערש איז שוין שמחה בונעם, און די אַלע שמחה בונעמס. מיט דער גאַנצער חסידישער התלהבות זייערער, און מיט אַ צוגאָב נאָך פון

מתנגדישן פעדאַנטיזם און אָפּגעהיט־זיין אויף־דער־וואָר, האָבן זיי זיך איבערגעגעבן צום געשעפט. ביי זיי איז עס געווען כמעט ווי אַן עבודה. דער ייד איז געווען צו טאָן אַלץ וואָס ער טוט מיט דעם „בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך", זיך איבערגעבן מיט לייב און לעבן. טאָן אַ זאַך איז מיטן גאַנצן האַרצן און מיט ביידע יצרס וואָס געפינען זיך אין האַרצן, מיטן יצר־הרע און מיטן יצר־טוב. און אַז שמחה בונעם האָט די גמרא אַוועקגעלייגט אַן אַ זייט, איז ער אַריין בראשו ורובו אין קראָם.

## י.

# דער מיטל־שטאַנד

„דאָס קרעמערן איז געווען אין בלוט זייערס. וועלכער ייד איז דאָס נישט קיין קרעמער?" (דאָרט).

דער היסטאָרישער אמת איז אַז יידן זיינען אַמאָליקע צייטן, סיי אין פּעריאָד פון בית־ראשון און סיי אין בית־שני, געווען ערדאַרבעטער און פיינט געהאַט מסחר. ווי דער חומש און די נביאים ווייזן אָן זייער דייט־לעך, זייער ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל איז געווען אַן אַגריקולטורעלע. מסחר האָבן זיי באַטראַכט ווי באַטרוג און שווינדל. „דער סוחר האַלט אין האַנט אַ פאַלשע וואָג, ער האָט ליב צו באַרויבן" (הושע י"ב, ח').

דינים פון מקח וממכר, פון האַנדל, פון קויף און פאַרקויף זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין תלמוד. דער חומש לשון האָט נישט דעם וואָרט „חנות" אין טייטש פון קראָם. און דאָס וואָרט „סחורה" אין יחזקאל (כ"ז, ט"ז) געפינט זיך אין פאַרבינדונג מיט זיין באַשרייבונג פון צור וואָס איז געווען די „הענדלערקע פון די פעלקער" (דאָרט, פסוק ג').

צום מסחר, צו האַנדלען און קרעמערן האָבן זיך יידן גענומען אין דער פרעמד, ווען זיי זיינען געווען אָפּגעריסן פון זייער באָדן, און זיינען נישט געווען זיכער, אַז די שונאים וועלן זיי לאָזן איינזיצן אויף זייערע פלעצער; אָט־די נויט האָט זיי געצוואונגען צו ווערן הענדלער און האַלטן זייערע רייכטימער אין געלט אָדער מ ט ל ט ל י ם, וואָס מ'קען אָדער מיטנעמען אָדער אויף שנעל ליקווידירן.

אָבער ווען יידן האָבן זיך אַ נעם געטאָן צום האַנדל, האָבן זיי זיך ספּעציאַליזירט אין דעם און דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון ווירטואָזי־טעט, אַזוי אַז זיי זיינען געוואָרן גאָר גרויסע מומחים אויף דעם געביט.

אָבער, לכתחילה, איז עס געטאָן געוואָרן פון זיי בלית־ברירה, איבער נויט.

דאָ אין אַמעריקע איז די לאַגע אַזאַ אַז יעדער איינער וואָס האָט פיינט זיך אָפּצונאַרן און שפּילן זיך אין זשמורקעס, ווייסט גאַנץ קלאָר, אַז די יידן זיינען אַ פּאָלק פון סוחרים, פון געשעפטס־מענטשן. מיר זיינען פאַרנומען הויפּטזעכלעך אין מסחר.

שרייט חי וקיים, וועט אייך גאָרנישט העלפן, ווען איר פאַרלאָזט ניו־יאָרק און די צוויי־דריי שטעט אַרום ניו־יאָרק און שיקאַגאָ, פאַרלאָזט איר כמעט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, און אַפילו אין יענע שטעט איז אונדזער פּראָלעטאַריאַט זייער שטאַרק צעשיטערט, עס איז הויפּטזעכלעך אַ נאָדל און שער פּראָלעטאַריאַט.

און שמחה בונעם זאָגט אונדז, אַז זיינע עלטערן האָבן נישט באַלאַנגט צו בעלי־מלאכות־קרייזן אין דער אַלטער היים, און ער וויל צו זיי נישט געהערן דאָ אין לאַנד. מסחר איז זיין באַרוף... קרעמערן איז זיין באַליבט באַשעפטיקונג, ער איז אַ קרעמער בן קרעמער.

פּ. בימקאָ שעמט זיך נישט מיט זיין שמחה בונעמען, דעם „זינדיקן קרעמער״.

און ער איז גערעכט. נישטאָ זיך, איבעריקנס, מיט וואָס צו שעמען. פון וואַנעט ציט אַ קרעמער זיין חיונה? וועלכע ברוסט זויפט יעדער סוחר? ער נערט זיך מיט דער מילך פון פּראָפיט. און זאָל עס אים ווויל באַקומען...

יעדער מיסאורטייל — וועלכן די אינטעליגענטן האָבן אויפגעכאַפּט מיט קעלבערנער התפעלות אין דער פרעמד און געבראַכט עס אַהיים און פאַרשפּרייט עס צווישן די יידישע מאַסן מיט פלייס און פאַנאַטיזם — האָט אונטער די יידישע עקאָנאָמישע באַדינגונגען תמיד צוגעקראָגן עקסטראַ געוויכט פון אַבסורדיטעט. יעדער טעות, וואָס דער נישט־יידישער ראַדיקאַל האָט געמאַכט איז אין דער יידישער סביבה, פאַרשווערט געוואָרן דורך דעם, וואָס אויב די פאָרמולירונגען, די אויסטייטשונגען האָבן נישט אַנטשפּראָכן די סאָציאַלע אומשטענדן בכלל, האָבן זיי שוין גאָר־אינגאַנצן נישט געפּאַסט צו די יידישע לעבנס־קאָנדיציעס.

זיי האָבן פאַרשפּרייט אַנשויאונגען, וועלכע פאַרדאַמען מסחר, באַצייכענען אָט־די באַשעפטיקונג ווי אַ פּאַראַזיטישע פונקציע אין דערווירטשאַפט, און אַזוי אַרום האָבן זיי געשעדיקט דעם יידישן זעלבסט־רעספּעקט. זיי האָבן געוואָלט איינריידן און האָבן טאַקע איינגערעדט אַ

גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע צוליב געוויסע היס־טאָרישע סיבות האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל, אַז דער הענדלער, דער קרעמער, איז עקאָנאָמיש איבעריק, „זינדיק", דעגענעראַטיוו. אַזעלכע שטימונגען, אַזעלכע טעאָריעס האָבן געמוזט שאַדן אָנטאָן. זיי האָבן גע־פירט דערצו, וואָס דער מיטלשטאַנד איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, כמעט פאַרמיאוסט געוואָרן, אַ שטאַנד וועלכער שטעלט צוזאַמען, לעת־עתה, דעם רוקנביין פון יידישן ציבור.

פ. בימקאָ, ווי מ'זעט פון זיין דערציילונג, טיילט נישט אָט־די סאָ־ציאַלע פאָראורטיילן.

„...ער האָט זיך מיט מזל, שוין זייענדיק געל, דערשלאָגן צו דעם, וואָס ס'האָרץ האָט אין אים פון אַלעמאָל געפּישטשעט, — און אַריין אין קראָם. די קראָם דאָ איז אין תוך די אייגענע וואָס דאָרטן. מיט וואָס קע־נען די באַבעלעך, די הירזש מיטן מעל זיין דאָ אַנדערש?" (ז. 69).

זיין שמחה בונעם נעמט קרעמערן גאַנץ געשמאַק, און ער פילט זיך אַז ער איז נתעלה געוואָרן. ער האָט דערגרייכט דאָס, נאָך וואָס ער האָט געשטרעבט, און ער טוט דאָס, וואָס זיין טאַטע האָט געטאָן אין דער היים. און דער חותם פון דער היים מאַכט שוין זיין באַשעפטיקונג ליב, טייער און מער ווי כשר, עס ווערט שיער נישט אַ מצווה־זאַך. אַז עס איז „מעשה אבות" — איז דאָ נישט שייך זיך צו שעמען מיט דעם חלילה!

## יא.

## דער „זינדיקער" קרעמער

אַן איינרעדעניש איז ערגער פון אַ קרענק. אַ סאָציאַלע איינרעדע־ניש איז נאָך ערגער. דאָס איז די ערגסטע חולאת. פאָראורטיילן עקזיס־טירן אויף יעדן געביט פון מענטשלעכן דענקען, און רעליגיע און די פּרו־מאַקעס האָבן נישט קיין מאָנאָפּאָל אויף דעם.

אין וואָס באַשטייט די „זינדיקייט" פון דעם עקאָנאָמישן נפש, וואָס הייסט קרעמער?

ער פּראָדוצירט נישט, ער ענדערט נישט די פּראָדוקטן, וועלכע גייען אַדורך דורך זיינע הענט, ער שאַפט נישט קיין נייע פאָרמען.

אויב דאָס איז דער „וויסנשאַפטלעכער" ענטפער, שטעלט זיך גלייך אַוועק אַ גאַנצער וואַלד פון קלאָץ־קשיות:

און אַלע יענע טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער, וואָס זיינען פאַר־נומען אין טראַנספּאָרט, אין פירן אַהין און צוריק מענטשן און סחורות, איבער די קאָנטינענטן אָדער איבער די ימען — וואָס ענדערן זיי און די פּראָדוקטן, וועלכע זיי שלעפּן אַרום. און וועט דען עמיצער האָבן די העזה זיי אָפּצוזאָגן זייער חלק אויף עולם־הבא אין דער עקאָנאָמישער וועלט? אָן זיי וואָלטן זיך די רעדער פון אונדזער גאַנצער מאַטעריעלער, און מער ווי פון דער מאַטעריעלער, ציוויליזאַציע זיך פון אָרט נישט רירן.

די פראַגע איז נישט צי דער, יענער פּראָדוצירט אָדער פּראָדוצירט נישט. די פראַגע איז אַלע מאָל, צי דאָס, וואָס ער טוט איז נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט אין די געגעבענע אומשטענדן, צי אומנוצלעך, אָדער, אפשר, גאָר אַמאָל שעדלעך?

ווען מען נעמט דעם „קרעמער" און מען באַטראַכט אים פון אַט־דעם שטאַנדפּונקט, דערזעט מען פאַר זיך גאָר אַן אַנדער מין באַשעפעניש.

ער שטייט אָפּ אין זיין שטיקל קרעמל שעהן און שעהן, עס איז רעכט צוועלף שעה, עס איז רעכט מער, כמעט עס איז גאָר קיין שיעור און קיין מאָס נישטאָ פאַר אים און זיין אַרבעט.

„אָבער דער גלגול זיינער [פון פּושקאַרט] איז אין אים געבליבן, און געווען אַלץ נישט קיין קלענערער הונט און פאַרקויפטער עבד, ווי פריער — אין געוועלב" (ז. 68).

ווען איר, דער „אדון", דער קויפער, באַווייזט זיך, איז ער, דער „עבד", אַלעמאָל גרייט אייך צו דינען, ער שטייט פיקס־און־פאַרטיק און וואַרט אויף אייך. אַמאָל ווערט אים נמאס דאָס שטיין — ער איז דאָך פאָרט אַ מענטש, כאָטש אַ „קרעמער" — פּאַררוקט ער זיך ערגעץ אין אַ חושכדיקן הינטער־צימערל, אַמאָל כאַפּט ער דאָרט אַ צוביס, אָבער אין מיטן דעריגען באַווייזט זיך דער „שררה", דער קונה, און ער שפּרינגט אַרויס פון האַלב־פינצטערן הינטערגרונט, אַמאָל מיט אַ האַלב נאָך נישט אַראָפּגעשלונגענעם „שטיקל עפּעס" אין האַלדז. און ווי נאָר עס גיט זיך אים אייך עס אַראָפּצושטופּן בשלום דורכן גאָרגל, און דער דורכגאַנג ווערט פריי, פרעגט ער אייך וואָס איר דאַרפט.

און וואָס איר זאָגט — טוט ער. ער דערלאַנגט אייך נישט דאָס טעלערל פון הימל, נאָר ער נעמט אַראָפּ פון די פּאָליצעס וואָס ער פאַר־מאָגט און גיט עס אייך איבער מיט אַ פריינטלעכן שמייכל נאָך דערצו, דאָס איז אַן אומזיסטע ביילאַגע.

נו, פרעגט זיך, אין וואָס באַשטייט דאָ זיין פאַרברעכן, זיין שווערע זינד?

איז ער נוצלעך? געוויס. אויב נישט ער, וואָס שטייט דאָ גלייך נעבן אייער הויז, וואָלט איר דאַרפן גיין אַ בלאָק נאָך אַ בלאָק אין זוכעניש אויסצוגעפינען די דאָזיקע טייערע „זעלטענע" פּראָדוקטן.

און דאָס גיין זוכן וואָלט נעמען צייט; און צייט וואָס איז עס פאַר אַ מין זאַך? עס איז שווער צו ענטפערן די פראַגע. אָבער יעדנפאַלס איז עס נישט ווייניקער וויכטיק ווי געלט. צייט איז מער ווי געלט.

שטעלט זיך די פראַגע, איז דאָס צושטעלן אונדז די פּראָדוקטן אַ נוצלעכע פונקציע, אָדער אַ שעדלעכע, אָט די אומשולדיקע פּראָדוקטן, אָן וועלכע קיין מוטער־בן־אדם קען זיך נישט באַגיין? זיכער נוצלעך, און דער „קרעמער" פילט אויס אַ נוצלעכע פונקציע אין אונדזער געזעלשאַפט.

אָן דעם קרעמער קען מען זיך נישט באַגיין, און מען קען אים פון דיווירטשאַפטלעכע וואָגשאָלן בשום אופן נישט אַראָפּוואַרפן.

און ווי קאָמיש איז דער טעזיס וועגן זיין „חטא", ווען מ'פאַרגלייכט אָט־דעם אומשולדיקן, באַשפּיגענעם, פאַראַכטן שטיקל קרעמער, וואָס זיין אַרבעט באַשטייט אין דערלאַנגען ברויט, פּוטער, מיט דעם „גלאָריפי־צירטן" אַרבעטער, וואָס איז פאַרנומען ערגעץ אויף אַ פאַבריק, וואָס פּראָ־דוצירט טאַקע גאַנץ געשמאַק. אָבער וואָס? קאַנאָנען, טאַנקען, מאַכט באָמבעס, גיפט־גאַזן...

דער קרעמער איז „זינדיק", און דער אַרבעטער איז „הייליק", ווייל ער פּראָדוצירט...

שמחה בונעמען קען מען אָט־די שטות, אַז ער איז ווירטשאַפטלעך אַ זינדיקער, נישט איינריידן.

## יב.

# די שטעטלעך און לאַנדסמאַנשאַפטן

יעדע שטאָט האָט זיך דאָ איר שול; יעדע שטאָט מאַכט דאָ שבת פאַר זיך, און האָט איר מנין: אנשי מעזריטש, קאָנגרעגיישאָן אוהבי יש־ראל מלעמבערג; אַנשי קויל, צויזמער, די אַלע היימישע שטעט זיינען דאָ געבליבן ווי אין דער היים — שטעט; וואָס איז ניו־יאָרק? יידיש ניו־יאָרק? דרייסיק פערציק טויזנט שטעט מיט שטעטלעך פון דער אַלטער

היים. און נישט אינאיינעם, פאַרמישט, נאָר יעדע פאַר זיך — מיט איר שול, בית־המדרש, און אויב נישט, איז כאָטש מיט איר בית־הקברות. קובר זיין אַ ייִד פון גריצע אויפן בית־עלמין פון ווילנע — ס'וועט אים זיכער פון גרוב אַרויסוואַרפן! קוים האָט ער די זכיה געהאַט צו זען די לעבעדיקע וועלט פאַר די אויגן אין גריצע, — שוין געמוזט דאָ אָפּלעבן זיינע יאָרן אין גריצע, און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר — אויפן גריצער בית־עולם אַרויף. ער קען אַפילו נאָכן טויט פון גריצע נישט אַרויס" (ז. 70).

די צוגענאָפּלטקייט פון ייִדן צום ייִדישן שטעטל האָט פילע סיבות, טיפע וואָרצלען אין לעבן און אומשטאַנדן.

די ייִדן האָבן נישט געקענט זיין צוגעבונדן צום לאַנד פון זייער וווינפּלאַץ, ווייל אַ לאַנד פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש האָבן זיי געהאַט, און מיט יענעם לאַנד זיך קיינמאָל נישט געשיידט, און דאָס איז געווען ארץ־ישראל, אַ לאַנד וואָס „אירע טויערן זיינען געווען אָפן קעגנאיבער די טויערן פון הימל" (יהודה הלוי).

דער ייִד האָט געטראָגן אַרום זיך און אין זיך זיין אייגן פאָטערלאַנד, דאָס לאַנד פון די אבות, וואָס פון אַ שטיק געאָגראַפיע איז עס געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק פּסיכאָלאָגיע. פון נשמהשע בריליאַנטן איז גע־ווען זיין געאָלאָגישער זאַמד. ארץ־ישראל איז געווען די היימלאַנד פאַר דער ייִדישער נשמה, פאַר דעם ייִדישן השתפכות־הנפש אין תפילה און תחנונים, דורך דער גאַנצער לענג פון ייִדישן וואַנדער און גלות־לעבן.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס דעם ייִדנס גוף האָט זיך געפונען ער־געץ אין דער פרעמד, „פאַרטריבן", „אַוועקגעטריבן פון טאַטנס טיש", איז זיין נשמה געבליבן וווינען אין ארץ־ישראל. אירע פיס האָבן געטראָטן אויף ארץ־ישראל־באָדן. אירע לונגען האָבן געאָטעמט מיט ארץ־ישראל־לופט.

די סאָסנע אין ווייטן פאַרפראָרענעם צפון האָט געבענקט און גע־טרוימט, האָט געהאַלטן איינגעקלאַמערט אין איר האַרצן די גערעכענישׂ פון דער פאַלמע און דעם פאַלמען־לאַנד, מיט די מילדע ווינטן און בלויע לויטערע הימלען, היינעס איינע פון די שענסטע לידער, אין וועלכע ער האָט אַריינגעוועבט אַ שטיק ייִדיש אייגנאַרטיק געשיכטע.

דער ייִד האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַן אייגן־לאַנדלעכער אַטמאָס־פער. ער האָט לגמרי איגנאָרירט דעם פאַקט, וואָס דער רוימער האָט אים

אַרויסגעטריבן פון זיין לאַנד פּיזיש־פּאָליטיש. ער איז געבליבן אין לאַנד ז ע ל י ש, און איבער אָט־דעם אופן פון באַוווינען אַ לאַנד, אַ פּסיכאָ־לאָגיש לאַנד האָט דער רוימער נישט געקענט האָבן קיין שליטה. דאָס, וואָס איז באמת אייגן, איינגעבאַקן אין האַרצן, פאַרשפּונען און פאַרוועבט מיט דער נשמה, קען קיינער נישט צונעמען. ווייל עס איז נישט אַ זאַך, וואָס מ׳קען עס עקספּראָפּריאירן. דאָס אינטימע אייגענע זעליש־לייבלעכע בלייבט אייגן. נישטאָ דער כוח אויף דער וועלט, וואָס זאָל עס קענען אַוועקנעמען, צורויבן.

דאָס איז פּסיכאָלאָגיש גערעדט, גייסטיק אויפגעפּאַסט דעם ענין לאַנד פון די אבות, פון דור פאַרגאַנגקייט.

געאָגראַפיש געשמועסט איז די לאַגע ווייטער געווען נישט קיין גע־ווינלעכע. דער ייד האָט געאָגראַפיש קיין לאַנד נישט פאַרמאָגט. ער האָט נישט געקענט האָבן קיין פאָטערלאַנד אָדער מוטערלאַנד מחמת דעם, וואָס דער לאַנדפאָטער און לאַנדמוטער זיינען געווען אַ שטיף־פאָטער אין אַ שטיף־מוטער פאַר דעם קיילעכדיקן יתום, דעם איינוווינער, ייד.

מיט מאָדערנע ווערטער, דער ייד האָט נישט געהאַט קיין טעריטאָ־ריעלע טאַטע און מאַמע, קיין מדינה־עלטערן. די מדינה, אין וועלכער ער האָט זיך „צופעליק" געפונען, אין דעם געגעבענעם פאַל רעדט זיך עס וועגן צאַרישן רוסלאַנד, האָט דעם יידן געהאַסט, אים פיינט געהאַט בתכ־לית השנאה. אים גערודפט. און דער ייד האָט נישט געקענט פילן אַנ־דערש, ווי בלויז האַס צו אָט־דער מלכות־הרשעה. ער האָט איר געצוווּנ־גענערהייט געצאָלט זיין שטיקל חוב פון פאַטריאָטיזם, אַן אָנשטעל פון פאַטריאָטיזם, דורך דעם מאַכן „הנותן תשועה" מיט די ליפּן, און שילטן זי מיט כל קללות און חרמות אין האַרצן. ער האָט פיינט געהאַט דעם הערשנדיקן רעזשים און האָט געבעטן אויף אים אַ מפּלה בקרוב בימינו, אמן! ווען קיין זייטיקער, אַ נישט־ייד, האָט נישט געהערט, ווען ער איז אַפילו נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער.

ווייטער, די באַפעלקערונג אַרום, אין דעם געגעבענעם פאַל, די בלור־טיקע עמלקים, די פּאָליאַקן, האָט געברענט דעם יידנס טראָט. אַזוי אַז דער ייד איז געווען ביי זיך אין אַ רואיקער פריינדלעכער סביבה בלויז אין זיין אייגן שטעטל, ווו די יידישע באַפעלקערונג האָט צוזאַמענגע־שטעלט, גאַנץ אָפט, די איבערוועגנדיקע מערהייט.

אָט־די צוויי פיינטלעכע כוחות, דער דרוק פון דער צענטראַלער רע־

גירונג און פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג, האָט געפירט דערצו, אַז די יידן זאָלן זיך האַלטן צונויפגעפרעסט און צונויפגעוויקלט ווי אין אַ קנויל.

פון אינעווייניק, ווידער, איז די לאַגע געווען אַזאַ:

דער ייד איז אַ „זרע יעקב", אַ זוימען. ער איז נישט קיין אַטאָם, אַ קליין פיזיש טיילכל פון אַ גאַנצער אַגרעגאַציע, וואָס הייסט פאָלק. ניין. דער יחיד ייד, דער ר' ישראל, איז אַ מיניאַטור פון כלל־ישראל, פון כל־ישראל. ער איז געבויט סיי סאָציאָלאָגיש און סיי אידעאָלאָגיש אַזוי, אַז פון אים זאָל זיך קענען אַרויסוויקלען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל.

וואָרן אַזוי האָט זיך דאָך, לויט דעם יידישן באַנעם, וואָס איז אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט אין חומש בראשית, געגומען שאַפן די יידישע אומה, דער „גוי קדוש". פון איין אברהמען, פון איין שטאַם־פאָטער איז עס אויסגעוואַקסן. און יעדער ייד גייט אַריין אין בונד פון אברהמען און ווי דער פאַטריאַרך איז ער פּאָטענציעל אַ יידישע אומה. דער חומש בראשית לייענט זיך, אין אַ היפּשער צאָל פּרשות און סדרות, ווי אַ כראָניק פון אַ משפּחה. „ווער עס האַלט אויף ביים לעבן איין יידיש נפש, האַלט אויף אַ גאַנצע וועלט", (סנהדרין ל"ז, ע"א), אַ יידישע וועלט.

און ווען דער אייבערשטער, וואָס איז אין חומש שמות און דברים אַ היפּשער כעסן און אַ קאַפּריז און, צייטנווייז, אַן אל קנא ונוקם, הגם אויך, טיפער געגומען, אַ רחום וחנון, — ווערט אין כעס אויף זיינע יידעלעך, וואָס איז ביי אים קיין נייס נישט, זאָגט ער צו משהן, אַז ער גייט זיי אומברענגען, און ער וועט משהן מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק (שמות ל"ב, י'). פון איין משהן, איין מענטשן, אָבער אַ רעכטן, וועט אַרויסקומען אַ גאַנץ פאָלק.

און דאָס יידיש־רעליגיעזע לעבן איז אַזוי געשטאַלטיקט, אַז דער ייד זאָל זיך קענען באַפרידיקן, אויסלעבן פרום כמעט ווי ב י ח י ד ו ת. אַ מנין, צען יידן צוזאַמענגענומען איז די גרעסטע צאָל, וואָס פאָדערט זיך פאַר אַלע עבודות. מען דאַרף מער נישט. עס איז בלויז „ברוב עם הדרת מלך" (משלי י"ד, כ"ח), אַ גרויסער עולם באַשיינט די זאַך, אָבער עס איז נישט קיין נויטווענדיקייט פאַר אַ רעליגיעזער אַקציע אָדער פייערונג.

אַ ייד פאַר דער פולפילונג פון די געבאָטן און אָנזאָגונגען בייטיקט זיך אַפילו נישט אין אַ ספּעציעלער קאַסטע אָדער קלער. צום בענטשן נאָכן עסן דאַרף מען בלויז אַ מזומן, און אַליין בענטשן איז אַזוי גוט ווי

בענטשן מיט אַ מזומן. עס איז בלויז אַ שטיקל צערעמאָניע. צו אַ „ברית" דאַרף מען האָבן דעם „אָפּעראַטאָר", נישט קיין רב אָדער דיין. צו אַ שטיקל כשר פלייש אַ שוחט ובודק, אַ מענטש וואָס קען אָנשטעלן אַ חלף און ווייס ווי אַזוי צו קיילענען אַן עוף, אַ קו, אַן אָקס. צו מקדש זיין אַן אשה — צוויי עדות. צום שטאַרבן — בלויז זאָגן ווידוי, און צו ברענגען לקבר ישראל — באַגרעבערס, נישט קיין ספּעציעלע „כלי־קודש", און אַ בית־עולם, „קרקע".

דעם יחידס צוגעהעריקייט צום כלל ישראל ווערט רעאַליזירט בלויז אידעאָלאָגיש אין באַוווסטזיין און פיזיאָלאָגיש, ברית מילה. דער ייד איז משיג און פילט בחוש זיין אָנגעהעריקייט, אָבער קיין פּאָליטיש־אָרגאַני־זאַציאָנעלע פאַרבינדונג איז נישט בנמצא. דער ייד גייט נישט אַריין פּאָ־ליטיש אין אַזאַ קערפּערשאַפט. ער האָט נישט קיין אָפּצאָל, קיין שטייער, וואָס ווערט אויפגעמאָנט פון כלל־ישראל און עס גייט אויף צו דעקן זיי־נע הוצאות.

אָרגאַניזאַציאָנעל צו ווענען באַלאַנגט דער יחיד ייד? צו די יידן פון זיין שטעטל, צו זיין קהילה קדושה, צו זיין געמיינדע, אָדער צו אירן אַ באַשטאַנדטייל, צו אַ „חברה", פון ש"ס, עין־יעקב אָדער גאָר תהלים. ער האָט אַ „שטאָט" אין בית־מדרש, אָדער ער איז פאַררוקט הינטער דעם באַלעמער, „פּאַרמאָגט" אַ „כל הקודם זכה"־פּלאַץ דאָרט מיט אַלע די, וואָס זיינען נישט קיין בעלי־בתים חשובים, און בילדן די אַלגעמיינע עדה.

קאָנקרעט איז דער ייד געווען פאַרבונדן מיט זיין חברה און מיט זיין שטעטל.

דאָס דערקלערט די צוגעקייטלטקייט צו דעם שטעטל אין דער היים און צו דעם אַריבערגעוואַנדערטן טייל פון יענעם שטעטל, די „לאַנדס־מאַנשאַפט" דאָ אין אַמעריקע. דאָס שטעטל איז געווען דעם יידנס סאָ־ציאָלאָגיש־פּאָליטיש איינס. און אַזוי איז עס פאַרבליבן אויך דאָ אין אַמעריקע. די פעדים ציען זיך נאָך אַלץ אַהין, דאָרטן קניפּן זיי זיך און האַלטן זיך צוזאַמען, אַלץ אין שטעטל.

און אַן זיינע לאַנדסלייט האָט זיך דער ייד געפילט עפּעס ווי נישט היימיש.

אַפילו ווען מ'האָט שוין אַ ווייב, אַ זון, אַ טאָכטער, — קען מען שוין אויסלעבן די יאָרן מיט זיי? דעמאָלט מוז מען ערשט לעבן בשותפות מיט נאָך עמיצן; און מיט ווענען — אויב נישט מיט איינעם פון דער אַלטער

היים, מיט וועלכן מ׳האָט זיך געחברט אינאײנעם אויפן גאַס, מ׳קען זיך מבטל־זײַן: „אינאײנעם געפּאַקט ס׳פּעקל, און זיך געלאָזט אַהער אויף דער מערכה" )ז. 70(.

## יג.

# ייִדישע צונויפגעקניפּטקייט

מיט דער ערשטער מינוט, וואָס דער הימל האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן צו פאַרכמאַרען, און וואָלקנס זיך צעלייגט אויף אים, האָט זיך אַלץ און ביי אַלעמען דאָ אָפּגעריסן... אַזוי ברענט ווייניק, אַז זיי ברויכן נאָך האָבן דאָס פייער פון דער מלחמה אויף זיך? (ז. 74).

אַזוי ווי ייִדן זײַנען צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע לענדער, זײַנען זיי ממילא פאַראינטערעסירט, אַז שלום זאָל הערשן צווישן די פעלקער. ווייל בשעת אַ מלחמה קען דאָך אויסקומען, אויב איך די צוויי לענדער וווינען ייִדן, אַז אַ ייִד זאָל דאַרפן גיין שלאָגן זיך קעגן אַן אַנדער ייִדן, אַפילו אַ מיטגליד פון דער אייגענער משפּחה. טשערניכאָווסקי האָט אַ פּאָעמע אין וועלכער ער מאָלט די טראַגעדיע פון די ברידער, ווען איינער געפינט דעם צווייטן אַ דורכגעשטאָכענעם טאַקע פון אים, מיט זיין שווערד. ער דערקענט אים ערשט לאחר־המעשה. אַ מאָראַליש פאָלק, וואָס ווערט אַ פּאָליטישער טייל פון פאַרשיידענע פעלקער, שרייבט זיין געשיכטע אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן; זיין געשיכטע ווערט אַריינגעוועבט אין דער אוניווערסאַלער היסטאָריע, נישט אָפּצורייסן, נישט אָפּצוטיילן. אַזאַ אויסערגעוויינלעך פאָלק לעבט איבער געוויסערמאסן אַלץ, וואָס די מענטשהייט מאַכט אַדורך. און עס ווערט עפּעס ווי אַ מין מיניאַטור אָדער אַ פאַרקערפּערונג פון דעם מין מענטש. עס איז לאו־דווקא דאָס האַרץ, ווי יהודה הלוי אין כוזרי וויל האָבן (מאמר שני, סימן ל״ו), נאָר אַ קאָמפּאָזיט קערפּער, וואָס האָט זיינע גלידער אַריינגעבורט אין פאַרשיידענע פּאָליטישע אָרגאַניזמען, און פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פאָלק מוז זיין בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז יענע פּאָליטישע קערפּערשאַפטן זאָלן נישט אָנפירן קיין קריג צווישן זיך, ווייל דאָס, וואָס פאַר זיי איז אַן אינטערשטאַטן־קריג, איז פאַר אים, באמת, אַ „בירגער־קריג", אַ מלחמה צווישן אייגענע, וואָס ווילן לעבן בשלום, האָבן קיין אורזאַך נישט צוליב וואָס צו שטרייטן צווישן זיך, און מען צווינגט זיי עס צו טאָן. אַזוי אַרום

ווערט דאָס יידישע פאָלק „אינטערנאַציאָנאַל“ און אין דעם באַשטייט זיין נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט.

„דער הייליקער געבענטשט איז ער האָט געטאָן אַ טובה די יידן, וואָס ער האָט זיי פאַרשפּרייט צווישן די פעלקער“ (פסחים, פ״ז, ע״ב). די גוטסקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דער שונא האָט נישט קיין מעג־לעכקייט זיי אויסצוראָטן אַזוי, אַז קיין שריד ופליט זאָל פון זיי נישט בלייבן, סיידן ער וואָלט באַזיצן אַן אוניווערסאַלע סואווערעניטעט און זיין אין פולן זין פון וואָרט אַ וועלט־מאַכט. און אַזעלכע מדינות זיינען דערווייל נאָך נישט געווען אין דער פּאָליטישער געשיכטע.

אָט־די מעלה האָט, אָבער, אַ גרויסן חסרון, און דאָס איז עס: אויף וויפל עס איז שווער אומצוברענגען די גאַנצע יידנשאַפט פיזיש דורך אויסראָטונג, דורך שחיטות און הריגות, אויף אַזויפיל איז זיי לייכט צו צעברעכן קולטורעל, אידעאָלאָגיש דורך אַסימילאַציע. זייענדיק צעוואָרפן, דעצענטראַליזירט, וווינענדיק צווישן פרעמדע פעלקער, קומט זיי אָן שווער אָפּצוהיטן די אייגענע קולטורעלע און עטישע ווערטן. אַ קליינע באַפעלקע־רונג, וואָס שטעלט פאַר אַ מינדערהייט, איז אויסגעזעצט צו דער געפאַר פון פאַרשלונגען ווערן, בטל ווערן אין דער מערהייט.

איז ווי אַזוי האַלטן זיך פאַרט אויף די יידן?

איין מעטאָד איז אויסוואַנדערונג, בייטן די וווינפלעצער אַזוי גיך ווי זיי נעמען זיך אַריינגלידערן אין דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג, אײ־בערנעמען אירע מנהגים און שטייגערס פון לעבן, און אויך זיטן און אַפילו באַנעמונגען.

דאָס איז דער דראַסטישער מיטל, וואָס קומט ווי אַ קאַטאַסטראָפע, ווי אַ שטראָף.

דער צווייטער מיטל, דער מילדער און נאָרמאַלער, פּאָזיטיווער איז דאָס אָנהאַלטן פאַרבינדונגען צווישן די צעוואָרפענע יידישע ישובים. אָט־די פאַרבינדונגען מוזן דאָך אַריבערטרעטן די גבולים פון דעם פאָלק צווישן וועלכן די יידן וווינען, און דאָס מאַכט זיי שוין אַנדערש, גיט זיי אַנדערע אינטערעסן און פאַרנעמונגען.

אָט־די פאַרקניפּונגען וואָס שפּרייזן אַריבער די פּאָליטישע גרעניצן פון דער קערפּערשאַפט, אין וועלכער אַ טייל פון יידנשאַפט גייט אַריין פ אָ ל י ט י ש, האַלטן די יידן אויף ביים לעבן, לאָזן זיי נישט פאַר־

לוירן גיין צווישן די אָנשטענדיקע, גוטע פעלקער, וועלכע פאַרפאַלגן זיי נישט.

אַמעריקאַנער יידנשאַפט, אַזוי גוט ווי פון אַן אַנדער מדינה, קען האָבן אַ תקומה בלויז אַדאַנק אַט־די פאַרהעלטענישן. ווי נאָר אַט־די שייכותן צווישן אייִן יידיש לאַנד־ישוב און אַ צווייטן ווערן שוואַכער און שיטערער, לויז אַזוי ווערט די יידנשאַפט פון אַ געוויסן לאַנד געשטעלט אין סכנה פון צעשמאָלצן ווערן, און צעשמאָלצענערהייט ווערן אַריינגעטריפט אין אַ פרעמדן בית־הקיבול.

אַט־די אייגנאַרטיקע פאַרקניפּונגען נעמען ס׳רוב אָן אַ פילאַנטראַפּישן כאַראַקטער, אָבער דאָס איז בלויז למראית עין, עס איז אַ זעלבסטאָפּנאַר. באמת ווערן זיי אָנגעהאַלטן לשם קיום האומה. דער יחיד און דער ציבור מיינט אַז זיי טוען עס פון רחמנות־וועגן, אויס מיטלייד מיט יענע פאַרפאָלגטע און ליידנדיקע. אין תוך גענומען, טוען זיי עס טאַקע פון רחמנות, אָבער פון רחמנות אויף זיך אַליין. דער רחמנות־געפיל איז בלויז אַ פאַרעם פון קאַמאָפלאַזש און אַן אויסרייד פאַרן „גוי״ פון אייגן לאַנד, און אַ תירוץ פאַר זיך אַליין. באמת איז עס אַ פאַלקס־אַקציע נישט קיין צדקה־זאַך.

„...זיי וועלן אַן דאָרטן, דאָ אויסטריקענען ווי שוואָמען אַן אַ רעגן... איינדאַרן... זיי קענען נאָך אויף די אייגענע פיס אַליין נישט שטיין... און אַז מ׳וועט דעם דאָרטן פון זיי אָפּשניידן — ווי אַזוי וועלן זיי דאָ לעבן? מיט וואָס?... דאָרט איז דער קוואַל, הונדערטער יאָרן פון יידן, כמעט גאַנצע טויזנט; און טויזנט יאָר שבת, טויזנט יאָר דאַווענען, יידישע טרערן, יידישע שמחות, גזירות, שחיטות...״ (ז. 106).

און דאָרטן ווו זיי זיינען איינגעפונדעוועט מוז אויך קומען צו אַ קריזיס, צו אַן איבערבראָך, און זיי, די איינגעפונדעוועטע, בייטיקן זיך אויך פאַר זייער עצם קיום אין דעם אָנהאַלט פון קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען מיט אַנדערע יידישע ישובים. יעדער ישוב, אַפילו ווען ער איז גייסטיק אַ משפיע, איז, באמת, אויך אַ מקבל השפעה פון דעם, אויף וועמען ער איבט אויס זיין השפעה. ווייל אין דער פאַרקניפּונג און קעגנזייטיקער הילף ליגט דער סם־חיים, דער עליקסיר פון לעבן, פון אייביקן יידישן לעבן.

„ז יי ע ר קיום איז אויך ד יי נ ע ר; ז יי ע ר אָטעם איז

אויך דיינער; דו אָטעמסט מיט זייער אָטעם. און אַז זיי וועלן נישט האָבן מיט וואָס צו אָטעמען, — וועט ער דיר אויך אויספעלן״ (זז. 78־77).

יד.

## איבערגעבוירן־ווערן

אָבער אַזאַ אויפהאַלט קומט אָן שווער. עס איז אַ קיום וואָס ווערט אויסגעטראָגן מיט גרויסע יסורים. די יסורים ווערן נאָך ווייטאָקדיקער און פיינפולער, ווען אַ פּראָצעס פון טראַנספאָרמאַציע הייבט זיך אָן. אַפילו דער אַלטער דור ווערט עפּעס אייניקערמאסן ווי איבערגעבוירן אידעאָ־לאָגיש, און דער אויפוואַקסנדיקער ווערט איבערגעבוירן סיי גייסטיק און סיי קערפּערלעך.

אָט וואָס שמחה בונעם זאָגט וועגן זיין זון:

„ער איז נישט מיט אַלעם, ווי די משפחה זייגע; און זי הייבט זיך אָן פון אים, אַ נייע און אַן אַנדערע; אין תוך די זעלביקע, נאָר איבערגע־גאָסן אין אַ נייע כלי; אַ משפחה פון הויכע, מיט ברייטע אַקסלען, און אויב עס איז באַשערט צו זיין אַנדערש, — מוז זי זיך דאָך פון ערגעץ און ביי וועמען אויך אָנהייבן פון אויפסניי...״ (ז. 75).

„איז ער קיין ייד נישט? אפשר נישט אַזאַ ייד ווי זיין מאַמע זאָגט: ער זאָל גיין אין שול אַריין, האַלטן שבת... ווי אַזוי זאָל ער גיין אין שול אַריין און האַלטן שבת, — אַז דער טאַטע זיינער גייט נישט און האַלט נישט פון דעם; שטייט פריייטיק־צו־נאַכטס, און אויפצומאָרגנס, שבת, אַ גאַנצן טאָג אין געוועלב... שבת איז דער בעסטער טאָג, די גאַנצע וואָך האַלט זיך אויפן שבתדיקן טאָג — וועט ער אים אַוועקגעבן דער שול? משוגע!״ (ז. 77).

און צו דעם, צו אָט־די ווייטאָקן פון איבערפורעמונג, איבערגיסונג פון איין געפעס אין אַ צווייטן, קומט נאָך צו אָט־דער ביטערער פאַקט, וואָס אַ טייל פון דעם איבערגעשמאָלצענעם מעטאַל ווערט פאַרלאָרן, גייט לאיבוד, גיסט זיך נישט אַריין אין דעם אַוועקגעשטעלטן יידישן געפעס, נאָר אין אַ זייטיקער נישט־יידישער כלי.

אַ טייל פאַלט אָפּ, גייט אַרויס פון כלל־ישראל, זיי ווערן אַפּטריני־קע. דאָס איז אַריינגערעכנט אין פּרייז וואָס דאָס יידישע פאָלק צאָלט

פֿאַר זיין קיום, אונטער אַט־די, זיכער, ווייט נישט קיין אידעאַלע אומ־שטענדן.

„ס׳איז נאָך דערווייל נישט דאָס, נאָר ביי וואָס ס׳האַרץ גיט אַ ציטער, אַז ס׳קען, רחמנא ליצלן, זיין״ (ז. 72).

דאָס פּראָבלעם פֿון אָנהאַלטן די אידענטיטעט פֿון דעם כּלל דורך די דורות איז אַ שווער און קאָמפּליצירט פּראָבלעם ביי ייִדן, איבערהויפּט נאָך אין די ערשטע יאָר־צענדליקערס פֿון איבערוואַנדערן אויף אַ נייעם פּלאַץ. ווייל דאָ כאַפּן זיך אַריין אויף אַמאָל אַזויפֿיל טראַנסמוטאַציעס, וואָס ווערן דיקטירט פֿון דער נויטווענדיקייט זיך צוצופּאַסן צו דער נייער אומגעבונג. אויך די קלימאַטישע באַדינגונגען און דיעטע־פֿאַקטאָרן טוען זייערס צו דערווייטערן דעם אויפֿקומענדיקן דור — פֿון זיין פֿאַרגייענדיקן.

דערפֿאַר איז שמחה בונעם אַזוי אָנגעשראָקן. אים דוכט זיך, אַז דער זון איז נישט זיינער. וואָרן „ער רייסט זיך אין דער הויך ווי אַ בוים. שוין מיט אַ קאָפּ העכער פֿון טאַטן. און זעט מיט דעם נאָך מער אויס צו זיין ווי אַריינגעבערענגט אַהער, פֿון דרויסן... און נישט פֿון אינעווייניק״ (ז. 73).

איין טרייסט האָט ער וואָס זיין זון האָט אַ גוטן קאָפּ און דאָס האַלט ער פֿאַר אַ סימן מובהק אַז ער שטאַמט פֿון ייִדן און טאַקע פֿון זיין אייגענער משפּחה. ווען נישט דאָס, וואָלט ביי אים רעכט געווען אַז מ׳האָט אים גאָר פֿאַרביטן אין שפּיטאָל, און זיין אמתער זון האָדעוועט זיך ערגעץ ביי אַן איטאַליענער (ז. 72).

„דאָס איינע וואָס מאַכט אים אַביסל גרינגער ס׳האַרץ, איז דאָס קעפּל זיינס, וואָס איז אַ גוט קעפּל... ידים ידי עשו אָבער הקול קול יעקב. ביי אים אין זיין משפּחה האָבן אַלע גוטע קעפּ — פֿאַרוואָס זאָל זיינער נישט זיין גוט... שוין מיטן קאָפּ אַליין איז ער זיין! זיי האָבן אַזוינע קעפּ? לעבן זאָלן זיי!״ (ז. 73).

## טו.

# די ייִדישע מלחמה און די שול

די צווייטע וועלט־מלחמה ברעכט אויס.

דאָס געוואוויר־ווערן, אַז ער וועט זיך גאָר אין גיכן דאַרפֿן שיידן מיט זיין איינציקן זון, מאַכט אים צו זען זיין זון אין גאָר אַ נייעם ליכט. זיין

זון סעם איז אַ פולבלוטיקער ייד, און ער איז עס באַרופן, דווקא דערפאַר וואָס ער פאַרמאָגט די „ידים", צו גיין ראַטעווען די יידן פון פוילן, אויף וועמענס האַלדז עס ליגט דאָס מעסער.

„האָט ביים זון זיינעם געפלאַקערט אַ פייער, אַ פייער פאַר דעם יידישן בלוט, וואָס ווערט דאָרט פאַרגאָסן, פאַר דעם יידישן כבוד, וואָס ווערט געטראָטן מיט די פיס, און האָט זעלנעריש אָפּגעהילכט מיט טריט פון גאַנצע אַרמייען איבער די אַרומיקע גאַסן; דער זעלנער האָט פון אים אַרויסגעשריגן, נאָך איידער וואָס; דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט האָט אים, מיט די אַנדערע יונגען, אַרויסגערופן ווי מיט אַ שאַל פון טויזנטער שופרות אין אַלע זיבן הימלען" (ז. 77).

דער יונגער דור, וואָס איז אויסגעוואקסן דאָ אין לאַנד איז נישט אינגאַנצן פאַרפרעמדט געוואָרן. עס האָט זיך בלויז אויסגעדוכט אַז זיי זיינען געוועזן אָפּגעריסן פון שטאַם, פון בוים, און אַ ליאַדע ווינטל קען זיי פאַרטראָגן ווהין עס וויל נאָר אָט־די פאַרוועלקטע בלעטער.

דאָס איז געווען אַ טעות. בשעת אַן אומגליק, אַ גרויסער קאַטאַס־טראָפע, דערקענט אַ מענטש זיינע פריינד, דאָס אייגענע אַ פאָלק. ווען עס גיט אַ געשריי: פון וואַנעט וועט קומען מיין הילף? רופן זיך אָפּ זיי־נע געטרייע קינדער, און ווער עס בלייבט גלייכגילטיק צום געשריי איז אַ אבר מדולדל... אַן אָפּגעריסן גליד.

„ביי די יונגען, וואָס האָבן זיך אַזוי געריסן צו גיין, האָט פון די אויגן געלויכטן מיט גבורה פון אַלטן קידוש־השם, וואָס פון אַלע דור־רות" (ז. 79).

ווען דאָס פאָלק איז אין געפאַר, בשעת אַ קריג פון אויסראָטונג, ווערט די דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן יחיד און דעם ציבור, צו וועלכן ער געהערט, אָפּגעווישט. דער איינצלנער הערט אויף צו עקזיסטירן אַלס אַ וועזן, אַ גאַנצער אָרגאַניזם מיט אַן אייגענעם פרייען ווילן. ער ווערט אַן סטאַטוס פון אַ גליד אין אַ קערפער. ער פאָלגט דעם באַפעל פון דעם ציבור. זיין שטאַרבן איז נישט קיין אומקום, ווייל ער לעבט נישט אַלס אַן אָרגאַנישער טייל פון קאָלעקטיוו. ער ווערט, באמת, רעדוצירט צו דעם איינצלנעם, ער לעבט אין פאָלק, אין זיין שבט, און ווען ער פאַלט אין שלאַכט און גייט אויס, „ווערט ער איינגעזאַמלט צו זיין פאָלקסטום. ער איז מחוייב זיך מקריב צו זיין פאַר דעם קיום פון דעם כלל. ער ווערט דערצו איינגערלעך באַצוווּנגען. די נאַטור אָנערקענט נישט דעם יחיד, בלויז

דעם מין, און ער נעמט עס דערפילן, ווען זיין שטאָם שטייט אין געפאַר און ער דאַרף עס גיין ראַטעווען.

אַט־דאָס געפיל פון אייניקייט, פון צונויפגוס מיטן טייך, אין וועלכן ער איז בלויז אַן אומאָפּטיילבאַר, אַן אומבאַשטימט טראָפּן, ווייל ער אויס־דריקן מיט אַן אַקציע, אַ סעריע אַקציעס, נאָך איידער ער וואַרפט זיך אַריין אין דאָס רעכטע געדיכטע פון געפעכט. דער אייניקייט־בונד ווערט געשלאָסן מיט דעם גאַנצן פאַלקסטום דורך אַלע דורות אַראָפּ צום עבר און אַרויף צום עתיד. און ער זוכט אַ סימבאָל, אַן אַנשטאַלט וואָס זאָל אין זיך פאַרקערפערן אָט־די גאַנצקייט, מאַנאַליטישקייט פון שטאַם.. סעם, שמחה בונעמס זון, געפינט עס אין דער שול.

„ער האָט געפילט, אַז ס׳איז זיין שול... און אַז ער דאַרף זיך אין איר אָנהאַלטן. אַז ער איז נישט מער אָפּגעריסן פון איר און דערווייטערט, — נאָר איינס מיט איר, איינס מיט איר פון פריער, איינס — נאָך איידער ער איז אַרויס פון זיין מוטערס בויך; און אַז פון איר קומט ער, קומט זיין טאַטע, זיין מאַמע, קומען זיינע זיידעס, און אַלע פון פאַר זיי... אָבער ער איז נישט מער זייערס, נישט דעם צעטראָגענעם טאַטנס, זיין גוטער מאַ־מעס, — ער איז דעם כללס, און נאָך מער דעם יידישן כללס...“ (ז. 78).

ער אַליין פאַרשווינדט, זיין משפחה פאַרשווינדט, זיי ווערן פאַר־שלונגען פון גאַנצן יידישן כלל. ער איז אַרויס פון זיין מוטערס בויך זיך נישט אומצוקערן אַהין, עס איז אָפּחבר, זיך אָפּגעשיידט אויף תמיד; ער איז, אָבער, נישט אַרויס פון כללס בויך. ער איז אַן עודר, וואָס ליגט אין בויך פון זיין נאַציע. זי באַשטימט זיין גורל און לייט אים און לענקט זיינע טריט און פירט־אָן מיט אַלע זיינע האַנדלונגען, ווייל ער איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. ער וועט קיינמאָל נישט געבוירן ווערן ווי אַ באַ־זונדער אָרגאַניזם וואָס עקזיסטירט פאַר זיך. פון טראַכט פון ציבור וועט ער קיינמאָל נישט אַרויס, ווי ער קען נישט אַרויס פון גאַנצן באַשטאַנד.

אין פאַל פון אַ מלחמה ווירקט די מאַכט פון כלל, פאַר ס׳רוב פון זיינע פּרטים־מיטגלידער.

דערצו קומט, אָבער, צו נאָך אַ מאָמענט, דווקא אַ קעגנגעזעצטער, און ער ברענגט אים נאָענט צו דער שול און צו דער מיסטישער קאָסמי־שער מיסטעריע, וואָס געפינט זיך אין אָט־דעם אויסטערלישן בנין, וואָס איז אַ הייליק אָרט, אַ קליין בית־המקדש.

בשעת אַ גרויסער געפאַר דערזעט דער יחיד, אַז זיין מענטשלעכער

שכל קען בלויז רעכענען און אויסרעכענען. ער איז אַ בעל־חשבון. ער גיט זיך כסדר אָפּ מיט סטאַטיסטיק. ער איז פאַרנומען מיטן דורכשניט־מענטשן, דורכשניט־געשעעניש. אָבער דעם יחיד, ווען ער טרעט אַרויס נישט אין זיין בחינה פון אַן אָביעקטיוון פאַרשער, וואָס האַלט זיך ווי אַ קלוגינקער פון דער זייט, ווי נישט אים מיינט מען עס, נאָר טאַקע ווי אַ פולבלוטיקער אינדיווידום, וואָס שטייט אין געדרענג פון כלל, אָבער פאַר־לירט זיך נישט אין אים, און ער וויל וויסן קלאָר, צו וועלכן טייל פון דער באַפעלקערונג באַלאַנגט ער, צי צו דעם „מי לחיים", אָדער „מי־למות". ער ווייסט, אַז אַ געוויסער פראָצענט וועט געהרגט ווערן און אַן אַנדער פראָצענט וועט בלייבן לעבן, אַרויס בשלום, און קומען אַהיים, אַפילו נישט קיין צעהורגטער. און ער וויל וויסן צו וועלכער פאַרטיע גע־הערט ער טאַקע אַליין. ער וויל נישט קיין סטאַטיסטיק, ער וויל זיך דער־קונדיקן, ווו האַלט עס מיט אים, ווי וועט זיך זיין צוקונפט שרייבן.

איז וואָס קען אים דאָ זיין שכל זאָגן? אויף וואָס קען אים דאָ זיין פאַרשטאַנד דינען? ראַציאָנאַליזם איז גוט פאַר אָביעקטיווע אויספאָר־שונגען. אָבער ער איז דאָך אַ סוביעקט, דורכאויס אַ סוביעקט.

פאַר זיין צוועק דאַרף ער האָבן אינגאַנצן אַן אַנדער דיסציפּלין, אַ מער אינטואיטיווע, אַ מער האַרציקע. ער וויל הערן אַ שטים וואָס זאָל שעפּטשען אים אין אויער אַריין און אַנטפּלעקן צו אים דעם סוד פון זיין לעבן, טריפן מיט בוימאויל פון טרייסט און דערמוטיקונג. און ער ווערט רעליגיעז, אַבערגלויבעריש, מאַגיש־געשטימט. טאָמער... ווייל ווער ווייסט?

סעם איז אַוועק אויף מלחמה מיט דעם באַוווסטזיין, אַז דער קריג איז אַ יידישער. מ׳מוז צעשלאָגן דעם שונא — אַנישט וועט דער רשע אומברענגען אַלע יידן פון דער וועלט, און פון אייראָפּע אַוודאי און אַוודאי.

## טז.

# אַמעריקע אין קריג

דער נס פון וואַקסן. די ציגעלעך ווערן בעק (סנהדרין, י"ט, ירושלמי) און די לעמעלעך ווערן שעפּסן.

„וואָס האָט זיך דאָ ביי איר מיטאַמאָל אויפגעשטעלט ס׳קעקסל אויפן קאָפּ?" (ז. 84).

שמחה בונעם רעדט עס וועגן זיין טאָכטער, מאַמע שיינע.

כאָטש יעדער ווייסט פון אָט־דער דערשיינונג, וואָס הייסט וואַקסן און אויסוואַקסן, און קען עס באַאָבאַכטן גאָר פון נאָענט, דאָך ווען ער באַמערקט אָט־דעם איבערגאַנג פון בליט צו דער פרוכט, פון קינד צום מאַן און, נאָך מער, צו דער פרוי — בלייבט ער שטיין אַ געפּלעפטער: ס'איז פּלאי־פּלאים! וואָס קען זיין נאַטירלעכער פון דעם דאָזיקן נס און וואָס איז נסימדיקער פון אָ־דעם ביאָלאָגישן פּראָצעס!

עס פעלן דען קינדער ביי זיך, צי ביי לייטן, זיינען דען זיי אַ יקר המציאות? דאָך ווען זיי ווערן „פלוצלונג" „גאַנצע מענטשן", דערזעט מען פאַר זיך עפּעס אַ מאָדנע זאַך, וואָס מ'קען עס גאָרנישט באַגרייפן: ווען און ווי איז עס פאָרגעקומען? עס קומט פאָר, דוכט זיך, אַזוי גראַדועל, פּאַמעלעך, אָבער עס דערגרייכט אַ מאָמענט ווען עס באַווייזט זיך, און דעמאָלט קומט עס אויס ווי אַ רעוואָלוציע וואָלט געהאַט פּאָרגעקומען. אַ געוויסע האַנדלונג פון „קינד" גיט אים אַ שטעל אַוועק אין אַ נייער פּאָזיציע, וואָס צייגט, אַז ער נעמט אַרויסגיין פון רשות פון זיינע עלטערן. עס נעמט זיך אַליין באַשטימען, ווערן אַ „יש" פאַר זיך.

נעכטן, אייערנעכטן איז עס געווען אַ ברעקעלע, אַ ליאַלקעלע, מיט וואָס טאַטע־מאַמע האָבן זיך שיער נישט געשפּילט, און היינט איז עס שוין גאָר אַ פּערזאָן, מיט אַן אייגן פאַרשטיין פון זאַכן, אַן אייגן צוגאַנג און אויפנעם, און אַ ווילנפולן און בר־דעתדיקן באַשטיין אויף זיין אייגענער אויפפאַסונג, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען און נעמען במעט ווי ערנסט.

אויסוואַקסן, אין דער הינזיכט פון חידוש־אַרויסרופונג, איז גלייך ווי שטאַרבן. אַלע גייען מיר אַרום פאַרמשפּטע צום טויט. מיר זיינען „חייב מיתה בידי שמים". קיינער פון אונדז וועט עס נישט אויסמיידן, דעם פּסק־דין פון דער נאַטור וועט די נאַטור דורכפירן און קיינעם נישט שאַנעווען, קיינעם נישט אויסנלאָזן. דאָך ווען עמיצער אַ נאָענטער גיט זיך אַ לייג אַריין אין בעט אויף נישט אויפשטיין, און גיט אַ פּאָך מיט דער נשמה, און אַ בלאָז זי אַרויס, — שטייען מיר געפּלעפטע, און צום ווייפּלטן מאָל נעמט איבעראַניים עקבערן אין קאָפּ די רעטעניש פון לעבן און טויט.

די מיסטעריע גיט אונדז אַ קוק אַריין אין די אויגן, רייצט זיך מיט אונדז און שרעקט אונדז: נו, אדרבא, זייט אַ חכם און זאָג, וואָס קומט דאָ

פּאָר פּאָר אַלעמען אין די אויגן, נישט ערגעץ פאַרבאַהאַלטענערהייט, אין אַ פינצטערן ווינקל פאַררוקט!

מיט אויסוואַקסן איז דאָס אייגענע. איר פרעגט זיך: היתכן? ווי האָט עס פּאַסירט? איז עס טאַקע מעגלעך?

דאָך יעדער בן־אדם האָט אַליין דורכגעמאַכט אָט־דעם וועג פון זוים צום פולן רייפן זאַנג. און דאָך ווען ער דערזעט, ווי זיין קינד גייט דעם זעלביקן אומבאַשיידענעם גאַנג, שטייט ער פאַרחידושט כמעט ווי דער־שטוינט.

„...אין דעם ברעקל מיידעלע איז די מלחמה אַריין ווי אַ פייער, זיך אָנגעצונדן ווי אַ ליכט אין די אויגן פון אַ שטאָק בלינדן... דאָס נעכטיקע געגדזעלע גראַ־גראַ, לאַ־לאַ מיט דער ליאַלקע, שטייט... אויף אַ טראָק און נעמט צונויף מיט די אייגעלעך אַ גאַנצן גאַרשט מענטשן... ווי אַזוי קע־נען זיי ווייבען אויף זייערע זין, אַז דאָס פייער האָט שוין געסמאַליעט די היגע ברעגעס, און נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, וואָלטן שוין דאָ געברענט די ווענט פון די הייזער; מ׳זאָל זיך אין זיי בראָטן הינטער פאַרמאַכטע טירן?״ (ז. 85).

דאָס רעדט אַזוי צו אַן עולם די „מאַמע־שיינע״, שמחה בונעמס עופהלע, וואָס ערשט נעכטן, דוכט זיך, האָט זי זיך געשפּילט אין ליאַל־קעס.

„און וואָס פאַר אַ כוח קענען שוין איבער איר האָבן די אייגענע טאַטע־מאַמע״ (דאָרט).

די מלחמה נעמט־צו ביי שמחה בונעמען ביידע קינדער, סיי דעם זון און סיי די טאָכטער.

דעם זון גיט ער אַליין אַוועק, ווייל דער זון גייט זיך שלאָגן פאַרן „זיידן״, פאַר יענע יידן וואָס פון יענער זייט ים; אָבער די טאָכטער וויל ער נישט אַוועקגעבן... ווייל ביי איר איז עפּעס אַלץ אַנדערש. זי האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ פלאַם־פייער פון פּאַטריאָטיזם, וועלכער איז אים פרעמד. און צווישן זיי וואַקסט אויס אַ וואַנט, וואָס וועט זיי צעשיידן, אַן אָפּ־גרונט וועט זיך עפענען צווישן זיי...

„ביי איר האָט געהייסן, אַז מען האָט געדירט די קרוין ביי איר אַמע־ריקע... ביי איר איז די מלחמה פוירל האַרבאַר... אינדזלען, ימים, פלאָטן... אַ קשיא אויף אַ מעשה: וואָס ס׳האָט זיך געקענט צעפלאַקערן אין דעם

אייניקל פון אַן אַלטן פוילישן ייד, וואָס שלעפּט זיך אויף אַ פורל פון יריד צו יריד...״ (דאָרט).

נישט צוויי דורות שטייען דאָ און קוקן זיך איינער דעם אַנדערן אָן מיט באַוואונדערונג, נאָר צוויי פעלקער... אַ ייד פון פוילן וואָס כאָטש ער שטייט דאָ, נישט אין אַ געוועלב און נישט אין אַ קראָם, נאָר טאַקע, בפועל ממש, אין אַ „סטאָר״, אין אַ גראָסערי סטאָר, דאָך פאָרט ער נאָך אַלץ אַרום מיט זיין זיידן אויף אַ פורל פון יריד צו יריד איבער די קוי־טיקע וועגן פון פוילן... און אַן אַמעריקאַנער פּאַטריאָטקע, אַ יונג מיידל, ביי וועמען „דאָס גוטע קעפל האָט זיך צעגליט״.

„ער [סעם, איר ברודער] איז דאָרט ווו ער דאַרף זיין; ס׳איז זיין מלחמה; די מלחמה פאַר זיינע קינדער״ (דאָרט), אַזוי נעמט אויף דעם קריג די „מאַמע שיינע״. עס איז אַ מלחמה, וואָס ווערט געפירט פאַר זייער ק י נ ד ע ר ל אַ נ ד אויב נישט פאַטערלאַנד. דאָס איז נישט קיין מלחמה צו ראַטעווען די יידן פון אייראָפּע, נאָר צו ראַטעווען דעמאָקראַטיע, דעם אַמעריקאַנער שטייגער פון לעבן, דעם שטייגער און שטאַט וואָס זייערע קינדער וועלן פירן.

סעם האָט געזען פאַר זיך, ווי דער יידישער עולם האָט זיך געגעבן אַ צינד־אָן מיטן פלאַם פון מלחמה, נאָך איידער אַמעריקע איז אַריין אין קריג, ווייל די מלחמה אין אייראָפּע איז געווען אַ „יידישע״ מלחמה, אַ זעלבסטפאַרטיידיקונג, און ער איז אַוועק מיטן ערשטן שטראָם; עס האָט אים אַוועקגעטראָגן... ווען דער טאַטע האָט זיך נאָך נאָכגעפרעגט ביי די קונים, ווו האַלט עס מיט אַמעריקע, „צי אַמעריקע וועט אַריין?״ (ז. 77).

בעת שיינע איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער מלחמה אַביסל שפּע־טער, ווען זי האָט געזען ווי אַמעריקע מיט איר פילפאַרביקן געמיש פון פעלקער האָט גענומען ביילן אירע פויסטן, אָנציען די אייזערנע מוסקולן, קלאַפּן מיט די פליגלען, שאַרפן די שטאָלענע נעגל און שנאָבל, און דער אַפּעטיט פאַרן פאַרצוק פון שונא האָט זיך צעשרפהט.

„די שטאָט האָט איבערנאַכט געביטן איר פנים, דאָס געוויינלעכע, — אויף אַ זעלנעריש פנים... היגע קינדערשע זעלנערלעך. יינגלעך פון אָקלאַהאָמאַ, פון דער מיסיסיפּי, ניו־העמפּשייר, ווערמאָונט, חנעוודיקע, ליכטיקע... מיט יעדן זעלנערל כאָטש איין מיידל; וואָס קען זיין ווייני־קער? אַנדערע מיט דריי, פיר, און מער; כאַלאַסטרעס גאַנצע פון אַזוינע

זעלנערלעך מיט מיידלעך, וואָס גייען נישט, נאָר שוועבן, און ווייסן נישט, ווו ס׳הייבט זיך אָן נאַכט און ווו — טאָג...״ (זז. 80־79).

שיינע האָט געזען, ווי די מלחמה שאַפט איין מאָנאָליטיש פאָלק־באַשעפעניש פון אַט־דער אַמעריקאַנער עירבוביא פון פאַרבן און שטאַמען. די טעמפעראַטור הייבט זיך, די היץ שטייגט וואָס אַמאָל אַלץ העכער און העכער און די ברוכשטיק פון פאָלקסטימער שמעלצן זיך אַלץ שנעלער און שנעלער אין שמעלצטיגל, די האַרטסטע, איינגעזעקשנטסטע חתיבות גיבן נאָך, און נעמען צעגיין ווי אייז אין אַ וואַרעמען פרילינג־טאָג.

נאַטירלעך האָט זי געפילט אינגאַנצן אַנדערש, ווי איר ברודער.

ווייטער, אַ יידיש יינגל, ווי ווייניק יידישע דערציאונג און בילדונג ער זאָל נישט געקראָגן, האָט ער פאָרט עפּעס אַ שמעק געטאָן, אַ לעק געטאָן פון יידישקייט־געקעכטס; מסתמא אַ שטיקל בר־מצווה געפּראַוועט. און דאָס אַלץ רופט זיך שפּעטער אָפּ. דערצו דאַרף מען צוגעבן די ווירקונג פון דעם חותם, וואָס איז אַריינגעשניטן אין לייב. אַט־די אינסטיטוציע, — וואָס לויט טראַדיציע שטאַמט אַזש פון אברהמען, אונטערשטרייכט די אַנדערשקייט פון יידן און איז אַ שבועה פון לאָיאַליטעט, פון אַנגעהעריקייט צום שטאַם, געשריבן אין בלוט — איז אַ ווירקזאַמער צענטריפּעטאַלער כוח.

איך מיין מיט דעם נישט צו זאָגן, אַז סעם האָט זיך אָפּגעגעבן אַ ראַציאָנאַלן דין־וחשבון אין דעם אַלעם. אָבער ווער דאַרף אָנקומען צו דעם יחידישן פּיטשעמאָנטשיקן שכל, „קעצישן מוחל״! ווען עס רוישן די בלוטן און עס קלינגט דאָס געוועד אין די אויערן, שווייגן די מוזעס פון לאָגיק און אורטייל. עס אַרבעט דער אינסטינקט, דאָס געפיל פון דער זעלבסט־פּרעזערוואַציע פון שטאַם.

יז.

## דער מבול פון גאָלד

מיטן מבול פון „דמים״, בלוט פאַרגאָסן אויף די פראָנטן, איז געקומען, הגם מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, אַ מבול פון גאָלד, פון געלט, דמים האָט צוויי טייטשן. די לענדער, וואָס בלייבן נייטראַל און שטייט אָן אַ זייט פון דער שחיטה, ווערן נתעשר.ביידע שטרייטנדיקע צדדים דאַרפן

אָנקומען צו זיי. און וועגן פּרייזן רעדט מען נישט, אַבי מ׳קען קריגן וואָס מ׳דאַרף נייטיק האָבן. דאָס אייגענע די לענדער, וואָס שיקן אַוועק מיליטערישע עקספּעדיציעס און זיינען אַליין אויסער דער באַשעדיקונג־זאָנע, זיי שיטן זיך אָן מיט גאָלד אויב זיי פאַרמאָגן אַ קאָלאָסאַלן אינדוסטריעלן פּאָטענציאַל און אַן אומבאַרימטן רעזערוו פון פּראָדוקטיווע כוחות, אויף וועלכע אין פרידלעכע צייטן האָט מען זיך נישט אומגעקוקט. ווען עס מבולט מיט בלוט באַוויייזט זיך אין הימל דער גאָלדענער רעגנבויגן...

די נאָכפראָגע ווערט גרעסער, דער אָנבאָט קלענער. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מיט פּאַרטיידיקן די גרענעצן פון לאַנד אָדער מיט דורכרייסן פרעמדע גרענעצן, און זיי קענען זיך נישט אָפּגעבן מיט עקאָנאָמישע אָנגעלעגנהייטן. זיי זיינען פאַרטאָן אין געפעכט אויף די פראָנטן, אַזוי אַז די גאַנצע אַרבעט פון פּראָדוקציע און דיסטריבוציע בלייבט אין ווייניקע הענט און זיי לאָזן זיך באַצאָלן פאַר זייער „טרחה״.

אַלע זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם געווירבל פון שנעל רייך ווערן. די גאָלד־וואָקכאַנאַליע האָט פאַרסמט אַלע געמיטער. די קעפּ האָבן זיך ביי אַלעמען פאַרדרייט. די ערגסטע שיכרות איז געלט־באַזויפּנקייט. דער „געלער ווייַן״ איז די שטאַרקסטע משקה. בשעת מלחמה זיינען עפּעס ווי אַלע געוואָרן גאָלד־אַלקאָהאָליקערס. ערשטנס האָבן זיי עס געטאָן אויס טרויער און פאַרצווייפלונג, געזוכט זיך אָן עפּעס אָנצוכאַפּן, כדי צו שטילן דעם ווייטיק פון די פאַרלוסטן פון די קינדער, מענער, ברידער. צווייטנס, טאָקע דער נסיון פון רייכטום, וועלכן עס איז שווער ביי׳צושטיין. גאָלדענע קייטן שמידן דעם מענטשן אַמשטאַרקסטן, ווייל דער מענטש טראָגט זיי מיט שטאָלץ און זייער בריאָזג איז אָנגענעם צו זיין געהער.

„און גאַנצע שטעט מיט אַלטע לייט, האַלב גרויע און אויסגעקראַכענע קעפּ; אַ סך, אויך מאַמעס פון קינדער, וואָס האָבן פון דעם גרויסן געוויין, וואָס די מלחמה האָט צעבראָכן און אויסגעליידיקט זייערע הייזער, צוגערויבט זייער מנוחה — דערפרייט מיט דעם זייערע הערצער, אַ קלייניקייט געלט! און אָנגעהויבן צו לאַכן...״ (ז. 87).

„אַלע שטעט, די יידישע מיט זיי, האָבן זיך גענומען לאָזן ווילגיין, און לאַכן; ס׳לאַכן ווייבער... און מאַנסלייט... ווי געוואָלט אין זיך דערשטיקן די ווייטאָקן פון דער... מלחמה וואָס האָט זיי אָנגעכאַפּט ביים האַלדז...״ (ז. 88).

עס טראָגן זיך קלאַנגען וועגן דעם אומקום פון אַזויפיל יידישע קהי־לות אין פוילן און ליטע. אָבער קיינער וויל אין זיי נישט גלייבן. אמת איז דאָס, וואָס איז וואָרשיינלעך, וואָס לייגט זיך אויפן שכל. און אַזעל־כע שחיטות זיינען ריינער אומזין, און מ׳קען עס גאָר אויפן געדאַנק נישט אַרויפלאָזן.

„ווען מען וועט מען דאָ דערציילן אַ מעשה, אַז אין לובלין איז נישטאָ מער קיין איין לעבעדיקער ייד? ווי אַזוי קען מען אומברענגען אַכציק טויזנט יידן? מען דאַרף דאָך דערויף... אויפשטעלן שלאַכט־הייזער גאַנ־צע!... אַלע ראַדאָמער יידן זיינען שוין אויף דער וועלט נישטאָ! אויך נישט טשענסטאָכאָווער! בענדינער! באָבע מעשיות!״ (ז. 89).

די יידן געדענקען די ערשטע וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן זיי באַהאַנדלט אַ סך בעסער פון די קאָזאַקן. פאַרוואָס זאָלן זיי וועלן אומ־ברענגען די יידן מיט וועלכע זיי קענען זיך אַמווייניקסטן צוזאַמענריידן און נישט פילן זיך ווי ווילד־פרעמדע וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין אַ פרעמד לאַנד. זאָל מען זיך גאָר קענען ריכטן אויף אַזאַ אומגליק! עס זיינען דאָך פאַראַן אַזויפיל יידישע בעלי־מלאכות. און אַרבעט בשעת מלחמה איז דאָך מיט גאָלד צוגלייך. מ׳דאַרף מונדירן, מ׳דאַרף שטיוול, און די יידישע שניידער, שוסטער קענען דאָך צוטראָגן זייער פיל צום מלחמה־אָנשטרענג, איז ווי איז עס מעגלעך, אַז מ׳זאָל זיי גאָר וועלן אויסראָטן!

עס קומט אויס אַז ווען דער רשע האַנדלט ווילד־רצחנותדיק אַזוי, אַז דער מענטשלעכער שכל־הישר זאָל עס נישט קענען באַנעמען, וועט אים קיינער נישט שטערן אין זיינע מעשים תעתועים, ווייל קיינער וועט נישט גלייבן, אַז זיי זיינען געטאָן געוואָרן, ממילא וועט קיינער זיי נישט פּרובירן אָפּשטעלן, אָפּשרייען.

שמחה בונעם, ווילנדיק נישט ווילנדיק, ווערט אָנגעשטעקט מיט דער חולאת וואָס הייסט גאָלדזוכט, עס איז אַזאַ מין „געלער״ קדחת, וואָס וועט קיין קרעמער נישט דורכלאָזן...

„שמחה בונעם האָט זיך איצט איינגעגעסן אין געוועלב, וואָס האָט אויפגעלויכטן מיט יעדן שאַכטעלע, אין וועלכן ס׳זאָל נישט זיין קיין זאַלץ, קיין אַרבעס — נאָר בריליאַנטן! נאָר אַ משוגענער האָט געקענט אויסטראַכטן, אַז ער האָט אַ שפּייז־געוועלב, און וואָס גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן פון זיין טאַטן, פון זיין זיידן... אַז ער האַנדלט גאָר מיט ברי־

ליאַנטן! טיי, קאַווע, אויל — דאָס זײַנען אַלץ בריליאַנטן!... ער איז שוין אָנגעשוואָלן מיט געלט... ס'ווייב זײַנס טראָגט אויף יעדן פינגער אַ קאַראַט מיט אַ האַלבן, און אויך נאָך אַ גרעסערן שטיין. און האָט שוין אויך געוואָרפן אַן אויג אויפן «קאָרנערדיקן» הויז, וואָס איז שוין אַזוי גוט, ווי ביי אים אין קעשענע...״ (זז. 90־89).

„די טאָכטער זײַנע עסט שינקע, אָבער נישט אין שטוב...״ (ז. 91).

„מ'האָט גוזר געווען אויף זייער ברויט און בוימל צוליב זייער ווײַן, און אויף זייער ווײַן צוליב זייערע טעכטער, און אויף זייערע טעכטער צוליב עפּעס אַנדערש״ (שבת, י״ז, ע״ב).

אַז מ'פירט דעם קריג צוזאַמען, און מ'עסט און טרינקט צוזאַמען, איז וואָס נאָך דאַרף מען האָבן, אַז ליבעס און געמישטע חתונות זאָלן אַרויסקומען!

„ס'קומען אַפילו יאָ יונגען צו איר [צו שיינען], אָבער אַלע אין זעלנערישן. די יונגען איז זעלנערישן שרעקן זי... מיט אַזוינע יונגען, ווײַסע פּלאַקסענע קעפּ... זאָל איר [דער מאַמען] נישט איינפאַלן ס'האַרץ פון זיי?״ (דאָרט).

שמחה בונעם ווייסט פון איין מיטל קעגן אַלע טענטאַציעס, און דאָס איז די קראָם. ער וויל זיין שיינען „איינשפּאַנען אין געוועלב״. זי לאָזט זיך אָבער נישט. איר קריכט נישט אין קאָפּ די קראָם און דאָס לייזן.

„מיר זײַנען אַריין אין דער מלחמה, און פאַרגיסן אַזאַ טייער יונג בלוט — צוליב געלט?״ (ז. 82) וואַרפט זי אים צוריק זיין פאָרשלאָג מיט אַ שמייכל איבערן פּנים.

אַז שמחה בונעם מיטן ווייב קומען שפּעט אַהיים, זיך אַרויסגעריסן פון געוועלב, געבראַכט מיט זיך „דעם זאַק רויב״ — זײַנען זיי געבליבן שטיין אין אַ ליידיקער שטוב... און אַ ווייגעשריי רייסט זיך פון זייערע בלאָנדזשענדיקע בליקן און בלוטיקנדיקע הערצער:

„און וווּ קען זי ערגעץ זיין, די מאַמע שיינע?״ (דאָרט).

יח.

# דער קרבן — אל מלא רחמים

עס דערלאַנגט ווי אַ דונער די שלעכטע בשורה: סעם איז געפאַלן אַ קרבן אויפן מזבח פון הייליקן פאַטערלאַנד... ביי שמחה בונעמען איז ער שלמה... ער קומט אום אויף קידוש־השם... „זיין קידוש־השם וועט אייביק לעבן אין אַלע דורות נאָך אים..." (ז. 113).

דאָ קומט פאַר אַ טרויער־פייערונג פון דער גאַנצער שכנהשאַפט צו ערן דעם אָנדענק פון געפאַלענעם קרבן.

אויף אַ פּאָר צונויפגעקלאַפּטע ברעטער... זיצן פאַרנעמע לייט; עפּעס אַ ייִד מיט אַ שטיק באָרד, און צוגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ קאַפּל, — וואָס זאָל דורך דעם זיין אַ רבֿ; איינער, להיפּוך: מיט אַן אָפּגעגאָלט פּנים, אַל־פּאַגן רעקל, אַן אויפגעשטעלטן ווייסן קאָלנער אַרום האַלדז, וואָס דאַרף אים דערמיט אַרויסטיילן פון די אַנדערע — ער איז אַ גלח... מיט זיי זיצן נאָך אַנדערע... בלויז ער, שמחה בונעם, דער מחותן אַליין, שטייט... (ז. 100).

דער אונטערשייד פון רבֿ און גלח איז אַזוי קליין און אַן באַדייט... אַ ייִד, ווי שמחה בונעם, וואָס איז געוווינט צו די פּוילישע רבנים און רביים, ווי קען ער קוקן אויף אַזאַ מין, נישט אַהער און נישט אַהין, נישט צו אמתע ייִדן און נישט צו גאָט, רבֿ! ביי אים אין קאָפּ זיצט נאָך על כסא־הרבנות דער אמתער מרא־דאתרא. און דאָ, אויף דער צונויפגעקלאַפּטער פּלאַטפאָרמע עפּעס אַ פּאַרזעעניש וואָס איז כמעט אַ גלח נאָר נישט קיין געשמדטער...

„דאָס גאָלדענע שטערנדל באַקומט איצט סעמי, דער ייִדישער בחור פון דער גאַס; דאָס איז שוין דאָס דריטע"; דאָס ערשטע האָט געקראָגן אַ פּאָליאַק, דאָס צווייטע אַן איטאַליענער. „איצט קען אויף דער גאַס קיין איינער אויפן אַנדערן נישט האָבן קיין שלעכט האַרץ... אַלע דריי גלייכע מיוחסים... געוואָרן איינס... פאַר גאָט... פאַר די מענטשן... און פאַרן לאַנד... און אויב יענע האָבן געקענט שטאַרבן אינאיינעם, זאָלן די קענען אינאיינעם לעבן" (זז. 102־101).

אָבער שטאַרבן אויפן פראָנט אָדער אויף אַ באַריקאַדע שטאַרבט מען דאָך איין מאָל, עס איז אַ הערויִשע אַקציע בשעת אַ געפאַר, אום אָפּצו־ווערן אַ קאַטאַסטראָפע, אָפּשלאָגן אַ שונא וואָס גייט אויף זיי אַלעמען,

אויף זייער אַלגעמיין לעבן, האָב און גוטס — זייער לאַנד; און לעבן דאַרף מען טאָג־איין טאָג־אויס, עס איז אַ לאַנגע סעריע פון האַנדלונגען, וואָס זיינען גאַרנישט אַזוי הערויִש, וואָס זיינען מעשׂים בכל יום, גרוי, פּאַרנעפּלט און דאָס איז גאָר אַן אַנדער סיטואַציע. צו ל ע ב ן איז־איינעם איז אַ סך שווערער ווי ש ט אַ ר ב ן צוזאַמען... פאַר איין אי־דעאַל אָדער פּאַטערלאַנד...

„...נאָר דערווייל זיינען צווישן זי דאָ קנאַפּע בעלנים אויפן שידוך... זיי ווענדן זיך שוין דאָ מוזן אויסקאָכן באַזונדער אין זייערע טעפּלעך, ביז אין טויט אַריין...“ (ז. 102).

דאָס אַלץ אין פּריוואַטן וואָכעדיקן לעבן, אָבער בשעת אַ פּאָליטיש לאַנד־שמחה צי טרויער — קלאַפּן אַלע הערצער אין אוניסאָן, אַפילו ביי דעם אַלטן דור, ביי דעם יונגן איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

„...אַ מויד ווי אַ ליכט, אַ פלאַקער, מיט אַ צעפלויגענעם קאָפּ האָר... גיט זי אַלע אַ נעם מיט זיך... די מויד פליט, און די גאַנצע גאַס מענטשן פליט מיט איר מיט: «גאָט בענטש אַמעריקע! דאָס לאַנד פון אייזן, פון צין, פון בליי און פון קופּער; פול וואָל, פון שאָף... פון האָלץ, פון שטיין און פון פעלדזן; פון ים, פון וואַלד, און זיסע טייכן; פון גליענדיקן מדבר, גרינע גערטנער, האָזן, לעמפּערטן, אָדלערס...»“ (דאָרט).

אַלץ איז פאַראַן אין רייכן לאַנד און אַלע זיינען שותּפים אין דער עשירות. הגם דאָס לאַנד געהערט צו זיי אַלעמען בלויז פּאָליטיש, און עקאָנאָמיש איז זי גאָר איינגעשטעלט אויף פּריוואַט־באַזיץ; און איינגע־טיילט איז דער באַזיץ אין משפּחות, אָדער גאָר איינצלנע פּערזאָנען אייגנ־טימער. פילן זיי זיך דאָך דערהויבן פון דעם שפע. אַז עס איז פאַראַן אַ סך, וועט יעדן איינעם עפּעס צופאַלן, איינעם מער, דעם אַנדערן ווייניקער, אָבער אינגאַנצן אויסגעלאָזט וועט קיינער נישט בלייבן. עפּעס וועט ער שוין געניסן. פונקט ווי אַ טייך, ערטער טיפער, ערטער פלאַכער; אָבער אַז דאָס וואַסער גיט זיך אַ הייב, צעגיסט זיך עס איבערן גאַנצן שטח און יעדער פונקט קריגט עפּעס צו פון דער מזל־ברכה. כאָטש נישט איין לאַנדווירטשאַפט געפירט פון אַלעמען, פילט זיך פאָרט עפּעס יע־דער פון זיי, ווי זיי וואָלטן געהערן צו איין נאַציאָנאַלן טראָסט: „כל אמע־ריקאַנער חברים“, איין קאָמערציעלע אָדער אינדוסטריעלע קאָמפּאַניע, אין וועלכער זיי האָבן גלייכע חלקים...

„...איטאַליענער, יידן, פּאָליאַקן — דערפילן דאָס עשירות אויף זייע־

רע לייבער, אויף זייערע רוקנס, און דער כישוף פון דעם אַלעם גלייכט זיי אויס...״ (דאָרט).

נאָך דעם ווען אָט־די שטימונג פון אחדות אין רחבות, אין פריידן און אין ליידן וואַקסט און צעוואָרעמט דעם עולם, שטעלט זיך אויף דער „רב״: „אַלע זאָלן דורכאויס וויסן, אַז אַ יידישער בחור... האָט אויסגע־הויכט זיין אָטעם פאַר דעם אַלעם גוטן, וואָס רינט זיי איבער די מייד־לער״. (ז. 103).

דער ייד איז נאָך אַלץ נישט זיכער מיט זיין פּאָזיציע. די שונאים לויערן אויף אים. און ער וויל זיך באַוואָרענען און לאָזן אַלעמען וויסן, אַז די בלבולים און זלזולים, וואָס די בייזע צינגער פון די שונאי־ישראל טראַכטן אויס אויף אים, איז שקר וכזב; אַז ער איז געטרײַ דורכויס און דורכויס. ער דאַרף נאָך אַלץ באַטאָנען, אַז דער פּרײַז וואָס ער צאָלט, דעם עול וואָס ער טראָגט, איז נישט קיין קלענערער און נישט קיין לייב־טערער פון וועמענס עס איז אַן אַנדערנס. ער געניסט דאָ מענטשלעכע רעכט און ער ווייסט פון זיינע פליכטן, ער דערפילט זיי אויפן בעסטן און איבערגעבנסטן אופן. זאָלן זיי עס אַלע וויסן, למען דעת...

אַזוי נעמט ער זיך וואַרעם שאָקלען, מיט אַ יידישלעכן ברען... און אויסזינגען מיטן אַלטן ניגון...

אל מלא רחמים... שוכן במרומים... את נשמת שלמה... אשר הלך לעולמו על קידוש השם... קידוש האומה... קידוש אמונה... וקידוש המדינה... (דאָרט).

אָט־די ווערטער, דווקא דערפאַר, וואָס כמעט קיינער פון עולם פאַר־שטייט נישט זייער פירוש־המילות, דווקא דערפאַר, וואָס זיי לאָזן זיך הערן בלויז ווי אויסטערלישע קלאַנגען, ווירקן זיי שטאַרקער, רודערן זיי אויף די געמיטער טיפער, מאַכן קלאַפּן די הערצער פעסטער. דאָס איז דער צויבער און מאַגיק פון דאָס מיסטעריעזע, פאַרהוילענע און אומ־פאַרשטענדלעכע.

ווייל ווי קען טויגן דער לשון, וועלכן מ׳פאַרשטייט און מען גע־ברויכט אין גאַס, אין מאַרק, אין געוועלב, און וועלכער איז אַזוי פאַרבי־ליקט און פאַרקויטיקט פון זידלערייען, קללות און ליגנס־זאָגן און נאַ־רישקייט־ריידן, ווי קען ער גאָר דינען פאַר אַזאַ הייליק און פייערלעכער אויפגאַבע, אַזאַ אויסנאַם־פאַל, ווי דאָס פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אַ

קרבן, וואָס איז געפאַלן פאַר דער פרייהייט פון זיין לאַנד און די פעלקער וואָס געפינען זיך אין אים.

פאַר אַזאַ צוועק דאַרף מען האָבן אַ באַזונדער לשון, וועלכן מ׳האַלט פאַרבאַהאַלטן בחדרי־חדרים, איינגעוויקלט אין קדושה וטהרה, ווייט פון דעם שטויב פון לשון־הרע, רכילות־טרייבעריי און שמוציקע רייד, און מ׳נעמט אים אַרויס ספּעציעל פאַר אַזאַ פייערלעכער געלעגנהייט. „אַ געפעס וואָס ווערט געברויכט פאַר הייליקע זאַכן קען מען נישט געברויכן פאַר וואָכעדיקע באַדערפענישן״. (בבא מציעא, פ״ד, ע״ב).

און דאָס וואָס מ׳פאַרשטייט נישט די ווערטער, איז גאָר אַ מעלה, נישט קיין חסרון. ווייל ווען מ׳פאַרשטייט נישט דעם פּראָסטן ווערטערלעכן טייטש פון דאָס געזאָגטע, קען יעדער אין דעם, אין די מאָדנע קלאַנגען און טרויעריקן ניגון, אַריינטייטשן וואָס ער פילט נאָר אין הארצן, אַריינטאָן אין זיי זיין שווערן געמיט.

ווערטער זיינען, בכלל, כבד־פּה׳ס. זיי זיינען נישט ביכולת איבערצוגעבן געגוי מענטשלעכע אינטימע איבערלעבונגען און שטימונגען. ווען די ווערטער זיינען אומפאַרשטענדלעך ווערן זיי אין דער בחינה פון מן אין דעם מדבר, יעדער פילט אין זיי דעם טעם וועלכן ער וויל פילן, וועלכער ליגט אים אין מויל. יעדעס גייסט פלאַטערט אויף זיין שטייגער, און דער נוסח, הגם ער איז אַ שאַבלאָן וואָס איז שייך זיינע ווערטער און זילבן, איז אינגאַנצן פריי און לאָזט זיך אויפנעמען פון יעדן איינעם לויט זיין פאַרלאַנג. ער ווערט אינטים פערזענלעך, אינגאַנצן אין רשות פון מתפלל, וואָס רעדט אַרויס די ווערטער, אָדער הערט זיך בלויז צו צו זיי. אַן אומפאַרשטענדלעך לשון קען ווערן פאַר יעדן איינעם זיין פערזענלעך לשון, אַלץ וואָס ער דאַרף דערצו איז בלויז נוצן זיין אייגענעם ווערטערבוך.

אַ תפילה וואָס איז „די עבודה וואָס קומט פאַר אין האַרצן״ (תענית, ב׳, ע״א) דאַרף זיין ענטוועדער אָדער, ענטוועדער פאַרפאַסט פון מתפלל, וועלכער געברויכט זיינע אייגענע ווערטער וואָס ער טראַכט צו פאַר דעם געגעבענעם פאַל, און דעמאָלט קומען זיי פאַרוועבט און פאַרוויקלט אין אייגענע געפילן, אָדער זי דאַרף זיין אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך און דעמאָלט איז זי אַזוי גוט ווי אַן אינדיווידועל געשאַפן אייגן־פערזענלעך געבעט און תחנונים.

מיט דעם דערקלערט זיך דער אומגעהויער שטאַרקער רושם, וואָס

אַנדערע געבעטן מאַכן (ווי דהיינו, כל נדרי). זיי האָבן עס צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס ס׳רוב פון די מתפללים פאַרשטייען נישט די ווערטער און ממילא זיינען זיי נישט געוויר פון דער פּראָזאַאישקייט פון דעם תפילה־אינהאַלט. זיי זיינען גאָר נישט חושד אַז די „געהויבענע״ תפילה האָט גאָרנישט מיט וואָס זיך איבערצוגעמען, אויב מען נעמט אירע גאַלע זאַצן און סענטענצן אַזוי ווי זיי שטייען אין קאַנאַניזירטן טעקסט.

מער פון אַלץ ווירקט דאָס אומבאַקאַנטע, דאָס אומבאַשטימטע.

בכלל ריידנדיק, דער רעליגיעזער געפיל איז שוין גאָרנישט אַזאַ עני ואביון, אַז מיט אַ פּאָר פּרוטות פון אויסגעדראָשענע ווערטער, וואָס מען וואַרפט אים צו ווי אַ נדבה, זאָל ער זיך שטעלן צופרידן. איבערהויפּט נאָך ווען די סטרונעס פון דער האַרף אין דער מענטשלעכער זעל נעמען ציטערן און אונטערברומען, דעמאָלט זיינען גאָר נישטאָ אַזעלכע ווער־טער, וואָס זאָלן קענען טאָן זיי זייער רעכטס.

„און ביי די יידן אויף דער גאַס, נישט קיין חילוק: מעג זי זי ברעכן מיט איטאַליענער, מיט טאַטערן, מיט כינעזער, מיט גריכן, מיט סיריער, שפּאַנישע חברה, אויך מיט רוסן מכל המינים, — מוזן די אויגן נעמען אַרומשווימען און זיך פייכטן; און די ווייבער, ווער זיי זאָלן נישט זיין, ווו זיי זאָלן נישט זיין און מיט וועמען — הויך זיך צעוויינען״. (דאָרט).

## יט.

# די יידישע משפּחה־פּאַנאָרפּאַל

גבעליבן אָן „אַ קדיש״, אָן אַ יורש, אָן אַ המשך...

„ס׳איז נישט געווען באַשערט, אַז דער נייער דור זאָל פון אים אויפ־גיין... גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, צי ער וועט נאָך בכלל אויפגיין?... אַלע מאָל אַז ער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן, זיינען ביי אים צוקאָפּנס געלעגן גאַנצע מדינות, ברייטע, מיט פון טויזנט יאָר — יידישע קהילות; און איצט, אויב ס׳זאָל שוין צוקאָפּנס מער גאָרנישט זיין? און ס׳איז דאָרטן אַ מדבר — ווו און ביי וועמען וועט עפּעס אויפגיין?... פון דער טאָכטער זיינער, צי פון זייערע טעכטער, די ברעטלדיקע מייד־לעך — וועלן נאָכקומען אַזוינע דורות ווי יענע?״ (ז. 104).

ער האָט געזען גרויסע וויזיעס. דער אינסטינקט פון יידישן גזע האָט

אים געמאָלן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע בילדער פון ייִדישן אויפקום, פון צע־וואקסענעם און צעצווייגטן, פאַרמערטן שטאַם.

בסך־הכל האָט ער פאַרמאָגט איין זון, אָבער געטרוימט האָט ער, ווי אברהם אבינו, פון אַ געזעמל, וואָס וועט זיין ווי דער זאַמד אויף די ברעגעס פון ים און ווי די שטערן אין הימל (בראשית ט״ו, ה׳). אַ סך קהילות, טויזנטיאָריקע פאַרפונדעוועטע אין קדושה ייִדישע געמיינדעס.

דער טרוים און די הבטחות זיינען אָריענטאַליש גוזמאדיק.

און שפּעטער־צו איז דער חומש אַליין אריבער אין קעגנזאַץ, אָנ־שטאָט זיך יאָגן נאָך קוואַנטיטעט פאַרקירעוועט ער אויף קוואַליטעט. „נישט דערפאַר וואָס איר זענט מער פון אַלע אַנדערע פעלקער האָט אייך יהוה געגלוסט און האָט אייך אויסדערוויילט, וואָרום איר זענט דאָס ווינציקסטע פון אַלע פעלקער״ (דברים, ז׳, ז׳). ער רעדט וועגן דער חשי־בות פון ייִדנשאַפט וואָס איז אַ יקר־המציאות, אַ זעלטנהייט אין דער וועלט פון די פעלקער. אויב מ׳איז אַ מוסטער־פאָלק, אויב מ׳איז דער זאַלץ פון דער וועלט (מאַרקוס 90, לוקאַס, 14, 34) איז וויפל זאַלץ דאַרף מען עס האָבן צו פאַרזאַלצן אַלע שטאַמען און דאָך נישט איבער־זאַלצן? פילע וועלן געווען, ווייניקע זיינען זוכה צו זיין צווישן די פאַר־בעטענע און אויסגעקליבענע.

אָבער די אויגן פון זיין פאַרשטעלונג זיינען געווען גרויס, צו גרויס.

און וואָס איז מכוח זיין טאָכטער?

אַ טאָכטער ביי אַ פאָטער איז אַ פאַלשער מטמון, פאַר שרעק שלאָפט ער נישט קיין נעכט; ווען זי איז קליין, מען זאָל זי נישט פאַרפירן, ווען זי איז רייף, טאָמער וועט זי זינדיקן, אַ בוגרת — טאָמער קריגט זי נישט קיין חתן... (סנהדרין ק׳, ע״א), קיין פּאַסיקן חתן... און די אומפּאַסיקייט אין מדינת אַמעריקע קען גיין זייער ווייט, אַזש אַריבער דעם גדר פון אייגענעם שטאַם... און אַפילו איבער דער גרענעץ פון קאָליר...

יעקב האָט געהאַט איין טאָכטער און וויפל צרות, חרפּות און ביזי־שים, מער ווי פון אַלע זיינע זין...

די צוגעבונדנקייט צו דער משפּחה שטייגט אַלץ אַריבער, ווייל די משפּחה, די גזע אידענטיפיצירט זיך מיט גאָטהייט אַליין. דער קדוש־ברוך־הוא, און די תורה און ישראל זיינען אויסגעבונדן (זהר ויקרא ע״ג, ע״א), אויסגעקניפּט אין איין קנופּ. זיך מקריב זיין פאַר דער משפּחה, פאַר דער ייִדישער גזע איז אמתער קידוש־השם. אַפילו דער אייבערשטער

נעמט זיך דאָך אַלעמאָל איבער מיט דעם, וואָס ער איז דער אלהים פון די אבות, פון די פאָטערס פון יידישן שטאַם. אַזוי באַווייזט ער זיך און שטעלט זיך פאָר פאַר יצחקן (בראשית, כ״ו, כ״ד), אַזוי שטעלט ער זיך פאָר פאַר יעקבן (דאָרט, מ״ו, ג׳), און אַזוי רעקאָמענדירט ער זיך צו משהן, ריידנדיק פון סנה אַרויס (שמות ג׳, ו׳). ער קומט אין נאָמען פון טאַטן און זיידן. ער שטאָלצירט מיטן יחוס, מיט דעם וואָס דער טאַטע און זיידע האָבן געשלאָסן מיט אים אַ בונד פון פריינדשאַפט און גע־טריישאַפט...

און ישראל איז די תורה אין אַ פאַרלייבטער פאָרעם. ישראל איז מאָראַל פאַרקערפּערט. עס איז אַ גרויסער סאָציאָלאָגישער אויפטו. אַ גרויסער חידוש אין געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן. ישראל איז נישט סתם אַ אומה, סתם אַ גזע. אַ לערע איז אַריינגעטאָן אין ישראלס לייב און בלוט. די פאַרבינדונג פון די קינדער פון ישראל האַלט זיך נישט אויף בלויז בלוט, עס איז אַ בדמיך חיי (יחזקאל ט״ז, ו׳), אַ לעבנס־פּרינציפּ. אַן אייביק לעבן איז אַריינגעשפּריצט אין אָט־דעם יידישן בלוט־שטראָם. אָט־דער שטראָם מוז לעבן אין עולם־ועד אַריין. ווייל כל־זמן ער לעבט, זאָגט ער עדות, אַז גייסט, מאָראַל איז אַ כוח אין דער געשיכטע, איז דער שטאָף, וואָס גייט אַריין אין וועלט־געבוי. „איך וועל נישט שטאַרבן, ווייל כל־זמן איך לעב, פאַרצייל איך די טואונגען פון יה, פון געטלעכקייט (תהלים, קי״ח, י״ז) אין דער היסטאָריע פון דער מענטשהייט.

שמחה בונעם איז אַזוי צונויפגעשנורעוועט מיט זיין משפחה, אַז ער קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן ווי אַזוי זיין טאָכטער וועט זיך באַגיין אָן דעם ברודער אירן.

„און ווער איז נאָך אַזוי נאָענט צום האַרץ, אַז מ׳זאָל זיך קענען וואַרפן צו אים אויפן האַלדז, — ווי אַן אייגענער ברודער?״ (ז. 109).

אין פאַרצייטיקע משפחות איז עס געווען דער ברודער, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר דער באַליידיקונג פון דער שוועסטער, ווי שמעון און לוי, וואָס האָבן אויסגעהרגעט אַ שטאָט, שכם, נעמענדיק ראָכע פאַר דער ערע פון זייער שוועסטער (בראשית ל״ד, ל״א); עס איז אויך געווען דער ברודער וואָס האָט אויסגעגעבן די שוועסטער, ווי לבן וואָס איז דער פיר־שפּרעכער אין די שידוך־פאַרהאַנדלונגען מיט אליעזרן.

די פעדים פון דער צונויפבאַהעפטער משפחה זיינען דער אינדרייען־

געפּלאָכטענער שניירל, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט איבעררייסן: זיידע־טאַטע און זון אָדער טאָכטער. דאָס איז די צעל פון פאָלק.

די יידישע משפחה איז אַן ענדאָגאַמישע: די הייראַטן קומען פאָר אין די גבולים פון קרובהשאַפט. ווּעמען נעמט אברהם פאַר אַ ווייב? אַ האַלב־שוועסטער, „פון איין טאַטן אָבער נישט פון איין מאַמען" (בראשית כ׳, י״ב). און מיט וועמען האָט נחור, אברהמס ברודער, חתונה? ער נעמט מלכהן, אַ פלימעניצע, דעם פאַרשטאָרבענעם ברודערס, הרן, טאָכטער, לוטס שוועסטער.

וואָס זאָגט אברהם אַן אליעזרן? „איך באַשווער דיך דו זאָלסט נישט נעמען קיין ווייב פאַר מיין זון פון די טעכטער פון דעם כנעני, וואָס איך וווין אין זיין לאַנד..." (בראשית כ״ד, ג׳) נאָר דווקא פון דעם אייגענעם פאַמיליען־קרייז, זיין ברודערס אַן אייניקל.

און וואָס זאָגט רבקה צו יצחקן? מיר איז נמאס דאָס לעבן צוליב די טעכטער פון חת, אויב יעקב זאָל נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון חת, פון אַט־די טעכטער פון דעם לאַנד, וויל איך עס בעסער נישט דער־לעבן (דאָרט, כ״ז, מ״ו).

כאָטש דאָס איז בלויז אַ תירוץ, זי וויל פאַררייִדן די ציין דעם אַלטן בלינדן יצחקן, אָבער אַן אמת שטעקט אין דעם. זי האָט געוואָלט דער־גרייכן צוויי צוועקן מיט איין מאָל: ראַטעווען יעקבן פון די הענט פון עשון, וואָס האָט זיך באַרימט אַז ער גייט דערהרגענען יעקבן (דאָרט, פסוק מ״א), און טאַקע אים אויך אַרויסראַטעווען פון די שויסן פון די טעכטער פון חת.

און יצחק זאָגט אַן יעקבן: „זאָלסט נישט נעמען קיין ווייב פון די טעכטער פון כנען, גיי קיין פדן־ארם אין הויז פון בתואל, דיין מוטערס פאָטער און פון דאָרטן נעם זיך אַ ווייב פון די טעכטער פון לבנען, דיין מוטערס ברודער" (דאָרט, כ״ח, ב׳).

דער קרייז איז אַ געשלאָסענער.

אַפילו עשו האָט זיך מיט דעם פאַרלאַנג פון זיין פאָטער און דער צוזאַמענגעקייטלטקייט פון דער פאַמיליע געמוזט רעכענען (דאָרט, כ״ח, ח׳).

און שמחה בונעם און זיין ווייב קלאַמערן זיך איצט אַן אַ פאַר־צווייפלטער האָפענונג, אַז דורך דער טאָכטער זאָל זייער גזע אויפגעבויט

ווערן; זיי טרינקען זיך אין יאוש, כאַפּן זיי זיך אָן אָן אַ שטרוי, הגם זיי פילן אַז ער איז אַן איבערגעברענטער...

„יענער ווינקל, סעמעלעס, איז פאַרגאַנגען, און דער אַנדערער, איי רער, איז אַרויפגעקומען; די מאַמע שיינע איז אויך אַ קינד; און ווערנדיק איינאייניציק — איז זי שוין נישט סתם קיין קינד, נאָר אַן אויג אין קאָפּ. און זיי טוליען זיך צו איר ווי צו אַ ווייסער טויב... ווען זי זאָל קומען מיט איר באַשערטן אין שטוב אַריין און, מיט מזל, חתונה האָבן..." (זז. 110־111).

אָבער אויך די טרייסט איז זיי נישט באַשערט... „אַ געיעג מיטן שטן... ער האָט פאַרשפּילט דעם געוועט" (ז. 104).

די אַלטע שרעק וועקט זיך פונדאַסניי. „האָט זיך אַ נייע שרעק אַרויפגעצויגן אויף זיי... די הויכע בלאָנדע יונגען מיט די פלאַקסענע קעפּ האָר... «זיין קינד ביי דעם יונג אויף די קני!»... דו... אַ יידיש קינד... און ער? ווער איז ער, וואָס דו לאָזט זיך אַזוי צו צו אים?

— איינעם וואָס מ׳האָט נישט ליב, לאָזט מען נישט צו זיך אַזוי צו..." (זז. 112־111).

און שמחה בונעם ווייסט שוין אַז ער האָט פאַרלאָרן אין דער מלחמה זיין צווייט קינד... דעם זון האָט ער אָוועקגעגעבן פאַר אַ קרבן, אַ הייליקן קרבן. ער האָט געהאַט די זכיה אומצוקומען אויף קידוש־השם פאַר זיין טאַטן און יידן (ז. 112) אָבער די טאָכטער, וואָס טוט זי, אויף וועלכן מזבח? פאַר וועלכן אָפּגאָט?

„— דו, אַ יידיש קינד... וואָלף בריזעוועדס אייניקל... צו דיין יידן אויפן קבר קומען יידן לייגן קוויטלעך... און ער?... אַ יונג פון דאַקאָטאַ... פון ערגעץ אַ בלאָטע...

— דאָרט איז שוין מער קיינער פילייכט נישטאָ; און דו ביסט די איינציקע פון אונדזער גזע... גייסטו אָפּשניידן מיט זיך דעם לעצטן זכר פון אונדז, אַז ס׳זאָל גאָר קיינער נישט זיין? קיינער מער נישט זיין?" (דאָרט).

זיין משפחה גייט אונטער. צעריסן אַ קייט, צעפאַלן די רינגעלעך. נישטאָ מער. אַלץ אויס, אויס...

שמחה בונעמען אינטערעסירט נישט ווער דער פלאַקסענער קאָפּ איז. אפשר פון גרויס יחוס, פון רייכטום. ביי אים איז דאַקאָטאַ אַ זי־בערער זומפּ אין וועלכן עס טונקען זיך רוחות און שדים... וויבאַלד נישט

פון אייגענעם שטאַם — איז אויס. עפנט זיך דער תהום און ער שלינגט איין זיין טאָכטער.

ישראל איז אַן „עם לבדד ישכון" (במדבר כ"ג, ט'). ער אַסימילירט זיך נישט, און וויל קיינעם נישט אַסימילירן, וויל זיך נישט אויסמישן מיט פרעמדע בלוטן.

חמור מאַכט אַ פאָרשלאַג:

„די זעל פון מיין זון שכמען גלוסט נאָך אייער טאָכטער. גיט זי אים, איך בעט אייך, פאַר אַ ווייב. און זייט זיך מתחתן מיט אונדז; אייערע טעכטער וועט איר אונדז געבן, און אונדזערע טעכטער וועט איר אייך נעמען. און איר וועט זיך באַזיצן ביי אונדז, און דאָס לאַנד וועט זיין אייערס; באַזעצט זיך און פאַרקערט דרינען און באַפעסטיקט אייך אין אים."

און שכם גיט צו:

„לאָמיך געפינען לייטזעליקייט אין אייערע אויגן, און וואָס איר וועט מיר זאָגן, וועל איך געבן. פאַרלאַנגט פיל אויסשטייער און געשאַנקען, און איך וועל געבן אַזוי ווי איר וועט מיר זאָגן, נאָר גיט מיר דאָס מיידל פאַר אַ ווייב" (בראשית ל"ד, ח'־י"ב).

דעם אָנבאָט צוריקגעשליידערט מיט פאַראַכטונג.

מלך אשור האָט באַזעצט פאַרשיידענע שבטים אין לאַנד ישראל, זיי האָבן זיך באַזעצט אין שומרון און אין אַנדערע שטעט. זיי האָבן זיך מגייר געווען... געוועזן העלפט אויף העלפט יהוה־דינערס און געצנדינערס. מען רופט זיי לייבן־גרים, אָדער שומרונים, אָדער כותים. מ'האָט זיי נישט אַריינגענומען (מלכים ב', י"ז, כ"ד־מ"א), הגם די יידן אין יענער צייט זיינען נישט געווען בעסער, בנוגע ריינקייט פון קולט, פון אָט־די איבערגעוואַלדיקע פּראָזעליטן. אַנדערע פעלקער אַמאַלגאַמירן זיך גערן. זיי שלינגען אַראָפּ וואָס עס לאָזט זיך נאָר, אַבי די באַפעלקערונג זאָל ווערן גרעסער און ווי נישט ווי „צונויפקלאַפּן" אַ פאָלק. יידן עסן נישט עטנאָלאָגיש נישט נאָר קיין טריפות, אַפילו נישט פון קיין סרכא. אַ גר איז פאַררעכנט ווי אַ ייד, ווי אַ געבוירענער ייד. אָבער אַז עמיצער קומט זיך מגייר־זיין רעדט מען אים אָפּ. צו פּראָזעליטיזם האָבן זיך די יידן פאַר־האַלטן צייטנווייז זייער נעגאַטיוו (יבמות מ"ז, ע"ב), אָבער קיינמאָל נישט ענטוזיאַסטיש פּאָזיטיוו. זיי זיינען נישט אויסגעפאָרן וועלטן צו באַקערן ווילדע שבטים.

פאַרוואָס? ווייל אויב מיר זיינען אויסגעקליבן, אַן „עם־סגולה״ (שמות י״ט, ה׳), אַ מוסטער־פאָלק, דאַרפן מיר אַליין ווייזן דעם ריכ־טיקן ביישפּיל און לאָזן יענעם זיך פאַרקוקן אויף אונדז און זיך אַראָפּ־נעמען אַ מוסר, נאָכטאָן אונדז. אונדזער הנהגה דאַרף זיין פון אַזאַ הויך, אַז זי זאָל פאַרדינען אימיטירט צו ווערן. און מיר האָבן זיך אַלע מאָל געפילט זינדיק. איז וואָס זאָלן מיר גיין לערנען יענעם, אַז מיר אַליין היטן נישט אָפּ שטרענג דאָס מאָראַלישע געזעץ. מיר האָבן אויפגעפּאַסט די יידישע לערע, ווי אַן עטישע לערע. אַן עטיקער הייבט אָן מיט זיך, אַ פּאָליטיקער תמיד מיט יענעם, מיט פּראָפּאַגאַנדע, מיט באַקערן. דער אמתער מוסרניק אַרבעט אויף זיך און ער ווייסט ווי שווער עס קומט אים אָן צו ווערן אַ בעל־מדרגה, איז וואָס זאָל ער גיין זוכן אָנהענגער פאַר זיין שיטה, ווען ער ווייסט, אַז ער איז נאָך מיט זיך אַליין נישט פאַרטיק?

זוכן גרים, שיקן מיסיאָנערן צו זוכן, געפינען, און „מאַכן״ גלויביקע איז קעגן דעם יידישן ראַפינירטן געשמאַק. דער ייד וואָס זאָגט „מפני חטאינו״, פילט זיך גאַרנישט אַזוי געהויבן ביי זיך, אַז ער זאָל זיך קענען איינריידן אַז מיט זיך אַליין און מיט די זייניקע, מיט די בני־ברית, האָט ער שוין עטיש, גייסטיק אויפגעטאָן וואָס ער האָט נאָר געקענט. אַלץ וואָס אים פעלט, איז אַריינקריגן פרעמדע, ראַטעווען פרעמדע נשמות. דער ייד איז נישט געפּאַרט אין זיך. ער איז נישט איבער־אָפּטימיסטיש.

„וואָרום איך זאָג אייך: גאָט קען פון די דאָזיקע שטיינער אויפשטעלן קינדער פאַר אברהמען״ (מתיא, ג׳ 9). דאָס זאָגט יוחנן דער מטביל.

אָבער פון חומש זעט מען גאָרנישט, אַז גאָט זאָל זיין אַזאַ גרויסער אויפטוער, אַזאַ בעל־פעולה אין גייסטיקע ענינים. ער האָט אַפילו פון די קינדער פון אברהמען נישט געקענט מאַכן קיין קינדער פון אברהמען אין פולן גייסטיקן זינען פון וואָרט. און בכלל גערעדט מישט זיך גאָר דער אייבערשטער נישט אי רעליגיעז־גייסטיקע אָנגעלעגנהייטן. „אַלץ איז אין גאָטס האַנט חוץ גאָטספאָרכטיקייט״ (ברכות ל״ג, ע״ב). דאָס דאַרף דער מענטש אַליין זיך איינשאַפן.

און ביי שמחה בונעמען האָט גאָרנישט געקענט אַרויפקומען דער געדאַנק צו זען באַקערן דעם איידעם, מאַכן אים פאַר אַ גר, און אַלץ וועט אַרויסקומען ווי באַדאַרף צו זיין. ער האָט דערזען פאַר זיך דעם פאַנאַנ־דערפאַל פון זיין משפחה. און קעגן דעם, אָט־דעם חורבן פון שטאַם, וואָס קען ער, נעבעך, טאָן מער ווי טרויערן אָן טרייסט...

II

# „איסט־סייד“

## פון פ. בימקאָ

געקליבענע ווערק, באַנד VIII, זז. 283—157
ניו־יאָרק 1941

1.

# שכינה — שחין

## א.

„מיר האָבן געלערנט, רבי שמעון בן יוחאי זאָגט: «קום און זע, ווי באַליבט זיינען די יידן פאַרן קדוש־ברוך־הוא, וואָרן וווהין־נאָר ישראל איז פאַרוואָגלט געוואָרן, האָט די שכינה מיטגעוואָגלט: זיי זיינען פאַר־וואָגלט געוואָרן קיין מצרים — די שכינה איז געווען מיט זיי... זיי זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין בבל — די שכינה איז געווען מיט זיי»...“ (מגילה כ״ט, ע״א).

אויף אָט־דעם זאַץ און דער דאָזיקער היסטאָריש־פילאָזאָפישער אויפ־פאַסונג האָט שמעון דובנאָוו, דער גרויסער היסטאָריקער, אויפגעבויט זיין גאַר־אינטערעסאַנטע טעאָריע וועגן דעם איבערוואַנדער פון די קולטור־צענטערס פון יידנשאַפט. לויט זיין פאַרשטענדעניש רוקן זיך די יידישע קולטור־צענטערס, ווייל זיי גייען־מיט מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס וואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד, אַפילו פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט, שפרייזן איבער ימען און רייזן איבער יבשות.

מיר שטעלן זיך אַפילו פאָר, אַז אין דעם איבערוואַנדערן ליגט איי־נער פון די טיפסטע סודות פון קיום פון יידישן פאָלק. מיר, די קינדער פון ישראל, דערלויבן זיך נישט צו ווערן צופיל פאַרזעסן נישט ביי זיך „אינדערהיים“ און נישט „אינדערפרעמד“. דאָס פאַרזעסן־ווערן ביי זיך אין אייגן לאַנד שמעקט מיט דער סכנה פון גייסטיק־אידעאָלאָגישן קאָנ־סערוואַטיזם. אָט־דער מין קאָנסערוואַטיזם האָט ווייניק־וואָס, און, אפשר, טאַקע, כמעט ווי גאָרנישט, צו טאָן מיטן פּאָליטישן צוריקגעשטאַנען־זיין.

גייסטיקער קאָנסערוואַטיזם איז אַ קראַנקייט, אַ געפערלעכע חולאת. עס צעעסט דעם גוף פון דעם פאָלקס נשמה; מאַכט אים קאַלט און אַלט, דאַר און קוואַר. דאָס איז אַזאַ מין אַרטעריאָ־סקלעראָזיס פון דער קאָ־לעקטיווער זעל, ווען די רערן, די צינורות פון יצירה, ווערן פאַרשטאָפּט, און זיי לאָזן צו איר נישט צו קיין נייע יניקה, קיין פרישע שפייז. און

בלייבנדיק אַן מזון בלייבט זי, ממילא שוין, אָן אַ שעפערישן ברכת־המזון.

דאָס נישט לאָזן זיך לאַנג פאַרזיצן און פאַרזעסן־ווערן אין דער פרעמד איז דער שטאַרקסטער און ווירקזאַמסטער מיטל, וואָס שר־של־ישראל נעמט אָן אויך קעגן דעם פלאָג פון אַסימילאַציע, וואָס עסט זיך אַריין אין דעם מאַרך און ביינער פון אַ פאָלק ביז עס פאַרצערט אים אינגאַנצן, מאַכט פון אים אַן עטנישן תל אויף לעולם־ועד.

ב.

דאָס איבערוואַנדערן איז נישט עפּעס צופעליקס אין דער געשיכטע פון יידישן געזעמל, עס איז אַ דורכגעטראַכטער מעטאָד. מען קען זיך דערלויבן צו באַהויפּטן, אַז די יידישע געשיכטע ווענדט אים אָן כמעט ווי באַוווסטזיניק, מיט אַן אויסגערעכנטן מיין און באַשטימטער כוונה. דאָס ווערט געטאָן ביודעים, נישט בלא־יודעים.

וואָס איז די כוונה? אויפצוהאַלטן אין גאַנצקייט דעם יידישן כלל. פאַר דעם צוועק ווערט דער כלל ישראל פון צייט צו צייט טראַנספּערירט פון איין לאַנד אין אַ צווייטן.

ווען די געפאַר פון אומקום דורך צופיל זיך איינלעבן מיט דער אַרטיקער באַפעלקערונג ווערט ווירקלעך, דעמאָלט קומט פאַר אַ סאָציאַלער וואַלקאַן־אויפבראַך. די איינגעזעסענע ערד נעמט ציטערן אונטער די פיס. אַ תהום עפנט זיך. און די יידנשאַפט אַנטלויפט, ראַטעוועט זיך קוים מיטן לעבן, אָדער, ריכטיקער, ווערט אַרויסגעטריבן פון דעם לאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך שוין געוונומען טיף איינוואָרצלען; און עס ווערט אַרויסגעיאָגט דווקא פון דעם פאָלק, מיט וועלכן די יידישע געמיינשאַפט, אין היפּשע טיילן אירע, האָט גאָר געהאַט בדעה זיך צו ברידערן, זיך חברן, און גיין אַזוי ווייט ביז אויסמישן זיך.

אַזוי אַז פאַר יידישער פריינדשאַפט צאָלט דער צד שכנגד מיט אומגעוויינלעכער פיינטשאַפט, מיט אַ שנאה וואָס ברענט אין בראָט. מיר באַהויפּטן, אַז דאָס איז אַן אויסגעאַרבעטער מעטאָד, ווייל מיר זעען, אַז די געשעעניש ווערט איבערגעחזרט סיסטעמאַטיש אין דער יידישער געשיכטע און אַפילו אין דער פאַרגעשיכטע. אַט־דעם דאָזיקן קאַטאַסטראָפאַלן אַרויסטרייב רופט אָן די יידישע לעגענדע „אַרויספיר", „אַרויסנעם". אונטער דעם צוגעטראַכטן וואָרט וויל דער מיטאָס פאַרהוילן אַ

גרויסן ביטערן אמתן. פֿאַרהוילט אים אָבער נישט אויף אַזויפֿיל, אַז מען זאָל זיך נישט כאַפּן, ווען מען קוקט זיך גוט צו.

פֿון אור כשדים איז אברם, מסתמא, אַרויסגעטריבן געוואָרן. דער פּסוק מאַכט דעם ענין מילד און זאָגט: „איך האָב דיך אַרויסגעפֿירט פֿון דער שטאָט אור אין כאַלדייע" (בראשית, ט"ו, ז').

יעדנפֿאַלס האָט אברם, לויט די מדרשים, געדאַרפֿט זיך ראַטעווען. און די רעטעניש איז דאָס אַרויסגעטריבן ווערן אָדער דאָס אַרויסוואַנדערן, דאָס זיין געצוווּנגען אַרויסצועמיגרירן, ווייל דאָס בלייבן צו לאַנג איז סכנת־נפֿשות; די סכנה פֿון אַסימילאַציע לויערט.

וועגן „יציאת מצרים" זאָגט דער חומש מיטן האַלבן מויל „כי גורשו ממצרים", אַז מען האָט די ייִדן אַרויסגעטריבן (שמות, י"ב, ל"ט). „און אַט־אַזוי זאָלט איר אים [דעם קרבן פּסח] עסן: אייערע לענדן געגורט, אייערע שיך אויף די פֿיס, און אייער שטעקן אין אייער האַנט, און עסט אים אין איילעניש" (דאָרט, י"ב, י"א). די איילעניש און יאָגעניש, דער בחפּזון איז אַ דערמאָנונג אָן דעם אופֿן ווי אַזוי זיי האָבן פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד.

ג.

דאָס אַרויסוואַנדערן פֿון אונדזער שטאַם־פֿאָטער האָט אים געמאַכט איבערצורייסן מיט אַ פֿאַמיליען־טראַדיציע, אַ לאַנד־טראַדיציע, מיטן באָדן־פֿאַרערונג און פֿאַרהערלעכונג. דאָס האָט אים געצוווּנגען צו פֿאַרוואַרפֿן דעם גאָט, וואָס איז אַ שטיק לאַנד, דעם אלהי־הארץ, און זיך פֿאַרקירעווען אויף אַ נייעם נישט קיין אויסגעטראָטענעם וועג. ער ווערט אַזוי אַרום דער ערשטער פּאַטריאַרך פֿון אַ נייעם שבט. און דאָס באַווייזט ער אויפֿצוטאָן דווקא נאָך דעם אַרויסוואַנדער.

„און איך וועל דיך מאַכן פֿאַר אַ גרויס פֿאָלק" (בראשית, י"ב, ב'). וואו? נישט אין זיין געבוירן־פּלאַץ, ווייל אויפֿן אַלטן איינגעזעסענעם פּלאַץ וואָלט ער פֿאַרשלונגען געוואָרן, צעריבן געוואָרן און אונטערגעגאַנגען, פּשוט, זיך אויסגעמישט מיט דער איינגעבוירענער באַפֿעלקערונג, ווייל ער איז געווען, אויבערפֿלעכלעך קוקנדיק, איינער פֿון זיי.

דאָס נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און זיך לאָזן אין וועג אַריין איז גזר און אויך ברכה. אַזוי איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פֿאַר דער ייִדישער אומה, און אַזוי האָט זי זיך דערהאַלטן ביים לעבן.

די רינגעלעך פון ארץ־ישראל־ווינשאַפט האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אין אַ קייט פון גלותן. און דער „אהיה אשר אהיה" איך וועל זיין וועך איך וועל זיין (שמות, ג׳, י״ד) האָט דער מדרש געהאַט דעם אויפהעלנ־דיקן דרייסט צו טייטשן: איך בין געווען מיט אייך אין מצרים־אונטער־יאָכונג און איך וועל זיין מיט אייך אין אַ צווייטער פאַרשקלאַפונג" (שמות רבה, פרשה ג׳), וואָס וועט קומען נאָך דער ערשטער באַפרייאונג און אַזוי וועט זיך עס קייטלען און רינגלען.

ד.

אַז מען האָט צו טאָן מיט אַן אייביק פאָ.ק איז דאָך נישט שייך צו שרייבן זיין געשיכטע אויף אַ געוויינטלעכן שטייגער. מען מוז דאָך אָנ־ווענדן ספּעציפישע עקסטראָאָרדינאַרע מאָס־רעגלען. און דאָס טוט טאַקע דער שר־של־ישראל, ער איז דערפינדעריש און אויפטועריש־שעפעריש, ווען ער באַשטימט די מערכה פון יידישן פאָלק.

איז עס טאַקע ריכטיק אַז די צענטערן וואַנדערן מיטן כלל־ישראל, און זיי פאַרפעסטיקן זיך דאָרטן, ווו עס ווינען היפשע טיילן פון יידנ־שאַפט.

אָבער מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז דער צער פון וואַנדערן איז אומ־געהויער גרויס. עס איז אַ פיינלעכע אָפּעראַציע. די יסורים און פּלאָגע־נישן, וואָס קומען מיטן עוקר־זיין פון איין פלאַץ און זיך אַריבערציען אויף אַ צווייטן, אויף אַ נייער פאָלקס־דירה איז גאָר נישט אַריבערצוטראָגן. מען גייט אָפּ מיט בלוט, מען דרייט זיך איינדרייען. מען ווערט אויסגע־ריסן נישט בלויז עקאָנאָמיש־מאַטעריעל, וועגן דעם וועלן מיר דאָ נישט ריידן, נאָר טאַקע גייסטיק־ספּיריטועל.

אמת, עס קומט נישט חלילה צו דעם, אַז איידער עס באַווייזט זיך די נ ח מ ה פון נייעם לעבן אויף אַ נייער ערד זאָל, גאָט באַהיט, אַרויס די נשמה פון פאָלק, אָבער אַ שטיק נשמה גייט לאיבוד. מען פאַרלירט זי אין איבערגאַנג, אין פּראָצעס פון טראַנזיציע און טראַנספאָרמאַציע. דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן דאַרף איבערגעשמאָלצן ווערן, איבערגעגאָסן ווערן אין אַ נייעם פורעם. און דאָס איז אַזוי ווייטאָקדיק, אַזש הימל עפן זיך!

דאָס אַראָפּגידערן קיין מצרים און דערנאָך דאָס אַרויפקומען טוט זיך נישט אַזוי לייכט, ווי עס שרייבט זיך וועגן דעם אין פסוק: „האָב קיין

מורא נישט אַראָפּצונידערן קיין מצרים, וואָרן איך וועל דיך מאַכן דאָרט פאַר אַ גרויס פאָלק. איך וועל אַראָפּנידערן מיט דיר קיין מצרים און איך וועל דיך אַרויפהייבן און אַרויפשטייגן...״ (בראשית, מ״ו, ד׳־ה׳).

עס איז טאַקע אמת אַז די שכינה גייט טאַקע מיט, און קומט אָן, בפועל ממש. אָבער זי גייט נישט אַזוי שנעל. זי פאַרהאַלט זיך אונטערוועגנס, און שפּאַרט־אָן היפּש שפּעטלעך.

און אַז די שכינה זאַמט זיך, קומט פאַר דערווייל דאָס אייגענע וואָס האָט פּאַסירט, ווען משה האָט זיך אַביסל צולאַנג פאַרהאַלטן אויפן באַרג. קריצנדיק די צוויי לוחות פון בונד, דער עולם האָט זיך געמאַכט אַן עגל.

ה.

אָט־די טראַגישע פּאַסירונג חזרט זיך כסדר איבער. זי נעמט, נאַטירלעך, אַן פאַרשיידענע פאָרמען אין פאַרשיידענע לענדער; אַלץ ווענדט זיך אָן די אומשטענדן און מענטשן־מאַטעריאַל. נישט אַלע פאַרלירן אַזוי שנעל דאָס געדולד און וואַרפן זיך אין די אָרעמס פון אַ פאַרברעכערישער אַוואַנטורע. דער שבט לוי, געוויסע יחידים, האַלטן אויס די פּראָבע פון איבערוואַנדער, אָבער ר׳ ישראל און אַ גרויסער טייל פון כלל־ישראל, מאַכט זיך בינתים אַ גאָלדן קאַלב און לאָזט זיך גיין אַ ווילדן טענצל פון אַ ווילדער אָרגיע...

מיט אַנדערע ווערטער, ביני־לביני, איידער די שכינה קומט־צו נאָענט צו דער מחנה פון די גולים און האַלט זיך אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פון די איינזידלער, כאַפּט זיך אַריין דער שחין, די פאַרדאַרבונג פון די זיטן. אַ פאַרגרעבטקייט פון די פליגלען פון גייסט.

איבערהויפּט נאָך ווען עס דוכט זיך אויס, אַז דאָס נייע לאַנד און לעבן איז גאָרנישט מסוגל צו עפּעס אַנדערש, אַז אויף אָט־דעם שטיינערנעם באָדן און מדבר־זאַמד קענען גאָר קיין אַנדערע געוויקסן, ווי ווילדע קרייטעכער פון גראָבער גשמיות, נישט וואַקסן. והראיה, די איינגעבוירענע באַפעלקערונג אַלץ וואָס זי טוט איז בלויז האַלטן אין איין געיעג נאָך תאוות, באַפרידיקונג פון קערפּערלעכע גלוסטונגען. זיינען די פריער אָריבערגעקומענע, די תושבים, דען בעסער?

די גמרא קלאָגט זיך און טענהט: „איר האָט זיך נישט אָפּגעלערנט

פון די בעסערע און פיינערע כאַראַקטערן פון צווישן די אומות־העולם, נאָר איר האָט דווקא נאָכגעטאָן די ערגערע״ (סנהדרין, ל״ט, ע״ב).

דאָס איז גאַנץ געוויינלעך. דאָס ווילדע, גראָבע, פאַרדאַרבענע וואַרפט זיך אין די אויגן. דאָס איידעלע און גוטע האַלט זיך באַשיידן, באַהאַלטן בחדרי־חדרים, גיט זיך נישט אָפּ יעדן אין גאַס. עס איז צנועהדיק, נישט פּאַרשייט, נישט ווולגאַר. און מען באַמערקט עס ערשט שפּעטער, אַמאָל אַ סך שפּעטער. און דערהערן עס איז אויך נישט לייכט, ווייל עס שרייט נישט, עס פּילדערט נישט. עס לייגט נישט איין קיין וועלטן. עס איז נישט „מרעיש עולמות״.

אַ פיינער מענטש וואָס לעבט אָפּ אַ לעבן־לאַנג שטיל־רואיק אין די צוימען פון געזעץ און באַלעבאַטישער אָנשטענדיקייט, „האַלט שטאַם״, וועט גאָר קיינער פון אים קיינמאָל נישט וויסן. קיינער וועט זיך אויף אים אַפילו נישט אומקוקן, סיידן ער זאָל זיין אַ זשעני, און אויפטאָן עפּעס גאָר גרויסעס, מאַכן אַ דערפינדונג, אַן אומגעוויינלעך וויכטיקע אַנטדעקונג. אָבער זאָל אַ „שטיקל מענטש״ באַגיין אַ פאַרברעכן, וועט מען אים כאַפּן, פאַרהאַפטן, משפּטן. עס וועט זיך טאָן מיט אים מעשים. עס וועט זיך שוין איינמאָל טומלען און רודערן מיט אים. מען וועט האָבן וועגן אים צו ריידן און שרייבן, און דרוקן מיט מאירות־עינימדיקע אותיות אויף די שפּאַלטן פון די צייטונגען.

אָט אַזוי איז עס שטענדיק. דאָס מיסטיקסטע ליגט פון אויבנאויף אויפן פעלד, בשעת דער זוימען איז פאַרבאַהאַלטן, ער ווערט „פאַרטראַכט״ ערגעץ אין באָדן, און מען איז זוכה אים צו דערזען, ווען ער ברעכט אַדורך די גליבע ערד און שטעקט אַרויס זיין גרין בעזל, וואָס איז צום אָנפאַנג די גרויס פון אַ שפּילקענעם קעפּל. זיך קוים מיט צרות דורכגעשטופּט.

דאָס אַלץ מוז גענומען ווערן אין אָנבאַטראַכט אויב מ׳וויל באַגרייפן די סיבות פון דער ירידה וואָס ווערט געמאָלט אין אָט־דער דערציילונג, „איסט־סייד״.

2.

# דאָס פּרעסן אַלס אַ גאָטעסדינסט

## א.

אַז אַ וואַנדערער קומט־אָן אין אַ מזלדיקער שעה, קומען קודם־כל זיינע צוויי רגלים; זיי ברענגען דאָך אים, דעם גאַנצן נפש, ווי קליין און גרויס עס זאָל נישט זיין, אויב ער איז אַ „וואַנדראָווניק", אַ פוסגייער. די פיס ברענגען אַריין זיין גאַנצן קערפּער. דער גאַנצער „בשר־ודם" גיט זיך אַ שטעל אַריין אין נייעם מקום. און מיט אָט־דעם גוף קומען אַריין אַלע זיינע הצטרכותן. ער קומט מיט זיי. זיי גייען אים נאָך ווי זיין שאָטן, ווייל אָן זיי גיט ער זיך קיין ריר נישט. אַ גאָר געהויבענעם פּלאַץ אין גוף פאַרנעמט זיין מויל. און דאָס מויל שלעפּט מיט זיך די קיך.

און אַזוי ווי אָט־דער גוף איז גאָרנישט קיין בושת־פּנים, וואַרט ער נישט אויף קיינע כיבודים און פאַרבעטונגען. ער פּאַרט אַרויס מיט אַ גוואַלד. ער פאָדערט זיינס, און נאָך ווי געפאָדערט! ער מאָנט, ער רייסט, ער צופּט, ווי אַ שלעכטער מלוה, אַ פּראָצענטניק. מען איז אים שולדיק. דער „נפש" איז אים בעל־חוב. פאַרמשכונט מיט־אַלץ־און־אַנאַנדער. ער שרייט מיט באַנומענע קולות: מה נאכל? ווען און וואָס וועלן מיר עסן? מער ווי דאָס ליגט אים נישט אין זינען.

אַי, וואָס, די נשמה? זי איז דאָך אויך נישט קיין ראָזשינקע?!

די נשמה־זאַכן קענען וואַרטן. נישקשה עס ברענט נישט. אָבער דער שטיק חומר ער קען נישט און וויל נישט אונטערוואַרטן. מען מוז אים דערלאַנגען זיינס, פאַרשטאָפּן דעם האַלדז.

דערהויפּט אַז ער דערזעט, און אויף די זאַכן האָט ער אַ שאַרף אויג, אַז די נשמה איז עפּעס ווי אַ נעבנזאַך, פּאַרפּאַקט ערגעץ אין אַ נאָך־נישט אויפגעבונדענעם פּעקל, צי פאַרוואָרפן צווישן אַזויפיל אַנדערע חפצים, אַ מין נחבא אל הכלים, דעמאָלט גיט ער זיך אַ כאַפּ אַרויף אויפן פערדל, וואָס הייסט מענטשל, און לאָזט זיך אין אַ גאַלאָפּ... ער האַלט די לייצעס און ער קירעוועט, קנאַקט מיטן בייטש, און ווערט דער גאַנצער באַלעבאָס און דעה־זאָגער איבערן גאַנצן בן־אדם.

אין דער וואָכן איז ער דאָך פון קדמונים־אָן געווען דער גאַנצער

„מאַכער“, ער מיט זיין פּאַריסן האַלדז וואָס איז ווי אַ לעבעדיקער זאַק, נישט אָנצופּילן. אָבער איצטער, אין נייעם פּלאַץ, ווען די נשמה ליגט ערגעץ פאַרשטעקט, אָדער איז נאָך נישט אָנגעקומען מיטן באַגאַזש, פאַר־כאַפּט ער אויך דעם שבת־קודש, און דעם גאַנצן יום־טוב און לאָזט נישט איבער קיין שפור. עס איז ער און ער און מער קיינער. ער צעלייגט זיך און צעשפּרייט זיך מיט זיינע באַדערפעניש, און מיט מער ווי נייטיקע באַדערפענישן, מיט מותרותן אויך, אין מענטשנס האַרצן און געדאַנקען. מיט איין וואָרט, ער פאַרכאַפּט די גאַנצעווירטשאַפט...

דאָס אַלץ אין דער שווערער איבערגאַנגס־צייט, ביז דער מענטש קומט צו זיך; און ער גיט זיך אַ נעם צו אים, און נעמט אים איינטאָמע־ווען, אַריינשטעלן אין זיין גדר — לאָזט ער זיך, דער גראָבער יונג, וויל־גיין, און ווייסט קיין מאָס און קיין שיעור נישט.

ב.

און דאָ, אין אָט־דער נאָוועלע וואָס הייסט „איסט־סייד“, גיט אונדז דער מחבר אַ שילדערונג פון דעם דאָזיקן צייטאָפּשניט, ווען דאָס מויל, די אכילה, און טאַקע די אכילה גסה, די קיך פאַרכאַפּט כמעט דאָס גאַנצע הויז...

אויב נאָכגעבן דער תאווה — איז דעם געשמדטן האַלדז, און דווקא דעם פרעסער. ווייל שיכרות פּירט צום צייטווייליקן פאַרלוסט פון פאַר־שטאַנד און דאָס איז שוין צופיל פאַר אַ יידן.

וואָס פאַרמאָגט אַ ייד אַ בר־דעת מער ווי זיין היפש־ביסל דעת, און אַ בעל־שכל מער ווי זיין געשטעלטן שכל. ניין, דאָס וועט ער אַזוי לייכט נישט אָפּגעבן. עס איז אַ צו טייערער חפץ. אין דעם פּונקט וועט אַ ייד זיך שטאַרק דינגען מיט זיין יצר־הרע.

זנות — אַוודאי און אַוודאי נישט. זיינע געבליטן זיינען טאַקע נישט קיין קאַלטע, ער איז נישט קיין פאַרפראָרענער זאַקס, אָבער גלאַט אַן הולטאַי, אַ נואף, אויך נישט. אַ ייד האָט אַ ווייב — און דאָס איז געגוג פאַר אים. אויב נאָך דערצו אַ לינקע ליבע מן־הצד, איז שוין די־והותר. ער איז נישט פאַרקאַכט אין הורעריי.

איז אויב יאָ תאוות — טאָ וועלכע?

קומט אַריין דער פרעס, וואָס איז, אייגנטלעך, אַ כשרע זאַך, נישט

מער ווי מעלה־גרהגען. מען האָט דאָך קיינמאָל קיין שלאָס אויפן מויל נישט אַרויפגעטאָן. עסן איז קיינמאָל נישט געווען שטרענג פאַרבאָטן.

בלויז געציילטע יחידים האָבן גענומען אויף זיך צו פאַסטן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אָדער גאָר הפסקות, פּייניקן דעם גוף. תעניתים, וואָס כמעט אַלע יידן האָבן אָפּגעהיט, זיינען געווען בלויז עטלעכע, זיי פלעגן זיך דורכוואַרפן דורכן יאָר און מען האָט זיי קוים אָנגעזען, סיידן עס איז געווען יום־כיפּור אָדער תשעה־באב.

על־כן מעג מען דאָך עסן, און שבת און יום־טוב קען מען נאָך פאַר־דינען אַ מצווה דערביי. און אַפילו אין אַ וואָכעדיקן טאָג זאָגט דאָך אויך דער פסוק „ואכלת ושבעת וברכת" (דברים, ח׳, י׳), דו וועסט זיך אָנעסן און זאַט ווערן און בענטשן. לכן, אַז מען דאַרף עסן ביז זאַט ווערן — איז ווער קען עס געניי אָפּשאַצן זיין קישקע? ווער ווייסט עס אויף דעם האָר די מאָס פון זאַטקייט אַזוי אַז ער זאָל נישט איבערכאַפּן די מאָס?

צו וויסן די ריכטיקע מאָס און צו געבן אַ ריכטיקע מאָס, נישט צו־פיל און נישט צו־ווייניק איז אַ שווערע הלכתא. גיי, פאָלג מיר אַ גאַנג, און צייל די ביסנס, און מעסט דעם כזית! אמת, די חכמים האָבן געגעבן אַלע זייערע רייד אויף וואָג און מאָס (שבת, ל״ה, ע״ב). אָבער ווער איז עס מחוייב צו זיין אַ חכם, ווען עס שפּאַרט אָן די אכילה, און נאָך אַן אי־בערגעשפּיצטער, אַן אויסגערעכנטער חכם.

ג.

די פאַבולע איז געשאַפן לויט דעם מוסטער פון מדרש וועגן אברמען און זיין ברודער הרן (בראשית רבה, פרשה ל״ח, סוף פרשה).

נמרוד האָט אַריינגעוואָרפן אברמען אין קאַלכאויוון פאַר זיין וואָגן צו באַקעמפן געצנדינסט.

הרן, אברמס ברודער, ווען מ׳האָט אים געפרעגט מיט וועמען האַלט ער, צי מיט אברמען, דעם איקאָנאָקלאַסט, צי מיט נמרודן, דעם קיניג־פּריסטער פון פעטישיזם, האָט ער זיך געוואַקלט, ער איז געווען צעטיילט מיט דער דעה: און ער האָט באַשלאָסן צו וואַרטן מיטן קלאָרן ענטפער. ער האָט געטראַכט אין הארצן: איך וועל זען ווער עס וועט אַרויסקומען דער זיגער פון אָט־דעם צוזאַמענשטויס. אויב אברם וועט ניצול ווערן פון פייער וועל איך זאָגן אַז איך פאָלג נאָך אברמען, אויב ער וועט פאַרברענט

ווערן, וועל איך זיך אָפּוואָרפן פון אים און זאָגן אַז איך בין אַן אָנהענגער פון נימרודן און זיינע געצן.

פּאַסירט האָט, אַז אברם איז טאַקע אַרויס אַ גאַנצער פון קאַלכאויוון, ער האָט איינגעשטעלט, געווען גרייט צו באַצאָלן מיטן לעבן פאַר זיינע איבערצייגונגען, און דאָס פייער האָט איבער אים קיין שליטה נישט געהאַט. הרן, וואָס איז געגאַנגען אויף זיכער זענדיק אַז אברם איז נישט פאַרברענט געוואָרן, אַז מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין פייער, האָט זיך טאַקע גוט אָפּגעסמאַליעט, פאַרברענט די גערערים און איז גלייך דערנאָך געשטאָרבן.

דאָ איז דאָס ענלעכע געמאָלן.

מר. פלעכט גייט אויף דער אָפּעראַציע. ער ריזיקירט.

פלאָכט, ווייטער, איז אַ פּחדן. ער וויל נישט איינשטעלן. ער האָט מורא פאַרן מעסער. ער וואַרט, ער וויל זען ווי אַזוי פלעכט, זיין פריינד, וועט אָפּשניידן.

אַזוי ווי ער האָט געזען אַז פלעכטס אָפּעראַציע איז געווען אַ געלונגענע, איז ער גלייך צוגעשטאַנען מ׳זאָל אים נישט־אַנדערש גלייך נעמען און אָפּערירן.

און פון דער אָפּעראַציע, וואָס האָט נישט אָפּגעגאָלטן, איז ער טאַקע אַוועק פון דער וועלט.

פון שפּיטאָל האָט מען אים צוגענומען אויפן בית־עולם.

דאָס איז אַזוי ווייט ווי די פאַרהעלטעגישן פון אָט־די צוויי העלדן, פלאָכט און פלעכט, קייטלען זיך. אָבער אין דער פאַבולע איז אויך פאַרקניפּט כאָטש אַביסל פון דער זייט, מר. פליכט.

און ווען מען נעמט דעם טריאָ אַלס אַ גאַנצן ענין, נעמט עס דערמאָנען אין דער גמרא אין חגיגה (י״ד, ע״ב), די מעשה מיטן אַריינגיין אין פּרדס. דאָ איז דער פּרדס, די מיסטעריע פון עסן, פון פרעסן. אָבער עס איז פאָרט אַ מיסטעריע. אַ מין מעשה־מרכבה. בלויז איין פלעכט איז אַריין און אַרויס בשלום פון שפּיטאָל, פלאָכט איז אַרויס אַ טויטער, און פליכט איז אויך אַוועקגעפאַלן...

## ד.

אין אָט־דער דערציילונג וואָס טראָגט אַן אַלגעמיינעם און, דערי־בער, אַ שוין גאָר אומשולדיקן, נאָמען „איסט־סייד״ האָבן מיר אַ סיפּור־

המעשה וועגן צוויי קרבנות.ביידע שטאַרבן על „קידוש האכילה“. עס איז אַ בילד פון איבערפרעסן זיך דאָ אין דער „טריפהנער“ מדינה. צוויי העלדן ווערן באַגראָבן, ממש, אין שיסל. איינער, מיטן נאָמען פ ל י כ ט, דירעקט. דער מלאך־המוות קומט צו אים נישט מיט טויזנט אויגן נאָר מיט טויזנט מיילער. דער צווייטער, פלאָכט — אומדירעקט, נאָך אַן אָפּעראַציע אויפן מאָגן, אַן אָפּעראַציע צו וועלכער דער פּאַציענט ווערט געטריבן מיט בייטשן פון אַ פרעסעריי־גלוסטונג.

די קראַנקייט זיינע, און פון נאָך אַזעלכע עסערס ווי ער, איז געקומען צו אים פון אַ פשוטן איבערעסן זיך. אַזוי טענהט דער דאָקטאָר פון שפּיטאָל, און זיין עדות־זאָגן נעמען מיר נאַטירלעך אָן, אָן צופיל איבערפרעגן.

אָט וואָס ער זאָגט אונדז:

„ס'איז דערפאַר, אויב איר ווילט וויסן, ווייל קיין שום אבר מוטשעט איר נישט אַזויפיל אויס ווי דעם מאָגן... פאַר די הענט האָט איר אַ מאָס... איר האָט אויך אַ מאָס פאַר די אויגן; אויב איר זאָלט קוקן מער מיט זיי ווי מ'באַדאַרף, — וועלן זיי זיך נעמען קלעפּן, פאַרמאַכן, און אויפהערן זען... איר ג יי ט אויך מיט אַ מאָס... און קוים זאָלט איר וועלן באַלעסטיקן צופיל די פיס, — שטייען זיי אָפּ, און ווען איר זאָלט זיי אפילו אונטערהאַקן — וועלן זיי ווייטער נישט גיין... און אַז מ'באַשווערט די נאָז — נעמט זי רינען... און אַז עס קומט צום מאָגן, איז ער נישט אַזאַ גרויסער זולל־וסובא, ווי ער האָט גרויסע אויגן; און אַלץ, וואָס זיי זעען, וויל ער, אַז מען זאָל אים געבן... איז, ווער ס'איז אַ באַלעבאָס איבער אים, גיט ער אים אַ מכה; און איבער וועמען דער מאָגן איז באַלעבאָס, און ער גיט אים אַלץ נאָך — מוז ער נעמען ברעכן מיט גרינער גאַל... און וואָס טוט איר? כאַפּט אויף אים די בייטש, און שלאָגט מיט קאלו־מעל, מיט פּראָשקעס, מיט מינעראַלן־אוילן, שינדט פון אים די הויט, טרענט זיינע אָדערן, רייסט פון אים לעבעדיקע שטיקער... די פיס... ווען איר ווילט גיין מיט זיי איבער די כוחות, — ווערן זיי געשוואָלן ווי קישנס, באַקומען געשווירן, גראָבע אָדערן; נאָר מיט די פיס, אז איר זעט איר זענט פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע, לאָזט איר זיי, ווייניקסטנס, אָפּרעכן; אָבער דעם מאָגן, אַז איר פאַרדאַרבט, איז ווייניק וואָס איר טרייבט אים אַדורך מיט קאַסטאָר־אויל, וואָס ער האָט נישט זייער ליב; מיט מילך־אָף מאַגנעזיע... און לאָזט אים נישט אָפּאָטעמען; נאָר איר טראָגט אים נאָכ־

דעם גלייך אונטער אַ רוי שטיק צוגעפּרעגלט פלייש, וואָס איז פּאַר אים סם, סם־המוות. נו, זאָל ער זיך נישט איבערדרייסן? און ס'זאָלן אין אים נישט אַריינקומען קיין לעבעדיקע לעכער?״ (זז. 83־102).

דאָס איז דער דיאַגנאָז געגעבן פון אַ דאָקטאָר, עס איז ריכטיקער אַ מין עקספּערטיזע פון אַ מומחה.

און וואָס זאָגט זיין אייגענע ווייב, די מרס. פלאָכט?

זי קלאָגט און הספּדעוועט נאָך אים, איר טייערן מאַן בזה־הלשון:

„נאָר דאָס שטיק פלייש האָט אים אַריינגעלייגט אין דרערד אַריין, און נישט מער. דאָס שטיק פלייש איז געווען זיין מלאך־המוות.

„ס'האָט אים, נעבעך, נישט געלאָזט גיין [צו דער אָפּעראַציע]... אים צוגעהאַלטן ווי מיט דער האַנט... נאָר אַזוי ווי ער האָט געזען: מ'טראָגט אים צו דאָס שטיקל פלייש אויפן פּלייט, פלעכטן, [זיינער אַ פריינד, וואָס האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט די אָפּעראַציע אויפן מאָגן בשלום] האָט עס אים אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַן אַקס אויף די הערנער, און אין דער לויפטן אַוועקגעטראָגן״. (ז. 252).

מיט איין וואָרט עס איז אַ מעשה וועגן דעם —

„אַלמעכטיקן פרעס — אים ווערט מען אין דעם אָרעמסטן הויז נישט פאַרשעמען״. (ז. 190).

ה.

צוויי סטיכישע כוחות אַרבעטן דאָ אַרום דעם „אַלמעכטיקן פרעס״.

דער פרעס איז דאָ נישט פרעס אַליין. אַליין וואָלט ער אַזאַ שליטה איבער די מענטשן נישט געהאַט. ער אַרבעט דאָ בשותפות מיט קרעפטן וואָס זיינען באמת אַלמעכטיק. דערפאַר געוועלטיקט ער אַזוי אויטאָקראַטיש; ער איז דער אומבאַגרענעצטער זעלבסט־הערשער אין דעם גאַנצן היפש צעצווייגטן און צעוואָרפענעם קעניגרייך וואָס הייסט מענטש און דערצו נאָך אויך ייִד; אַ מין באַזונדער סאָרט טיפּ ייִד פון „איסט־סייד״, וואָס איז ערגעץ אויפן עולם־התהו, זיכער נישט אין „יידנלאַנד״ און אויך נישט אין „אַמעריקעלאַנד״, נאָר צווישן אָט־די לענדער. אַ פּלאַץ וואָס איז פאַרשלונגען פון אַ הונגעריקער, ווי אַ היישעריק, צייט, אַן איבערגאַנגס־צייט.

אין אָט דעם בולמוס, אין דער אכילה גסה ליגט אַריינגעטאָן אַ

שטיק בענקעניש. עס איז עפּעס אַ גילגול פון דעם גאָר פּאַרצייטיקן „זכרנו את הדגה". אָט־די „דגה", די פיש, האָט גאָר אַ באַזונדער טעם. נישט איין טעם, נאָר גאַנצע זיבן באַזונדערע טעמען, און טאַקע דערפאַר וואָס עס איז פאַרווירצלט מיט אַ ספּעציעלן געווירץ, וואָס הייסט „זכרנו". די מאכלים שמעקן מיט היימווײ, מיט היימבענקעניש. עס איז אַ פאַרוואָר־לאָזטקייט וואָס וויל זיך כאָטש אַן עפּעס אָנכאַפּן, איז בדאי אָן אַן עסנ־וואַרג פון וועמען עס טראָגט זיך דער פאַרשיכורנדיקער גערוך פון אַ היימ־לאַנד וואָס מ'האָט פאַרלאָזן און מיט וועלכן מ'קען זיך אַזוי לייכט נישט שיידן, כאָטש, אויף־צוריק־גערעדט, מען האָט זיך קוים פון אים אַרויסגע־ראַטעוועט מיט גאַנצע ביינער, אָדער מ'איז פון אים, פשוט, אַרויסגע־טריבן געוואָרן מיט שטעקנס פון געזעץ און סתם פלאָקנס. דאָך איז עס נאָך אַלץ טייער, ליב. און פונדערווייטנס אַזוי אָנלאָקנדיק.

„...די קינדער פון ישראל האָבן ווידער געוויינט, און זיי האָבן גע־זאָגט:

ווען מען זאָל אונדז געבן עסן פלייש! מיר געדענקען די פיש וואָס מיר פלעגן עסן אין מצרים אומזיסט; די פלוצערן, און די קירבעס, און דאָס גרינס, און די ציבעלעס, און די קנאָבל; און אַצינד איז אונדזער זעל פאַרטריקנט..." (במדבר, י"א, ה'־ו').

אויב דער זכרון איז אַ גוטער, און ער ליגט פאַרוועבט אין סאַמע גומען, מוז ער דאָך רופן, רייצן.

אויב אַזוי איז דאָך נישט שייך, ווי קענען זיי, די העלדן פון אָט־דעם סיפור, פאַרגעסן די גראַשיצע און די קאַרנאַצקעלעך, און נאָך און נאָך אַזוינע טייערע געריכטן, וואָס זיינען מעדני־מלכים.

„קום אַרונטער אין אַ רומענישן ווילעדזש: מאַמעליגע, ברינדזע, קאַרנאַצלעך, אַ גראַשיצע..." (ז. 276).

דאָס מיינט דאָך זיך אַריבערכאַפּן צוריק אַהיים. דאָס מיינט זיך אַריבערטראָגן אויף פליגלען פון גערוכן און געשמאַקן צו דעם פאַרבענקטן לאַנד, געבוירנפּלאַץ און, אפשר, אַפילו אויך צום פאָטערס הויז, צום טאַטנס טיש און מאַמעס קיך...

עס איז נישט לייכט בייצושטיין אַזאַ שווערן נסיון. די גערוכן־אַסאָ־ציאַציעס זיינען אומגעווײנטלעך שטאַרק. דאָס אייגענע דעם טעם וואָס קען אַפּליגן אין מויל אַ דור אַ גאַנצן, און, פּיליכט, עטלעכע דורות, און נישט ווערן אויסגעוועפּט. ער גייט איבער כמעט בירושה...

דערפֿאַר טאַקע ווי נאָר פֿלעגט פֿאַרשנאַשקעט זיך אויף אַ ווייל אין אַ רומענישן קעלער, אַזוי גלייך נעמען אים באַלאַגערן פֿון אַלע זייטן פּי־גורן און פּערזאָנען פֿון דער אַלטער פֿאַרלאָזענער היים.

עסנדיק ד אָ, האָבן די העלדן עפּעס ווי געהאַט אַ פֿאַרבאָרגענע כוונה: מיט זייער אַריינלייגן אין זיך, דורך אַ מאַגיש־מיסטישן פּראָצעס, אָנקאָרמען צו זאַט די הונגעריקע ד אָ ר ט ן; און צווישן די הונגעריקע נישט פֿאַרזען טאַקע זיך אַליין, דעם וואָס האָט דאָרטן, מסתמא, אויך צייטנווייז אונטערגעהונגערט. און דאָס אָנזעטיקן זיך און איבער־זעטיקן זיך דאַרף האָבן אַ רעטראָאַקטיווע ווירקונג, פֿאַרשטילן דעם אַמאָ־ליקן הונגער פֿון מעבר־לים און אויך דעם היגן פֿון די ערשטע גרינע יאָרן. און גיי זעטיק אָן אַ פֿאַרגאַנגענהייט־הונגער! עס איז ווי אָנפֿילן אַ פֿעסל וואָס האָט נישט קיין דעק, אָדער אָנשיטן פֿול אַ לעכערדיקן זאַק. זיי עסן דען אַליין ביחידות, אָט־די העלדן? זיי עסן בציבור, מיט זייערע גאַנצע משפחות פֿון דער פֿאַרבענקטער היים. מיט יעדן ביסן אַ שטיק לאַנד אַראָפּגעשלונגען...

אָט־וואָס פֿאַר אַ וויזיעס פֿלעגט דערזעט ווי זיי טראָגן זיך דורך זיין בגילופֿנדיקן געהירן. און וואָס ביי אים אויפֿן צונג איז ביי זיי אַלע־מען אויפֿן לונג, אין פֿאַרשטעלונג און יאָן אונטער־פֿאַרשטעלונג. זיי עסן נישט פֿאַר צען, נאָר פֿאַר צען מאָל צען און מער...

„אוועקזעצנדיק זיך ביים טישל, האָט אים דער קעלער מיט די שפּיג־לען, איבערהויפּט מיט די גענערעלער אויף די ווענט, ווי זיי זיצן צע־לייגט מיט די ציגיינערטעס און טרינקען, — דערלאַנגט ווי מיט אַ פּלאַש וויין איבערן קאָפּ: ר'איז דאָך ביי זיך אין רומעניע! נישט אַנדערש ווי ער האָט זיך, נאָך אַזויפֿיל יאָרן און מי, דערשלאָגן אַהיים... אין דער היימישער קרעטשמע... דער רומענישער וואַלאַך ציט ביים נאָפּל... דער וויין פֿון טיש רעדט ווערטער". (ז. 277).

ו.

דער ענין שפּייז־נעמען, עסן און פֿאַרדייען, אַסימילירן פֿרעמדע עלע־מענטן אַזוי אַז זיי זאָלן ווערן אַריינגענומען אין אייגענעם בלוט־שטראָם, אַריינגעבויט ווערן אין אייגענעם קערפּער, ווערן אַ שטיק פֿלייש און ביין פֿון אייגענעם לייב און געביין איז אַ מיסטעריע. עס איז אַ וווּנדער־פּראָ־

צעדור צו וועלכער מיר זיינען צוגעוווינט, ווייל עס איז דאָך אַן אַקציע, וואָס ווערט געטאָן פון אונדז עטלעכע מאָל אַ טאָג, טאָג־איין טאָג־אויס, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען.

וואָס איז עס אַזוינס?

אין חומש בראשית איז דאָ אַ פּסוק, וואָס אַלע ווייסן, אָבער נישט אַלע פאַרשטייען אים ווי געהעריק.

„אין דעם שווייס פון דיין געזיכט וועסטו עסן ברויט ביז דו וועסט זיך צוריקקערן צו דער ערד, פון וועלכער דו האָסט זיך גענומען, דו ביסט שטויב און צום שטויב וועסטו קומען צוריק". (בראשית, ג׳, י״ט).

ס׳רוב שטעלן דעם טראָפּ אויף דער פראַזע „אין דעם שווייס פון דיין געזיכט", בעת דער שווערפּונקט פון זאַץ ליגט אין דעם „וועסטו עסן ברויט"... ווי לאַנג וועט ער עס אַזוי מוזן עסן? „ביז דו וועסט זיך צוריקקערן צו דער ערד".

דער מענטש האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד, פון דער אַרומיקער פיזישער סביבה. ער שמועסט זיך איין, אַז ער קען מאַכן שבת פאַר זיך, אַז ער איז אומאָפּהענגיק, אויטאָנאָמיש, אַז ער קען אַליין „באַשטיין זיין שטעטל". ער איז, כלומרשט, אַ גאַנץ וועלטל איינגעשלאָסן אין זיך. ער דאַרף צו קיינעם נישט אָנקומען. ער איז אַ צענטער פון ווילן און פרייער האַנדלונג.

אַזוי גאָר, אַזאַ איינרעדעניש?! קומט צוגיין דער הונגער, און גיט אים אַ נעם ביי דער גרגרת: איי, גוטער ברודער. וואָס איז עס פאַר אַ פּיר? מען טאָר נישט און מען קען נישט זיין קיין פּורש מן הציבור (אבות ב׳, ד׳). גיי צוריק און באַהעפט זיך מיט אַלעמען, אַנישט וועסטו שטאַרבן, דאָס הייסט: באַהעפטן זיך מיט מוטער ערד.

איז ווי אַזוי באַווייזט ער עס? דער מענטש און דער בעל־חי וואַרפט איבער אַ בריק, הענגט זי אויף איבערן תהום וואָס טיילט אים אָפּ פון די איבעריקע עלעמענטן פון באַשאַף און אָט־די באַהעפטונג ראַטעוועט אים פאַר אַ באַשטימטער צייט פון טויט, פון בפועל־ממשדיקן צוריקגיין און פאַראייניגן זיך מיט דער ערד. עסן האַלט אַן אָט־די נויטווענדיקע פאַר־בינדונג אָן וועלכער נישט מענטש און נישט קיין אַנדער בעל־חי קען לעבן. דאָס איז דער צינז וואָס דער מענטש צאָלט פאַר זיין זיין־אָפּגעשיידט.

הונגער איז אַן אייגנאַרטיקע בענקעניש פון קערפּער, וואָס רייסט זיך אַהיים, אַהין פון וואַנעט ער האָט זיך גענומען. און עסן באַפרידיקט

אים אויף אַ געוויסער צייט. בשעתן עסן לעבט ער זיך צוריק איין מיט אַלע קרובים זיינע, קאָסמישע ברידער, שוועסטער, טאַטע און מאַמע, מיט דער גרויסער משפחה פון באַשאַף.

און אין עסן היימישע, נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע מאכלים, אייגנלאַנדי־שע געריכטן קומט צו אַ הוספה־באַפרידיקונג, אַ צולייג פון איינשטילן דעם הונגער פון בענקען נאָך דער אייגענער מענטשלעכער משפחה, איי־גענער סביבה. אַזוי אַז צוויי בענקענישן ווערן צוביסלעך איינגענומען, באַרואיקט.

דאָס איז די סאַטיספאַקציע וואָס די העלדן און העלדינס זוכן מיט אַזאַ גלוסטעניש. אַ צווייאיקער הונגער נאָגט זייערע ביינער, גראַבלט דעם גוף און די נשמה.

ז.

„...אין דער היימישער קרעטשמע...״

די מאכלים און די משקאות קריגן צינגער און זיי נעמען דברן און יעדעס וואָרט ציט ביי דער נשמה, הילכט אָפּ מיט טויזנטער אונטערטע־נער און אויבערטענער פון דערמאָנענישן, און אויך טענות, פאָדערונגען, פאַרדרוסן, וואָס ליגן פאַרקנוילט און פאַרדריקט אויפן סאַמע דעק פון געדעכעניש.

אַ בענקעניש פאַרבונדן מיט אַ שולד־געפיל: הלמאי אַזוי ווייניק ווערט געטאָן פאַר דער משפחה וואָס איז דאָרטן פאַרבליבן, הלמאי איז די פאַרקניפונג, די צוריק־גאַנצמאַכונג פון דער צעשיידטער, צעזייטער און צעשפרייטער פאַמיליע נישט דורכגעפירט ווי באַדאַרף צו זיין אין דער ווירקלעכקייט ווי דאָס ווערט געטאָן בלויז אין פאַנטאַזיע מיטן נעמען אַ היימיש מאכל אין מויל אַריין און אַ היימיש ביסל משקה, וואָס צעגייט זיך אין אַלע אברים, און וועקט אויף אַלע טייערע זכרונות, און עפנט אויף אויך אַלטע, קיינמאָל פאַרהיילטע, זעלטן ווען באַלזאַמירטע, ווונדן.

„...אין דער היימישער קרעטשמע... דער רומענישער וואַלאַך... דער וויין... און ס׳ברויך זיך בלויז אָנהייבן אַריינצווייזן די כאַליאַסטרע פון טאַטנס און פון דער מאַמעס צד... ער רופט יעדן פון זיי באַזונדער צו צום טישל: קודם־כל, אַ גלעזל... איידער דו מאַכסט נאָך אויף ס׳מויל, יאַנטשע, — קער איבער ס׳גלעזל אין האַלדז אַריין! און דערנאָך, אַז ס׳האָט דיר ווויל באַקומען — מה בקשתך? ווילסט ראַטעווען אַ קראַנקן

זון?... וואָס פעלט אים?... לונגען?... אַ האַרץ?... דאָ האָסטו אַ הונדער־טער, אַ לענגלעכדיקן, אַן אויסגעצויגענעם, פריש פונעם אויוון אַרויס... און נעם אים קיין בוקאַרעסט אָדער קיין ווין, דאָ ווו מ׳נעמט מער, — צו אַ דאָקטאָר... כ׳וועל ב אַ ש ט ײ ן מיט וויפל מ׳וועט ברויכן, און זע צו קריגן פאַר אים פרישע לונגען. לאָז אים אַריינשטעלן אַן אַנדער האַרץ... און דו, אַרטשע, מיט וואָס ביסטו געקומען, מיט אַ טאָכטער, אַ בוגרת?... איך האָב מיך געריכט אויף איר, כ׳זאָל אַזוי געזונט זיין... פאַרוואָס האָט זי נישט געזאָלט אַלט ווערן, אַז דו ציסט דיין גאַנצע חיונה פון קלייבן שמאַטעס מיט ביינער?... גיי אַוועק מיט איר צום לאַנד־שדכן, און לאָז איר שדכנען דעם בעסטן שידוך... פאַר וויפל נדן מ׳זאָל זיך נישט הייסן געבן: הונדערט טויזנט לעי... אַ מיליאָן... מ׳קען מיך דערמיט נישט אָפּ־שרעקן... זי האָט אַ פעטער אין אַמעריקע... אָ, ביים פעטער לייב גליען די אויגן — אַז כ׳גיב אַ נדן אַרטשיס טאָכטער?... כ׳וועל דיך, לייבעניו, אויך נישט באַוולהן... ביסט דאָך דער מאַמעס אַ פעטער, ניין?... וואָס טוט דיר וויי, אַ פוס?... ווילסט אויף אַ קוליע?... פאַרוואָס האָסטו אויך נישט געזען צו האָבן אַ טאָכטער אַ בוגרת?... וואָלט זי זיך אויך דערוואָרט אויף אַ מנה־יפה... גיי לאָז דיר מאַכן אַ קוליע... און די בעסטע... לאָז דיר מאַכן צוויי; איינע אויף אין־דער־וואָכן און איינע אויף שבת, — אַ שבתדיקע קוליע... אָ, דער פעטער טודרוס האָט תרעומות. — וואָס מ׳ברויך מיך קומען זען אין אַ שענק?... און ווו דען?... אַז די מאַמע האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף איר גליק פון אַמעריקע, — ווו דען האָב איך מיך געזאָלט טרעפן מיט אייך, ביי איר אויפן בית־עולם?... איז שוין גלייכער אין דער קרעטשמע... אייערע גענערעלער טרינקען מיט די ציי־גיינערטעס, מיט וואָס זענען זיי גרעסערע מיוחסים פון אייך?... לאָזט אייך אַראָפּ אַ גלעזל״ (זז. 279־277).

ווען זיין מאַמע האָט נאָך געלעבט וואָלט ער די פאַרפינדונג אָנגע־האַלטן מיט דער היים און משפחה אויף אַ מער ניכטערן און מער ווירק־זאַמען אופן, אָבער אַז די מאַמע איז שוין אויפן עולם־האמת, און די דער־מאָנענישן לעבן, נאָגן, אָבער זיי זיינען שוין אַראָפּגעדריקט צום סאַמע אונטן פון זיכרון, קען מען זיי אַרויפהייבן נישט אַזוי לייכט. מען דאַרף אָנקומען צו עס־און־טרינק־מיטלען. די כּאַליאַסטרע מיט זייערע היימען און שטיקער לאַנדשאַפטן קומען אַריין דורך דעם אויפגערייצטן גומען און היפּש צעוואַרעמטער, צעשפּילטער וויזיע.

די דערציילונג איז וועגן עסן, פרעסן. אָבער די אכילה איז באמת פאַרטוקט און פאַרפלייצט מיט אַ האַרץ־צופנדיקער בענקעניש, מיט אַ חלשן נאָך דאָס היימישע, איינגעבוירענע. די פּאָר העלדן זיינען נע־ונד־ניקעס, וואָס קייען אָדער ווילן קייען די אייגענע ערד, די אייגענע מאכלים. אין דער היים פלעגט מען די מצה צום סדר אָדער דעם לחם־משנה שבת איינוויקלען אין עפּעס אַ טוך מיט אַ כותל המערבי אויסגעהערט אויף אים, אָדער גאָר די מערת המכפלה.

אין דער דערציילונג קומט פאַר דאָס אייגענע, הגם דאָס טוך זעט מען נישט מיטן נאַקעטן אויג, נאָר בלויז מיט דער גייסטיקער ראיה. יע־דעס היימישעס געריכט איז פאַרשפּונען און פאַרוועבט מיט אַ געדיכטן געוועב פון כלות־הנפש, אַן אויסגיין נאָך היים...

ח.

בלויז נאָך היים?

מען דאַרף צוגעבן: אויך נאָך אַ גאָט...

דער אייבערשטער האָט אַ סך שלוחים, אָבער אויך נישט ווייניקער געשטאַלטן. ער קען זיך אַזוי פאַרשטעלן און פאַרשלייערן, אַז מ׳זאָל אים קוים קענען דערקענען. אָבער ער איז פאָרט פאַראַן... און נאָך ווי פאַראַן. מ׳קען אים כמעט ווי אָנטאַפּן...

ער איז דאָ און נישטאָ.

אין אָט־דער דערציילונג ווערט דאָס וואָרט גאָט נישט אַרויפגעלאָזט אויפן שוועל פון זייטל פּאַפּיר. אַפילו אויף אַ רפואה נישט. אָט־די אייגנ־אַרטיקע טיפּן פון „איסט־סייד" דאַרפן אים נישט. ווי לאַפּלאַס אין זיין הימל קענען זיי זיך באַגיין אָן דער היפּאָטעזע אויף דער ערד. זיי גע־ברויכן אים כלל וכלל נישט.

פלעכט איז מסוכן קראַנק. ליגט אין שפּיטאָל, איז פאַרביי. עס איז נאָך אַן אָפּעראַציע. עס קומט גאָר קיינעם אויפן געדאַנק נישט אַרויף: אַז דער אייבערשטער זאָל צושיקן אַ רפואה שלימה.

„נאָר פון דעם אופן, ווי ער האָט געקוקט, — איז איר אַריבער אַ קעלט איבערן לייב... האָבן אירע אויגן גענומען שווימען, דער קאָפּ זיך בייגן אַרויף און אַראָפּ...

— ס׳איז דיר שווער צו ריידן, אַ?

— שוואַך צו גרינג — האָט ער קוים אַרויסגעבעבעט, — מ׳האָט עס דאָך געברויכט איבערקומען...

פון אירע אויגן איז שוין איצט געלאָפן... אין גריבל עפּעס געקלעמט... און דער קאָפּ זיך אַלץ נישט אָפּגעשטעלט פון גיין אַרויף און אַראָפּ...

— ווי איז מיר... ער האָט געמוזט זיין גוט באַקליידט...

זיי זיינען גרויסע חכמים, וואָס זיי האָבן מיך געוווּסט אָפּצולייגן אויף פיר טאָג... מיינע אויגן זאָלן דאָס נישט האָבן צוגעזען... ס׳וואָלט זיי שוין מער נישט געפעלט... כ׳וואָלט זיי געוועזן אַוועקגעטראָגן דאָס שפּיטאָל בלויז אויף מיינע קולות...

— מילא, אַז כ׳בין שוין דאָ, וועל איך שוין מסתמא זיין, — האָט ער זיך מער צערעדט — וואָס איז זיך איצט דאָ אַוועקצוברענגען? דעם שווערן ביסן האָב איך שוין אַרונטערגעשלונגען״. (זז. 25־224).

אויב מגילת אסתר מיט אַזאַ גרויסן נס איז זיך באַגאַנגען אָן דערמאָנען דעם רבונו־של־עולם, קען די דערציילונג זיך אויך באַגיין און דאָך לאָזן דעם חולה געזונט ווערן.

אָט די „אויסגעטאָנענע״ יידן דערמאָנען נישט גאָט אַפילו אויפן טויטן־בעט, און אויך נישט אויפן בית־עולם.

מר. פלאָכט איז געשטאָרבן פון אַן אָפּעראַציע אויפן מאָגן. מען ברענגט אים צו קבורה. אַלץ ווערט געטאָן אָן גאָט. זיי לעבן אָן גאָט, פּרעסן אָן אַ ברכה און אָן אַ ברכת המזון, און שטאַרבן אָן גאָט. קיינער גיט נישט קיין קלער: וואָס ליגט אויף יענער זייט? קיינער פּראַטראַכט זיך נישט וועגן דעם סוד פון לעבן און נישט ווייניקער סודותפולן טויט. אַלע וואַלן אַראָפּגעריסן. פון אַלץ זיך אַרויסגעוויקלט, און אַז מען צעוויקלט און צעפּלעכט אַזוי דעם לעבן און דעם טויט, איז וואָס קען בלייבן פון דעם? גאָרנישט. שאָלעכצער וואָס זיינען נישט ווערט אַ ציבעלע.

„די שטייענדיקע אין דרויסן איז דערוויל נמאס געוואָרן צו שטיין. טאָקע פון איין שאָפּ, אַ גוטער שכן, און אַ לאַנדסמאַן, אָבער דאָס קויפט אים נאָך אַלץ נישט אויס, — אַז מ׳זאָל צוליב דעם ברויכן פאַרשוואַרצט ווערן אַ גאַנצן טאָג!... און אָנגעהויבן אַרויסקומען צווישן זיך מיטן אמת, אַזוי צו זאָגן, דעם טויטן אין די אויגן, איידער די ערד האָט אים נאָך צוגענומען: וואָס פאַר אַ צימעס קלערט מען דאָ פון אים צו מאַכן? מ׳גייט אים איינפּעקלען אין זייערן?״ (ז. 248).

„איינס און צוויי, האָבן די אייגענע שוואַרצע לימוזינען פון דעם אונדערטייקער *) זיי צוריקגעבראַנגט אַהיים אויף גאַרעט־סטריט. אָן פלאַכטן, ווי לאַנג געדויערט עס איינגאַנצן צו פאַרשיטן אַ גרוב איבער אַ מענטש? האָט עס בלויז געהייסן: די נסיעה, אים אָפּצושטעלן פון יענער זייט; אַ שעה אַהין, כמעט אַזויפיל — צוריק, און ש־כ־ח־ה, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען... גייענדיק אַרויף מיט די שטיגן האָבן זיך איבער אַלע שטאָקן, ווי פאַר זייער כבוד וועגן אויפגעמאַכט פון זיך אַליין די טירן — און מ׳האָט זיי צוגעשאָקלט מיט די קעפּ... אַנדערע האָבן, נאָכמער, זיך געלאָזט נאָכגיין מיט געבויגענע קעפּ צו זיי אין שטוב אַריין. דאָ זיי באַזעצט, ווי פאַר מצוה וועגן, אויף ווייסע אויסגעליידיקטע „באָקסלעך" פון אָראַנדזשעס, אָפּגעגאָסן די הענט און צוגעטראָגן בייגל מיט זאַלץ — אויף איבערצובייסן". (ז. 251).

עפּעס אַ זכר פון אַ מין „סעודת הבראה" האָט זיך דאָ פאַרוואַלגערט, ווי אַן איבערבלייבעכץ פון אַ מאַגישן ריטואַל. דאָס אַלץ, אַ צעקאַליעטשעט שערבל פון אַ צעבראָכן כלי.

נישטאָ קיין „ברוך דיין אמת". נישטאָ קיין „איוב", קיין אַנטריסטונג קעגן דעם אַלמעכטיקן און די דעקלאַראַציע פון רעזיגנאַציע וואָס ווערט געמאַכט מיט זאָגן דעם „קדיש" און פאַרשטיין די שטילע הכנעה־ווערטער, די דערקלערונג פון געבליבענער פעסטער לאָיאַליטעט צו דעם וואָס „האָט געגעבן און האָט צוגענומען און זאָל זיין נאָמען זיין געבענטשט" (איוב, א׳, כ״א).

אָבער מענטשן, יידן, פון וועלכן שניט און גירסא זיי זאָלן נישט זיין, קענען זיך אָן גאָט נישט באַגיין. זיי קענען נישט לעבן אָן אמונה. און וויבאַלד זיי האָבן זיך אינגאַנצן אויסגעליידיקט פון טראַדיציאָנעלער רעליגיע, האָבן זיי געמוזט צופאַלן צו אַן אַנדער אַרט אמונה, פון אַ פיל נידעריקערן מין.

ט.

מענטשן, און יידן אַוודאי און אַוודאי, זיינען לויט זייער עצם מהות נאָך רעליגיעז. זיי קענען אַנדערש נישט זיין. אַ נישט זיינען זיי גאָרנישט

---

*) באַגרעבער.

בגדר מענטש. און אויב זיי פאַרוואַרפן איין פאָרעם פון רעליגיע, מוזן זיי אָננעמען אַ נייע פאָרעם, ענטוועדער אַ העכערע אָדער אַ נידעריקערע. און אַזוי ווי קלעטערן ארויף איז דאָך שווערלעך ווערט ביי איינפאַכע מענטשן דער אָפּזאָג פון דער אָנגענומענער רעליגיע רעגיסטרירט מיט אַ טיפן אַראָפּזינק. זיי נעמען אָן אַ פּרימיטיווע פאָרעם פון אַ גלויבן און פון אַ גאָטעסדינסט. אמונה און עבודה, ווי אַלץ וואָס מענטש שאַפט, האָבן פאַרשיידענע דרגאות. דער מענטש האָט אַ גרויסן אויסוואַל: ער קען קריכן אויף אַלע פיר, גיין בקומה־זקופה אויף צוויי פיס, אָדער זיך אַוועקזעצן רייטן, אָדער גאָר זיך לאָזן אַוועקפליען. אָבער אינגאַנצן אָן באַוועגונג קען ער נישט בלייבן פאַר אַ לענגערער צייט, אָן לאָקאָמאָציע וואָלט זיי אָר־גאַניזם אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דערנאָך צעפאַלן.

דער רעליגיעזער געפיל איז פאַראַן, ווי אַטראָפירט ער זאָל נישט זיין מוז ער זיך באַהויפטן אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אַרט און ווייזע.

און ביי די־אָ עטלעכע טיפּן, וואָס זיינען דאָך נאָך אַלץ יידן, אַרבעט דער יידישער פאַנאַטישער מאָניזם. עס שאַלטעט און וואַלטעט דער נייער גאָט, וואָס איז באמת דער גאָר פאַרצייטיקער גאָט. דאָס עסן, פרעסן ווערט אַן עבודה, אַ געטלעכער קולט. די קיך ווערט אַ טעמפּל, און דער אייזקאַסט אַ קדשי־קדשים, און דער טיש אַ „הייליקער" מזבח. דאָס איז נישט געמיינט פיגוראַטיוו נאָר בוכשטעבלעך, בפועל ממש.

דער אַלטער, דער גאָר־קדמונימדיקער קולט ווערט רעסטאַווירט, און עס איז רעכט פאַר אָט־דער אכילה צו גיין אויף מסירת־נפש, „מער שטאַרבן פון טעפל ווי פון הונגער" (שבת ל"ג, ע"א), דאָס איבערפרעסן זיך האָט מער קרבנות, ווי דאָס נישט דערעסן.

אָט־דער קולט פון פרעסן איז אינגאַנצן נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן. ער פיגורירט אַלס אַ באַשטאַנדטייל אויך אין דער מאָדערנער „עבודה", אָבער ער איז היפּש אַרומגעשאַרן, איינגענומען. אָבער ביי די, וואָס פאַר־לאָזן די העכערע פאָרמען פון רעליגיעזן דינסט, פאַרנעמט אָט־דער אַר־כאַאישער קולט דעם אויבנאָן. דער פרעס ווערט דער הערשער און גע־וועלטיקער איבערן גאַנצן מענטשן. אַ גרויסער טייל פון קולט אפשר, דער גרעסטער קריכט אַריין אין מויל, און דאָרטן בלייבט ער.

אַמאָליקע פּריסטערס זיינען געווען גרויסע פרעסערס. וואָס גרעסער דער פרעסער אַלץ אַ בעסערער כהן איז ער געווען, אַלץ בעסער האָט ער געדינט דעם גאָט, וואָס איז אַליין אויך געווען אַ היפּשער זולל־וסובא.

רודימענטן פון דעם געפינען מיר אין אַט־די תלמודישע טעקסטן:

פקח בן ירמליהו פלעגט אויפעסן פערציק מאָס יונגע עופעלעך בלויז פאַר אַ נאָכשפייז (סנהדרין צ״ד, ע״ב).

מען האָט געזאָגט אויף יוחננען דעם זון פון נר באי [אַ כהן גדול] אַז ער פלעגט אויפעסן דריי הונדערט קעלבער, אויסטרינקען דריי הונ־דערט קוואַרט וויין, און אויפעסן פערציק מאָס יונגינקע פייגעלעך בלויז פאַר אַ נאָכשפייז. מען האָט געזאָגט אַז אין זיינע צייטן האָט נישט פאַ־סירט אַז אין בית־המקדש זאָל איבערבלייבן פלייש און מ׳זאָל דאַרפן דערנאָך פאַרברענען (פסחים נ״ז, ע״א).

אַט־די גוזמאות וואָס זיינען אָריענטאַליש איבערטריבן צייגן אָן אויף אַ ווירקלעכער איינצלהייט פון אַ פאַרצייטיקן קולט, וועלכער האָט נאָך באַוויזן איינצוהאַלטן אַ געוויסע פּאָזיציע אויך אין בית־המקדש.

אַ פיל עלטערער טעקסט זאָגט נאָך בעסער עדות:

„און זיי האָבן געזען גאָט און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען" (שמות, כ״ד, י״א).

און ווען אהרן, דער פריסטער, האָט געמאַכט, לויט דער בקשה פון פאָלק, דעם עגל... שטייט אויך דאָס אייגענע:

„דאָס פאָלק האָט זיך אַוועקגעזעצט צו עסן און טרינקען" (דאָרט, ל״ב, ו׳).

אַ קינד לייגט אַלץ אין מויל אַריין, וואָס ער פּאַפּאַדזשעט שיקט ער אָפּ צום פּרעסער. דאָס איז זיין דערקענטעניש־טעאָריע. אָט אַזוי לערנט ער זיך צו דערקענען די אַרומיקע וועלט. ער הייבט אָן מיט „עסן" זיין מאַמען, זויגן די מילך פון איר ברוסט, און ער גייט אַריבער צו אַלע אי־בעריקע קענגשטאַנדן. ער ווייסט בלויז פון דעם איין מעטאָד. עס דאַרף זיין אין דער בחינה פון „אכול את המגילה הזאת" (יחזקאל ג׳, י״א) עס אויף די געשריפטס פון דער גאַרער וועלט מיט אַלע אירע בוכשטאַבן־אָביעקטן.

דאָס איז בנוגע אַ קליין קינד.

און וואָס איז שייך דאָס כלומרשט דערוואַקסן מענטשנקינד איז אויך די אייגענע מעשה:

אָן אַ באַנקעט ווערט קיין זאַך נישט געטאָן. דאָס איז אַ גאַר וויכ־טיקער באַשטאַנד־טייל פון דעם פאַרצייטיקסטן קולט.

„נישטאָ קיין שמחה אָן עסן און טרינקען" (מועד קטן, ט׳, ע״א).

געלייטערטע אמונה וואָס באַשטייט בעיקר פון מאָראַל־געזעצן, איינ־פירן גוטע זיטן האָט זיך געפּלייסט צו רעדוצירן אָט־דעם קולט צום קלענסטן מינימום. אָבער אינגאַנצן אים באַזייטיקן האָט זי נישט געהאָט קיין דרייסט און קיין מעגלעכקייט.

„וורانגעל דערציילט, אַז יעדער איינער פון די יאַקוטן קען אַריינ־שטאָפּן אין זיך אין איין טאָג זעקס מאָל אַזויפיל פיש, ווי ער איז בכוח אויפצועסן געוויינלעך. קאָשראַן באַשרייבט אַ קינד פון פינף יאָר אַלט פון דעם אייגענעם שבט, וועלכער פאַרצערט דריי ליכט, עטלעכע פונט זויערע געפרוירענע פּוטער, און אַ גרויסע „חתיכה" פון געלן זייף; און ער גיט צו, «איך האָב עטלעכע מאָל געזען ווי אַ יאַקוט אָדער אַ טאַנגוזע־זער שפּאַרט אין זיך אַריין גאַנצע פערציק פונט פלייש אין איין טאָג...» און נישט ווייניקער קלאָר זיינען די אָנדייטונגען פון די פרעסערײ־גע־שיכטעס וועלכע עס דערציילט קאַפּיטאַן לאָאָן וועגן די עסקימאָסן, און סיר ג. גריי וועגן די אויסטראַליער". (הערבערט ספּענסער, פּרינציפּן פון סאָציאָלאָגיע, באַנד איינס, ז. 47, ענגליש).

„ווען מיר באַטראַכטן דעם טייל פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג, וועל־כער באַלאַנגט צו מענטשלעכער שפּייז, מוזן מיר באַמערקן, אַז מענטשן, מיט דעם פּראָגרעס פון ציוויליזאַציע, עסן אַלץ ווייניקער. ווען מיר פאַר־גלייכן ווילדע מיט ציוויליזירטע פעלקער אין האָמערס פּאָעמען אָדער אין די דערציילונגען פון רייזנדער, אָדער פאַרגלייכן דאָס שטאָטישע מיטן דאָרפישן לעבן, אָדער וועלכע עס איז גענעראַציע מיט דער וועלכע איז געווען פאַר איר, וועלן מיר אויסגעפינען דעם קוריאָזן רעזולטאַט... די געזעצן פון אינדיווידועלער מענטשלעכער נאַטור העלפן אין דעם פּועל־יוצא פון מאַכן די אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע אַקציע מער אַריבער־וועגנדיק, ווען דער מענטש ווערט מער ציוויליזירט. אָט־דער פאַקט איז פעסטגעשטעלט סיי אויף אַ לאָגישן און סיי אויף אַן עקספּערימענטאַלן שטייגער" (אויגוסט קאָנט, פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע, באַנד צוויי, ז. 255, לאָנדאָן 1896, ענגלישע אויסגאַבע).

הכלל, וואָס דער מענטש איז אַלץ מער אַנטוויקלט גייסטיק, אַלץ ווייניקער גיט ער נאָך דעם יצר־הרע, אָדער טאַקע דעם גאָט־געץ פון פרעס.

י.

„איסט־סייד" איז נישט אין אַ דזשאַנגל ערגעץ אין אַפריקע, אָדער

אין ווייטן סיביר. אָבער די טיפֿן מיט וועלכע מיר האָבן דאָ צו טאָן זיינען פֿאַרווילדעוועט, פֿאַרגרעבט געוואָרן. און מיט דעם פֿאַרלוסט פֿון יידישע גייסטיקע רעליגיעז־עטישע ווערטן האָבן זיי זיך אַראָפּגעגליטשט אין אַ פֿאַרצייטיקן אַטאַוויזם. געגומען דינען נישט די גאָלדענע קאַלב, נאָר די געשטאָפּטע קאַלב, און זייער טעמפּל איז געוואָרן אַ פּרעסאַרניע. און וואָס איז דער חידוש? וויבאַלד קיין בית־מדרש נישט, קיין שול נישט, קיין לעקציע־זאַל נישט, בלייבט איין מקום־קדוש — און דאָס איז דער רעסטאָראַן, דער גאָר גרוי־פֿאַרצייטיקער בית־המקדש.

„...נאָך מיט איין טאָג שפּעטער... וועט מען שוין אויפֿן „פּלייט" אויך אַרויפֿלייגן אַ שטיקעלע רינדערן פֿלייש; און אפֿשר גאָר קאַטשקע? איי קאַטשקע! (ס'נעמט אים גאַווערן פֿון מויל...) — וואַרעמע, פֿרישע צוגעברוינטע... און אַזוי מיט יעדן טאָג אַלץ מער, דאָ, צום אַהיים גיין, — וועט ער שוין קענען געבן אַ שמעק צו אַ שטיקל שוואַרצן רעטעך... אָדער צו אַביסל צעריבענעם כריין... און אין דער היים, אַז ער וועט זיין, — ווען וועט ער וועגן דעם עפּעס ברויכן פֿרעגן? אַז ער וועט נאָר אַרויס פֿון דער פֿאַסטקע, — איז דאָך די וועלט צוריק זיינע! וועט ער אין די פּרעסאַרניעס אויף דילענסי־סטריט און צווייטע עוועניו, — זיין אַ גאַנץ חשובער אורח! פֿון אַ סטייק רעדט מען שוין נישט... נאָר טאַקע אַביסל רומענישע קאַרנאַצלעך... אַצינד, אַ גראַשיצע... מ'ברויך נאָר אין צווייטן אַריינגיסן עטלעכע גלעזער ווייסן, זויערן, טרוקענעם וויין... ער זאָל אָנהיצן דעם מאָגן ווי אַ קאַלכאויוון, אַז ער זאָל דאָס וואָס גיכער פֿאַרברענען". (ז. 241).

דאָס אַרבעט אַזוי ביי אים, דעם חולה, — דעם טאָפּלט־אָפּערירטן, ביי וועמען מ'האָט נאָך פֿאַר דעם אויסגעשניטן דעם איידל־ראַפּינירטן ג יי ס ט, — די פֿאַנטאַזיע, וואָס טראָגט זיך, ווי אַ בין פֿון בלום צו בלום נאָך נעקטאַר, פֿון איין געריכט צום צווייטן. — די זעל קריכט אים, שונאי־ישראל, אַרויס...

אַט־דער פּאַסאַזש איז אַ מין פֿאַרווילדעוועט שטיק תהלים (ס"ג), אַזוי קען טרוימען אַ נשמה, וואָס איז פֿאַרוואַקסן מיט ווילד־פֿלייש.

פּרעס, דו ביסט מיין גאָט,
דיך טו איך זוכן;
נאָך דיר דורשט מיין זעל,

צו דיר גלוסט מיין לייב,
אין אַ לאַנד פון טריקעניש
און אַ פאַרשמאַכטער אָן אַ ביס.
אַזוי האָב איך אויסגעקוקט אויף דיר,
אין פרעס־הייליקטום צו זען דיין שטאַרקייט...
מיינע ליפּן וועלן דיך, פרעס, לויבן...
מיט פעטס און מאַרך איז זאַט מיין זעל...
און מיט קייענדיקע ציין טוט דיך לויבן מיין מויל...

אָט איז אַ הימן אויפגעזונגען צום קדשי־קדשים; אָדער עס איז אַ מין קאַטאַלאָג, אָבער אויסגערעכנט זיינען הייליקע זאַכן, „קדשים"...

„און דער אייזבאַקס *) (אוי, דער אייזבאַקס!) איז אויפגעלאָפן ווי אַ מעוברתע יידענע אין ניינטן חודש. עס רינט פון אים מיט מילך און האָניק... און ער יערט אַריבער, ווערט צעשפּאַרט." (ז. 192).

„לאָמיר נאָר אַ טאָפּ טאָן דעם בויך ביי וועלכן ס'איז אייזבאַקס... און אויך אין מיטן דער נאַכט — אויב ער ברעכט זיך נישט און גייט נישט איבער? און מ'וועט האָבן אַרויסצולייגן אויפן טיש אַ פלעשל מילך... אַ פּיצענונקע פלעשעלע זיסע קרים, אַ „מעדזשער" זויער־קרים, אַ פּריש שטיקל זיסע פּוטער, קעז... אַ פערטל הון, אַ פּאָר פאַרמאַכטע שאַכטלעך סאַרדינען". (זז. 86־185).

„...די אייזבאַקסעס ביי זייערע אייגענע ווייבער... ס'ליגן נישט אין זיי דיזעלביקע סטייקס? גראַשעלעך? שאַכטלעד סאַרדינען? שפּראָטן? קאַוויאַר? מיט סעלערי, מיט שוואַרצע און ר'יט, טעכלעך, געקענטע בינס, רויע ספּאַראַגן, אַחוץ פון מילכעדיקייטן: זיסע פּוטער, קעז ווייסן און האַרטן, קעז געלן מיט לעכער, קעז — ס'האָט אַ שיעור ווי‌פלערליי קעזן ס'זיינען פאַראַן... אין די אייזבאַקסעס." (ז. 184).

„...קוים קומען זיי אָבער אַרויס אויף דילענסי סטריט, און די אַלע פּרעסאַרניעס אירע נעמען זיי [מיסטער פלאָכט און מיסטער פליכט] אַרום; און ווו מ'זאָל זיך נישט פאַרדרייען — קומט אַלץ אויף די אויגן אָן אויסגעפּרוירן פענצטער מיט רויע שטיקער רויט־פלייש, וואָס זיינען גרייט, אויפן ווונק, — פאַר זיי זיך צו לייגן אויפן פייער; אָדער געבראָטענע, אויסגעשטאָפּטע קאַטשקעלעך, אויסגעקאָכטע הינער, פּאַלומיסקעס

*) פרידזשידער.

פיש, טעפּ יויך, געהירלעך, צעריבענע ברוינע לעבערס... און און זען ווי מענטשן זיצן נישט, נאָר ליגן איבער די טישלעך, און עסן נישט, נאָר פרעסן דאָס אין זיך אַריין, אַרבעטן געשיקט מיט גאָפּל־מעסער, ווידזשאָג־לערס אין אַ צירק... שטייען זיי דערהרגעט״... (זז. 84־183).

„נו, קרענקט מען טאַקע אויס יעדן ביסן וואָס אַ צוויי־טער שלינגט אַרונטער...״ (ז. 192). „אַ וועלט מענטשן פרעסט (און, ווי פרעסט!) זולל־וסובאט, און זיי [פלאַכט און פלעכט] זאָל ברויכן שלינגען ניכטערע שפּייעכץ?... אָדער עסן גלייך מיט אַלע אָדער קייען די ערד!... נישט פאַר גאָט און נישט פאַר לייט?״ (ז. 187).

אָט וואָס פאַר אַ גאָט פיגורירט דאָ! אַ גאָט וועלכן מען דינט מיט די באַק־ציינער, מיט די רייס־ציינער, מיט די בייס־ציינער מיטן הייליקן פרעס, וואָס איז איינע פון די גאַר אַלטע פאָרמען פון עבודה.

און די תאווה צום פרעסן ברענט נאָך שטאַרקער דערפאַר, וואָס עס איז פאַרבאָטן און שטרענג פאַרבאָטן טאַקע פון הייליקן מאָגן אַליין, און פון די געדערים...

„און ווער עס זאָגט אַז דער אייבערשטער איז אַ פאַרגעבער, אַ סלחן, זאָלן אים די געדערים פאַרגעבן״ (שקלים, פ״ה, ד׳), ווען ער עסט וואָס ער טאָר נישט עסן. אָט־דער גאָט איז שוין דווקא אַן אל קנא ונוקם. ער שטראָפט פאַר יעדער עבירה...

און זיי, פלאַכט און פלעכט, זיינען מקנא יעדן עסער אָדער פרעסער. זיי רייסן זיך צו דער עבודה, זיי וואָלטן וועלן דינען די עבודה־זרה פון גוף, דעם געץ פון פרעס מיטן גאַנצן מויל, מיט אַלע כוחות — און זיי קענען נישט.

און קנאה איז דאָך ערגער פון טויט, ערגער פון הונדערט טויטן (דברים רבה, פרשה ט׳, סוף).

אָבער אָט־די אייפערזוכט איז „קנאת השם״... דאָס איז עבודה...

...„אַז עס זאָל זיין וואָס אויף אים אַרויפצולייגן; און אַז דער כבוד פון טיש, נישט ווייניקער ווי פון אַ מזבח, — זאָל חלילה נישט פאַר־שוועכט ווערן״. (ז. 216).

אַז דער גייסטיקער בית־המקדש אין האַרצן פון מענטשן ווערט חרוב, דעמאָלט ווערט זיין טיש, אין פראָסטן פשט פון וואָרט פרעס, זיין מזבח (ברכות נ״ה, ע״א), אויף וועלכן ער איז מקריב קרבנות צום פרעס־פעטיש.

„פליכט האָט נישט געקוקט קיין גליקן. דער פרעסער האָט ביי אים

געאַרבעט מיט די הענט און מיט די פיס, איינע האָבן די אַנדערע געזען אַרויסצוהעלפן". (ז. 281).

דער פּרעסער ווערט דער וואָס איז בוכשטעבלעך מקיים דעם „כל עצמותי תאמרנה..." (תהלים, ל"ה, י'). אַלע אברים ווארפן זיך אַריין אין דער הייליקער עבודה. ווייל די אַלע אויסדרוקן וואָס ווערן געברייכט אין תהלים און צייגן אָן אַן אויסגעקניפּטקייט און אויסגעבונדנקייט מיטן אייבערשטן וואָס איז דורכאויס גייסט, זיינען באמת דעריוואַציעס, אַנט־ליִענע און איבערגעניצעוועטע בילדער פון פּאַרצייטיקע קולטן, ווו זיי האָבן געהאַט אַן איינפאַך בוכשטעבלעכן מיין און באַדייט.

„...ער איז געשטאַנען איבער אים, דער זולל־וסובא, ווי אַ הייצער מיט אַ שאָפל ביים צעגליטן אויוון פון אַ קעסל, אין אַ שיף, — און וואָס עס איז אַרויפגעקומען אויפן טיש — איז עס אַריין! אַ סטייק — אַריין! אַ גראַשיצע — אַריין! אַן אייטער — אַריין! געפילטע מילץ — אַריין! אַ פלעשל סאַטורין, ווייס ווי קרישטאָל — אַריין! ער האָט גאָרנישט גע־האַט אַזאַ גרויס מויל, און עס איז אויך נישט געווען אַזוי ברייט צעעפנט; עס האָט זיך בלויז געזען אַ שמאָל שפּעלטעלע ווי ביי אַ פיש — פאָר די ברעקלעך, וואָס ער האָט בנעימותדיק געשניטן, מיט אַ קאַלטע לונג־און־לעבער, פון די פליישן; זיי נישט געשלונגען, ווען עס אַנטגייט אים אונ־טערן האַרץ; נאָר זיך געעוסקט דערין ווי אַ זאַטער, אַן אָנגעגעסענער, וואָס עסט בלויז, ווייל ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי עסן; אַ מויל — אַריינצולייגן; ציין — וואָס צעקייען דאָס, צערייסן דאָס, צעפּעדימען; אַ ווישט וואָס שלינגט, און אַ מאָגן ערגעץ, אָדער אַ זאַק, ווו דאָס לייגט זיך אָפּ... ער קייעט געלאַסן: אַ שטיקל, אַ שטיקעלע, אַ קיקעלע, אַ ברייזעלע, אַז ס'זאָל גרינגער צעגיין, זיך נישט איבערפּאַקן דערמיט... (ז. 281).

ער איז נישט קיין פּראָסטער אכלן, ער איז אַ כהן וואָס טוט זיין הייליקע פליכט אין אַ טעמפּל.

עס איז אַ פּרעסן וואָס איז אַ גאָטעסדינסט...

## 3.

# די ווייבערשע מלוכה

## א.

פ. בימקאָ הייבט נישט אָן זיין דערציילונג מיט מענטשן, נאָר גאָר מיט הייזער. וויבאַלד עס הייסט „איסט־סייד" איז דאָך עס אַ באַשטימט טייל פון שטאָט, „מזרח־זייט". ביי אונדז, מיט אונדזערע היימישע אַסאָציאַציעס אין קאָפּ, רופט דאָס וואָרט „מזרח" אַרויס חשיבות, אָפּשיי. אַ קלייניקייט אָט־די זייט פון דער וועלט, וווּ די זון גייט אויף, און וווּהין מיר קערן זיך מיטן פּנים, ווען מיר שטעלן זיך דאַווענען. אַ „שטאָט" אין מזרח־וואַנט האָט דאָך געמיינט אַן אויבנאָן אין „בית־מדרש", וווּ אַלע כּי־בודים און „דערהייבונגען", „עליות", זיינען פאַרטיילט געוואָרן. און לויט דעם פּלאַץ־באַזיץ אין „מקום־קדוש" זיינען באַשטימט געוואָרן די „שטאַנדן" און קלאַסן־דיפערענציאַציעס. עס איז גענוג געווען צו וויסן אַז דער און דער געהערט צו דער מזרח־וואַנט־קאַטעגאָריע פון יידן, אַז מיר זאָלן וויסן זיין יחוס, זיין הערלדיקס, זיין „ריטערטום" און זיין קרעדיט, און אַפילו זיין פאַרמעגן און אַנזען. „מזרח־וואַנט" און „הינטער דער בימה" דאָס זיינען געווען צוויי פּאָליוסן. דאָס איז אַ שטיק יידיש קליינשטעטלשע סאָציאָלאָגיע, עקאָנאָמיק און פּאָליטיק.

אָבער דאָ איז דאָך אַן אַנדער מדינה, אַן „עולם הפוך", אַן איבערגעקערטע וועלט, אַ קאַפּויר און קאַפּידרעך. ווען „דאָרטן" איז נאַכט, איז „דאָ" אויף צו להכעיס טאָג, און ווען דאָ איז נאַכט איז דאָרטן טאָג. אַלץ אויף שטירדעס און קווידערניש.

איז דאָ „מזרח" גאָרנישט קיין „מורנו", עס איז דווקא דער בשפל־המדרגה. איז טאַקע בעסער זיך נישט וויסנדיק מאַכן פון טייטש פון וואָרט „איסט־סייד". עס האָט נישט קיין טייטש. עס איז „איסט־סייד און פּטור אַן עסק, ווייל דער געניער „פּירוש המילות" וועט אונדז בלויז פאַרווירן. זיין „איסט־סייד" הייבט דער מחבר אָן מיט אַ באַשרייבונג פון הייזער.

די הייזער זיינען דער עיקר, און די מענטשן וואָס וווינען אין זיי זיינען אַ טפל, אַ צוגאָב צו די הייזער. ווי עס „הויזט" זיך, אַזוי „מענטשלט" זיך עס. ווייל די הייזער זיינען שטיקלעך מענטשן אַליין. כּמעט

אַז מען קען דאָס הויז פאַררעכענען פאַר אַ טייל פון מענטשלעכן קער־פּער, אָדער די הייזער אין צוזאַמענעם פאַר אַ חשובן טייל פון גוף פון קהל.

„די הייזער אַלע ווי איינס, — האָבן אויף זיך די יאָרן. ווי לאַנג ברויך דאָ אַ הויז שטיין ס׳זאָל זיין אַלט?... זיי זיינען דאָ אַלט און צע־קנייטשט. ווי אָפּגעטראָגענע בגדים, באַבעס... און, אפשר, ווייל זיי זיי־נען לכתחילה געבוירן געוואָרן מפלונגען; נישט אויסגעמויערט סאָליד פון אַ שטיין מיט אַ שטיין, נאָר צונויפגעסטריגעוועט טאַנדעטנע: פון אַ ברעט מיט אַ בלעך, אַביסל ניכטערן שפייעכץ... זיי ליגן צונויפגעשטופּט, איינס אויף דאָס אַנדערע, אַזוינע שמאָלע ווי די קישקעס... די אַריינגאַנגען אין די הייזער זיינען אַ מענטש די ברייט. און אַז ס׳גייט איינער אַרויס ווען דער אַנדערער גייט פּונקט אריין, אַזוי מוזן זיי זיך, ווען זיי זאָלן זיך זיין אַפילו די ערגסטע שונאים, — באַרירן. הילצערנע, אייזערנע און שטיי־נערנע שטיגן, — גייען אַהין און צוריק ווי אַ שתי וערב פון איין גאָרן צום אַנדערן, ביז אויפן «רוף» אַרויס, ווו מ׳קומט אָן אונטערן גאָלן הימל... שוואַרצע פייער־אַפּלייטערס, אויסגעבויגענע — באַהענגען זיי ווי שפּינ־וועבס... אַרויס האָבן זיי געברויכט פונעם „בילדערס האַנט, די אַלע היי־זער גאָל, הוילע קאַסטנס... ווי אויסגערעכנט: אַז זיי וועלן נאָך זיין צו־גוט פאַר יענע אָנגעלאָפענע פון אַלע עקן וועלט, — אויף איבערצונעכ־טיקן, דעם קאָפּ אָוועקצולייגן...״ (זז. 58־157).

דער מחבר גיט זיך נישט אָפּ מיט אַ באַזונדער הויז, מיט אַ ספּע־ציעל הויז, אַ הויז אַ יחידישעס. ער באַשרייבט אונדז נישט אין דעטאַלן, מיט אַלע סימנים דאָס אָדער יענץ הויז, אָדער די דירה אין וועלכער זיין העלד אָדער עטלעכע העלדן און העלדינס וווינען, וויינען אָדער „פרייען זיך״. צו וואָס זיך אַריינלאָזן אין אַזעלכע פּרטים? דאָס איז דאָך לאַו־דווקא! וואָס איז די נפקא־מיניה? אַלע יוונים האָבן איין פּנים. אַלע היי־זער פון אָט־דער געגנט זיינען גלייך אין יעדער הינזיכט, ווי זעלנער, להבדיל, אין קיסרס גוואַרדיע. איז צו וואָס זיך פאַרנעמען מיט דער באַ־שרייבונג און אָפּמאָלונג פון זייערע פּרצופים, די זעלביקע נעזער, די זעל־בע שליעפּעוואַטע אויגן. קיינע אייגנאַרטיקייטן פאַרמאָגן זיי נישט, אַז איר באַקענט זיך מיט איינעם פון זיי, קענט איר שוין אַלעמען.

קיין איין הויז איז נישט געבויט מיט דעם מיין צו באַפרידיקן אַ באַזונדער אויסקלייבערישן געשמאַק פון אַ באַזונדערן איינוווינער.

מיר האָבן דאָ פּאָר אונדז אַ געמיינדע פון הייזער, אַ גֶעזעמל, אַ צו־
נויפקלייב אָדער אַ צונויפגעלאָף פון הייזער.

קיין איין הויז שטייט נישט אָפּגעזונדערט פון אַ צווייטן הויז, עס
פראוועט נישט קיין יחידות, עלעהיי אַ ווילע, אַ שלאָס, וואָס דער „עושר"
אָדער „פּריץ" האָט אוועקגעשטעלט, אָדער זיינע אבות־אבותיו האָבן גע־
בויט, און אין דער געביידע אַריינגעבויט און אַריינגעמויערט טראַדיציע
פון אַרכיטעקטור־גירסא, אָדער אַ ספּעציפישן נוסח פון בנינעריי.

זיינען די הייזער מעשה־טשערעדע, אַלע ווי איינס, איינס פּאָר אַלע.
זיי האַלטן מויער־שטאַרק פון אחדות. עס הערשט אַ גלייכשאַלטונג, און,
אפשר, אויך אַ ברידערלעכקייט צווישן זיי.

און מיט דעם מין ברידערלעכקייט שטעקן זיך אָן די איינוווינערס,
די שכנים.

דער מחבר האָט אונדז נישט צו פאַרציילן וועגן קריגערייען, צוזאַ־
מענשטויסן פון די רעזידענטן.

מאַן און ווייב לעבן בשלום, עלטערן מיט קינדער — בשלום. אַפילו
נאָענטע שכנים און אַפילו שכנות לעבן אויך פרידלעך, אָן מחלוקתן, אָן
פאַרפלאָנטערנישן פון אינטערעסן און אַמביציעס. עס איז געמיטלעך,
און מ'קומט אויס צווישן זיך. נישט בלויז די וואָס וווינען אויף איין
שטאָק, אַלע תושבים פון אַ גאַנצן הויז, גאַס אָדער „בלאָק" האַלטן זיך צו־
זאַמען, פילן זיך כמעט ווי איין פאַמיליע, וואָס האַלט זיך אין טיילן
יושרדיק מיט ליידן און פריידן.

וואָס פאַראייניקט זיי? וואָס פּערסאָנאַליזירט זיי?

די הייזער גופא. זיי הויכן־אָן אויף זיי אַ מין אחדות־געפיל.

[מר. פלאָכט איז אין שפּיטאָל, דורכגעמאַכט אַ נישט־געלונגענע
אָפּעראַציע].

„זי האָט זיך דאָ אַרומגעוואַלגערט אינעם שפּיטאָל, די פלאָכטשינע,
דאָ געטאָגט און גענעכטיקט, און נישט אויך איינע אַליין. וואָס איז פון
שטיין אַרויס? חוץ הערילע, איר זון, וואָס, ס'איז דאָך נאַטירלעך, —
ער האָט געזאָלט זיין מיט דער מאַמען — איז דאָ אויך געווען דער גאַנ־
צער פינפטער שטאָק, וואָס האָט געלעבט אינאיינעם, זיך געגעסן אינאיי־
נעם פון די מיילער... און אַז די צוויי קינדער זיינען אויסגעוואַקסן זיך
אויך משדך געווען... זיי זיינען איצט, ווען דער שוואַרצער וואָלקן האָט
זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזט, — נאָכמער דאָ געווען ווי אינאיינעם. דאָס

מיידל שיינע, איר מאַמע, די מיסעס פלעכט, מיסטער פלעכט, מיסעס פליכט און אַפילו מיסטער פליכט, וואָס איז פון זיי אַלע געוועזן צום וויטסטן פון אים [פון חולה], און מער פון אַלע אָפּגעפרעמדט פונעם פינפטן שטאָק, — האָט זיך אויך איצט דערנענטערט, און ער איז געשטאַנען, געגאַנגען... גלייך מיט אַלע, דאָ ווו מ׳האָט נאָר געלאָזט און געקענט שטיין"... (זז. 230-231).

די הייזער איבן אויס אויף די באַוווינערס אַ גוטן איינפלוס. ווי זיי וואָלטן צו זיי ריידן און זאָגן:

„מענטשן, מענטשן, וואָס איר זייט! קומט, לערנט זיך פון אונדז. נעמט זיך אַראָפּ פון אונדז אַ ביישפּיל: איר זעט ווי מיר האַלטן זיך אַלע צוזאַמען, איז האַלט זיך אויך אַזוי! לעבט ווי ברידער און שוועסטער, כאָטש איר זענט צונויפגעפּרעסט. אמת, צו לעבן פרידלעך פונוויטנס און זיך האַלט האָבן פונווייטנס איז פיל לייכטער ווי פון נאָענט, אָבער מיר, הייזער, באַווייזן דאָך עס צו טאָן, איז טוט עס אויך."

און די הייזער־אומגעבונג און אַטמאָספערע האָט אַ מאַראַליזירנדיקע ווירקונג אויף דער גאַנצער שכנהשאַפט.

עס איז נישט פאַראַן קיין אויסגעשפּראָכענע פאַרריסנקייט, אָפּגעזונדערטקייט, גרויס־האַלטעריי צווישן די הייזער, קיין שנאת־חנם, קיין אויסדרייען זיך מיט אַן אויפגעשטעלטער פּלייצע אָדער, נאָך ערגער, מיטן אחור איינס צום אַנדערן, קיין אָנבלאָזן זיך, קיין גדולן זיך, גאַווהנען זיך. מען לעבט אין גלייכהייט און ברידערלעכקייט הגם אַן פרייהייט... קיין ביסל פרייע לופט, קיין פרייען אָטעם...

ב.

„מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, עפּעס מער ווייניקער, האָבן זיך דאָ, כאָטש ס׳איז דער עלטסטער טייל פון שטאָט — גרינע ווינטעלעך אַראָפּגעגליטשט איבער די גריך־באַגראָזטע פעלדער, אין טייך אַריין". (ז. 157).

פאַר אַ יונג לאַנד צוויי הונדערט יאָר איז אַ גאַנצע „אייביקייט". אָבער אויך איצט בלאָזן דאָ ווינטן און ווינטעלעך. קיינער קען זיי נישט אָפּשטעלן. כאָטש דער וועג איז אַביסל פאַרצאַמט, נישטאָ די אַמאָליקע רחבות פון ליידיקן שטח, גיבן זיי זיך אַן עצה, אַז מ׳קען נישט דורך, מוז מען דורך. אָבער די באַגראָזטע לאָנקעס, אָדער פאַרזייטע פעלדער

אין מאַנהעטען איז אַ זאַק פון אַ לאַנג פאַרלאָפענער און פאַרגעסענער פאַרגאַנגענהייט. עס לאָזט זיך קוים גלויבן, אַז אַזעלכע אַזיסן זיינען דאָ געווען אַמאָל אין מיטן אַט־דעם מדבר פון מויערן און מויערן.

דער מחבר קען זיך נישט באַנוגענען מיט מאַכן פאַרגלייכן פון דעם „דאָ" גענומען אין פאַרשיידענע צייטן פון זיין אַנטוויקלונג. ער איז ווי געצווונגען דורכצופירן פאַרגלייכענישן און פאַראַלעלן צווישן דעם היגן „דאָ" און דעם נישט־היגן, אָבער שוין גאַרנישט פרעמדן „דאָרטן". ער מוז עס טאָן גאַנץ אָפט, ווייל זיינע העלדן לעבן אין צוויי שטחים, אויף צוויי פלאַכן וואָס זיינען ווייט אָפגערוקט איינע פון דער אַנדערער. זיי באַוועגן זיך און האַנדלען אין צוויי געאָגראַפישע סביבות. און וואָס זיי זאָלן נישט טאָן, און וועגן וואָס זיי זאָלן נישט ריידן ציען זיי פאַרגליי־כעניש־פאָסן, אין זיכרון ביי זיך, ווען אַפילו נישט אַרויסגעבראַכט בפי־רוש, אַריבער ימים און יבשות ביז זיי שפּאַרן אָן אַהיים, און דאָרט ערשט שטעלן זיי זיך אָפּ. דאָרט איז דער סוף־פּסוק. וווהין ווייטער קען מען גיין?

„ס'איז נישט אין פּראַג, קראָקע, ווו אַ הויז איז צוגעקניפּט מיטן נאָפּל צו דער ערד עדי־עד, זעקס, זיבן הונדערט יאָר איז אַ קיין און שפּיי, און ס'הייסט ביי דער היגער עלטער — אַ זויגלינג". (זז. 58־157).

און ווי מאָלט ער דעם הימל?

עס „קוקט צו יענעם ביינאַכט מיט אַ פרום אויסגעשטערנט פּנים: «נעם מיך אַרום, האַרציקער, כ'בין דאָ אינגאַנצן דיין!»" (ז. 158).

און אין די הייזער און אין הימל זיינען געראָטן די יידן, די מענטשן, די יידענעס און, אַפילו, די קינדער. נישטאָ קיין פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע צאַנקערייען. סיידן עס איז אַ מחלוקת וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ „קלאַסן־קאָנפליקט" און עס ליגט אויסער דעם רשות פון אַ יחידישער פאַרהעלטעניש. דאָס אייגענע בנוגע דעם „קאַמף פון גענעראַציעס". עס עקזיסטירט נישט אַלס שטענדיקע אויסגעצויגענע רייסערייען און צוויס־טיקייטן. אויב דער זון אָדער טאָכטער גליטשט זיך לחלוטין אַרויס פון דעם קאָנטראָל פון די עלטערן, ווערט עס אָנגענומען ווי אַ שיקזאַל־פאַל, וואָס עלטערן מוזן שלום־מאַכן מיט דעם. אָפּשרייען עס קען מען נישט. און אויב מ'איז עס נישט מקבל באהבה, איז מיט פאַרשטענדעניש און געדולד: וויבאַלד עס איז אַזוי, דאַרף עס אַזוי זיין אין אַט־דעם נייעם לאַנד.

אַ דורכאויס פרידלעכע באַפעלקערונג הויזט אין די הייזער אויף „איסט־סייד״ אין דער דאָזיקער דערציילונג.

מה טובו אהליך... כאָטש לאוו דווקא יעקב...

„זיינען די אַלע [הייזער] דאָ אָנגעשטאָפּט, פון קאָפּ ביז די פיס, מיט אַ געמישטן עולם, וואָס באַשטייט פון ייִדן, איטאַליענער, פּאָליאַקן, שוואַרצע...״ (ז. 159).

אַפילו דעם פאַרבן־רוביקאָן איז מען אַריבער. אויסגעמישט די קאָ־לירן און די ראַסן — און שאַ, שטיל, מאַך נישט קיין גערודער! ס׳איז שלום על ישראל און אויך אויף דעם נישט־ישראל.

דער פיזישער גערודער איז דאָ, און עס איז גאָרנישט שאַ־שטיל. נאָר דער הו־האַ איז פון האַווען־שמאַיען, עוסקן, זיין פאַריאָגט, גיין אין שפּאָן פון לעבן, שלעפּן דעם וואָגן פון חיונה, דעם וואָגן מיט די נישט־געשמירטע סקריפּענדיקע רעדער.

אָבער דאָ הערט מען נישט קיין געשריי פון אַ געשלעג און אַ גע־פּעכטעריי צוליב דעם נישט קענען זיך איינטיילן מיט דער אַמעריקאַנער ירושה...

„ווי אין דער גאַנצער שטאָט, וויסן די גאַסן דאָ אויך נישט, כאָטש זיי זיינען וויסט און אָפּגעלעגן... פון קיין שלאָף פאַר די אויגן. איז ביי־טאָג און ביינאַכט פאַר זיי איין און דערזעלביקער געשריי, איין און דער־זעלביקער געגיי. ווען עס לייגט איינעם אַוועק, הייבט עס אַ צווייטן אויף, — און דאָס גערויש שטייט תמיד הויך, ציט אַרויף, אַרויף, ווי דער רויך פון אַ באַשטענדיק פייער, וואָס ווערט קיינמאָל און פון קיינעם נישט אָפּ־געלאָשן... בלויז אין געציילטע שעהן לעשן און קילן זיך די הייזער אויף די גאַסן, און זיי דרימלען צומאָלס איין... אויף די גאַסן, ווידער, זיינען די ערשטע, וואָס רייסן־אויף די אויגן, די גראָסעריס, מילך־געשעפטן, קענדי סטאָרס, וואָס הייבן אָן אויסקוקן מיט ליכטיקע אויגן אויף די ווײ־בער... און צווישן די אַלע... יידל דער גראָסערימאַן אויסקוקנדיק אויף זיינע ליבע ווייבער, איבערהויפּט די מיסעס פלאָכט, די מיסעס פלעכט און די מיסעס פליכט״. (זז. 160־159).

די הויפּט־ראָלע שפּילן אין סיפור־המעשה די מענער, די ווייבער זיי־נען בלויז עזר־כנגדוס. זיי קומען בלויז צו שאַפן אַן הינטערגרונט פאַר די האַנדלונגען פון זייערע מענער, דאָס איז בדרך כלל. אָבער אין זייער איי־גענעם תחום זיינען זיי אַליין־הערשערינס, און טיילן זייער מלכות מיט

קיינעם נישט. מען קען אויך זאָגן, אַז די ווייבער שטעלן צו דעם „קאָמיזם" צו דעם מענערישן „טראַגיזם".

זיי קומען אַריין אין דער דערציילונג בחברותא, און פירן זיך בחברותאדיק. זיי זיינען זיך, זיכער, נוהג ווי די הייזער אין וועלכע זיי וווינען, ווייל ווי זאָגט די גמרא, „ביתו זו אשתו" (יומא ב', ע"א), „אַ הויז איז אַ פרוי".

זיי קומען איינקויפן זאַלבעדריט, מיט אַ „מזומן", אָדער אַ טריאָ. אַלע דריי האָבן דעם זעלביקן געשמאַק בנוגע עסנוואַרג. זיי פירן זיך, אין אַלגעמיין, אויף אויפן זעלביקן שטייגער. זיי שטעלן פאָר מיט זיך אַ קאָמפאָזיט בילד.

בימקאָ האָט בכלל ליב די „דרייאיינִיקייט" פון העלדן. אַזוי ברענגט ער אַריין אין זיין דערציילונג „דער שאָפּ, עלי רבילע און די יידלעך זייַנע" דעם דריילינג „זיינוויל, פייוויל, דזשעק" (ז. 10) און „שראַל, בערל, דייוו" אין „אויף צום ערשטן מאַי" (ז. 99); און אַפילו דאָרט ווו ער האָט אַ הויפּט־העלד, גיט ער אים דריי באַגלייטערס, צושפּילערס און אַרויסהעלפערס, „ישראל דער וואַלקערזש, לייב קירזשנער, איטשע ברוך דער שניידער" (זאַמלביכער נומער 7, ז. 92).

ער טוט עס צוליב דעם, וואָס סיי די העלדן און סיי די העלדינס זייַנען נישט גענוג אינדיווידואַליסטיש און אויסגעפּועלט; זייער שפּילן אָדער זינגען סאָלאָ איז נישט וויכטיק, אין כאָר באַקומט זיך ערשט זייער „באַשערטע" קאָמפּאָזיציע, און זיי ציַיגן אַרויס זייערע „טאַלאַנטן" אַלס גאַנצע געשטאַלטן, אָדער געשטאַלטעלעך.

## ג.

די דריי מענער זייערע אָדער זיי פרעסן אָדער זיי ריידן און טרוימען און פאַנטאַזירן וועגן פרעסן, די ווייבער טיילן זייער תאווה אין פירן, איין פערטל בלויז קומט אָן אויפן חלק פון פרעס, בשעת דאָס צווייטע פערטל גייט בפירוש צום ריידן אָדער פלאַפּלען, בשעת מעשה פאַלט אַראָפּ אַ פּאָרציע און דאָס ווערט פאַרוואַנדלט אין דעם מיחוש צו שטאָפּן די קינדער, און אַ פערט טייל גייט אַוועק אויף איינקויפן...

זיי אַליין פעלשן אויך נישט אין דער אכילה, אַזוי אַז אין קיינע פון זיי, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, וועלן די ווערים זיך נישט אָפּ.

נאַרן. דאָך דאַרף מען וויסן אַז פלאַכט איז די גרעבסטע און פליכט די דינסטע און פלעגט האַלט דעם באַלאַנס צווישן די צוויי. אָבער אויך די דינסטע איז נישט צו פאַרזינדיקן.

„די דריי ווייבער קאַטשען זיך אַרונטער... רייבנדיק זיך פון פעט־קייט אָן די ווענט, צוליב וואָס דער לענדלאָרד האָט מיט זיי אַ ביטערע אַרבעט: «דאָס אזוי גיך ווי ער לאָזט „אויספּעניטן“ די האָל, איז זי שוין נאָך גיכער אָפּגעריבן»“. (ז. 160).

זיי לייגן אַריין אין זיך גאַנץ געשמאַקלעך. זיי זיינען נישט פעט פון שלאָגן זיך „על חטא“, אָבער זייער על חטא שלאָגן זיך באַשטייט אין דעם, וואָס זיי פילן זיך שולדיק אין איבערכאַפּן די מאָס פון דער אכילה און זוכן, און, פאַרשטייט זיך, געפינען אַלעמאָל אַ תירוץ. און דער איין תירוץ, וואָס גילט פאַר אַלע דריי איז דער יידישער „בל תשחית“ (שבת ק״מ, ע״ב), מען טאָר אַ נוצלעך זאַך נישט לאָזן אין ניוועץ, און נאָך שטאַרקער, מען טאָר נישט מבזה־זיין קיין שפּייז (מסכת סופרים, פרק ג׳), אַפילו קרושלעך טאָר מען נעמען און אַרויסוואַרפן (ברכות נ״ב, ע״ב).

אָבער וויבאַלד זיי דאַרפן אָנקומען צו אַ פאַרענטפער צייגט דאָך עס אַז אין ענין פרעס זיינען זיי ווייט צוריקגעשטאַנען לגבי זייערע געמאַלן, און אויך, אַז די קדושה פון פרעסן, פון אַט־דער אייגנאַרטיקער „סעודה של מצווה“, ווען די סעודה ווערט אַ מצווה אין איר אייגן רעכט, איז ביי זיי אָפּגעשוואַכט, „רפה באמונתי“.

ווען איר מאַן זאָגט מרס. פליכט עדות:

„מיינער איז, אָן שום נ׳האָרע, אַן עסער... ביי אַ סטייק פון אַ פונט און פערטל פאַרקרימט ער זיך: «כ׳האָב אים גאָרנישט געגעבן!» אַ האַלב עוף האָט ער אויף איין צאָן... און סטייקס הייסט ער זיך „פרייען“ יעדן צווייטן און דריטן טאָג... און אין דעם טאָג, וואָס איך גיב אים נישט קיין סטייק — מוז זיין טשיקן, זופּן־פליייש; אַ שטיק פלאַק מוז ער אַלץ האָבן!“ (ז. 169).

אָבער ווען זיך קלאָגן זיי און וויינען; באַקלאָגן זייער אייגענע מערכה און די פינצטערע דאָליע פון דעם עסנוואַרג.

„...און אַליין דאָס אַלץ אויפעסן, ווען מ׳זאָל אַפילו וועלן, קען מען נישט — אַזוי ווערט דאָס „בארל“, פאַר דער טיר אין דרויסן, געשוואָלן; און די קעץ האָבן אַ טייער לעבן... פויזען אַרום, אַזוינע פעטלייביקע, אויף די בייכער... און אויב מ׳לייגט דאָס נאָך לכתחילה אַריין אין אייזבאָקס,

איז עס בלויז פאַר האַרצווייטיק, — מ׳זאָל עס כאַטש נישט באַלד, ווי מ׳האָט עס אַרויפגענומען פון דער גראָסערי, און עס פאַרשמעקט נאָך די שטובן — אַרויסוואַרפן, נאָר דערנאָך ערשט, ווען ס׳וועט אַביסל צוגעלעגן ווערן, שוין זיין קאַליע, באַקומען אַ טראַנטש, ווערן עטוואָס טוכלע און נישט מער אַזוי פאַררייסן...

מילא, מיר מוזן טאָן ס׳אונדזעריקע... און אויף וויפל מ׳קען, זעט מען אַוועקצורייסן ביים „באַרל״, מיט דעם וואָס מ׳עסט אַליין אויף... אַיי וואָס, ס׳גייט אין די פיס אַריין, און זיי ווערן ווי פלעקער? איז אַלץ בעסער, ווי ס׳זאָל גיין אין די קעפּ אַריין, און זיי זאָלן, באַהיט ווערן, — ברויכן ווערן ווי די פיס!״ (ז. 168).

און אַז עס קומט צום ריידן קען מען זיך דאָך נישט העלפן, אַז עס זיינען פאַראַן אַזויפיל ענינים צו באַהאַנדלען, ענינים וואָס זיינען שאַרף, פעפערדיק און שטשיפּען, ממש, די צונג. און די ניין מאָס רייד, וואָס זיי האָבן גענומען פאַר זיך (קידושין, מ״ט, ע״ב), האָבן זיי דאָך גענומען צום געברויכן, נישט אויף אַרויסצעוואָרפן. אַ וואָרט, אַביסל רייד איז אויך אַן „עסנוואַרג״, אַ סעודהלע.

און מ׳דאַרף עס זיי, זיכער, פאַרגינען. ווייל די פרויען האָבן צוגעטראָגן זייער פיל צו דער אַנטוויקלונג און פלעגונג פון דער רייד־שפּראַך. זיי האָבן נישט ג ע נ ו מ ע ן די ניין מאָס רייד, ווי די גמרא אין קידושין וויל האָבן און דאָס פאָלק זאָגט איר נאָך. זיי האָבן עס געהאָלפן שאַפן. זיי האָבן געאַקערט און פאַרזייט דאָס פעלד, דאָס אומדאַנקבאַרע פעלד פון אויסדרוק.

חוץ דעם דאַרף מען געדענקען, אַז זיי זיינען די ערשטע שפּראַך־לערערינס פון זייערע קינדער, נישט אומזיסט הייסט דער הויז־אויסגעלערנט לשון מוטער־שפּראַך.

און קענען „שטומע ליאַלעס״ זיין לערערינס!

און עס זיינען טאַקע פאַראַן זייער רייצנדיקע טעמעס! און די בעסטע טעמע איז נאָך אַלץ דער מענטש און זיין אויפפיר...

יעדער מענטש איז אַ וועלטל פאַר זיך, און יעדעס וועלטל דאַרף געשאַפן ווערן מיט צען שפּרוכן (אבות ה׳), אַמקנאַפּסטן און אַמקאַרגסטן...

„די ווייבער וואָס שטייען און וואַרגן זיך מיט גאַנצע גאַסן, למשל: וואָס צו סילוויע אויפן „טאָפּ־פלאָר״ האָט מען שוין באַלד מער ווי אַ חודש נישט געזען אַרויפגיין דעם „באָי־פרענד״ אירן (זיי האַלטן קאָפּ!);

און אַז די מיסעס פלאַמפּייער האָט זיך שוין ווידער אָפּגעקאָכט ביים אי־טאַליענער, און זיך געלאָזט אָפּטרייבן (זיי האַלטן קאָפּ!)". (ז. 161).

אַזויפיל פאַרוויקלטע פאַרהעלטעניש, איבערפלעכטונגען און איבער־קרייצונגען פון פעלקער און ראַסן אויף אַזאַ קליינעם שטח — און מ׳זאָל עס לאָזן פאַרבייגיין פאַר די אויגן, און גאָרנישט אַריינגעמען אין מויל. און גאָרנישט אונטערטראָגן די אויערן, וואָלט באמת געווען אַ גרויסע עוולה!

איז דען אַ חידוש, וואָס די דריי ווייבער, און אויך אַנדערע וואָס קומען אַריין אויף אַ ווייל אין דער דערציילונג, האָבן נישט געהאַלטן פון פאַסטן קיין תעניתים פון ריידן, ווען זיי זיינען אַפילו אין פּשוטן עסן נישט געווען אויף אַ דיעטע. דער גאַנצער ענין פון צערן זיך און טאַמע־ווען זיך איז זיי געווען פרעמד און קווידער.

די העלדינס זשאַלעווען נישט קיין רייד, האַלטן נישט פון שמירת הלשון, זיינען תמיד אויף דער וואַך אַז אַן איבעריק וואָרט זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן. איז טאַקע די צונג אַזאַ פאַרצוק־חיה, וואָס מ׳מוז זי האַלטן אין אַ שטייג?!

די העלדינס האַלטן די צינגער פריי און קיין גרויסע אומגליקן גע־שעען נישט.

איצט קומט נאָר אַ סדרה שטאָפּן די קינדער און דאָס, נאַטירלעך, גייט אויך נישט אָפּ אָן ריידעניש.

ה.

און דער קאַמף פון די דורות קומט דאָ פאַר אויף דעם פראָנט פון ברויט־עסן. אויך דער אונטערשייד פון עלטער צייגט זיך אין דעם פונקט שאַרף אַרויס.

דער שטרייט פאַנגט זיך אָן מיט גאָר די יונגע, זיי קען מען נאָך באַצווינגען. אָבער די עלטערע מיידלעך צייגן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און באַהויפּטן זייער אומאָפּהענגיקייט, צום ערשטן מאָל, אין הלכות דיע־טע. איבערהויפּט ווען זיי שטייען שוין אויך עקאָנאָמיש אויף די אייגענע פיס.

„די ערשטע וואָס גיט זיך אַ נעם איז די מיסעס פלעכט צו איר טעכ־טערל שייני, דעם זיבעצן־יעריקן מיידל...

די מוטער:

— זאָל איך דיר אויסקאָכן צוויי שיטערע אייעלעך?

וואַרפט זיך שייני פון זיי אָפּ:

— איינס נאָר.

— דיר אפשר צעשניידן אַ באַנאַנע אויף סוויט־קרים?

וואַרפט זיך שייני דערפון אָפּ:

— אַ באַנאַנע, נאָר אָן סוויט־קרים.

פאַרנעמט זיך די מוטער אויף איר אין אַ ווײַלע אַרום:

— פאַר דיר אויפמאַכן אַ באקסל טאָמייטע הערינג? דאָמבל די פּע־מען? ערשט נעכטן אַרויסגעכאַפּט פון די וואַסערן פון אַלאַסקע... ענטזשאָ־וועס? שפּראָטן?

— בלויז אַ שטיקל טאָוסט, מאַ, מיט קאַפי.

— און פון קאַפי מיט טאָוסט וועסטו כוח האָבן צו אַרבעטן? — קוקט אויף איר קרום די מוטער.

— כ׳נעם אויף זיך צופיל... כ׳בין לעצטע וואָך אַרויף אויף אַ פונט מיט דריי פערטל, — און כ׳מוז דאָס זען אַראָפּצעוואַרפן פון זיך" (ז. 163).

די טאָכטער איז שוין אַ בוגרת און זי ווערט זיך, זי שלאָגט צוריק דער מוטערס שטאָפּ־אַטאַקעס. אָבער איבער די קלענערע קינדער הערשן די שטאָפּערינס ביד חזקה. עס איז זייער אומגעטיילטע דיקטאַטור. צו־ריק־שלאָגן די אַטאַקע קען בלויז דער גוף אַלס אַ פיזיאָלאָגישער אָרגאַ־ניזם. און בלית־ברירה טוט ער עס טאַקע. אָט אַזוי־אָ רעאַגירט ער, און גאַנץ דראַסטיש...

„אין דער צווייטער טיר, דערנעבן, — ביי דער מיסעס פלאָכט, מיט דער קלײנערל שוירלי; צוזעענדיק ווי יענע האָט געהאַט אַ ביטערן אָפּ־שניט ביי דער גרויסער טאָכטער אירער, — גייט זי שוין פאַרדאָס צו צו דעם ניין־יעריקן סקול־מיידעלע, מיט אַן אייזערנער האַנט... שטופּט איר גלייך אין מויל אַריין:

— נאַ, עס אויף דאָס אייעלע...

— נאַ, עס אַביסל פארינע מיט מילך...

שוירלי פאַרגייט זיך אין וויינען, פון די אייגעלעך לויפן געדיכטע ריטשקעלעך טרערן, און עס שלינגט די לעפל פארינע מיט וואַרעמער מילך, ביז ס׳גיט איר אַ פאַרקלעם ערגעץ... און בוך! — אָפּגעבראָכן אַלץ און אויף־אָמאָל..." (זז. 166־165).

דאָס עסן פאַרנעמט אַ צענטראַלע פּאָזיציע אַזוי אַז אַלע פאַרהעלטע־נישן און אַנגעלעגנהייטן מוזן קריגן זייער אָפּשפּיגלונג אין טאָפּ און שיסל...

4.

## לשון — פרעג און ענטפער־נוסח

### א.

אונדזער מחבר איז פריי מיטן וואָרט אין מויל פון זיינע העלדן, ווייל ער באַהערשט אים בשלימות. עס גייט וואוהין ער שיקט אים און טוט זיין שליחות באמונה. ער האָט רייכקייט און שפע אין לשון פון זיינע דיאַ־לאָג־פירערס. דאָס איז אפשר זיין גרעסטע מעלה. זיין סטיל ביי יענעם אין מויל איז עכט ייִדישלעך. ער האָט אַלע חנען פון אמתן פאָלק־לשון: איז קוועלנדיק מיט גבורה און שטראָמט מיט אימפּעט.

אַז ייִדן האָבן פון תמיד־אָן פיינט געהאַט קמצנות און דלות, ווייל קמצנות איז ס׳רוב אַ סימן דלות, אין לשון קען מען זען פון ספר דברים. אין אים אַפילו אַ כבד־פה, ווי משה רבינו, וואָס זאָגט עדות אויף זיך, אַז ער איז נישט קיין מענטש מיט אַ געשליפן מויל און אַז די צונג זיינע באַוועגט זיך שווער (שמות, ד׳, י׳) רעדט אַזוי פלאַם־פייערדיק, מיט אַזאַ ברענענדיקער התלהבות, בעת זיינע זאַצן בליצן און דונערן און לאָזן זיך אַראָפּ פון די הייכן פון געמיט מיט דעם זיד און רויש פון אַ וואַסער־פאַל.

די נביאים האָבן געברויכט אַ שלל פון סינאָנימען, און דאָס טאָפּ־לען פון זייער יעדן זאָג איז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר זייער נוסח.

בלויז לעצטנס זיינען אַ טייל שרייבער געוואָרן קאַרג אויפן געשריי־בענעם וואָרט אַזוי אַז דער זאַץ זייערער איז אַן אָפּגעצערטער, אַ פאַר־הונגערטער, בלויז הויט און ביינער, אַ רחמנות אַ קוק צו טאָן אויף אים.

פּ. בימקאָ אין זיינע פּערזאָנען האַלט נישט פון אָט־דער נישט־ייִדי־שער מאָדע.

אַז ייִדן זיינען זיך מחיה מיטן וואָרט, זעט מען פון אונדזערע תפי־לות און ברכות. נישטאָ אין זיי קיין וואָרט־קאַרגשאַפט. נעמט, אַלס ביי־

שפּיל, „שהחיינו": „שהחיינו וקימנו והגיענו"... דריי ווערטער וואָס זאָגן כמעט דאָס אייגענע, אָבער פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק דווקא דורך אָט־דעם איבערחזרן דעם זעלביקן באַגריף. דאָס אייגענע „על הנסים ועל הפרקן ועל הגבורות ועל התשובות"... אָדער די ברכות פון חתונה־האָבן: „ששון ושמחה, גילה, רינה, דיצה וחדוה, אהבה ואחוה, ושלום ורעות"... אָדער די אַרבע לשונות של גאולה, פיר אויסדרוקן פאַר דער באַצייכענונג פון אויסלייזונג. און אין די תפילות אין סידור און נאָך מער אין מחזור האָבן מיר שוין גאָרנישט געקמצנט אין בעטעריי און זאָגעריי. און מערק־ווירדיק איז וויפל ווערטער און תפילות מיר האָבן נישט פאַרמאָגט איז עס נאָך פאַר די חזנים אַלץ געווען צו קנאַפּ און זיי פלעגן נאָך איבער־זאָגן איין וואָרט צו עטלעכע מאָל.

אַן אויסגעמאָגערט און אויסגעדאַרט, אַן אויסגעשפּינדלט לשון איז גאָרנישט יידיש־נוסחדיק, דערהויפּט נאָך ווען דער מחבר האַלט־אַן כמעט אַ שטענדיקן דיאַלאָג. דאָ דאַרף מען ערשט אַרויסקומען מיט דיבורים. און פּ. בימקאָ ווי אַ טראַדיציאָנעל־יידישלעכער שרייבער דערלאַנגט לשון מיט דער ברייטער און פולער האַנט. נישט געזשאַלעוועט.

אַ ייד און איבערהויפּט אַ יידענע טראָגט אַ שווערן פּעקל, און דאַרף זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. „אַז עס איז דאָ זאָרג אין האַרץ פון מענטש — זאָל ער עס אַ ר אָ פּ ר יי ד ן, אַ גוט וואָרט דערפרייט זי" (משלי, י"ב, כ"ה).

דאָס אייגענע אין די תפילות. מען דאַרף אַזויפיל אויפטאָן, אַזויפיל זאַכן מתקן־זיין און אַלץ מיטן בידנעם וואָרט: מען דאַרף אים, דעם כביכול, אָפּריידן פון דאָס בייז וואָס ער האָט בדעה אונדז צו טאָן, מען דאַרף אים צוריידן צו טאָן אונדז גוטס, כמעט ווי איבעררריידן, און ארייב־ריידן, און אויך פאַרריידן אונדזערע זינד מיט ווידויים, און אָנריידן אַ היפּש ביסל קאָמפּלימענטן, תהילות ותשבחות, לויב־געזאַנגען אָדער, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַפילו חניפה... אַזוי אַז ביני־לביני קלייבט זיך אָן אַ פולער סידור און נאָך מיט אַ קויב...

## ב.

דאָס מערקווירדיקסטע אין פּ. בימקאָס דערציילונגען איז, אפשר, דאָס וואָס נישט־קוקנדיק אויף דער גאַנצער ווילד־גערעטעניש פון ריידע־

רייען, וואָס וואַקסן, דוכט זיך, אַפילו דאָרט, ווו מ׳זייט זיי נישט, איז דער מחבר אַליין אײַנגאַנצן אַ פֿאַרנדרטער שתקן.

ער עפֿנט נישט דאָס מויל. ער לאָזט אַן אייגנס וואָרט זעלטן ווען אַריינפֿאַלן. ער מישט זיך נישט אין יענעמס עסקים. ער היט אָפּ אויף אַן אייגנאַרטיקן אופֿן דעם אָנזאָג פֿון פּוסק געטהען, „שאַף שעפּער — און שווייג!״ ער טוט אַזוי, ער לאָזט דעם העלד ריידן וויפֿל ער גלוסט נאָר אַליין. און אויב דער העלד קען זיך אַלץ נישט אָנריידן גענוג און נישט אַרויסברענגען אַלץ וואָס פֿאָדערט זיך, קומט דאָס בוך אַליין און העלפֿט אים צו. עס רעדט אַרויס פֿון דעם זייטל. עס איז אַ ספר וואָס מאליו יקרא. עס דברט פֿון זיין אַליין. יעדע האַנדלונג רעדט, איז לעבעדיק און זשוואַ־ווע. מען דאַרף זיך בלויז צוהערן. איבערן געשריפֿטס פֿון זייטל, איבערן בלאַט, הויערט אַן אַנאַנים, בפֿירוש נישט דער מחבר, וואָס הערט יאָ אָדער אפֿשר טאַקע נישט, אָבער ער ווערט געהערט דורכאויס. אַט־דער נסתר, דער איש־פּלאי וואָס איז פֿאַרבאַהאַלטן צווישן די שורות און שוועבט אַרום צווישן די ווערטער, ער רעדט און דיריגירט מיט די גע־שפּרעכן.

דאָס בוך איז אייגנטלעך נישט געשריבן, עס איז אַ גערעדט בוך, און גערעדט מיט געאייל און מיט שאַרפֿן חיתוך־הדיבור. עס פֿרעגט אַליין, און ענטפֿערט, און אַמפּערט זיך, און פֿרעגט זיך אָפּ, און פֿאַרענטפֿערט זיך.

דאָס איז זיין ספּעציפֿישע אַטראַקציע. איין זאַך פֿאַרפֿאָרט מיטן דישעל אין אַ צווייטן זאַך, און די זאַצן צעבוטשקען זיך גאַנץ געשמאַק. אייגנטלעך זיינען די זאַצן כמעט ווי נישט אָפּגעטיילט, ווי אין גאָר פֿאַר־צייטיקע כתבים, זיינען זיי איין שטיק. קוים וואָס זיי האָבן צייט זיך אָפּ־צושטעלן און אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

עס איז אַ געאייל, אַ געדרענג און אַ שטופּעניש. אַן אומגעוויינלעכע ענגשאַפֿט הערשט. אַזויפֿיל זאַכן צו דערציילן, צו באַריידן און איבער־ריידן, אַראָפּריידן, און אַרויפֿריידן, אַרויפּשלעפּן זיי ביי די אויערן פֿון תהום אַרויף, פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון דעם ווייט און נאָענט און אַרום.

ווייל אַלע זאַכן לעבן, באַוועגן זיך און האַלטן אין געבן צייגעניש וועגן זיך און יענעם. זיי זיינען אַלע אַן אויסנאַם באַשאַנקען מיטן כוח פֿון דיבור. די אַלט־אַנאַכראָניסטישע איינטיילונג פֿון קעגנשטאַנדן און

באַשעפּעניש אין דומם, צומח חי און מדבר, איז אָפּגעשאַפט. דעם דומם, דער צומח, דאָס געוויקס און דער אַנימאַל רעדן, און דער מדבר דברט אי־בער זיי אַלעמען.

עס זיינען נישטאָ קיין שטומע, שוויַיגנדיקע, שטייענדיקע, סטאַטי־שע זאַכן. אַלע אָביעקטן זיינען דינאַמיש, און אַלע ריידן און פאַלן איינע די אַנדערע אין די רייד אַריין. יעדער עפּעס האָט עפּעס צו פאַרציילן, מיטצוטיילן. און זיין פאַרצייל איז נישט לעגענדאַריש, נישט אויסגע־טראַכט, נאָר רעאַליסטיש.

און אויב עס מאַכט זיך אַז אַן אָביעקט קען אַליין נישט ריידן, קריגט ער אַ גילגול. און דער גילגול רעדט אַרויס פון אים.

דער גילגול איז נישט קיין אַנדערער ווי בלויז יענער אַנאָנים. און יענער אַנאָנים איז אַ ייד פון פוילן מיט אַ באָרד און פאות. און זיין לשון איז צעפּלאָשעט ווי זיין יידישע נישט אָרומגעשוירענע באָרד, און די סענטענצן פאַרקרייזלט ווי די פאות. און דעם דיבור זיינעם קען מען מיט צען פערד נישט דעריאָגן, ער גייט אויף רעדער פון שטורעמווינט, פון דעם „רוח־החיה" וואָס אין די רעדער פון דעם רייטוואָגן, וואָס האָלט אין איין לויפן אַהין און קומען צוריק.

ג.

מיר זיינען דאָך עפּעס אַן עמאַ־פּויזא, אַ פאָלק וואָס איילט זיך כסדר, וואָס האָט קיינמאָל נישט קיין צייט. דאָס לעבן איז קורץ, און ווי לאַנג די דערציילונג זאָל נישט זיין איז זי נאָך אַלץ צו־קורץ, בעת די קונסט פון ריידן איז לאַנג. און דעריבער דאַרף עס געטאָן ווערן מיט גרויסן בחיפזון.

ווי גרויס דאַרף זיין די איילעניש אַז עס זאָל קענען באַפרידיקן אַ יידן?

„די חיות וואָס הייסן חשמל (בורשטין) זיינען חיות פון דינעם פייער און זיי ריידן מיט אַ קלאָרער שפּראַך און צו דער זאַך, און אין דער צייט וואָס אַ געוויינלעכער מענטש באַווייזט אויסצוריידן איין וואָרט, ריידן זיי אַרויס טויזנט מאָל טויזנטער־טויזנט ווערטער... און אָט־די חיות וואָס הייסן חשמל (בורשטין) אונטערזוכן די נביאים ווען זיי קומען־צו צום טויער דורך וועלכן מ׳גייט אַריין איינצוקוקן זיך אין זיין שפּאַקטיוו וואָס איז

נישט קיין דורכזיכטיק, און דער חשמל (בורשטין) איז פלינק אין זיין באוועגונג און איז שנעל אין זיין ריידן מיט יענעם נשיא; און אויב דער נביא קען פארשטיין די רייד פון חשמל אויף דער שטעל און ענטפערן אים אויף יעדן זאג, דעמאלט ווייסט מען אז ער איז ראוי אריינצוקומען און זען דעם כבוד פון דעם קיניג פון די קיניגן" (יוסף גיקיטליא, סוד החשמל, ארזי הלבנון, מ׳, ע״ב).

אט־אזוי שנעל דארף קענען ריידן און ענטפערן פראגעס א נביא, און א פשיטא א יידישער קינסטלער א דיאלאגיסט אדער מאנאלאגיסט, אויב ער וויל מען זאל אים אריינלאזן אין טעמפל פון יידישן פאלקס־ווארט.

ערגעץ אין זיינע אויטאביאגראפישע נאטיצן דערציילט אונדז בימ־קא אז פונקטואציע איז ביי אים אויסגעקומען צו זיין עפעס ווי א מין חכמה עליונה, וואס מ׳קען גאר צו איר נישט צוקומען; זי איז איבער דעם מענטשנס פשוטן שכל. אין זיינע אויגן האט עס אויסגעזען צו זיין א מין עזאטעריק, וואס בלויז יודעי־חן קענען עס באנעמען און ווייסן דעם סוד ווי אזוי עס צו געברויכן ווי באדארף צו זיין.

עס איז גאר קיין וווּנדער נישט וואס די פונקטואציע, אט־די קליי־נינקע פינטעלעך האבן אויסגעקוקט צו זיין אזעלכע פלעקער, וואס איין גאט ווייסט ווו מ׳ברויכט זיי אריינצורוקן, אריינצוקלאפן.

## ד.

דער ריינער אמת איז, אז עס איז גאר נישטא קיין צייט אויף דעם, אויף אפצושטעלן זיך אין מיטן געלאף און פארדריי פון די זאצן, וואס וויקלען זיך איינער אין אנדערן און איינער פון אנדערן, און זייער מיט שפרינגט אריבער דעם סוף, פארלויפט דעם וועג דעם סאמע אנהייב. עס איז איין מוקדם ומאוחר אין דער פארציילונג.

א וואלד, א געדיכטער, א צעוואקסענער אין דער לענג און אין דער ברייט, אין דער טיף און אין דער הייך, אן עכטער וואלד פון וועלדער־לאנד, א מששת־ימי־בראשיתדיקער, איז נישט קיין פארק וואס א פאריק־מאכער האט אים צעצוואגן דעם קאפ, ארומגעשוירן, צעלייגט גלאטלעך די הערעלעך און דורכגעפירט אליין, ווי א שרונט... אויסגעקאמט, צו־געקאמט לייטיש... און נאך בארעגנט און באטויט מיט אדעקאלאן... מיט וואלוועלן פערפיום...

וואָסער אָפּשטעל ווען אָפּשטעל! שטעלט זיך אָפּ אַ געוויסער וואָס האַלט אין פאַרפּלייצן, שוין לאַנג אַריבערגעקראָכן איבער אַלע זאַסטאַוור־קעס, אַלע פאַרהאַלטענישן און אָפּהאַלטענישן.

בימקאָס אַ דערציילונג איז אַלעמאָל מער ווי דאָס וואָס זי איז און ווי דאָס, וואָס ער האָט געהאַט, לכתחילה, בדעה אַז זי זאָל זיין. אַ שפּרודל־דיקער קוואַל וואָס זיינע וואַסערלעך פאַרמערן זיך און פּרוכפּערן זיך, און ווערן אָנגעגאָסן און אָנגעפּלאָסן, און דער קוואַל ווערט דורך דעם אַ ריטש־קעלע. און דאָס ריטשקעלע פּליסט זיך ווייטער און באַגעגנט פריינד און נאָענטע און אויך ווייטלעכע קרובים, אַלץ אונטערוועגנס, „אשר קרך בדרך"; און מען דערפרייט זיך מיט דער באַגעגעניש, מ׳גיט זיך אָפּ אַ וואַרעמען „שלום־עליכם" און אַפילו אַ „ברוך הבא", און פון גרויס שמחה גיסט מען זיך צוזאַמען; און מען לאָזט זיך אַוועק בחברותא, אינאיינעם איז פריילעכער, צום גרויסן מיסטעריעזן אַהין... קען דען אַזאַ קוואַל וויסן געניו אויף דער האָר וואָס עס פּוישט ביי אים אין די אינגעווייַדן און אין די פּליסיקע געדערים פון דער גאַנצער ריטשקעדיקער פאַנאַנדערגעגאָסע־נער און צונויפגעגאָסענער משפחה, און וווהין זיי וועלן, מיט זייער אומ־געהויער שטאַרקן טרייב, צופּ און שטופּ־כוח, אָנשפּאַרן?

בימקאָס אַ פאַרציילונג איז אַ טעאַטער־שפּיל מיט אַ פאַנטאָמימע פון זאַצן־אויסגוסן.

דער מחבר איז אַריין, מעשה בן־בית אין ווייבערשן און צוזאַמען אויך גמראשן אופן פון ריידן, פרעגן, ענטפערן, זיך אויסטענהן, זיך אי־בערשפּאַרן. און צוליב וואָס זאָל ער אַרויס? ווייל עס איז נישט היינט אין פּאַסאַן? פייפט ער אויפן פּאַסאַן! עס איז זיין עלעמענט און ער שווימט אין אים ווי אַ פיש אין וואַסער. ער איז דאָך פישל בימקאָ — און זאָלן די אויסגעצערטע, אויסגעדאַרטע מאָדערניסטן טאָן אים עפּעס — ער איז תנא ופליג! ער לאַכט זיך אויס פון זיי!

ביי אונדז פלעגן דאָך אַפילו די ווייבער ריידן מיטן גמרא־ניגון, מיטן בייג און קנייטש, פאַל און הייב פון דער שטים, מיט אַלע געהעריקע וויבראַציעס, מאָדולאַציעס פון די טענער. עס איז געווען אַן אָרקעסטראַ־ציע פון דעם הויפּט־מאָטיוו פון דער מעלאָדיע. די „נגינה" איז אַ מין תלמוד־בבלישער טראָפּ, וואָס גיט צו פאַרשטיין דעם פּירוש־המילות און דעם מיין פון פאַרוויקלטן און פאַרקניפּלטן זאַג.

בימקאָס בלאָט דערציילונג, וואָס זאָגט זיך ערטערווייז ווי אַ בלאַט

גמרא, און לאָזט זיך לייענען ווי אַ „שיעור" איז שוין איינמאָל אַ בעל־מנגן אָדער ריכטיקער אַ „זאָגער".

דער ניגון רייסט זיך אַרויס, שפּאַרט זיך אַרויס פון די ווערטער, פון די שורות, פון דעם איינבראָך און איבערבראָך פון זאַץ.

ה.

און ווען דער זאַץ לאָזט זיך גיין גלאַט, אָן אַן איבערבייג און פאַרקוקן זיך אויף הינטערווילעכטס, און עס איז נישטאָ אויף דער ווייל קיין דיאַלעקטישער איבערגאַנג אין קעגנזאַץ, קיין איפכא מסתברא, איז כאָטש אַריינגעכאַפּט אַ ראַנד־באַמערקונג, אַן אָן־דער־זייט־אַריינבראָק, אָדער אַ הערה, אַ השגהלע, אַ צושטעל, אַן איבערשטעל, אַן אונטערשטעל פון אַ פּיסל פון אַ „בתמיהה". מ׳קען דאָך נישט לאָזן, צווישן גמרא־יידן, יידן לומדים, אַ „פּנים", אַ טעקסט גיין נאַקעט־הויל אָן אַ מלבוש פון אַ פּירוש און אַ פּאַרטייטש, אַריינטייטש, אַרויסטייטש, אַ צוטייטש און אַן איבער־טייטש, אַן אַריינדרינג און אַרויסדרינג. זיבעציק פּנימער האָט איין תורה (זהר פּנחס רט״ז). און נאָך מער, ניין און פערציק פּנימער אויף רעכט אַזוי און ניין און פערציק פּנימער אויף נישט־רעכט (ירושלמי סנהדרין פּ״ד) און יעדער זאַץ איז אַ תורה. וואָס איז? עס לייגט זיך נישט אויפן נאַרישן שכל? באַקט מען דען נישט פון איין מעל כל המינים געבעקסן? דוכט זיך דאָס אייגענע מעל, אַ יאָ? אָבער אַז מ׳גיסט צו אַביסל מילך, אַז מ„טוט אַריין עפּעס אַ פּרי, צי גאָר אַ שטיקל ציבעלע, צי עפּעס אַן אַנדער זאַך, און מ׳לייגט אַריין אַ שטיקל פּוטער, צי גאָר קעז, אַביסל זאַפֿ־ראַן, צוקער, אַ צעשלאָגן ווייסל פון אַן איי וכדומה, און דאָס טייג ווערט אויסגעוועלגערט, אויסגעקנאָטן אָדער אויסגעקניפּט — קומט שוין פון אים אַרויס אַ נייע זאַך, אַן אויפטו אין „מעשה־אופה", וואָס דערקענט גאַרנישט זיין לייבלעכע שוועסטער, די פּשוטע שטיקל בולקע, געהערט זיך מיט איר גאַרנישט אָן, אויס קרוב מיטן שטיקל „עמך"־ברויט.

אַזוי אויך דאָס געבעקס פון לשון, און אַ פּשיטא שוין פון געדאַנק, וויכוח אָדער אַרגומענטאַציע. און ווער רעדט נאָך אַז עס קומט אַריין אין געפּעפּערטן פּלפּול?!

חוץ דעם אַלעם מוז אַלץ זיין באַוואָרנט, ברחל בתך הקטנה, יורידיש פאַרמאָצעוועט, אַזוי אַז מ״זאָל קענען זיין זיכער מיט דער באַהויפּטונג, זי זאָל זיך נישט אַרויסגליטשען פון צווישן די פינגער.

אַלץ דאַרף זיין באַוואָרנט. קיין זאַך נישט געלאָזן אויף גאָטס באַ־ראָט. עס דאַרף זיין צוגעקלאַפּט אויף זיכער און דער צוואַק פאַרבויגן אויף דער צווייטער זייט, אַזוי אַז עס זאָל זיך טאַקע האַלטן. אַ פאָלק וואָס האָט שטודירט אַזויפיל יוריספּרודענץ, ד״ה תלמודישע שקלא וטריאס, און וואָס האָט אַפילו זיין ריטואַליסטיק באַהאַנדלט ווי עס וואָלט געווען אַ יורידישע טראַנסאַקציע, ווי דהיינו פאַרקויפן חמץ צו אַ גוי, מיקלאַמ־פערשט, אַנשרייבן אַן היתר־עיסקא, ווייל דעם רבונו־של־עולם אַפילי קען מען אויך באַאַרבעטן מיט יורידישע קונצשטיק; און אַ גוט־יאָר אויס־בעטן און קריגן פון אים איִן נישט געגוג אויפן גאָלן וואָרט. ער מעג זיך טאַקע זיין דער האַר פון אַלע האַרן, דער קיניג איבער אַלע קיניגן, אָבער זיין וואָרט אַליין איז נישט געגוג זיכער. מען דאַרף דעם צוזאָג קריגן כתוב וחתום, אַנגעשריבן און אונטערגעשריבן און דערצו נאָך פאַרזיגלט. אַזאַ פאָלק האָט כסדר געפרעגט און איבערגעפרעגט, ווייל מ׳קען זיך אַליין אַפילו נישט טרויען (אבות, ב׳, ה׳). מען דאַרף אַלץ בודק־זיין מיט זיבן בדיקות. אונטערזוכן שטרענג, זיך גוט צוקוקן צו יעדן אות, תג, קריינדל. זאַכן זיינען נישט אַזוי פשוט.

אַזאַ פאָלק האָט נאָכאַנאַנד אַנטדעקט סתירות, און זיך געפלייסט מיט כל־הכוחות זיי רעכט צו מאַכן, זיי אויסצופּרעסן, און צוליב דעם דורכגעפירט די דינסטע חילוקים, האָר־שפּאַלטנדיקע אַנאַליזן.

ו.

אַ יידישער געדאַנק אַז ער שטייט אונטער דער חופה פאַרזאָרגט ער שוין מיט נדן זיין אייניקל, אַ פּיצעלע אַרויסדרינגעכץ. ווי פלעגט דער רב, דער חריף, לערנען אין פּאָלקלאָריסטישן אַנעקדאָט? „אַז דער שיי־געץ וועט פרעגן אַזוי, וועל איך אים ענטפערן אָט־אַזוי; און אויב ער וועט פרעגן גאָר אָט־אַזוי, וועל איך ענטפערן טאַקע אַזוי.״ און דער „שייגעץ״ וואָס פרעגט קלאָץ־קשיות איז דער אייגענער זון, דער תכשיט, וועלכער האָט אַן אָפּענעם קאָפּ און אַ פאַרשאַרפטן מוח.

פרעגעגנישן און ענטפערנישן זיינען געוואָרן אַ פאָלקס־שטייגער פון ריידן און טראַכטן.

איך גלייב קוים, אַז דער מחבר זאָל זיין אַ גרויסער תלמודיסט, איינער וואָס „רייסט בערג און צעמאָלט זיי אויף שטויב מיט אַ סברה״.

ער איז, אָבער, אַ זון פון אַ פאָלק, וואָס האָט געלערנט אַפילו זיינע קליי־נע קינדער צו פרעגן קשיות און נישט ווייניקער ווי פיר אויפאַמאָל, און אַפילו דעם „שאינו יודע לשאול", וואָס קען שוין גאָר אַ מויל נישט עפע־נען, און קיין צוויי ווערטער נישט אָפּציילן, און קיין פראַגעצייכן נישט שטעלן, אַפילו ביי אַזאַ איינעם דאַרף מען מקיים־זיין דעם „ואתה פתח לו", ציען ביי דער צונג, קיצלען אונטער דער פאַכווע און אים מאַכן אַרויסקומען מיט אַ פרעגעניש, מיט אַ „ס'טייטש"? כאָטש, מיט „ווי שיקט זיך עס?" ווייל אויף פרעגעניש שטייט די גאַנצע יידישע וועלט, סיי דער „ספּאָרט", די „אָלימפּיק" און סיי דער ערנסט, די אמת־זוכע־ניש, אַ וועלטל אין וועלכן אַפילו אַ „תם" ווערט אַ „תמיהה"...

דער מחבר קומט פון פוילן, ווו דער תלמודישער חילוק, דער שאַר־פער פּילפּול, — וואָס איז פאַררעכנט צו זיין נאָך פשוטער פון פשט אַליין, בלויז אַ קליינטשיק און ליבלעך פשט, אַ פשטל, — איז דערפירט געוואָרן צו דער העכסטער מדרגה פון אינטעלעקטואַליסטישער אַקראָבאַ־טיק, און ווו יידישקייט און תלמודיש שאַרפזיניקייט, און יורידישע אי־בערגעשפיצטקייט און דרייקעפּיקייט איז אַריין אין די ביינער פון גאַנצן כלל־ישראל, האָט אַפילו פאַרכאַפּט די גאַס, אַריין און זיך באַזעצט אין געוועלב, אין געשעפט, אין האַנדל, זיך פאַרקערפּערט אין סאַמע וואַר־שטאַט פון בעל־מלאכה, פון אומן־יד, און אַפילו זיך צעלייגט איבער די שטיינער פון ברוק, און אַדורכגענומען די שטויבן פון די וועגן און שליאַכן, איבער וועלכע חסידישע אַלטע און יונגעלייט האָבן געגסיעהוועט צום רבין און פון רבין, — און, להבדיל, אָדער טאַקע אָן אַ להבדיל, — צום יריד און פון יריד...

דעריבער זיינען זיינע דיאַלאָגן אָנגעזעטיקט מיט פרעגענישן און באַוואָרענישן, וועלכע מען מוז לייענען מיטן גמרא־ניגון אַרויסצוקריגן פון זיי דעם אמתן יידישן טעם.

„אַז ביי פלאָכטן האָט זיך יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך אַרונטער־געזעצט צום מאַשינדל, — דער מאָגן צונויפגענומען, איינגעצייגט ווי אַ רייף אַרום דעם בויך, און נאָך אַפילו העכער, — ביי די ריפּן; אַזוי דאָס ער האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן די יסורים (ווען דען גיט אַ ייד נאָך, נישט אַז דער חלף ליגט אים שוין אויפן האַלדז?), — און ער איז געבליבן שטיין פאַרקלעמט, מיט בלויז אין די אויגן:

— כ'קען נישט... כ'קען מיך מער נישט אָוועקזעצן צום מאַשינדל..

האָט דער באַלעבאָס (מ׳מעג אויף אַ באַלעבאָס אייך אַמאָל מגין־זיין; בפרט, היינטיקע צייטן ווען צווישן אַרבאָטערער זיינען פאַראַן אַזוינע הינט, רשעים, און אַ סך יוניעס — בליאַדעס!) אים געפּרוווט גרינגער מאַכן ס׳האַרץ:

— וואָס האָסטו צו שטיין און וויינען, אַז דו קענסט נישט אַרבעטן? וואָרן דו וועסט שוין דאָס אויף אייביק נישט קענען? ס׳וועט דיר נאָכלאָזן, און זיך צוריק אַוועקזעצן צום מאַשינדל; דאָס מאַשינדל וועט אַלעמאָל זיין דיינס...

— וואָס קומט מיר אַרויס, וואָס ס׳מאַשינדל איז מיין, — אַז איך בין נישט דעם מאַשינדלס?

האָט זיך אָנגערופן דער באַלעבאָס...

— ווייסטו וואָס? דו האָסט דאָך אַ דערוואַקסענעם זון!...

— איר וועט אים צולאָזן אויף מיין אָרט?

— פאַרוואָס נישט? — האָט אים דער באַלעבאָס דערביי אונטערגעשטעלט אַ פּיסל — נאָר ווי דען? אַזוי ווי ער אַ חצי בעל־מלאכה, און קען נאָך דערווייל נישט אַזוי אַריינשיסן ווי דער טאַטע (טוב שבגויים, אַ באָס, מעג ער זיין דער בעסטער, — הרוגו!) וועל איך אים פאַר דאָס — ווייניקער אַריינמאַכן אין דער האַנט אַריין...

— און די יוניע? — איז ביי פלאַכטן געוואָרן טונקל דאָס פּנים.

— האָסט אַ קלער, אַז די יוניע וועט נישט צולאָזן? פאַרוואָס זאָל זי אים דאָס נישט צולאָזן? ס׳איז דאָך דיין מאַשינדל!

— כ׳ווייס, אויב זי האָט נישט קיין אויג אויף עפּעס אַ שוואַרץ יאָר, די כאָלערע ווייסט, וואָס זי וועט וועלן אַוועקזעצן, און קוקט נישט אַרויס, אַז איך זאָל צומאַכן די אויגן?

— אַזוי? —האָט ער [דער באַלעבאָס] געלאַכט, — דו וועסט דאָך אים נישט אַוועקזעצן, נאָר דער באַלעבאָס; און אַז דער באַלעבאָס וויל עמיצן אַוועקזעצן, — זעצט ער אַוועק; אַלצאיינס ווי די יוניע וואָלט אַוועקגעזעצט, נישט אַנדערש; ס׳איז ווי איין האַנט.״ (זז. 195־96).

נאָך אַ פּאַסאַזש פון פרעגעניש און ענטפערניש, אַליין געפרעגט און אַליין געענטפערט, און אַליין איבערגעפרעגט, און געבליבן שטיין ביי אַ תי״קו, ווי אַ צוגעשמידטער, פון אָרט זיך נישט צו רירן, ווייל פראַגעס וועלן בשלימות פאַרענטפערט ווערן ערשט ווען אליהו הנביא, פאַראויס־

גייענדיק משיחן, וועט קומען און וועט באַווייזן די קונץ פון באמת פאַר־ענטפערן אַ זאַך אַזוי, אַז מ׳זאָל מער נישט קענען פרעגן.

בלויט ער, אליהו הנביא, איז בכוח פאַנאַנדערצודריבלען די משונה קנוילן, וואָס פלאָנטערן זיך אין סאָפיסיצירטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

„...קופּעס מענטשן: אַ צעמישעניש פון באַיאָרנטע מענער, מיט זעל־נער און מיידלעך, ראַיען אויף זיי [די גאַסן] און אין די שענקען...

ס׳וואָלטן דאָך געקענט זיין, אויב ס׳מוזן דאָ זיין אַזויפיל זעלנער אין אַלע גאַסן, — זייערע אייגענע זין? וואָס פאַר אַ שכל שטעקט אין דעם, — וואָס מ׳דאַרף זיי צעשיקן? זייערע זין זאָלן זיין אין אַלאַבאַמאַ, אין ספּינקס, אין טאַמפּאַ, און די זין פון יענע — דאָ? און נישט געקענט זיי האַלטן אויף זייערע ערטער, אויב מ׳ברויך זיי לערנען, ראשית: טאַ־טע־מאַמע זאָלן זיך קענען מיט זיי אָפּפרייען; און טאָקע אויך האָבן אַ לעק נחת, ווען אַ מיידל הענגט זיך אָן ביי אים אויפן האַלדז? פאַרוואָס זאָלן זיי זיך דאָס בלויז ברויכן נעמען אין זינען אַריין, צוזעענדיק עס ביי אַנ־דערע? און אַז ס׳וועט קומען: דאָס מ׳וועט זיי ברויכן צו צעשיקן ווו מען באַדאַרף — וועט מען זיי שיקן, פאַרטיקע זעלנער, און מיט אַלעם, גלייך פון דער אייגענער גאַס, און פון דער אייגענער שטוב; אַ טאַטע זאָל אויך קענען מיטגיין ביז צו דער שיף, אַ מאַמע זיך גוט אויסוויינען; וואָס איז געווען די חכמה פון צעמישן זיי, און צעוואָרפן — אַז די זעלנער זאָלן, פון איין זייט, זיין פאַרשיקטע, און ברויכן טאָפּן אַ וואַנט. און ביי טאַ־טע־מאַמע זאָלן זיך די געהירן אין קאָפּ איבערדרייען? סיידן מ׳האָט דאָ געמוזט צוליב־טאָן די באַן־מאַגנאַטן, וואָס האָבן ביז צו דער מלחמה גע־קלאָגט און געוויינט אויף זייער ביטער מזל: אַז זיי דערלייגן דעם קאָפּ, און דאַרפן אויסטאָן זייערע הויזן ביי זייערע באַנען... זיי פאַרשטאָפּן ס׳מויל, און נישט האָבן וואָס צו נאָבלען... מיט וואָס האָבן זיי געזאָלט זיין ערגער פאַר די אויטאָמאָביל־מאַגנאַטן, קוילן־מאַגנאַטן און אַנדערע מאַגנאַטן, וועלכע מ׳האָט געגומען שטאָפּן מיט ביליאָנען פאַר עראָפּלאַ־נען, שיפן און האַרמאַטן מיט טאַנקען? די מלחמה האָט זיי נישט גע־טאָרט פאַרבייגיין, און געמוזט אויך זען צו שאַפן אַ מאַרק פאַר די באַ־נען, אַז זיי זאָלן האָבן ווו אָפּצוזעצן זייער סחורה... און צוליב דעם מאַכן דעם דור הפלגה, דאָס צעמישעניש; אַ זעלנער פון דאָ — זאָל זיין דאָרטן; פון דאָרטן — זיין דאָ. נאָט אייך אויך אַ צוקער־לעקעכל... און אָנגעהויבן צו שאַרן געלט מיט לאָפּאַטעס. אויף זייערע באַנען איז גע־

וואָרן — געהרגט צו ווערן; אַז אַזויפיל מיליאָנען זעלנער דאַרפן פאָרן! אַהין, אַהער... צוליב אַ ווייב, אַ קינד, אַ חתונה; און דער גוטער יאָר ווייסט צוליב וואָס נאָך אַלץ?" (פ. בימקאָ, „דאָ און דאָרטן", זאַמלביכער 7, ז. 97).

ז.

נאָך אפשר מער אויסגעהאַלטן אין אַט־דעם נוסח און טאָן זיינען די דיאַלאָג־פּרעגענישן און חקירות וואָס מיר גייען ברענגען.

הערי, פלאַכטס זון, איז אַוועק אַרבעטן. שייני, פלעכטס טאָכטער, איז אַויך אַוועק אַרבעטן. זייער אַוועקגיין ווערט געשילדערט, ווי עס וואָלט פאָרקומען אַ מין געפעכט פון צוויי טיטאַנען און דער שטאַרקערער האָט גובר געווען, אַריבערגעצויגן און צוגענומען דאָס פּאָרל צו זיך.

„דאָס יונגע פּאָרל פון פינפטן שטאָק איז מיטאַמאָל אויסגעכאַפּט געוואָרן פון דער זיבעטער עוועניו, וועלכע האָט אויף זיך דעם שווערן עול צו באַקליידן גאַנץ ניו־יאָרק, און נאָך אַ סך שטעט אַחוץ ניו־יאָרק... זיי זיינען איר געקומען אַרויסהעלפן, די עוועניו, זי זאָל זיך חלילה נישט איבעראַרבעטן, — מיט זייער יונג בלוט, יונג געמיט, וואָס די עוועניו... ווי זי זאָגט, דאַרף אַזוי נייטיק האָבן..."

...אויף נאָך פיר אַזייגער זיך דערזען מיטן בלאָק. (ז. 197).

אַ קאָנפליקט קומט דאָ פאָר צווישן זייער אייגענעם „בלאָק", צו וועלכן זיי געהערן און דער זיבעטער עוועניו, צו וועלכער זיי זיינען אין דינסט.

זיי פאַרלאָזן דעם „בלאָק", אָבער נישט אינגאַנצן. דער „בלאָק" האָט זיין יוריסדיקציע איבער זיי, און ער איז באַרעכטיקט צו וויסן וואָס דאָ קומט פאָר.

מען קען נישט אין מיטן דערינען אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועןפאַרשווינדן, מאַכן פּליטה. געטרייע זין און טעכטער זיינען נישט קיין דעזערטירן. אַ דין־וחשבון דאַרף אָפּגעגעבן ווערן. פאַר וועמען?

פאַרשטייט זיך, פאַרן „בלאָק".

הייבט זיך אָן אַן אויספרעגעניש, מ'נעמט די „פאַרדעכטיקטע" אויף אַ פאַרהער:

„און ער איז זיי באַפאַלן, דער «בלאָק», באַזעצט, ווי בינען: — הע? מ'איז דאָך ביי אונדז געבליבן שטיין, און ס'גייט נישט ווייטער; זיך ביי

אונדז אַלץ אויסגעלאָזט, ווי די גאַס ביים ים, און ווו האָט זיך גענומען גאַס פאַר אייך, איר זאָלט קענען אויף איר ווייטער גיין?

און זיי ביידע האָבן פאַרשעמט געקוקט דעם «בלאַק» אין פּנים אַריין:

— מ'האָט פאַר זיי די גאַס נישט ווייטער געצויגן... די גאַס האָט נישט קיין ווייטער... ס'איז דער זעלביקער «דעד־ענד»... דאָס רויטע פלעמל טיקט, פאַרגייט און קומט, אַלצאיינס, אויף; און פאַר יעדן טריט ווייטער איז ים... ס'האָט זיך גאַרנישט געביטן... נישט מער, — זיי האָבן פאַר־נומען זייערע טאַטעס ערטער...

— וואָס איז... מיט אייערע טאַטעס?

— זיך אָפּגעשפּאָרט אַ מאָגן.

— אַ מאָגן, פון וואָס?

— מ'זאָל גלייבן דעם הויז־דאָקטאָר פון גאָווערנאָר־שפּיטאָל, — איז דאָס פון איבערעסן זיך...

קען דאָס דעם «בלאַק», ווי נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, נישט אין קאָפּ אַריין: הע? זיי זיינען קראַנק געוואָרן פון צופיל עסן, — איינמאָל אַוועק; און פון דעם געמוזט אַרויספאַלן פונעם שאָפּ, — צוויי מאָל אַוועק; און אַז זיי זיינען געגאַנגען אַרבעטן אויפן טאַטנס אָרט, — דריי מאָל אַוועק... נאָר ווי זאָל דאָס זיי אין קאָפּ אַריין, אַז דער «בלאַק» איז יונג... איז דאָס אַלץ פאַר אים [דעם «בלאַק»] נאָך אַן אומגעהויער רעטעניש..." (זז. 198־99).

ווער איז עס האָט דער משונהער „בלאַק", וואָס האָט אַ מויל און אויערן, און אַ קאָפּ צו שטעלן פראַגן, און ווען באַנעמען אַן ענין, און בלייבן פאַרווירט, פאַרדרייט אין אַ „תיובתא דאביי תיובתא". אין אַ פאַרצווייפלט „בלייבט דאָך די קשיא"...

ווער איז ער? איך האָב אים גלייך דערקענט. ער איז אַן אייניקל, אַ שפּענדל פון יענעם קלאָץ, פון יענעם מקשן, וואָס הייסט „וועלט", און וועלכע ביי ייִדן וואָס זיינען דערצויגן אויפן תלמוד, איז אַ פּערזאָן, וואָס האָלט כסדר אין פרעגן פראַגעס: „פרעגט די וועלט". די „וועלט" באַ־טייליקט זיך אין אַזויפיל תלמודישע דעבאַטן, אין אַזויפיל זיצונגען אין דער תלמודישער אַקאַדעמיע, וואָס הייסט אינגאַנצן אַ „זיצונג" אַ ישיבה... אין יענער „ישיבה" זיצט די וועלט, און ווער עס זיצט דאָרטן נישט, ווער עס איז אויסער דער סעסיע, דער „זיצונג", איז מחוץ פון דער אמתער

וועלט. ער איז ערגעץ אויפן עולם־התהו. עס איז דאָך דידאָזיקע וועלט, וואָס געהערט זיך אָן צו דעם „כולי עלמא לא פליגי״ (ברכות ל״ו, ע״ב) אָדער פליגי, אָדער גאָר „מקשין העולם. מה דאָך „אַ גאַנצע וועלט״ קען פרעגן, קען דאָך אַ «בלאק» אַוודאי עס טאָן אין אַ דערציילונג. מ׳קען דאָך עס אָפּלערנען פון אַ געוויינלעכן קל־וחומר...

## ח.

אַלץ פרעגט. אַלץ זוכט אַן ענטפער. ווייל אַלץ דאַרף זיך פאַרענטפערן, פאַדערט אַ דערקלערונג. דער פשט פון דער וועלט, פון דער געזעלשאַפט, פון אַלץ וואָס קומט פאָר, איז גאָרנישט פשוט.

דער פסוק פון יעדער דערשיינונג זאָגט: דרשני! גוואַלד, יידן, האָט גאָט אין האַרצן און דרשנט מיך; און אויב אַפילו אָן גאָט אין האַרצן, אַבי איר האָט אַ קאָפּ און אין קאָפּ אַ שכל, איז דרשנט מיך, דערקלערט מיך.

די גאַנצע וועלט מיט איר פולקייט איז אַן אייביקער „והיה כי ישאלך״ (שמות י״ג, י״ד), אַ קאָסמישער אוניווערסאַלער אומענדלעכער פראַגעצייכן.

און אין דער דערציילונג ווערט דער בלאק אַ דראַמאַטיס־פּערסאָנאַ. ער איז אַ מיניאַטור פון דער יידיש־תלמודישער וועלט. ער פרעגט, ער חקירהט, ער פּרובירט זאָגן אַזוי און אַנדערש. ער שלאָגט די ענטפערס אָפּ ביז ער דערשלאָגט זיך צו עפּעס, עס איז עמקות. דער בלאק לערנט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות און מהרשא און אַלע איבעריקע פאַרשפּיצטע מפרשים.

אָט אַזוי לערנט דער „בלאק״ אַ בלאַט גמרא אין ווירטשאַפטלעכע ענינים.

— „אַז די קאָנטרי ברעכט זיך, איז פול שפע, אָנגעלאָדן מיט אַזויפיל גוטס, אַז ס׳פּלאַצט אויף איר אויף די הויט, — פון וואַנענט האָבן זיך גענומען די ריזיקע לָעכער אין איר, די אַרבעט זאָל דורך זיי אויסרינען?... פאַרוואָס פאַרשטאָפּט מען נישט די לעכער ביי דער קאָנטרי?... און מיט וועלכע סוערס לויפט זי אָפּ? און פון וואָס פאַר אַ מבול ווערט זי אָפּגעשווענקט? און אַז מ׳זאָל קוקן דעם הויז־דאָקטאָר פון גאָווערנאָר־האָספּיטאָל אין מויל אַריין, — אַז זיי ווערן קראַנק אויפן מאָגן נישט

פון קיין פאַסטן תעניתים, — פון וואַנענט האָט מען אַזויפיל צו עסן, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו טאָן? און אפשר ווערן זיי דאָ קראַנק אויפן מאָגן ווייל די אָרימעלייט עסן אין זיך אַריין פויזן? סתם־המוות? די זעלביקע באָרדנס מילך, וואָס אויף פאַרק עוועניו איז אויך אויף גאָרעק סטריט... באָרדנס איז אַ צו־רייכע און אויך אַ צו־רעספּעקטאַבלע קאָמ־פּאַני, אַז זי זאָל גיין מאַכן אַ חילוק צווישן דיביידע קאַסטימערס! און פאַרוואָס זאָל זי עס גאָר טאָן? די דרייצן סענט, צי וויפל דאָרט, וואָס זי נעמט ביי דער מיסעס פלאַכט אויף גאָרעק סטריט, זיינען דען נישט די זעלביקע וואָס אויף פאַרק עוועניו?... יעדע מטבעה איז ביי איר זייער אָנגעלייגט, פון וועמען זי זאָל איר נישט קריגן, ס׳מעג אַפילו זיין פון פּוטיפרע... אַ־דעם שבח קען מען איר גראָד יאָ נאָכזאָגן... און אַזוי אויך די ניישאַנעל סאָסעדזש, היינס בינס, פאַרק און טילפאָרד טשאָקאָלאַד, מאַנישעוויץ מצה פּראָדוקט, האָרטאָנס אייז־קרים, אָרמאָר און סוויפט פּעקינג... קיין איינע פון זיי פאַרקויפט נישט קיין צווייערליי ברענדס... און די קאַליפאָרניער אָראַנדזשעס מיט די פלאָרידער פּרוכטן זיינען אוודאי פאַר אַלע די זעלביקע... און פאַקטיש עסן מיר דאָ אַלע, אָרעם און רייך, פון איין שיסל... הייַנט, ווי אַזוי ווידער פאַרט זיך עס? מוז זיך דאָך דער דאָקטאָר פונעם גאָווערניר־האָספּיטאַל האָבן אַריינגעהאַקט אַ קלין אין קאָפּ...״

„...גיי וויים, אַז אויף צו קריגן אַ דזשאָב, מוז זיך דער טאַטע פריער אָפּשפּאָרן אַ מאָגן, אָדער אַ לונגען־פּעלער. ער זאָל מוזן אַרויספאַלן פו־נעם שאָפּ... אַ מענטש פאַר אַ מענטש? וואָרום נישט — אַ מענטש, און צו אים נאָך אַ מענטש?... ניין... ס׳גייט נישט ווייטער... ס׳איז «דעד־ענד»... דאָס רויטע פּלעמל... און דער «בלאַק» קען נישט פריער אויפגע־ריכט ווערן, ביז די אַלע, וואָס זיינען ביי דער אַרבעט, זאָלן קראַנק ווערן, אויסשטאַרבן, און דאַן ערשט פאַרבייטן מיט זיי יענע ערטער... אָדער מ׳זאָל צוליב זיי מאַכן אַ מלחמה, וואָס זאָל זיי ברויכן נעמען אין דער אַרבעט אַריין... ברויך מען נישט מער בויען קיין הייזער? קיין שטעט? קיין בריקן?... קיין נייע פאַבריקן? אַז מ׳זאָל צו דעם אַלעם אויך פאַר־בעטן דעם «בלאַק», ער זאָל זיך פאַרשאַרצן די אַרבל און זיך נעמען צו די כלים? נאָר ס׳איז «דעד־ענד»... ס׳גייט נישט ווייטער... מ׳איז גע־בליבן ביי דעם וואָס ס׳איז און שוין... דאָ וועט מען שוין האַלטן שבת... ס׳וועט פריער קיינער נישט קריגן קיין ביין צוגעוואָרפן ביז אַ צווייטער

וועט אויסציען די קאַפּיטעס... און מ׳ברויך בעטן, אויב מ׳וויל אַליין לעבן, אויף יענעמס טויט?...״ (זז. 201־198).

מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ יידישן מחבר, אַ „ייד פון יידנלאַנד״, ד״ה פון גמרא־לאַנד, אַ זון פון אַ פאָלק, וועמען אַלץ איז קשה, האַרב, וועמען אַלץ אַרט, וואָס מיינט באמת האַרט, קשה. עס אַרט (האַרט) אַ קשיא.

מחמת כדי „עס זאָל זיך שיקן״ דאַרף זיך עס שיקן, עס דאַרף פליסן, גיין, האַלטן אין איין באַוועגן זיך, אין שוועבן און אַרומשוועבן. צום אָנהייב זיינען אַלע זאַכן געווען פליסיק, וואָסערן „און דער גייסט פון אלהים האָט געשוועבט איבערן געזיכט פון די וואָסערן״ (בראשית א׳, ב׳). אַלץ דאַרף גיין ווי אַ מזמור, פליסן ווי אַ וואַסער, רירן זיך, זיין העכסט דינאַמיש, אויפטועריש, פעולהדיק. קיין זאַך טאָר נישט שטיין אויף איין אָרט. עס טאָר נישט פאַרשטאַנען ווערן. ווי נאָר עס ווערט סאָליד, איינגעשטעלט, פאַרגליווערט, האַרט, ווערט עס קשה, נעמט עס אַרן, רופן. ווערט עס אַ שטיק חומר, אַ נידעריקע זאַך, וואָס מ׳דאַרף אָפּפרעגן, מחמת עס איז האַרב, קשה. עס טאָר נישט זיין קיין סטאַטישקייט. אַלדאָס סאָלידע איז טאָבו.

ט.

וויבאַלד דינאַמישקייט, רירעוודיקייט איז דער „רוח החיה״, די זעל וואָס באַלעבט דעם גאַנצן באַשטאַנד, דאַרף מען שטרעבן צום העכסטן פונקט פון דינאַמישקייט, פון אויפּיוירונג, אויפברעכונג, און ווו און וואָס איז דער העכסטער פונקט, דער זעניט? ער איז אין געפעכט, אין אַמפּערן זיך, אין „שטעכן זיך מיט די הערנער״ פון פראַפּאָזיציעס און הנחות, אין דעם „קריג פון דער תורה״. „אַ קריגסמאַן, אַן איש מלחמה, דאָס איז דער יעניקער, וואָס פירט אָן די מלחמות פון דער תורה״ (חגיגה, י״ד, ע״ב), ווייל פראָסטער געשלעג וואָלט דאָך צעשטערט זאַכן פיזיש, און אַזאַ שלאָגן זיך וואָס זייט און שפּרייט אַרום זיך פאַרניכטונג און חורבן איז אַן עסק פאַר עשון מיט די „ידים ידי עשו״. אָט־די צעשטערונג, וואָס איז אַזוי באַליבט ביי יידן, איז פון אַ לאָגישן, אינטעלעקטועלן כאַראַקטער, און זי ווערט געטאָן מיטן קול קול יעקב. עס מיינט נישט מער אָבער אויך נישט ווייניקער ווי אַן אָפּפרעג. באמת געשמאַק געלערנט מיינט אָפּפרעגן אַ באַהויפּטונג פיר און צוואַנציק מאָל (בבא מציא פ״ד, ע״א). אין סנהדרין האָט מען נישט אַוועקגעזעצט קיינעם, וואָס האָט נישט געקענט מטהר זיין

ריינוואַשן אַ שרץ מיט באַווייזן פון דער תורה אַרויס, אַזוי שאַרפזיניק און אָפּפרעגעריש, געשיקט אין דיאַלעקטיק האָט ער באַדאַרפט זיין (סנהדרין י״ז, ע״א). אַ תלמיד פון רבי מאירן, סומכוס, צו באַגרינדן יעדן געזעץ וועגן טומאה וטהרה, ריין און אומריין, האָט געבראַכט אַכט און פערציק באַווייזן; און אין יבנה איז געווען אַ תלמיד־ותיק וואָס האָט מטהר געווען אַ שרץ מיט הונדערט און פופציק באַווייזן, ק״נ טעמים (עירובין י״ג, ע״ב). צו אַזאַ שטופע פון שאַרפזין האָבן זיי דערגרייכט. מחמת וויבאַלד עס שטייט בפירוש אין דער תורה אַז עס איז טמא און אויב דעם געזעץ קען מען נישט און מ׳טאָר נישט אָפּשלאָגן להלכה למעשה, איז כאָטש אָפּוואַרפן אים אין ספּעקולאַציע. ווייל יעדער געזעץ, אַלץ וואָס איז „געזעצט״ דאַרף ווערן אומגעזעצט, אומגעוואָרפן, אַזוי אַז עס זאָל זיין אַקציע און באַוועגונג, טויש און אומוואַנדלונג.

און וואָס מיינט איר, ווער האָט, סוף־כל־סוף, אויסגעפירט? דער ייד.

ער האָט אַזוי לאַנג געטענהט אַז עס איז קשה, ביז ער האָט דורכגעבראָכן די טויבע וואַנט פון פיזיק און באַוויזן, אַז עס איז טאַקע נישט „קשה״, אַז קיין סאָלידע קעגנשטאַנדן זיינען גאָר נישטאָ, אַז זיי זיינען בלויז פאַרפרוירענע באַוועגלעכע, שנעל־פלינק־אומלויפנדיקע ענערגיעס. מער נישט וואָס זיי זיינען אַביסל איינגעדרעמלט און מ׳דאַרף זיי אויפטשוכען... דאָס אַלץ!

דער ייד מיט זיין שאַרפן־שפּיציקן קאָפּ האָט דורכגעלעכערט די וואַנט פון דער פיזישערווירקלעכקייט. מיט וועלכן דינאַמיט האָט ער עס דורכגעריסן? מיט זיינע קשיות, מיט דעם וואָס אים האָט כסדר געאַרט, געווען קשה, צופיל פאַרהאַרטעוועט...

אַ ייד אַז קיינער פרעגט אים נישט, און ער האָט אויך נישט ביי וועמען צו פרעגן אַ קשיא צי אַ שאלה, אַ „שאלת־חכם״, פרעגט ער זיך אַליין, ער איז אויך אַ מענטש. ער שלאָגט זיך אָפּ, אָדער ער שלאָגט זיך מיטן געדאַנק, מיט דער דעה. אַבי געשלאָגן זיך אינטעלעקטועל. אַ געפעכט — אַז עס זאָל גיין אַ רויך! עס איז „דער קריג פון אַלעמען קעגן אַלעמען״ אין דער וועלט פון ריינעם געדאַנק. עס איז דער קריג פון סברות, השערות און מסקנות.

י.

וויפל זיינען נישט אויפגעשטאַנען אויפן תלמוד, געוואָלט אים באַ־

זייטיקן. צום אָנהייב זיינען געקומען די קאַראַאימער, זיי האָבן אָט־דעם אומגעווײנלעך חריפותדיקן ווערק נישט געוואָלט אָנערקענען. דערנאָך איז אַרויס קעגן אים דער רמב״ם, אָט־דער גרויסער קאָדיפיצירער, דער גרויסער הלכה־מענטש. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז די דיספּוטאַציעס און די מחלוקתן, מיט וועלכע דער תלמוד איז אָנגעפּיקעוועט, האָבן גע־האָט זייער ווערט איידער מ׳איז געקומען צום באַשלוס און פעסטגעשטעלט דעם געזעץ, דעם פּסק הלכה; אָבער ווי נאָר דאָס איז דערגרייכט געוואָרן האָבן יענע אַמפּערייען און קריגערייען, דאָס געפּעכט פון באַווייזן און אָפּווענדונגען פאַרלוירן יעדן באַדייט, זיינען איבעריק געוואָרן. זיי האָבן דערפירט צום ציל. און אַז מ׳איז שוין געקומען צום באַגערטן פּלאַץ, איז אויף וואָס דאַרף מען דעם וועגווייזער? מ׳קען אים משלח זיין.

דער רמב״ם האָט נישט באַגריפן אַז די הלכה פּסוקה, דער אָפּגע־פּסקנטער דין איז סטאַטיש, איינמאָל פאַר אַלע מאָל פעסטגעשטעלט און נישט צו פאַרברעכן קעגן אים בשעת דאָס דעבאַטירן, וויכוחן, זיך „דינ־גען״ לאָגיש דיאַלעקטיש איז דינאַמיש, לעבעדיק, און דערפאַר אַזוי עכט יידישלעך...

דער תלמוד איז געווען אַ שאַרפשטיין צו שאַרפן דעם קאָפּ, און דער תלמודיש געפּעכט האָט אַנטוויקלט די „מוסקולן״ פון פאַרשטאַנד, האָט געהאָלפן „שטעלן״ דעם חלף פון אַנאַליז, טרענירט און אויסגעמושטירט די תפיסה. גמרא־לערנען האָט געמאַכט פון יידן דעם אייביקן פרעגער און אָפּפרעגער, דעם שטענדיקן „תנא ופליג״ אַנשטאָט דעם תנא דמסייעא, וואָס איז אויף אַלץ מסכים, מיט אַלץ איינשטימיק.

„...ווי לאַנג קען מען זיך דאָס אַזוי אַרומטראָגן מיטן מאָגן, ווי מיט אַ ליידיקן זאַק אויף די פּלייצעס, מ׳זאָל נישט קענען גאָר האָבן פון אים? די פיס גייען, די הענט טוען, די אויגן קוקן, און קאָפּ איז אויך קאָפּ... אַלע האָרכן זיי, קוקן אין פּנים אַריין: מ׳זאָל זיי נאָר זאָגן וואָס צו טאָן, און זיינען גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער; נאָר דער איינער מאָגן איז, ווי די וואַנט! רעד צו אים, רעד אַרויס זיך די קישקעס מיט די גע־דערים... אַ מער, אַ פוס, אַ האַנט, אַן אויג, אַן אויער — איז אויך דעם אַלעם פאַראַן צוויי; און אויב איינס נעמט זיך בונטעווען — איז אין דר׳ערד אַריין מיטן קאָפּ! גייט מען אויף איין פוס, און מ׳שלעפּט אונ־טער דעם צווייטן, ווי ער זאָל זיך נישט לאָזן... טוט מען מיט איין האַנט... איי, ס׳איז דאָך אַך און וויי, בעסער אַלץ ווי אַן ביידע הענט! איז איין

באַזלעכל פאַרשטאָפּט, בלאָזט מען מיט צווייטן, און מ׳קען חלילה ביי איין נאַזלעכל אויך נישט דערשטיקט ווערן: אַז מ׳דערהערט קנאַפּ אויף איין אויער, איז דאָס צווייטע פאַר דאָס מער אָפן. אַז אין איין אויג ווערט טונקט, איז ס׳אַנדערע מער ליכטיק. און ווען מ׳זאָל אויך האָבן צוויי מאַגנס, וואָלט מען דאָך, ראשית, געקענט מער עסן (אַיי, ווען מ׳קען מער עסן!), ס׳זאָל נישט דאַרפן זיין אַזאַ זול אויף אַלעם; און דאָס איז דאָך אַ גרויסע זאַך! און, צווייטנס, וואָלט זיך דער איינער מאָגן נישט אַזוי גע־בלאָזן, און אַלע מאַגנטיק און דאַנערשטיק געפּיעשטשעט זיך: דאָ, נאָך אַבּיסל אימפּאָרטירטן עכט־רוסישן מינעראַל אויל, צי גאָר קעלי־מעל פּאודערס, רעבארבערע... וואָס אַ מאָגן קאָן אַלץ פאַרשמעקן? סך־הכל, איין מאָגן, האָבן ערשט די דאָקטוירים גרויסע אויגן אויף אים, און ווילן פון אים אָפּשניידן אַ שטיקל: «איר וועט אַזוי אויך קענען געגוג אַריינלייגן אין אים, ווען אַפילו ער זאָל זיין נישט אַזוי צעפּלאָשעט»... מילא, זאָל זיין מיט אַ שטיקל קלענער... צי אַפילו מיט אַ שטיק קלענער, עפּעס ווען־זיי דאָך פון אים איבערלאָזן, און אויף אַזויפיל, ס׳זאָל נאָך זיין ווו אַריינ־צוּוואַרפן אַ סטייק מיט אַ זויערע אוגערקע און אַ פלעשל ביר. וואָס קען שוין זיין ווייניקער פון אַ סטייק מיט אַ זויערע אוגערקע און אַ פלעשל ביר? אָבער דאָס אַוועקגעבן דאָס שטיקל מאָגן איז שוין גאָרנישט אַזוי ווי ס׳רעדט זיך... ווען מ׳זאָל אים, למשל, קענען צונייען ווי עפּעס אַ בייטל, פאַרשמעלן, און תוך כדי דיבור, «ווייל יו ווייט», איז מהיכי־תיתי. ברויך מען זיך אָבער צו דעם ערשט גיין אויפגעבן אויף צוויי וואָכן אין שפּי־טאָל, און עמיצער פאַר די אונטערשרייבן: אַז על כל צרה שלא תבוא, ווי ס׳וועט זיך דערנאָך נישט מאַכן, זאָל מען זיך נישט אָנהענגען ביי קיינעם אויף דער נאָז! דאָס אַליין פאַרטרייבט דאָך שוין אויף מיילן פון שפּי־טאָל!... און, ווידער, נישט איינגיין דערויף, ווערט פאַרמיאוסט ביי אים ס׳לעבן, אָפּגערעדט פון דעם קיצלען זיינעם, וואָס איז ווי מיט שאַרפע קלינגלעך פון אַ מעסערל... מילא, האַלט מען צוריק פון שווערע און שאַר־פע מאכלים, און מ׳פויעט אים מיט וואַסער און מילך, אַז ער זאָל נישט אַזוי דעם טויט מאַכן; איז, אָבער, די צרה, וואָס מיט דעם פאַרענדיקט זיך עס נישט, ווייל ער איז מיט אַלעם געקניפּט און געבונדן. אַז איין פוס, למשל, טוט וויי, קען זיך דער אַנדערער פוס גיין כדבעי; און דאָס זעל־ביקע אויך מיטן אויג, מיט אַן אויער, מיט אַ ניר... נאָר דער מאָגן, — אַ רוח אין זיין גנב אַריין! — לא די וואָס ער אַליין איז אין דר׳ערד, איז

דורך דעם וואָס מ׳קען אים נישט געבן דאָס זייניקע, דעם פולבלוטיקן סטייק, דאָס געפילטע העלדזל, נאָר וואַסער מיט מילך, הייבט ער אָן אָפּ־צורעדן די פיס, זיי זאָלן נישט גיין; די הענט — קנאַפּער צו טאָן; די אויגן — קנאַפּער צו זען, די אויערן — קנאַפּער צו הערן; ביז מ׳ווערט מיט דעם אַלעם לאַ־עליכמדיק. וואָס ברויך מען מער? אַפילו ס׳האַרץ, וואָס ברויך מען מער ווי ס׳האַרץ, דער געקרוינטער מלך אַליין, ער דער־שרעקט זיך אויך פאַר אים, און הייבט אָן ציטערן. וואָס אַ מאָגן איז? זעסט ביסט אויף צרות, ליג זשע איינגעלייגט, וואָס שלעפּסטו זיך נאָך מיט אויף דער תחונה? דו אַליין ביסט אַ קנאַפּער טויט מאַכער? און מוזט זיי אַלעמען צונעמען פאַר שותפים?״ (זז. 177־179).

אין בימקאָס שרייבן האָבן מיר גאַנצע סוגיות. נאָר־וואָס האָבן מיר אָפּגעלערנט אַ סוגיא מאָגן און זיינע שייכותן צו די איבעריקע אברים פון גוף.

עס האָט אין זיך אָן אָנדייט פון אַ מין אויסטערלישער שאלות ותשו־בות־ליטעראַטור, מיט פיל פּילפּוליסטישן דרייסט. עס איז רעכט צו קריגן אויף דער גאַנצער איינגעפירטער שיטה פון מענטשלעכער פיזיאָלאָגיע. פאַרוואָס טאַקע נישט צוויי מאָגנס?

### יא.

עס דערמאָנט אָן דעם מאמר פון רבי שמעון בן יוחאי, וואָס האָט געזאָגט:

„ווען איך וואָלט געהאַט געשטאַנען אויפן באַרג סיני ווען מ׳האָט געגעבן די תורה, וואָלט איך בעטן דעם אייבערשטן ער זאָל געבן מענטשנ־קינד צוויי מיילער: איין מויל פאַר לערנען תורה און אַ צווייט מויל פאַר אַלע אַנדערע באַדערפענישן״. (ירושלמי, ברכות ז׳).

טאַקע פאַרוואָס נישט איבערבויען דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם? ווען מ׳קריגט צוויי מאָגנס וואָלט מען געקענט האַלטן צוויי מיילער היפּש באַשעפטיקט ביי מעלה־גרהנען, און ריידן וועגן מעלה־גרהנען. אָט־די נאָ־וואַטאָרישקייט אָדער רעוואָלוציאָנערישקייט וואָס גייט אַזוי ווייט אַוועק און שטעלט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּ אַריינגערעכנט פיזיאָלאָגיע איז „יידישלעך״.

אָט־די טראַציקייט און עזות אין אַלץ צו געפינען חסרונות, זיך־

פאַרהאַלטן קריטיש אַפּילו צו דאָס עלעמענטאַרסטע און זיכער ליגנדיקע אויסערהאַלב דער יוריסדיקציע און מעגלעכקייט פון מענטשן צו ענדערן עס אויף אַ ראַדיקאַלן שטייגער — איז אַ שטיק ייִדישע פּסיכאָלאָגיע, אָדער לאָמיר עס אָנרופן „ייִדישע חוצפּה", אין בעסטן מיין פון וואָרט.

דער ייִד איז נישט קיין שרעקעדיקער, ער שטייט נישט, ווי אַ קנעכט פאַר זיין האַר, פאַר דעם ס ט אַ ט ו ס ק ו אָ. ווען ער איז אַפּילו דער איינשטעל פון זיין אייגענעם מלכות וואָס איז אין אים, אין זיין לייבלעכן קערפּער...

ווייל דער מענטש איז דאָך אַ פאַרזינדיקטער און אַ פאַרשאָלטענער, אַ באַשטראָפטער, אַ געפאַלענער. עס איז דאָך אַזוי נישט אַרויס פון דער האַנט פון גרויסן מייסטער, דעם סקולפּטאָר־קינסטלער. ער איז געווען פּערפעקט און געדאַרפט האָט ער לעבן אייביק. נאָר די זינד, די שלאַנג האָט זיך אַריינגעמישט און אַלץ מכולה געמאַכט.

און צוליב דעם מענטשנס פאַלן איז אויך די ערד באַשטראָפט געוואָרן און פאַרשאָלטן געוואָרן (בראשית, ג׳, י״ז), אַזוי אַז זי קען נישט טויגן, זי קען נישט זיין גוט. און אַלע באַשעפענישן זיינען מיטן מענטשן אַראָפּגעזונקען. די גאַנצע וועלט איז נישט דאָס וואָס עס דאַרף זיין, און זי וועט ערשט פאַרריכט ווערן לעתיד־לבוא אין דער ווייטער צוקונפט. ווען מ׳וועט מתקן־זיין. דעם ערשטן חטא. און דעמאָלט וועט מען אַלץ איבערבויען, סיי די ערד, סיי די הימלען, סיי די ליכטער אין די הימלען און סיי דאָס גאַנצע מענטשן־געזינדל.

און לעת־עתה איז אַלץ פאַרדאַמט, פאַרדאָרבן, נישט ווי עס באַדאַרף זיין, נישט ווי דער באַשעפער האָט לכתחילה געפּלאַנעוועט, אַז עס זאָל זיין.

## יב.

דער ייִד לערנט אַזוי דעם פּשט אין דער וועלט:

עס עקזיסטירט — שמע מינה אַז עס דאַרף נישט עקזיסטירן. עס האָט אַ קיום — שמע מינה, פון דעם אַליין איז שוין געדרונגען אַז מען דאַרף עס עוקר מן השורש זיין.

אַלץ וואָס עקזיסטירט, דער גאַנצער באַשאַף שטייט און בעט זיך: „מענטש! מאַך מיך איבער! איך בין נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט מיך".

דווקא דערפֿאַר וואָס עס איז ווירקלעך, רעאַל, דווקא דערפֿאַר וואָס עס איז אַ ז ו י, דאַרף עס ערשט אַ נ ד ע ר ש זײַן.

וואָרן וואָלט עס ראַציאָנאַל געווען, ווינטשבאַר געווען, וואָלט עס עפּעס רעכטס געווען, ווי וואָלט זיך עס קענען אַן אָרט געפֿינען אין דער נאַרישער, טויבער און בלינדער ווירקלעכקייט?! און וואָלט די ווירקלעכקייט, קיין ווירקלעכקייט נישט געווען, ווער וואָלט גאָר וועגן איר טראַכטן, ווער וואָלט גאָר וועגן איר ריידן. שטעלט זיך פֿאַר מיט וועלכן שמייכל פֿון ביטול מיר וואָלטן באַגעגענען אַזאַ יאַלד, וואָס וואָלט צו אונדז קומען מיט אַזאַ סדר־העולם ווי דאָס היינטיקע וועלטל, מיט אַזעלכע אויסזיכטן אויף דער צוקונפֿט ווי די קעגנוואַרט, מיט אַזעלכע פּערספּעקטיוון פֿאַר מאָרגן ווי דער ביטערער היינט־צו־טאָג.

אַ נ ד ע ר ש מוז עס זײַן, אַ נ ד ע ר ש וועט עס זײַן. דער קלער איז נאָר אויף וועלכן אַ נ ד ע ר ש פֿון דער אומענדלעכער צאָל „אַנדערשן" זאָל זיך אונדזער אָפּקלײַב אָפּשטעלן.

אַלץ וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן אין די ערשטע זעקס טעג פֿון בראַשית פֿאָדערט מען זאָל עס פֿאַרריכטן, בעסער מאַכן, ווי דהיינו, זענעפֿט דאַרף מען פֿאַרזיסן... ווייץ דאַרף מען צעמאָלן אַפֿילו דער מענטש דאַרף אויך אַן פֿאַרבעסערונג. (בראשית רבה, פרשה י"א, ו').

„טורנוס רופֿוס דער רשע האָט געפֿרעגט רבי עקיבאַן: וועמעס אויפֿטואונגען זײַנען בעסער — דעם אייבערשטנס אָדער דעם מענטשנס? רבי עקיבא האָט אים געענטפֿערט: דעם מענטשנס... רבי עקיבא האָט אים געבראַכט זאַנגען און זעמל און האָט צו אים גזעאָגט: די זאַנגען דאָס איז דעם אייבערשטנס אַרבעט און די זעמל־געבעקס איז דעם מענטשנס אַרבעט, וואָס איז דען בעסער?" (מדרש תנחומא ויקרא פרשה תזריע ז' «וביום השמיני ימול»).

„דערפֿאַר שטייט געשריבן «וואָס אלהים האָט באַשאַפֿן צו טאָן» (בראשית ב', ג'), עס שטייט נישט «אלהים האָט באַשאַפֿן און געטאָן», מחמת אַלץ פֿאַרלאַנגט אַן אויסבעסער" (רש"י).

דער ייִד האַלט אין איין אַמפּערן זיך, קריגן זיך מיט דער וועלט, ער וויל אַלץ פֿאַריכטן, איבערמאַכן, אויב נישט בפֿועל־ממש איז כאָטש אין געדאַנק, מיטן וואָרט, מיטן אָפּפֿרעג, מיט פֿרעגן כסדר קשיות. אַפֿילו מיט זײַן נאַטירלעכן קערפּער איז ער נישט שווה־בשווה; ער האָט פֿלעגער ווי אַזוי אים איבערצובויען. אַ צדיק ווי רבי שמעון בן יוחאי וויל אַ

באַזונדער מויל צום לערנען, ווייל ווי פּאַסט זיך עס אַז דאָס מויל, וואָס וויל גאָר עסן און טרינקען, און רעדט דברים בטלים, זאָל זיך גאָר צו־רירן צו אַזאַ „ריינקייט“ און הייליקייט ווי די תורה. און ווייטער ווען ער האָט צוויי מיילער וואָלט דאָך דאָס מויל וואָס איז אָפּגעגעבן צום לערנען געקענט לערנען כסדר און נישט דאַרפן מפסיק־זיין מיט אַריינגע־מען שפּייז אָדערריידן וועגן וועלטלעכע פּראָסטע זאַכן. יעדנפאַלס ער זעט איין אַז אַזוי ווי דאָס איז איצטער אַז איין מויל זאָל זיך דאַרפן מיט אַלץ ספּראַווען — טויג נישט, און מ׳וואָלט עס געדאַרפט מתקן־זיין.

## יג

פּלאָכט און פלעכט, ווייטער, קריגן אויך אויפן איינשטעל פון זייערע קערפּערס, זיי ווילן האָבן צוויי מאָגנס. און פון זייער שטאַנדפּונקט זייגען זיי גערעכט. און זיי וואָלטן געווען פרומע פּרעסערס וואָס היטן אָפּ שטרענג כשרות, וואָלטן זיי מסתמא פאַרלאַנגט צוויי מאָגנס, איינעם אַ מילכיקן און איינעם אַ פליישיקן. אַזוי ווי דאָס געפעס, אַזוי אַז מ׳זאָל נישט דאַרפן וואַרטן קיין זעקס שעה נאָך פליישיקס און קענען פאַרטריב־קען דאָס געבראָטנס מיט אַ גלעזל וואַרעם מילך.

דער צד־השווה צווישן זיי, פון צדיק און מיסטיק רבי שמעון בן יוחאי, דעם פּסעוודאָ־פאַרפאַסער פון זהר, און מר. פּלאָכט און פלעכט, די זולל־וסובאניקעס, איז דאָס, וואָס זייענדיק יידן, צדיק צי רשע, שטייען זיי אויף אַ ראַדיקאַלער „פּלאַטפאָרם“, האָבן נישט קיין אָפּשיי פאַר דער ווירקלעכקייט ווי זי איז, און פאַרלאַנגען ראַדיקאַלע ענדערונגען, און באַ־ווייזן מיט אותות ומופתים פאַרוואָס אָט־די ענדערונגען בעטן זיך מ׳זאָל זיי איינפירן.

אָט־די אויסטערלישע שטעלן, די אימיטאַציעס פון „פּילפּול תלמי־דים“, דער „שואל ומשיב, שומע ומוסיף“ (אבות ו׳, ו׳), דאָס פרעגן און ענטפערן, צוהערן זיך און צולייגן אַ חקירה, וואָס געפינען זיך אין בימ־קאָס ווערק מאַכן עס אַזוי ריין־יידישלעך, אַז עס איז כשר למהדרין מן המהדרין. זיין ווערק איז כמעט אינגאַנצן פריי פון דעם אייראָפּעאישן שעטנז און כלאים וואָס האָבן אַזוי פאַרגויישט די מאָדערנע יידישע לי־טעראַטור.

דער אַזיאַטישער לייב איז אין בימקאָס שרייבן נישט געוואָרן פאַר־

וואַנדלט אין אַ צוגעפּוצטער, מיט סטענגעלעך באַהאַנגענער איירָאָפּעאי־שער מאַלפּע, מיט וועלכער אַנדערע „שריפטשטעלער" ביי אונדז פירן זיך אַרום אויף דער יידישער גאַס און הייסן איר צייגן קונצן... פאַרן עולם.

פון בימקאַס ווערק דערהערט זיך פון צייט צו צייט אַ ווילד ברומען פון אומגעטאַמעוועטן יידישן לייב — אַ „שאגת אריה"!

אמת, ביי זיינע „איסט־סייד"־יידן איז קיין גאָט נישטאָ, און קיין בית־מדרש אוודאי נישט, אַז מ'האָט אַפילו קיין שול נישט געבויט, אָבער תלמודיש פּילפּול איז יאָ פאַראַן.

און „אם אני כאן הכל כאן", אַז דאָס איז דאָ איז שוין אַלץ דאָ. ווייל גאָט אַליין וואָס פאַרמאָגט ער אין זיין וועלט? „זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן האָט דער קדוש־ברוך־הוא קיין זאַך נישט אין זיין וועלט ווי בלויז פיר איילן פון הלכה" (ברכות ח׳, ע"א).

און הלכה און פּילפּול איז פאַראַן לרוב ביי אונדזער מחבר.

און וויבאַלד עס איז פאַראַן „הלכה" — גייט עס אַ גאַנג. זי ווערט פאַרשטריקט און פאַרוועבט אין „אגדתא", אין כוח־גבראַדיקע פּאַעטישע בילדער און לעבעדיקע, פולבלוטיקע שילדערונגען.

***

איןביידע דערציילונגען סיי אין „איסט־סייד" און סיי אין „דאָ און דאָרטן" גיט אונדז פ. בימקאָ אַ בילד פון דעם באַרג־אַראָפּ פון אַמעריקאַ־נער יידשאַפט.

אָט־די ירידה איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע. אָבער אויף וויפל זי איז נ אַ ט י ר ל ע ך אויף אַזוי פיל איז זי צייטווייליק. די היגע יידן וועלן עס בייקומען. נאָך אָט־דעם אַראָפּגאַנג מוז קומען, וועט קומען אַן אַרויפ־שטייג.

און ווער עס לייגט צו אַ האַנט צו אָט־דעם אויפבוי פון דעם יידיש־קייט־בנין אין אַמעריקע וועט פאַרשריבן ווערן אין יידישן ספר־החיים, דאָס בוך פון אייביקן לעבן.

אַ נייער יידישקייט־צענטער וועט דאָ, אויף אָט־דעם נייעם באָדן, זיכער אויפקומען.

בראָנקס, ניו־יאָרק, 1950־1949.

צ ו ו י י ט ע ר  ט י י ל :

# קלאַסן־קאַמף

I

## דער שאָפּ, עליע רבילע און זיינע יידעלעך

פון פ. ב י מ ק אָ

געקליבענע ווערק, באַנד VIII, ז. 48—9
ניו־יאָרק 1941

## א.

# די צוויי שטאַנדפּונקטן

מענטשלעכע, עטישע באַציאונגען זיינען געבויט אויף דעם פעלדזנ־שטיינערנעם פונדאַמענט פון סאָלידאַריטעט, אָדער, נאָך ריכטיקער, זיי האַלטן זיך אויף דעם יסוד פון אַ פאַרזעלביקונג פון דעם א י ך, ד ו און ע ר, פון זיך מיט יענעם. ריינע עטיק איז באמת מאָנאָעגאָטיק, איינאיכקייט, דאָס מיינט אַז א י ך און ע ר זיינען, באמת, בלויז איין א י ך, אַז מיר ביידע, מיר אַלע שטעלן פאַר מיט זיך איין איינס, אַן אחד.

אַט־דער פרינציפּ דינט אַלס באַזיס פאַר היללס גאָלדענע רעגל, וועל־כע זאָגט אונדז: „וואָס דיר איז נישט ליב, טו עס נישט יענעם" (שבת ל"א). דער פאַרקערטער שטאַנדפּונקט איז דער פון אומעטישן מענטשן. ווען איר פרעגט אַן האַטענטאָט, וואָס איז יושר און אומיושר, ענטפערט ער קלאָר און דייטלעך: אַז איך נעם צו זיין קו, איז עס יושר, אַז ער נעמט צו מיין קו, איז עס אומיושר...

צום באַדויערן מוזן מיר צוגעבן, אַז די צוויי שטאַנדפּונקטן אָדער פרינציפּן האַלטן אין ראַנגלען זיך אין דער מענטשלעכער ציוויליזירטער געזעלשאַפט שוין טויזנטער יאָרן, און דער רעזולטאַט איז דערווייל אַזאַ: אַלע, מיט קליינע פאַרשייטע אויסנאַמען, אָנערקענען דעם עטישן, מאָנאָ־עטישן שטאַנדפּונקט להלכה, אין פרינציפּ, בשעת אין דער פּראַקטיק ווערט כמעט פון אַלעמען, ווייטער מיט גאָר קליינע אויסנאַמען פון צדי־קים, עטישע פערזענלעכקייטן, אָנגעווענדט דער מאָדוס פון האַטענטאָטס אויפפיר. די ברייט־פאַרשפּרייטע אָנגענומענע הנהגה פון מענטשן בכלל ווערט באַווירקט פון דער פאַרשטענדניש, אַז מענטשן אין דער עקאָנאָ־מישער און פּאָליטישער געזעלשאַפט געפינען זיך, אַזוי צו זאָגן, אויף קעגנגעזעצטע וואָגשאָלן. און ווען יענעמס וואָגשאָל גייט אַרויף, מוז מיינס אַרונטערגיין. דאָס הייסט אַז דאָס שטייגן פון איינעם קומט פאַר אויפן חשבון פון דעם אַראָפּזינק פון צווייטן. מיט אַנדערע ווערטער געזאָגט, מענטשלעכע אינטערעסן זיינען אַנטאַגאָניסטיש, זיי גייען אויף שטירדעס.

אַט־דער אַנטימאַראַלישער צוגאַנג געווינט אַ באַזונדערן כוח פון די גראַדאַציעס וואָס שפּאַלטן די אָרגאַניזירטע מענטשלעכע געזעלשאַפט. די אָפּפרעמדונג פון מענטשן און זייער דערווייטערונג איינער פון אַנ־דערן, וואָס דערגייט ביז צו אָפענער פיינטשאַפט, ווערט געשטיצט און געקרעפטיקט פון דער פאַרשיידנקייט אין זייער מערכה, אין זייער עקאָ־נאָמישער און פּאָליטישער לאַגע, וועלכע קען נישט בלייבן אָן אַ טיפער השפעה אויף זייער אָרט דענקען און זייערע מאַנירן, שטייגערס און אור־פנים פון רעאַגירן אויף סאָציאַלע דערשיינונגען.

וואָס מיר ווילן אַרויסברענגען איז אַט־דאָס: יחידים, וואָס האַלטן זיך צוזאַמען און פילן זיך כמעט פריינדלעך, בשעת זיי געפינען זיך אומ־געפער אויף איין ברעטל אין די געזעלשאַפטלעכע שטיגן, נעמען ווערן אַלץ מער אָפּגעזונדערט און אָפּגערוקט, אַזוי אַז די אידענטיפיקאַציע־פיינ־טעלעך ווערן אַלץ ווינציקער און ווינציקער, ביז זיי פאַרשווינדן אינגאַנצן, ווען די לאַגעס, אין וועלכע זיי געפינען זיך, ענדערן זיך שאַרף, איינער נעמט גיין באַרג אַרויף, ווערט באַגליקט, און דער אַנדערער נעמט זיך רוקן באַרג־אַראָפּ, ווערט פאַראַרעמט און פאַרצרהט.

## ב.

# יעקב אבינוס לייטער

אונדזער עקאָנאָמיש לעבן שטעלט פאָר מיט זיך אַט־יענעם מאָד־נעם לייטער, וואָס יעקב אבינו האָט געזען אין חלום, ווען ער האָט זיך אונטערוועגנס צוגעשפּאַרט און געכאַפּט אַ דרעמל, אַ לייטער, וואָס זיין שפּיץ שפּאַרט אונטער אַזש דעם הימל, באַדט זיך אין לויטערן תכלת, וואַרעמט זיך אין דער האַרציקער און גנעדיקער זון, און זיין באַזע שטייט פעסט אויף דער ערד. און מלאכים האַלטן אין איין גיין אַרויף און אַראָפּ איבער אים. מיט בלויז איין שטיקל שינוי, אויף אונדזער ווירטשאַפט־לעכן לייטער בלייבן פילע שטיין אויף איין אָרט, נישט זיי שטייגן און נישט זיי נידערן. רירן זיך נישט פון פּלאַץ, האַלטן קוים מיט צרות אָן זייער פּאָזיציע.

איז עס נישט מערקווירדיק, וואָס, הגם אין חלום צייגן זיך מלאכים, יעקב האָט גלייך באַגריפן, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אָנווונק אויף

אַ רעאַליסטישער סיטואַציע. ווען ער וואַכט־אויף, רעדט ער נישט פֿון הימלשע ענינים, פֿון יענעוועלטיקע אַנגעלעגנהייטן, נאָר וועגן ערדישע הצטרכותן, בשר־ודם־באַדערפֿענישן. ער איז מתפּלל און בעט „לחם לאכול ובגד ללבוש" (בראשית כ"ח, כ'), אַ שטיקל ברויט אין מויל אַריין און אַ מלבוש אָנצוטאָן, צוצודעקן דעם נאַקטן לייב...

יאָ, עס שטייט אַ לייטער, און מענטשן, די עקאָנאָמישע סוביעקטן, קלעטערן. אַ היפּש ביסל קריכן אַרויף און דערנאָך פֿאַלן זיי אַראָפּ, אַ קליינע מינדערהייט בלייבט שטיין אויפֿן העכסטן שטאַפּל, און גאָר אַ גרויסע צאָל געפֿינען זיך אויפֿן לעצטן, נידעריקסטן טרעפּל אָדער גאָר אונטערן טרעפּל; דאָס הייסט, ליגן ווירטשאַפֿטלעך זיבן איילן אין דער אדמה. אין יעקבֿס חלום ווערן אָט־די אַרויפֿשטייגונגען דורכגעפֿירט אָן ספּעציעלער אָנשטרענגונג.

אין לעבן איז נישט אַזוי. דאָ קומט אַלץ אָן שווער. מען צאָלט פֿאַר אַלץ אַ הויכן פּרייז. נאָך מער, וואָס אין לעבן ווערן אָט די אַרויפֿקלעטער־רונגען געמאַכט אויף שטאַפּלען פֿון געבויגענע מענטשלעכע רוקנס און דער וואָס קריכט אַרויף גיט גאַנץ אָפֿט אַ בריק מיטן פֿוס דעם שטאַפּל־רוקן, אויף וועלכן ער האָט געקלעטערט און אַרויפֿגעשטיגן צו די ווייטע אָנלאָקנדיקע הייכן. יעדנפֿאַלס, ווען דער אַרויפֿקלעטערער איז שוין אויבן, וויל ער זיך צומאָל אַפֿילו נישט אומקוקן אויף די אונטערשטע, מיט וועלכע ער האָט זיך געפֿונען אַ געוויסע צייט אין חברשאַפֿט, און אויף וועלכע ער האָט געטראָטן ביז זיי האָבן אים דערהויבן צו זיין גדולה. ער קוקט זיי מער נישט אָן. ער וויל זיי נישט קענען. און ווען ער זאָל זיי אָנקוקן, וואָלט ער זיי כמעט ווי נישט דערקענט.

ווי משונה דאָס זאָל נישט קלינגען, איז עס, אָבער, אַ פֿאַקט, אַז די איינגוווינער פֿון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע הייכן קריגן גלייך נאָך זייער אַרויפֿשטייג עפּעס ווי אַ שנעל אין נאָז, און פֿון אָט־דעם שנעל נעמען זיי פֿאַרלירן זייער כוח־הזיכרון, פֿאַרגעסן אַלע זאַכן וואָס געהערן זיך אָן מיט זייער פֿאַרגאַנגענהייט. דער שר־של־שכחה, דער פֿאַרגעסע־ניש־מלאך, קריגט איבער זיי פֿולע שליטה. און מיט יעדן טאָג פֿון זיצן אויבן צווישן די גדולים אויף די גאָלדענע שטולן אין דעם עולם־הזהדיקן גן־עדן ווערן ביי זיי אַלץ בלאַסער און בלאַסער די דערמאָנענישן פֿון די געשעענישן פֿון זייער פֿאַרדעמדיקן לעבן.

און דאָס דערציילט אונדז די טרויעריקע געשיכטע „דער שאַפּ, עליע רבילע און די יידלעך זיינע״.

## ג

# סטאַטיק און דינאַמיק

עליע־קאַפּעליע רייסט זיך אויף־אַרויף. עס צופּט אים, עס לאָזט אים נישט רוען. ער זידלט, שימפּט זיין שאַפּקע. ער איז נישט צופרידן מיט זיין מצב, מיט דעם סטאַטוס־קוואָ. ער מוז זיך אַרויסרייסן פון אָט־דער נעבעכדיקער מיזעראַבלער לאַגע. בעת זיי, די „יידלעך״, אָט־דאָס אַנאָ־נים געזעמל, פּנימלאָזער קאָלעקטיוו, טאַפּטשען זיך אויף איין אָרט. זיי ליגן אין בלאָטע און זיינען זיך גאָר מחייה. זיי טראַכטן נישט וועגן מאָרגן, וועגן בעסערן צושטאַנד. זיי בויען אַפילו נישט קיין יוניאָן. זיי זיינען סיי־ווי איין שטיק, אַן אַמאָרפישע מאַסע, אויסגעקנאָטן ווי פון איין טייג. ריכטיקער, זיי שטעלן פאַר מיט זיך אַ מין טשערעדע. זיי דופן אַלץ אויף דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס זעט אויס אין זייערע אויגן צו זיין אַ צייט־סעגמענט וואָס איז בכוח צוצודעקן מיט זיך די צוקונפט, און פאַרשטעלט פאַר זיי די קעגנוואַרט. אַלע טעג, וואָכן, יאָרן, ווי יוונים, האָבן איין פּנים, פונקט ווי זיי די „יידעלעך״ האָבן איין געשטאַלט. זיי שפּילן נישט, זיי גרימפּלען אויס זייער טרויעריק־גרויען לעבנס־ניגון דורך צופן איין סטרונע פון אַ צעשרויפּטער באַלאַלייקע. זיי זיינען גלייך־גע־שטאַלטיקט. פאַרשיידן זיינען בלויז זייערע זייגערלעך און זייער צייגן די מינוטן, נישט, חלילה, די שעהן.

„— ווי שפּעט איז ביי דיר, דזשעק?

— אַ פערטל נאָך עלף, פּייוול.

— ווי שפּעט איז ביי דיר, זיינוול?

— צוואַנציק נאָך עלף, פּייוול.

— און ביי דיר, פּייוול?

— אין האַלבע מינוט וועט זיין זיבן און פופציק מינוט אַרום עלף, דזשעק״ (דער שאַפּ, ז. 16).

„...און מ׳נעמט אומגעדולדיק שלעפּן די געשוואָלענע זייגערס פאַר־

נעם וועסטל־קעשעניקל... און מ׳קוקט אויף די ווייזערלעך ווי זיי רוקן זיך:

— ווי שפּעט איז ביי דיר, זיינוול?

— אַ פערטל נאָך ניין, פייוול.

— און ביי דיר, פייוול?

— זיבעצן מינוט נאָך ניין, דזשעק״ (דאָרט, ז. 19).

„...נאָך איידער מ׳האָט זיך אומגעקערט אין דער שאַפּקע צערעכט מאַכן דעם אַנדערן האַלבן טאָג — אויף דער פּלאַזע; דאָ, אויף דער ברייטער פּלאַזע זיך פאַררוקן און זיצנדיק אַזוי, אָטעמען מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָפענע מיילער, אַז די פולע נאָכמיטאָגדיקע רייפע זון זאָל באַקן און גליען זייערע גלידער, וואָס זיינען פון דער שאַפּקע טוכלע און צוגעלעגן; נישט האָבנדיק גאָר אונטער דער צונג — תמיען מיט אָפענע פּנימער, ווי מ׳וואָלט אויפגענומען די וועלט מיט יענע וועלט איינאיינעם...״ (דאָרט, ז. 17).

מיט איין וואָרט, עליע־קאַפּעליעס פאַרדינער ווערן צעפּרעסן פון דעם ענג־האַרציקן, שמאָל־קעפּלדיקן עגאָאיסטישן קאָנסערוואַטיזם. בשעת אַלץ אַרום זיי באַוועגט זיך, בייט פאָרמען, ברעכט זיך איין און בויט זיך איבער, אונטערנעמען זיי גאָרנישט. האַלטן שטאַרק פון שפּרוך: אויף נישט איז קיין חרטה נישט...

אמת, די סיסטעם גייט אָן מיט איר איינשטעל און אַ יחיד אַלס אַזעלכער קען זי פונדאַמענטאַל נישט ענדערן. דער איינצלנער קען זי נישט בייטן פאַר אַלעמען, אָבער פאַר זיך פערזענלעך קען ער עס יאָ באַווייזן. טויזנטער יחידים האָבן עס באַוויזן צו טאָן. זיי זיינען אַריבערגעשפּרונגען פון איין טרעפּל צום צווייטן, צום דריטן און אַזוי אַרום זיך אַרויסגעהויבן פון זייער נידעריקער לאַגע. אַנדערע, ווייטער, וואָס יחידיש האָבן נישט געקענט אַרויסשפּרינגען פון זייער עקאָנאָמישער הויט, האָבן עס דאָך פּרובירט טאָן און טאָקע מצליח־געווען בחברותא, דורך שאַפן אַרבעטער־פאַראייניקונגען, יוניאָנס, און אויף אַ קאָלעקטיוון אופן פיל אויפגעטאָן פאַרן כלל אַרבעטער און אויך זיך יחידיש אַרויפגעהויבן דורך דעם, וואָס זיי האָבן פאַרנומען דערהויבענע פּאָזיציעס אין די געשאַפענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

אָט־די „יידלעך״ טוען קיין זאַך נישט, נישט ביחידות און נישט בציבור. זיי טראַכטן גאָרנישט וועגן ענדערן, צום בעסערן, זייער שפּל־

המדרגה. זיי פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אויף זייער פּאַסיוויטעט און מיינען, הפּנים, אַלץ וועט פאַרבלייבן אומגעענדערט אויף לעולם־ועד. זיי אור־טיילן, ווי ס׳רוב מענטשן, פון זיך, און זיינען כמעט ווי זיכער אַז וויבאַלד זיי זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט, זיצן אַלע אַזוי, און קיין זאַך וועט נישט געשען. דאָס לעבן שטייט אויף אַן אָרט, איינגעזעסן ווי עס וואָלט זיין פאַרגליווערט, צוגעפרוירן און אַזוי וועט עס שוין בלייבן אויף שטענ־דיק.

פון אַט־די אַנאָנימע „יידלעך" שיילן זיך צייטנווייז אַרויס אַ פּאָר פּריוואַטע נעמען, אָבער בלויז נעמען ווי דזשעק, פּייוול, זיינוול... עס שטייען נאַטירלעך מענטשן הינטער אַט־די אַנרופענישן, מענטשן מיט צוויי הענט, וואָס אַרבעטן. אָבער די דעטאַלן פון זייערע פּערזענלעכע לעבנס זיינען פון אונדז פאַרהוילן. דאָ האַנדלט זיך בלויז וועגן איין גע־שעעניש, וועגן דער דיסטאַנץ וואָס שאַפט זיך צווישן דעם באַלעבאָס, „עליע מיט דער קאַפּעליע", און זיינע פּועלים, וואָס הייסן „זיינוול, פּייוול, דזשעק און אַנדערע".

די אַנדערע בלייבן נסתּרים, זיי ווערן נישט אויפגעדעקט. דער מחבר איז זיי נישט פּורש־בשם. עס איז נישט נייטיק. ווייס סיי־ווי, ווען מיר האָבן אַפילו אַ פּאָר נעמען, זאָגן אונדז די נעמען גאָרנישט. ביי אונדז קען מען לייכט פּועלן אַז זיינוול זאָל זיין פּייוול, אָדער פאַרקערט. קיין אינדיווידועלע קלסתר־פּנימער ווערן דאָ נישט פאָרטרעטירט.

ד.

## די פּאַטריאַרכאַלע פאַרהעלטענישן

ווו אַרבעטן עס די „יידלעך"? אין אַ שאַפּקע וואָס פאַרדינט קוים איר נאָמען. אַלס אַ געביידע איז עס כמעט אַזוי גוט ווי אַ חורבה.

„דאָס נידעריקע אָפּגעקראָכענע הויז האָט פון דרויסן גיכער אויס־געזען ווי עפּעס אַן אַלטע, צעפאַלענע חורבה, וואָס שטייט אויף הינערשע פיסלעך; און וואָס דאַרף נישט מער ווי ס׳זאָל עמיצער, מיט אַ כּוסע אין קאָפּ, פאַרבייגייענדיק — אַ בריקע טאָן אין ד ע ם מיטן פוס, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, אַז די ווענט זאָלן זיך צעפאַלן, דער דאַך אונטער־געבן און זיך אַראָפּזעצן אויף דער ערד". (דאָרט, ז. 9).

און ווער קלאָגט זיך און וואַרפט זיך, און וואַרפט כסדר אויף אַ־דעם נעבעכדיקן בנין, און באַקליידט אים מיט דעם ביטול־צונעמעניש «שטאַל»? דווקא דער באַלעבאָס, עליע.

„— עליע, וואָס ברענסטו אַזוי אויף די שאַפּקע דיינע? — כאַפּט אים זיינוול, איינער פון די בעלי־מלאכות זיינע, — אַזאַ שלעכטס האָט זי דיר געטאָן? אַזויפיל בזיונות שוין פון איר געהאַט?

— ס'אַ שאַפּ? — קאַכט זיך עלי רבילע, וואָס מ'פרעגט עס ביי אים, — אַ שטאַל!" (דאָרט).

וואָס איז טאַקע עליע רבילעס כוונה אין אַרונטעררייסן און מאַכן מיט בלאָטע צוגלייך זיין „פאַבריק"?

ראשית, וויל ער מאַכן דעם גאַנצן ענין שאַפּ בטול־ומבוטל, אַזוי אַז זאָל אויסזען אַז ער פאַרדינט דאָ גאָרנישט, קריגט גאָרנישט אַרויס פון זיין גאַנצן האַווען און פאַדען. צווייטנס, כדי זיך צוצוגעבן חשק, זיך דער־מוטיקן צום גרויסן אָנשטרענג וואָס פאָדערט זיך פון אים אַזוי אַז ער זאָל זיך פלייסן מיט כל־הכוחות זיך אַרויסצורייסן פון אַט־דעם קלעם, פון אַט־דער ענגשאַפט און אָפּגעלאָזנקייט, פון דער אָרעמאַנסקער אומגעי־בונג. דריטנס, וויל ער טאַקע פאַרלויפן דעם וועג. צו וואָס וואַרטן אַז זיינע יידלעך זאָלן זיך נעמען באַקלאָגן, האָבן תרעומות אויף אים. ער וועט בעסער אַליין אַרויסקומען מיט האַרבע דיבורים, מיט זילזולים, און אַזוי־אַרום זיי פאַרשטאָפּן די מיילער. ווייל אויב דער פלאַץ טויג נישט, מיינט דאָך עס שוין ממילא, אַז די אַרבעט וואָס ווערט דאָ געמאַכט, אין אַט־דעם „שטאַל", איז ווערט אַ זעץ אָן דר'ערד.

די אַרבעטער האָבן געפילט אינסטינקטיוו וווהין עליע ־צילעוועט און דערפאַר האָבן זיי אָפּגעשלאָגן מיט אַנטשלאָסנקייט אַלע זיינע אַטאַקעס אויף זיין אייגענעם שאַפּ.

„— דאָס וואָס זי איז נישט מער ווי אַ שטאַל, ליגט דיר אַפילו נישט אין דער לינקער פאה; ס'גריבלט דיך נאָר וואָס דו קענסט נישט מער מאַכן; און ווילסט דיך נישט באַניגן־לאָזן מיט דער שאַפּקע, ווייל זי איז קליין, אַ פּיצל, — אַזוי זוכסטו דיך אין עפּעס איינצוהילן, אונטער וואָס צו פאַרשטעלן און אויסשטעכן מיט דעם די ציין: זי איז אַ שטאַל, אַ חורבה, אַ פינצטער לאָך...

— מ'ווייסט, עליע..." (דאָרט, ז. 10).

די באַציאונגען צום אַרבעט־געבער מצד פון די אַרבעטער זיינען פאַ־

מיליאַרע, פּעאָדאַלע, פּרימיטיווע. מען אַדרעסירט אים נישט מיטן נייעם אַמעריקאַנעם טיטל „מיסטער", אויך נישט מיטן אַלטן ר'. מען אירצט אים אַפילו נישט. מען דוצט אים, און דאָס קומט אַרויס זייער נאַטירלעך. ווי ער רעדט צו זיי, אַזוי ריידן זיי צו אים. ווער איז ער, דער גרויסער „מורנו"? מען איז אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן אַזוי אַז די קלאַסן־מחיצה זעט זיך קוים אָן אין האַלטן זיך און פאַרקערן געזעלשאַפטלעך. דער לשון, די מאַנירן זיינען די אייגענע, עליע רבילע איז נישט אָפּגעזונדערט, האַלט נישט אָן קיין דיסטאַנץ צווישן זיך און „זיינע יידלעך", אויסערלעך איז ער איינער פון זיי. און דאָס אימפּאָנירט זיי.

„האָט זיך אַפילו אַזאַ שלימזל, ווי עליע רבילע... געקענט אויפכאַפּן און גאַנץ שיין אויף זיי אויפרייטן:

— מ'שלאָפט ביי אים אין שאַפ; מ'שלאָפט אָפּ ביי אים די יאָרן.

פלעגט ביי עמיצן פון די בעלי־מלאכות אויפלייכטן שיין ס'פּנים:

— שלאָף אויכעט, עליע. ווער לאָזט דיך נישט? אינאייגעם אַריין וועט זיין געשמאַקער.

און עליע רבילע צעפלאַקערט זיך ווי שטרוי:

— אַ שאַפ איז ביי אים? אַ חדר, נישט קיין שאַפ; אַ מושב־זקנים.

צעלאַכן זיי זיך שוין ברייטער, די יידלעך זיינע:

— דאָס איז דאָך די גאַנצע חכמה, וואָס ס'איז קיין שאַפ נישט. ס'זאָל זיין אַ שאַפ, אַ באַס, אַ פּאַרמאַן, מיט אַלע זיבן גליקן, — וואָלט מען דאָ אין אים געזעסן? און אויב מ'נעמט פאַר ליב דעם שטאַל, די רויט־פאַרשמירטע ווענט, איז ווייל מ'גייט אין אים אַריין און אַרויס, ווי ביי זיך אין דער היים..." (דאַרט, זז. 12־11).

ה.

## דאָס פיזישע און סאָציאַלע

דאָס געפיל פון היימישקייט, משפּחהדיקייט פון די פאַרהעלטעניש, וואָס האָבן געהערשט צווישן באַלעבאָס און זיינע אַרבעטער, איז מכפּר אויף דער נעציקייט פון די ווענט, וואָס „האָט געצויגן אין די פיס, אין רוקן, אין די זייטן, און ווו נישט?" (דאַרט, ז. 10). און די אַרבעטער, כאָטש זיי האָבן געוווסט „און געווען זיכער, דאָס אויב ס'זאָל זיי אויס־

קומען אָפּצוזיצן דאָ נאָך אַ פּאָר יאָר, וועלן זיי אַרויסגיין פון אים אָן לונגען, אָדער, אין בעסטן פאַל, מיט אַסטמע״ (דאָרט), האָבן זיך געהאַלטן האַפּערדיק און געהאַט שלום־געמאַכט מיט זייער שיקזאַל. אַלץ אַדאַנק דאָס פאַרהאַלטן זיך פון באַלעבאָס אַזוי איינפאַך, פּשוט, ווי ער וואָלט געווען איינער פון די עלטערע בעל־מלאכות. אָט־די גלייכהייט, וואָס האָט דאָ געהערשט, האָט אַלץ אויסגעקויפט. זאָל זיין חושך ווי אין אַ גרוב, ווי אין אַ קבר, „ווייל אויף קיין זון האָט מען, לכתחילה, ווען מ׳האָט גע־שטעלט דאָס הויז, נישט אויסגערעכנט זי זאָל אין דעם אַריינקומען״ (דאָרט); אַבי מען פילט נישט דעם שררה, די פאַרריסנקייט פון תקיף, דעם באַלעבאָס. אַבי מ׳דאַרף פאַר אים נישט ציטערן, שטיין אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע.

„זיי ווייסן גוט ווו ער שטעקט, זייער עליע רבילע; די פאַרסאָרגעטע שטיבלעך זיינע זיינען צו זיי באַקאַנט נאָך פון די בריתן, וואָס ער האָט אין זיי געמאַכט; ווען ער פלעגט קומען צו דעם און צו יענעם אין הויז אריין, אַרויסגענומען פון בעט און פאַר די אויערן אַהיים געשלעפּט: «איר ווילט מיר פאַרשטערן די שמחה?» און זיי, זיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ אַהיים טראָגנדיק צו אים די בענק פון דער «שערי־צדק»־שול, — עס זאָל זיין אויף וואָס צו זיצן, צו טרינקען ביר און עסן קאַלטע אויסגעזאָטענע אַרבעס...״ (דאָרט, זז. 46־47).

וואָס צעברעכט אַ מענטשן, דערנידעריקט אים, איז אים מבייש, פאַראומערדיקט אין אים זיין ווערדע, פאַרטושט זיין צלם אלוקים זיינען נישט די באַליידיקונגען, וואָס אים קומט אויס אויסצושטיין פון אויסער־לעכן שונא, פון דער פיזישער סביבה. ניין, זיי קענען זיין שטאָלצן קאָפּ נישט אַראָפּבייגן ביז צו דר׳ערד. דאָס קען בלויז טאָן אַ צווייטער מענטש, זיינס גלייכן. צו ווערן פאַרשקלאַפּט, דערנידעריקט פון אַ מיטמענטשן דאָס צעעסט דעם מענטשנס זעל ווי ראָסט, דאָס דערשלאָגט אים, צע־דרוזגעט אים אַזוי אַז ער קען שוין קיינמאָל צו זיך נישט קומען, קיינמאָל גאַנץ נישט ווערן.

ער דערמאָנט זיך די פאַבל, דער דיאַלאָג צווישן אייזן און גאָלד. אַ שטיק גאָלד פרעגט אַ שטיק אייזן: — וואָס איז דער מער מיט דיר? וואָס גוואַלדעוועסטו אַזוי, ווען דער האַמער גיט דיר אַ קלאַפּ. מה רעש? אָט שלאָגט ער דאָך מיך, און איך מאַך נישט אַזעלכע יללות ווי דו.

דער אייזן ענטפערט:

— דיך שלאָגט אַ פרעמדער, מיך אַן אייגענער. דערפאַר ברענט עס מיר אַזוי. דערפאַר בין איך אַזוי אויפגעבראַכט און איך פראָטעסטיר.

עס איז נישט אַזוי די שלעכטע עקאָנאָמישע לאַגע, וואָס שמייסט אין פּנים אַריין דעם פאַרטיילטן ביי דעם ווירטשאַפטלעכן טיש מענטשן, ווי די פאַרהעלטענישן פון זיינע מיטמענטשן, וועלכע ער האַלט אַז זיי זייַנען עס די גורמים פון זיין געבראָכענעם צושטאַנד. מיט אָרימקייט אַליין וואָלט זיך דער אָרימאַן לייכט געקענט אַן עצה־געבן. ער וואָלט זיך געקענט פאַרגינען זיין אַן עושר לויט דעם באַנעם פון בן־זומא, וואָס האַלט אַז „דער איז רייך ווער עס שטעלט זיך צופרידן מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט" (פּרקי אבות ד׳, א׳). נאָך מער, וואָס די באַדערפעניששן זייַנען עלאַסטיש, זיי קענען זיך אויסציען, אָבער זיי קענען זיך לייכט איינשרומפּן. דער ניוואָ ווערט באַשטימט פון דער סאָציאַלער סביבה, וואָס איבט אויס אַ שווערן דרוק אויף אַלע מיטגלידער פון אַ באַשטימטער געזעלשאַפט. דאָס סאָציאַלע שטעלט זיך אַרויס צו זיין מער באַפעלעריש איידער דאָס פיזישע, ביאָלאָגישע. ווי דער מדרש דריקט זיך אויס אין נאָמען פון משה רבינו: „הונדערט טויטן אָבער נישט איינמאָל מקנא־זיין יענעם" (דברים רבה, פרשה ט׳, סוף פרשה). טויט איז אַ „פון אדם למקום", אַ ביאָלאָגישע קאַטאַסטראָפע און דעם מענטשנס רעזיגנאַציע מאַכט מיט דעם, ווי נישט איז, שלום. אָבער קנאה איז אַ „בין אדם לחברו", אַ שייכות פון מענטשן צו זיין מיטמענטשן, און זי איז פיל האַרבער. אַ שטאָלצער מענטש, אַ פּערזאָן מיט זעלבסט־חשיבות קען עס נישט פאַרטראָגן. הונדערטער עוולות מצד פון דער נאַטור, דער פיזישער אומגעבונג, וועט דער מענטש פאַרליידן און פאַרקוקן, אָבער נישט אַן עוולה און אַ באַליידיקונג מצד פון אַ צווייטן מענטשן. דאָס פאַרשרפהט די נשמה, עגבויערט ביזן אָפּגרונט פון זיין פּסיכאָלאָגישן מהות.

ו׳

## עליעס קאַפעליע

דאָס איז מער ווי אַ חוזק־צונעמעניש, אַן אינסטיטוציע פון פליישׂ און בלוט שטייט הינטער דעם נאָמען. עס איז אַן אייגנאַרטיקער אַרטעל, אַן אַנאַרכיסטישע ווירטשאַפטלעכע „חברותא. היימישע מענטשן, איינס

צו איינס געקליבן, וואָס ווינען אין שכנות, אַרבעטן אונטער צוביסלעכ־ וויז, פאַרקען זיך. קיינער אַרבעט זיך נישט איבער. די באַציאונגען זיי־ נען געווען קעגנזייטיקע. נישט נאָר זיינען זיי געווען „זיינע יידלעך" נאָר ער איז אויך געווען „זייער עליע קאַפעליע! ער וועט פאַר זיי נישט נעמען קיין זאַק מיט באַרשט, כאָטש ער האָט זיך מיט זיי להכי נישט געקושט אין די פיסקעלעך!" (ז. 37).

וואָס פאַר אַ מחייהדיק „שלום־בית" דאָ האָט געהערשט, וואָס פאַר אַן „אידעאַלער" רעזשים איז דאָ געווען עטאַבלירט!

„זיצנדיק אינעווייניק, אין די קליינע ברעקלעך שטיבעלעך, האָט זיך זיי גאָר אויסגעדאַכט, ווי זיי וואָלטן געזעסן ביי זיך אין דער היים, אין היימישן ווערקשטעל, צו וועלכן זיי זיינען געווען צוגעפלאָסן פון קינד־ וויי־אָן. געדריוולט דעם ביינוול: אַ ציִ, אַ שלעפּ און אַ שטאָך... אָן באַ־ זונדערן געאייל, און אַזוי ווי נישט געשפּירט קיין רוט איבער זיך... עליע רבילע האָט גלייך מיט זיי יעדן אין דער פרי אַראָפּגעוואָרפן ס׳רעקל, פאַרשאַרצט די אַרבל פונעם העמד, און מיט אַלעמען אינאיינעם זיך גע־ פאַרקעט... ביי זיינוולען, פּיוולען, דזשעקן, ציִ ביי וועלכן פון די אַנדע־ רע — אַוועק אַהיים דער קאָפּ: «מאָזלען, אַ ברוסט, גאַלשטיינער, ציִ עפּעס אַנדערש דאָרטן...» און ס׳זיינען דאָ אין שאָפּ נישט מער געבליבן ווי די בלויזע פאָר פּיס אַראָפּהענגען; אַ פלייצע, וואָס האָט זיך אַזוי מסוכן־ ווייט אַריבערגעבויגן, ווי דער טיש וואָלט געשטאַנען אָפּגערוקט אויף אַ גוטן אייל; און די הענט געווען דרויסן פון אַלעם, נישט געטאָן גאָר..." (ז. 11).

איינס פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם, דעם באָס, אימשטיינס גע־ זאָגט, אַריינגערעכנט אין דער אייגענער חברותא — אָט דאָס הייסט חי געלעבט! אַלע ברידער, נישטאָ קיין העכער. נישטאָ קיין נידער! דער באַ־ לעבאָס איז דען אַ „באָס"! ער אַרבעט דאָך אַזוי גוט ווי זיי, מיט דעם אונטערשייד, וואָס ער פּראַצעוועט טאַקע, רייסט זיך אונטער, שלעפּט דעם עול, בשעת זיי זיינען בלויז אונטערשטופּער. ער, דער חזן, וואָס רייסט זיך דעם האַלדז, און זיי בלויז זיינע „משוררים", אונטערבאַמקער אין דער „עליע קאַפּעליע".

און אָט איז אַ רעאַליסטיש בילד פון עליעס „אַסאָציאַציע" ביי דער אַרבעט, וואָס איז כמעט ווי עפּעס אַ מין פאַרווילן זיך, זיך שפּילן אין אַרבעטן קלאַמפּערשט. אַ שטייגער ווי אָפּגעמאָלן רבי טרפון זאָגעכץ מיט

לייכטע אָפּנייגונגען (פּרקי אבות, ב׳, כ׳): דער טאָג איז נישט זייער קורץ, אַרבעט איז פאַראַן אַ סך, די אַרבעטן פוילן זיך אונטער, און דער לוין נישט זייער גרויס און דער „באָס״ טרייבט קלאַמפּערשט אונטער...

„זיינוול, פייוול, דזשעק און די אַנדערע, האָבן זיך אַלע נאָענט גע־האַלטן, אין שכנות פון דער שאַפּקע, און נישט געברויכט פאָרן, לויפן, פון זיך אַרויסלאָזן די קישקעס מיט די גע‌דערים, אַרויספאַלן פון בעט גלייך אין דער שאַפּקע. און מיט נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן, האַלב־אַראָפּגעלאָזט די טונקעלע ברעמען, זיך אַוועקזעצן צופן, דריוולען, נייען, און דערווייל דערשלאָפן, וואָס מ׳האָט אַוועקגעכאַפּט און אַוועקגעריסן ביים שלאָף, ליגנדיק אין בעט.

און אַז עליע רבילע דערפילט די שלעפעריקייט, ווי זי נידערט אַראָפּ, ווי אַ וואָלקן איבער אַלעם, גיט ער זיך אַ טרייסל־אויף אַ פאַרלוירענער: „די ברויטגעבער זיינע״, און ס׳נעמט זיך פון זיין געבייזער ערגעץ אויפ־כאַפּן אַ מאַשינדל, אַרויסקריכן פון דער הויט, און לאָזט זיך לויפן ווי אַ צעטומלטע ציג, וועלכע מ׳האָט אומגערנווייליק דערלאַנגט מיט אַ ליפּע האַלץ איבערן קאָפּ. אויף יענעם קוקנדיק, כאַפּט זיך אויף נאָך איינס. אויף זייביידן קוקנדיק, אַ דריטס, אַ פערטס, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגע־מונטערט פון אַ מין חלשות, און נעמען אינאיינעם גיין, גיין האָפּערדיק:

— אָט אַזוי נייען מיר, אַז מ׳וויל.

— אָט אַזוי נייען מיר, אַז מ׳האָט חשק.

— אָט אַזוי נייען מיר, אַז ס׳שטייט אונדז אָן.

דאָס האַלט אָבער אויך לאַנג נישט אָן...

דזשעק:

— וואָס זאָגסטו נישט צו אַזאַ טאָג, ווי ס׳איז אין דרויסן, אַ? זיינוול!

זיינוול:

— כ׳זאָג, אַז ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס מ׳ברויך אים דאָ באַגראָבן אין דער שטאָל, אַ? פייוול!

פייוול:

— אַוודאי איז בעסער צו זיצן אין דרויסן אויף דער פלאַזע, אַ? דזשעק!

— ער איז נישט דער ערשטער און אויך נישט דער לעצטער, וואָס מ׳באַגראָבט דאָ — באַמערקט צו איינער פון די אַנדערע.

עליען בריט דאָס געפּערלעך...

— האָבן זיי זיך שוין יאָ דערמאָנט עפּעס צו טאָן, מוזן זיי דאָס ערשט באַרעדן... (זז. 14־13).

דער באַלעבאָס עליע איז אין גלות ביי „זיינע יידלעך", ביי זיינע שכר־יום׳ס, אָבער „יבוא יומו", עס וועט קומען זיין טאָג, און ער וועט זיך מיט זיי אָפּחשבונען. ער האָט אַ סך געדולד און אַ היפּש ביסל אויס־דויער אָט־דער עליע רבילע, וואָס שפּילט דעם נעבעך, און מאַכט דעם אָנשטעל אַז „זאָל זיינס איבערגיין".

און ווו ווינט עס אָט־דער אויך־מיר באָס?

צווישן „עמך". אויף דער אייגענער גאַס, אין דער זעלביקער אָפּגע־לאָזנקייט, קויט און דלות. מ׳קען קוים באַמערקן אַן אונטערשייד צווישן זייערע סטאַנדאַרטס פון וווינען, נערן זיך און קליידן זיך. די אייגענע חושכדיקע דירות, די אייגענע הלבשה און די אייגענע כשרע מאכלים.

„ווינט ער דאָך אויף דער קופּע, אין איינע פון די האַלב־איינגעפאַ־לענע הייזער: אַרונטער, אַהער, אין מיטן און אין צווישן זיינוולען, פּיוור־לען, דזשעקן און די אַנדערע... ס׳האָט זיך דאָ קיין איינער נישט מיט וואָס צו באַנעמען קעגן דעם אַנדערן, אין גרויסן צו האַלטן: זיינוול — עליע; עליע — פּייוול אָדער די אַנדערע" (זז. 20־19).

די שאַפּקע איז קליין, די „יידלעך" נישט מי־יודע וויפל. און געאַר־בעט האָט מען לויטן רעצעפּט „קום איך נישט היינט, קום איך מאָרגן"; וואָס „מ׳דאַרף עס איינלייגן אַ וועלט?! די פּועלים האָבן אַרויסגעוויזן נישט קיין שטאַרקערן אַפּעטיט, קיין גרעסערן חשק צו דער מלאכה, ווי שטיפער־יינגלעך אין חדר צום לערנען, ווען דער מלמד איז געווען אַ צור־געלאָזטער, נישט קיין כעסן און נישט קיין בעל־פּעולה.

ווי אַזוי האָט מען געמאָסטן דאָ די צייט, די לענג פון אַרבעטס־טאָג? מ׳האָט דאָ נישט געאַרבעט, חלילה, פון שטיק, נאָר פון צייט. און ווי אַזוי האָבן „זיינע יידלעך" געוווסט ווען אַריינצוקומען און זיך שטעלן צו דער „עבודת פּרך", און אַוועקצוגיין און זיך לאָזן אַהיים נאָך דער „האָרע־וואַניע"?

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן „על חשבון הגביר", לויט דעם אָנווייז פון אַ שטאָל־פאַבריק.

„אָנהייבן און אַוועקצולייגן די אַרבעט אין דער דאָזיקער שאַפּקע, האָט מען געוווסט, — ווען דער קוימען פון דער שטאָל־פאַבריק האָט גע־

נומען פייפן. די שאַפּקע האָט איר אייגענעם זייגער נישט פאַרמאָגט, און מיט דעם זיך אײנגאַנצן פאַרלאָזט אויפן קוימען: — אַז דער קוימען וועט זייביידן נישט פאַרפירן.

עליע רבילע איז אויך איינגעגאַנגען אויפן קוימען. נאָר ס'האָט אים עפּעס אַנדערש... געברענט: «וואָס אַרײנצוקומען אין דער שאַפּקע ווען דער קוימען פייפט, זיינען זיי ווייט היגטערשטעליק מיט די שטאָל־אַר־בעטער, און אַהיימגיין עסן ווילן זיי גלייך מיט יענע, כאָטש עס פעלט זיי היפּש אויס פון פאָרנט און פון הינטן...» באַשטאַנען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפן פייפער פונעם קוימען: אויב ער קען פייפן פאַר דער שטאָל־פאַבריק, זאָל ער אויך פייפן פאַר אים...״ (ז. 16־14).

ז.

## עליע קלעטערט באַרג־אַרויף

און נישט־קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, אויף דער פוילקייט פון דער אַרבעטערשאַפט, זיין נאַכגעבערישקייט, האָט דאָך עליע רבילע באַוויזן צו מאַכן די ריכטיקע מטבע. דאָס איז דער כוח, די אומפאַרשריענע גבורה, פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אין אַ לאַנד, וואָס האָט געהאַלטן אין אויפגיין, ווי אויף הייוון, „אין די גוטע צייטן״, ד״ה אין די היפּש לענג־לעבע אינטערוואַלן צווישן די פעריאָדישע קריזיסן און דעפּרעסיעס.

עליעס הוצאה איז נישט געווען קיין גרעסערע ווי די פון זיינע פּועלים. און איינגעלייגט האָט ער ווען געוואָלט, געאַרבעט פאַר צען. זיי האָבן זיך פאַר־גונען אַריינצוקומען אין שאַפּקע שפּעטלעך. אָבער עליע רבילע האָט זיך געפעדערט.

„...פאַר זייער צייט, ווי לאַנג דער זיכרון טראָגט אויס, איז, ווען מ'האָט נישט געזאָלט צוקומען: איין שעה פריער, צוויי שעה, שוין די טיר געשטאַנען אָפן, און די שאַפּקע האָט זיי אָפּגעוואַרט נאָר אַריינצוגע־מען; און זיי האָבן עליען צוליב דעם אַריינגעלייגט אין אַ מיאוסן שם: «אַז ער מוז גאָר קיינמאָל נישט אַהיימגיין שלאָפן, נאָר נעכטיקט איבער די נעכט זיינע אין דער שאַפּקע» (ז. 18).

ווי ווייניק די אַרבעטער האָבן נישט אויפגעטאָן האָט דאָך דער באָס באַוויזן אָפּצושפּאָרן געגוג געלט אויף אַריבערציען זיך אין אַ נייעם גרויסן

שאַפֿ מיט אַלע פּיטשעווקעס, כּדת וכּדין פֿון אַמעריקאַנעם שטייגער פֿון איילן און יאָגן זיך אַזוי, אַז די נשמה ביי די אַרבעטער זאָל אַרויספֿאַלן.

ווי איז עס געשען? עליע רבֿילע האָט נישט דערעסן און נישט דער־שלאָפֿן; ער האָט געהאַט פֿאַר זיך איין אויפֿגאַבע, איין ציל אין לעבן, און דאָס איז זיך אַרויפֿאַרבעטן און ווערן אַן אמתער מאַנופֿאַקטורער, אַ קליי־דער־פֿאַבריקאַנט. עס האָט פּאַסירט דאָס וואָס מאַקיאַוועלי זאָגט וועגן דער געטין פֿאָרטונע, הצלחה אין מלחמות, עס געווינט זי דער, וואָס עס לאָזט זי נישט אָפּ, קושט אירע טריט, ווייזט אַרויס זיין איבערגעבנקייט צו איר ביז צו מסירת־נפֿש. די עקאָנאָמישע געטין פֿאָרטונע איז אויך אַזוי. זי גיט זיך איבער צו דעם וואָס ליבט זי מיטן גאַנצן האַרצן, מיט זיין גאַנצן מהות, מיט זיין גאַנצער קראַפֿט, מיט לייב און זעל. מ׳דאַרף אַרויסווייזן צו איר אמתע געטריישאַפֿט, נישט אַרויסלאָזן זי פֿון אויג, פֿון געדאַנק אויף איין רגע נישט.

דער פּראָטאָטיפּ פֿון אַ־דעם אַרויפֿשטייגער איז טאַקע אונדזער פֿאָ־טער יעקבֿ, דער עמיגראַנט און פּראַקטישער וויזיאָנער, וועמען די וויזיע פֿון לייטער האָט נישט געלאָזן שלאָפֿן קיין נעכט. דעם ירדן איז ער אַרי־בער איין שטעקעלע אין האַנט, און דערנאָך געוואָרן אַן עושר אדיר, רייך געוואָרן פֿון די עקודים, נקודים וברודים, פֿון די געשטרייפֿטע, געפּאַסיקטע און געשטופּלטע שאָף. ווי אַזוי האָט ער עס באַוויזן אַזוי מצליח צו זיין? ער דערציילט עס אונדז אין אַ פּאָר קלאָרע זאַצן: „בייטאָג האָט מיך פֿאַר־צערט די היץ און די קעלט ביידערנאַכט, דער שלאָף איז אַוועקגעוואָגלט פֿון מיינע אויגן״ (בראשית ל״א, מ׳).

עליע האָט נאָכגעטאָן יעקבֿן אויף זיין שטייגער אויף אַמעריקאַנער באָדן אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטענדן.

עליע האָט געשקלאַפֿט ביי זיך און פֿאַר זיך לויט דער פֿאָרשריפֿט פֿון פּרקי אבֿות (ו׳, ד׳): ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, אַפֿילו וואַסער טאָר מען זיך נישט פֿאַרגינען צו זשלאָקען, ווער רעדט שוין פֿון אַן אַנדער געטראַנק, אויף דער הוילער ערד זאָלסטו שלאָפֿן, דו דאַרפֿסט זיך גוט אויסמוטשעטרעווען, פֿאַראַרטעט־וועו אַלס אַ פּשוטער זעלנער, כּדי דו זאָלסט זוכה זיין סוף־כּל־סוף צו נע־מען קאַראַבקען זיך אַרויף, זיך אַרויפֿאַרבעטן מיט גרויס אָנשטרענג און שווערער פּראַצע אויף דעם ראַנג פֿון אַ פֿעלדפֿעבל, דערנאָך אָפֿיציר... אין דער תורה פֿון דער אינדוסטריע האָרעפּאַשעוועסטו, דעמאָלט וועט דיר

זיין ווויל און גוט... ווערסט ווערן אַ אינדוסטריאַליסט, אַ פינאַנסיסט, אַ שאַלטער און וואַלטער איבער פּראָדוקטן און פּראָדוצירער...

אייגנטלעך האָט דאָס פייפן פון שטאָל־פאַבריק אים אַרויפגעבראַכט אויף די זינדיקע הרהורים צו ווערן מיט לייטן צוגליך, און עפענען אַ שאַפּ מיט גרויסע לייטישע שעפער צוגלייך. „מ׳ברויך נישט זינדיקן קעגן פייפער" (ז. 15). אין אַ־דעם פייפן איז געלעגן אַ צוצי־קראַפט. עס האָט געוועקט אין עליען פאַרדרעמלטע קרעפטן, אים גערופן זיך צו נעמען מיט זיין גאַנצן כוח און מוח צו „עבודת הבורא", און זיין בורא איז געווען דער געץ מאַמאָן, די גאָלדענע קאַלב. דאָס פייפן האָט צו אים גערעדט זיסע סעדוקטיווע רייד, הגם נישט קיין אַרטיקולירטע. אָבער דער אמת איז אַז וואָס ווייניקער דער לשון איז אַרטיקולירט אַלץ טיפער דרינגט ער אַריין אין מענטשנס האַרצן, אַלץ שטאַרקער, הילכיקער אַפּעלירט עס צו זיינע אינסטינקטן, צו זיינע פאַרשלאָפענע אַפּעטיטן און פאַרשוואַכטע חשקס.

ח.

## די אילוזיע פון גלייכהייט פּלאַצט

אָבער צו אַט־דער אילוזיע פון גלייכהייט און אַרויסגעריסן־ווערן, צו דעם שוטהס גן־עדנדיק עקזיסטענץ, צו אַט־דער פאַרשלעפערנדיקער אידיליע פון פּאַטערנאַליזם איז געקומען אַ סוף. און אַזוי אומגעריכט!

איז טאַקע דער צוזאַמענברוך פון אַט־דעם פּסעוודאָ־פאַמיליע־איינשטעל געקומען אומדערוואַרט „ווי אַ גנב אין מיטן נאַכט", אָן קיינע מערקבאַרע צוגרייטונגען, אָן קיינע קענטעוודיקע, בהדרגהדיקע פאָרבאַרייטונגען? ניין.

נישט מיר נישט דיר, ווי אַ קנאַספּע אום פרילינג אויפן עקאָנאָמישן בוים, עליע נעמט אָנקוועלן מיט דעם זאַפט פון גאָלד. גיסט זיך אָן פול מיט אַ קויב אַזוי אַז זיין הויט ווערט צעשפּאַרט און מוז פּלאַצן.

„דער באַס זאָל, אַפּנים, האָבן געמאַכט אַ שלל מיט גאָלד פון זייער קראַצן זיך, אַז ער האָט געקאָנט אַריבער מיט אַזאַ קנאַק; און זיי געמוזט בלייבן די זעלביקע בעטלער אויף דער עלטער, ווי זיי זיינען עס געווען אין די יונגע יאָרן — האָט מען זיך געחכמהט:

— זאָלן כאָטש אַצינד נישט אַריינכאַפּן אַ קאַפּע אין הינטן פון דעם ליכטיקן פּאַרמאַן, און אַוועקפליען פון וואַנענט דער באַס האָט זיי באַ־צויגן אינאיינעם מיט דעם שאַפּ זיינע". (דאָרט ז. 37).

עס איז פאָרגעקומען אַ פּאַמעלעכער, און נישט אינגאַנצן פאַרהוי־לענער פון אויג, פּראָצעס. עס האָט געגראָבן ווי שטילע וואַסערן אין דער טיפעניש, בשעת אויף דער אויבערפלאַך איז אַלץ כלומרשט געבליבן ווי געווען, אָן קיינע אויפבערעכנדיקע, עקספּלאָדירנדיקע ענדערונגען, עלעהיי שוואַנגערשאַפט אין די ערשטע חדשים, וועלכע, אין געגעבענעם פאַל, האָבן זיך געצויגן איבער צוואַנציק יאָר.

„אַז דער קוימען פון דער שטאָל־פאַבריק האָט אויפגעריסן די אויגן ביי זיינוולען, וואָס האָט שוין געברויכט זיין אין שאַפּ, אים קוים אַרויס־גענומען פון שלאָף, און אַרויסגעטריבן איבערגוואַלד פון שטוב, — האָט ער ערשט געטראָפן די שאַפּקע צוגעשלאָסן... אַ קליין ביסל דערנאָך איז אויך פּיוול, ווי געווייינלעך, געקומען צוקריכן אַ פּאַרשפּעטיקטער, און אַז ער האָט דערזען דעם שלאָס אויף דער טיר, געבליבן שטיין אַ נאַר: «הע? מה יום מיומים? וואָס איז היינט דער מער מיט אים פּאַר אַלע־מאָל?» שפּעטער לויפט אויך אָן דזשעק... איינס און צוויי זיינען אַלע געשטאַנען, דאָס גאַנצע געזעמל, און גאַרנישט ווי אַרום אַ פאַרמאַכטער טיר פון אַ שאַפּ, וווּ מ׳ברויך אַריינגיין אַרבעטן, נאָר גיכער עפּעס ווי ביי אַ טיר פון אַ הויז, וווּ מ׳האָט זיך אויפגעקליבן צו אַ לוויה... דער שלאָס וויל נישט אַראָפּ פון דער טיר, — אַזוי לאָזן זיי שווער אַראָפּ די קעפּ, און קוקן פאַרטרויערט צו דער ערד... מ׳לעבט דאָך, נאָך אַלעמען, אין אַ מדינה, וווּ דער מענטש איז קיינמאָל נישט זיכער מיט זיך, און קען נישט וויסן, וואָס ס׳וועט זיך טאָן מיט אים אַ רגע פריער צי דערנאָך..."
(זז. 19־17).

זיי קלאַפּן דרייסט אָן אין טיר פון עליעס הויז:

— גוט־מאָרגן, עליע! וואָס אַזעלכעס האָט דיך דאָ באַגעגנט, וואָס דו קענסט נישט אַרויסגיין אויפמאַכן די שאַפּקע?

— אויך דאָס אייגענע, וואָס סע טרעפט מיט יעדן איינעם פון אונדז, ער מוז אַמאָל לענגער איבערבלייבן אין הויז, ווייל ס׳ווייב האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף דער לינקער זייט, און קרייסט אויף אַ געשוואָלענע באַק?

—אויב אַזוי, גיב אַהער דעם שליסל פון דער שאַפּקע, עליע, און

מ׳וועט זיך אַוועקזעצן דריפּן אַן דיר; מ׳ברויך דיך דען האָבן דערצו?...
(דאַרט).

זיי דערוויסן זיך דעם ביטערן אמת, אַז עס איז אויס מיט דעם שאָפּ. די נשמה פאַלט זיי איין: וואָרים וואָס איז חיות און חיים־לעבן אַן חיונה? גאָט באַהיט! אָט שטייען זיי פאַרצווייפלטע, דערשלאָגענע. געבליבן אַן אָנלען אין לעבן! געאַרבעט איבער צוואַנציק יאָר, אַוועקגעגעבן אַ לעבן און זיך נישט דערוואָרבן אַפילו אומאָפּהענגיקייט פון יענעמס קאַפּריז צי באַרעכנטן באַשלוס. אָט־דאָס מיינט פּראַצעוועז פאַר יענעם! און דער אומ־געהויער וואָס הייסט אַרבעטלאָזיקייט וועט באַלד זיך אַרויפוואַרפן אויף זיי ווי אַ חיה־רעה און זיי עקאָנאָמיש פאַרצוקן.

אונטער די געגעבענע אומשטאַנדן פון קאַפּיטאַליזם נישט צו ווערן עקספּלואַטירט איז דער גרעסטער ווירטשאַפטלעכער אומגליק וואָס קען פּאַסירן מיט דעם האַרעפּאַשנעם מענטשן. ער ווערט עפּעס ווי אַן איבע־ריקער. אַרויסגעשפּיגן פון עקאָנאָמישן ים און אַרויסגעוואָרפן, ווי אַ פיש, אויף דער יבשה, פּשוט, דערשטיקט צו ווערן. די געזעלשאַפט פאַרשליסט און פאַרזיגלט פאַר דעם אַרבעטלאָזן אַלע קוואַלן פון פּרנסה; פאַרשטאָפּט די רערן וואָס פירן צו מחייה.

כל־זמן מען האָט געגעבן „אַ צי, אַ שלעפּ און אַ שטאָך" (ז. 41) איז דער מן געפאַלן אין זייער מדבר, זיך אויסגעלייגט אויפן טיש און אָנגע־נומען דעם אויסזען און טעם פון פאַרשיידענע עסנוואַרג...

„נאָכן האַלבן טאָג גייט איטלעכער אַהיים צו זיך, אין זיין שטוב, וווּ ס׳אייגענע ווייב האָט שוין, געוויינלעך, צוגעגרייט אויפן טיש פון אַ האַלבן „גרייפּ־פרוט", אַ ברעקל שמאַלץ־הערינג, אַ שוואַרץ שטיקל פריש ברויט, ווייס ברויט, עטלעכע בייגל, אַ פּלעצל מיט ציבעלעס — אויב ס׳וועט אָנשטעקן; צווייערליי קעז, געדיכטע זויערע סמעטענע, וואָס מ׳קען שניידן מיט אַ מעסער. און יעדער עסט, ווי איבערגעלאָדן, פון דעם וואָס ס׳שמעקט אים בעסער... «ס׳איז גאָרנישט צו באַצאָלן פאַר די היימישע געריכטסן!»" (זז. 17־16).

און פּלוצלונג אַן ערדציטערניש. דער דעק פון זייער גאַנצן קיום איז אַרויסגעפאַלן. און אויף אַזאַ גראָבן, אוממענטשלעכן אופן: אפילו זיי נישט אָנגעזאָגט, נישט צוגעגרייט, נישט געלאָזט וויסן פון פאַרדעם.

די טראַגעדיע ווערט נאָך טיפער און שווערער פון דעם באַוווסטזיין, וואָס פּיקט ערגעץ אין געהירן און קרענקט דעם געוויסן: ס׳טייטש! פּילע

זאָלן זיין אָפּהענגיק פון איינעם! און דער איינער ווער איז ער אַזעלכער? אַ גאַרנישט שבגאַרנישט, אַ שטיקל גבזהניק נפשל ווי עליע רבילע. און דער אמת איז אַז אפילו עליע רבילע פילט זיך נישט געהויבן. ער ווייסט אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן זיינע אומשולדיקע און צו־טרוילעכע „יידלעך". ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין.

„ס'האַרץ אים גענומען קלאַפּן ווי ביי אַ היימישן גנב, וואָס מ'כאַפּט ביי דער האַנט, און מ'זוכט אים נאָך אויסצורייידן מיט אַ שמייכל — ער זאָל נישט בלייבן פאַרשעמט. ער איז אָבער גיך געקומען צו זיך, גענומען אויף זיך די ריכטיקע הויט, וואָס ער האָט נאָכאַנאַנד געזוכט צו פאַר־דעקן; און מיט דעם וואָס ס'האָט אין אים אַזוי לאַנג געבורזשעט געמוזט אַרויספּלאַצן:

— ...די שאַפּקע גייט אַרויס אויף דער אָפענער וועלט, קיין ניו־יאָרק, אין די העכערע גאַסן... ער קען זי דאָ מער נישט אויפהאַלטן אונטער דעם פאַררויכערטן הימל פון וויליאַמסבורג — און זי ווערט מגולגל אין אַ גרויסן שאָפּ...

און דערזעענדיק ווי די יידלעך ווערן טויט אונטער די אויערן, זיי גלייך געזוכט אויפצומונטערן:

— איר האָט זיך גאָרנישט וואָס צו שרעקן, ווייל איר גייט מיט דער שאַפּקע מיט; זי איז דאָך מיט אייך געבוירן געוואָרן, מיט אייך אויפגע־מאַכט די אויגן... אַ גרויסע נפקא־מינה אייך ווו? אַזוי ווי ס'וועט זיך נאָר איינשטעלן, אַלץ זיין צוגעגרייט, וועט מען אייך צוווּיסן טאָן — איר זאָלט אַריבערקומען צו דער מלאכה..." (זז. 21־20).

עליע רבילע פילט זיך ווי אַן אָפּנאַרער, אַ „גונב־דעת", ער האָט „זיינע יידלעך" אָפּגענאַרט, פאַראַטן זיינע אַרבעטער. אמת, זיי ריידן טאַ־קע צו אים צו־פאַרשייט, מיט צופיל חוצפה, עפּעס גאַרנישט ווי צו זייערן אַ באַלעבאָס. אָבער דאָס נעמט זיך דאָך ביי זיי דווקא פון זייער צוטרוי צו אים, ווי צו אַן אייגענעם שכן און פריינד, און אויך פון דעם, וואָס זיי זיינען דאָך דער רבים, און ער בלויז איינער קעגן זיי. און א יי נ ע ר, אויבערפלעכלעך געקוקט, איז דאָך קיינער, דאַרף זיין אונטערגעוואָרפן אונטער דעם רשות פון קהל...

עליע רבילע האָט זיך כסדר געהאַלטן אין איין באַקלאָגן זיך, ער האָט זיי אָבער קיינמאָל נישט מבייש געווען אָפן. ער האָט זיך געקלאָגט נישט אויף זיי, „זיינע יידלעך", נאָר אויף זיין אייגענער חושכדיקער מערכה,

וואָס ער מוז נעבעך אָפּפינצטערן אַ לעבן אין זיין חורבהדיקער שאַפּקע, זיין דורך זיין אכזריותדיקן שיקזאַל צוגעקייטלט צו אָט־די עטלעכע אַרבע־טער, צו דעם מאָדנעם היימישן און אומהיימלעכן שטיקל „קהל" פון „זיינוול, פּייוול, דזשעק און אַנדערע". אָבער דאָס אַלץ בלויז געזען, לכאורהדיק, געקוקט פון אויבנאויף. אונטער אָט־דעם אָנשטעל פון באַ־זיפצן און באַאיקען זיין בידנעם מזל, אונטער אָט־דער „מאַסקע" אָדער הויט, וואָס איז אייגנטלעך אַ מאַסקע וואָס איז שוין אַריינגעוואַקסן אין סאַמע פלייש און געביין פון זיין מהות, איז געווען די גאַנצע צייט אַ צווייטער עליע רבילע. ווייל אין געדאַנק, אין פאַרלאַנג און הייסן אָנגע־שטרענגטן באַגער האָט ער זיי פון יאָרן און יאָרן געהאַט פאַרראַטן און פאַרלאָזן, און אַפילו פּאַרמיאוסט ביי זיך אין האַרצן, ווי טויגעניכטסן, שלימיזלניקעס, לאַ־יוצלחס, וואָס טאַפּטשען זיך אין זייער בלאָטע, און וועלן שוין בלייבן שטעקן אין דעם דאָזיקן זומפּ אויף לעולם־ועד. זיין אויסערלעכע הכנעהדיקייט, זיין געדולדיקייט צו זיי האָט זיך בלויז גע־נומען פון דעם וואָס זיין מצב האָט ער באַטראַכט ווי עפּעס צייטווייילי־קעס, וואָס ער דאַרף איבערקומען, און וואָס גיכער, אַלץ בעסער. מיט „זיינע יידלעך" וועט ער גיין בלויז אַ שטיקל־וועגס פון זיין לעבן, דער־נאָך וועלן זיך זייערע וועגן צעשיידן. ער וועט זיך נעמען הייבן, שטייגן. אים ציט דאָך צו הייכן, הגם דערווייל פּויזשעט ער אַרום מיט זיי, ווי אַ שרץ צווישן אייגענע שרצים, אָט־דאָ אויף דער קויטיקער ערד אין טיפן טאָל...

לעת־עתה ליגט ער מיט זיי צוגלייך אין בלאָטע, אָבער ער רוט נישט, דער מוח שלאָפט נישט. ער טראַכט, ער פּלאַנעוועט, ער זוכט עצות און תחבולות ווי זיך אַרויסצוראַטעווען. ער האָט געקליבן גראָשן צו גראָשן, געשפּאָרט פון מאָגן, פון לייב. ער האָט זיך געגרייט, און נאָך ווי, צו אָט־דער מעטאַמאָרפאָזע זיינער, וואָס איצט, אין דעם מאָמענט פון איבער־בראָך, איז זי געוואָרן ניכר צום אויג פון די נישט־איבעריק באַאָבאַכט־זאַמער חברותא „זיינוול, פּייוול, דזשעק און אַנדערע", וואָס אין זייער נאַאיווקייט האָבן געמיינט ביז איצט, אַז ער, עליע רבילע, איז באמת זייער גלייכן, און אין פילע הינזיכטן פיל נידעריקער פון זיי.

ערשט איצט כאַפּן זיי זיך, אַז זיי האָבן זיך גענאַרט די גאַנצע צייט, אַז אין זייער אָפּשאַץ פון אָט־דעם טשיקאַוון „עליע־קאַפּעליע" איז אַריינ־געפאַלן אַ ביטערער טעות. זיי האָבן געמיינט אַז זיי זיינען עס די איינסן

און ער דער נול, ערשט עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די מעשה איז גאָר פונקט קאַפּויר: זיי זיינען די נולן, וואָס שלעפּן זיך נאָך נאָך אים, און ער איז דער איינס, וואָס מאַרשירט פאָרויס, און ער שטעלט טאַקע טריט... און ווי יאָגט מען אים נאָך? עס איז נישט פאַר זייערע שוואַכע שלאַ־בערדיקע פיס! אַן איבערקערעניש איז פאָרגעקומען. זייער אַלטע פּעס־טונג איז איינגעפאַלן מיט אַ קראַך — און ווו נעמט מען די כוחות אויפ־צובויען אַ נייעם בנין. זיי זיינען שוין אַלט, אויסגעשעפּט — אַפילו אַ שטיקל כאַטקע פאַר זיך צונויפקלאַפּן וועלן זיי זיין קוים אימשטאַנד...

„זיינוול, פייוול, דזשעק און די אַנדערע... זיינען אַזוי געשטאַנען, פונקט ווי ס'פאַלט פאַר איינעם אַראָפּ אַ שטיק געזימס פון אַ וואַנט, און האַרט צו די פיס, וואָס מיט אַ האָר... האָט ער אויך געקענט פאַלן איבערן קאָפּ, און ס'זאָל נישט בלייבן קיין שריד ופליט פון געביין... אַ הויז... וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך יאָרן און מיט גרויס מסירת־נפש, און וואָס מ'האָט געהאַלטן, און מ'וואָלט דערפאַר געגאַנגען ביז אין בלוט, ווי... אַ באַשטענדיקע און אייביקע זאַך... איז ראַפּטום צעפלויגן געוואָרן אויף שטיק־שטיקלעך...“ (ז. 21).

זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָס איז דאָס געזעץ פון לעבן: אָדער מ'גייט אַרויף אָדער מ'גליטשט זיך אַראָפּ. דער אַלטער סימבאָלישער לייטער, וואָס יעקב אבינו האָט געזען אין חלום. דער וואָס שטייט אויפן סאַמע שפּיץ, „יהוה נצב עליו“ (בראשית כ"ח, י"ג), איז אַ גאָט, אַ הער־שער, צי עקאָנאָמיש, צי פּאָליטיש, צי אידעאָלאָגיש, צי אַלע דריי אינ־איינעם, אין איין פּערזאָן... און אַלע מענטשן־מלאכים דאַרפן קלעטערן, קיינער קען נישט שטיין אויף איין אָרט, מ'קאַראַבקעט זיך אָדער אַרויף אָדער מ'זינקט אַראָפּ.

## ט.

## דער אַנאָנימער קאָלעקטיוו

ביי פ. בימקאָן זיינען זיינע העלדישע און אומהעלדישע פאַרשוינען טאַקע בבחינת מלאכים. וואָס איז דער מהות פון אַ מלאך? זיין ווערך־באַשאַפן פאַר אַ באַשטימטער שליחות. אַ מלאך איז ספּעציאַליזירט אין העכסטן גראַד. ער ווייסט פון איין מיסיע וועלכע ער מוז דורכפירן. און

ווען ער פירט זי אַדורך, — האָט ער אָפּגעטאָן זײַנס, און מיטן אויסגאַנג פון זײַן זכות־הקיום פאַרלירט ער זײַן קיום. זײַן עקזיסטענץ ענדיקט זיך מיטן שלום פון זײַן אויסגעפירטער לעבנס־אויפגאַבע.

פּ. בימקאָ לאָזט זײַנע העלדן נישט אַראָפּגיין פון דרך־המלך, פון שליאַך וואָס ער האָט פאַר זיי אָנגעצייכנט. זיי מאַכן ביי אים קיינע זײַטיקע דעוויאַציעס. זיי טאָרן זיך נישט פאַרנעמען מיט קיינע זײַטיקע ענינים. זיי זײַנען פולע פאַרקערפּערונגען פון דעם סיוזשעט וואָס דער מחבר וויקלט פאַנאַנדער. בימקאָ באַלעסטיקט אונדז נישט מיט קיינע נעבן־זאַכן, ענינים וואָס ליגן אָן אַ זײַט פון דער הויפּט־טעמע.

בימקאָ באַלעסטיקט אונדז נישט מיט שפּלדיקע דעטאַלן, וואָס צע־שטרויען און לאָזן אונדז נישט זיך קאָנצענטרירן אויף דעם עיקר, האַלטן אונדזער געשפּאַנט אויג אויף דעם סאַמע ברענפּונקט פון סיפּור־המעשה. ער האַלט אונדז דורך דער גאַנצער דערציילונג אָנגעצילעוועט אויף איין פּינטעלע, די הויפּט־כוונה פון דער פאַבולע, און דאָס איז דער „עולים ויורדים", דאָס גיין „אַרויף און אַראָפּ". בימקאָ טרעט נישט אָפּ אויף איין רגע פון זײַן הלכתא, פון דעם וואָס ער האָט בדעה אונדז צו לאָזן זען, הערן און, טאַקע, לערנען.

ווי זעט זײַנוול אויס? ווי קוקט פּייוול אויס? וואָס פאַר אַ פּנים טראָגט אַרום דזשעק? עס איז נישט אונדזער עסק, ווײַל עס איז נפקא־מינה נישט. דאָס וואָלט גאָרנישט ענדערן, אין עצם, די דערציילונג, די שילדערונג פון די פאַרהעלטענישן, וואָס וועבן זיך צווישן עליען און זײַן אַלטער קאַפּעליע.

אין תוך זײַנען „זײַנוול, פּייוול, דזשעק און די אַנדערע" אַ מין אײַ־בערנוסחונג פון דעם אונדז אַזוי גוט באַקאַנטן סודותפולן „יש אומרים", „אחרים אומרים", „תנו רבנן". דאָס זײַנען אַלץ אַנאָנימע קאָלעקטיוון, גרעסערע אָדער קלענערע, וואָס פיגורירן אַזוי אָפט און אַזוי פּראָמינענט אין תלמוד, אין אָט־דעם רייך־יידישן פאָלקס־ווערק, וואָס אין פוילן האָט מען אים גאָרנישט באַדאַרפט שטודירן בכדי ער זאָל אַרײַנגעוועבט ווערן אין דער אייגענער נשמה, אַסימילירט ווערן אַזוי אַז ער זאָל ווערן אַ אייגן שטיק פּסיכיק. די אויסדרוק־אופנים, די עקספּרעסיע מאַנעריזמען פון דער גמרא זײַנען באמת געוואָרן אַ קנין פון גאַנצן יידישן כלל און פון יעדן יידישן יחיד. און אַ יידישער שרייבער דאַרף דאָך נאָך אַלץ בלײַבן אַ שטיקל ייד, און זיך נוצן מיט אָט־די אָנגענומענע פאָרמען פון אויסע־

רונג, סיידן ער רייסט אַרויס פון זיך אַט־די איינגעבאַקענע שפּראַכלעכע פיגורן בידים, גייט אַוועק אין אַ איירופּעאישן חדר און נעמט זיך ביי זיי, ביי די „גויים״, לערנען שרייבן. ער אימיטירט פרעמדע טראַפאַרעטן, מאַכט־נאָך פרעמדע מוסטערן, אַנשטאָט זיך צו לאָזן פירן פון די אייגענע אינערלעכע נייגונגען, פון זיין אונטערבאַוווסטזיין, וואָס איז אייגנטלעך אַ רעזערוואַר אָנגעגאָסן מיט כל־טוב פון עסטעטישן געשמאַק און עטישן באַנעם, און אייגנאַרטיקן אויפנעם פון דער סביבה, וואָס געפינט זיך אויסער אונדז און, הויפּטזעכלעך, אין אונדז. אַט־דער טייל וואָס ליגט אין אונדז איז אומגעהויער וויכטיק פאַר שעפערישער אַרבעט.

בימקאָ איז נישט אַוועק אין דער פרעמד זיך לערנען שרייבן, און ער פּילט און שרייבט ווי אַ ייד פון יידן־לאַנד, ד״ה תלמוד־לאַנד, אָדער פינקטלעכער, אַ פישער אין תלמוד־ים. הגם ער איז פון דעם נישט באַוווסטזיניק, און איז, זיכער, נישט קיין ישיבה־בחורשער תלמודיסט.

„זיינבול, פּייוול, דזשעק און די אַנדערע״ (זז. 10, 13, 21, 23, 37, 38, 40, 41, 44, 45, 46) האַנדלען, רעאַגירן אויף דער קאַטאַסטראָפאַלער געשעעניש ווי אַ קאָמפּאַזיט קערפערשאַפט, אָבער איין אָרגאַניזם. זעלטן ווען עס טיילט זיך אַרויס איינער און אַ צווייטער אַלס אינדיווידן, און ווען דאָס געשעט איז עס אויף אַ ווייל, און דעמאָלט פיגורירן בלויז נעמען, וואָס זיינען לאַו־דווקא: זיינבול פרעגט ביי פּייוולען, עס האָט גע־מעגט זיין פאַרקערט, די זעלביקע פראַגע האָט געקענט שטעלן פּייוול, און ער וואָלט קריגן דעם אייגענעם ענטפער, ווייל סיי די פראַגע און סיי דער ענטפער האָבן צו טאָן מיט אַט־דעם פילקעפּיקן, פילקערפּערדיקן, פיל־הענטיקן אָרגאַניזם, און נישט מיט די יחידים; מיט איין וואָרט זיי זיינען „יידלעך״ וואָס קומען פון וויליאַמסבורג, אַ מקום וואָס האָט אָפּגע־שטעמפּלט זייער מהות און מעטאָד פון אַרבעט און האָט זיי פאַרשמאָלצן אין איין שטיק לעבעדיק מעטאַל. אַפילו דזשעק, וואָס האָט שוין אַן אַמע־ריקאַנער נאָמען, איז אויך בלויז איינער פון די „יידלעך״, און מ׳זעט אים נישט ער זאָל זיין אין זיינע האַנדלונגען אַנדערש פון פּייוולען אָדער זיינבולען, וואָס האַלטן זיך יאָ ביי זייערע היימישע נעמען.

„— פּייוול־קרוין, גיב מיר אַן עצה, וואָס מ׳טוט זי זאָל ווערן טרינ־קען סוויטקרים? «נאָר סוויט־קרים קען איר העלפן», זאָגט דער דאָקטאָר, «און מ׳זאָל נישט קוקן וואָס זי וויל נישט, איבערגוואַלד אין איר ארייג־גיסן»״.

די «זי» איז עס זייגוולס טעכטערל, וואָס איז ביי אים זיין אויג אין קאָפּ. און פייוול ענטפערט נישט פיל טראַכטנדיק:

— בינדט די הענט, די פיס... און אַז ס׳גייט אין נפש — איבער־גוואַלד אין איר אַריינגיסן״ (זז. 43־42).

אָט־די צוגעבונדנקייט צו די קינדער איז אויך אַן אַלגעמיינער שטריך, וואָס באַלאַנגט צום קאָמפּאָזיט קלסתר־פּנים פון די ״יידלעך״, וואָס פירן זיך אויף אַזוי, אַז אַפילו ווען זיי עוסקן זיך ביחידות, האַנדלען זיי אויך לויט דעם באַשטימטן קאָלעקטיוון נוסח זייערן ווי איין מענטש גע־טאָפּלט פיל מאָל.

אין דער דערציילונג זיינען אינגאַנצן נישטאָ קיין אינדיווידואַליס־טישע כאַראַקטעריזירונגען פון די פּאַרשוינען, פון די איינצלנע וואָס שטעלן צוזאַמען די ״קאַפּעליע״. די פּאַרפּליכטונגען פון די עפּיזאָדן וועלן דען אויסזען אַנדערש, אַנגעמען אַנדערע פּאָרמען, ווען מיר וועלן אַרויס־זען בולט געוויסע פּרטים בנוגע דעם פּריוואַטן לעבן פון די מתעסקים. איז דען אַ נפקא־מינה ווי דזשעקס ווייבל האָט אויסגעזען, ווי פייוולס דירה איז געווען אויסגעמעבלירט, וויפל קינדער זיי פאַרמאָגן, צי זיי האָבן גאָר אַלע קינדער? למאי נפקא־מינה?! אַזעלכע איינצלהייטן וואָלטן בלויז געשטערט, זיי וואָלטן צעדריבלט די גאַנצקייט פון אָט־דעם משונהם אָרגאַניזם וואָס באַנעמט זיך ווי אַ פולשטענדיקע איינהייט.

## י.

## די צוויי פּאָביאַס

צוויי טענדענצן שטויסן זיך דאָ צוזאַמען, איינע אַזוי שטאַרק ווי די צווייטע. צוויי צדדים — קיינער וויל נישט און קען נישט, ווען ער זאָל אַפילו וועלן, נאָכגעבן.

איין צד וויל זיך שטופּן פאָרויס, מאַכן ענדערונגען. אין אים רעדט די אייביקע אומצופרידנקייט, דער פאַרלאַנג צו וועלן זיין דאָרטן וווּ מ׳איז דערווייל נישטאָ, ווייל דאָרטן איז גוט, וווּ מיר זיינען לעת־עתה נישטאָ. און דווקא אַהין דאַרף מען אָנשפּאַרן. און אָט־דעם צד דוכט זיך תמיד אַז עס איז נישט זיין אייגענער ווילן וואָס טרייבט אים פאָרויס, נאָר אַז מ׳יאָגט אים, מען שטופּט אים, ער מוז גיין פאָרויס, אויב ער וויל נישט

צעטראָטן ווערן אונטער די פיס פון די דרענגער. דער צווייטער צד וויל בלייבן דאָרטן ווו ער איז, אין אים רעדט אינערציע, סטאַטישקייט, דער „שב ואל תעשה״.

אין אָט־דעם צד איז פאַרטראָטן דער נאַטירלעכער אַנימאַלער קאָנ־סערוואַטיזם: זאָל זיין שלעכט, אַבי אייגנס, צו וואָס מ׳איז צוגעוווינט, מיט וואָס מ׳האָט זיך שוין איינגעלעבט און, ממילא, בייגעקומען און פאַרוואַנדלט עס אין עפּעס גוטעס. פון דאָס נייע דאַרף מען וואַכן, ווייל עס ברענגט מיט זיך תמיד אַ פאָדערונג, אַן אַרויסרוף וואָס פאָדערט אָנ־שטרענג. און פון דעם איז איין שפּאַן צום אומגליק... צו וואָס צעברעכן דאָס שעלכל פון אייעלע און אַרויסגיין ווער ווייס ווהין, ווען דאָרטן אין דרויסן איז, זיכער, קאַלט, פוסט און לער. עס וואַרט אויף דיר אַ מאיומ־דיקער חלל, אַן אומהיימלעכע פוסטקייט, אַ קאָלאָסאַלע ענדלאָזע אויס־געהוילנקייט. איז דען בעסער, געזונטער, זיכערער און, טאַקע פשוט, באַ־קוועמער צו ליגן איינגעלייגט אין אייעלע, אָדער אין מוטערס טראַכט, ווו עס איז שטיל, רואיק, ווו מ׳פּילט זיך באַשיצט פון אַלע זייטן, באַ־שפּונען ווי אין אַ קאָקאָן, נישט אַרויסצוגיין און נישט אַרויסצוקוקן.

אָט־די פּאָביאָס, די צוויי פחדנים האַלטן אין איין שנאַת־חנמען. איין טיפּ מענטש ליידט פון קלויסטראָפּאָביאָ, פון דער שרעק צו זיצן פאַר־שפּאַרט אין די אייגענע ד׳ אמות, און דער צווייטער טיפּ — פון אַגאַראָ־פּאָביאָ, ער האָט מורא פאַר דער רחבות פון דער וועלט. ער שרעקט זיך פאַר דעם גוואַלדאָוונעם אויסשפּרייט פון דער גרויסער שטאָט, עס פאַלן אין אים איין די בלוטן, ווען ער דערזעט דעם גיגאַנט, דעם מעטראָפּאָ־לישן כרך. ער וויל זיך נישט אָפּשניידן דעם נאָפּל וואָס האַלט אים צו־געבונדן צו זיין אייגן ווינקל, אייגן שטיקל שטוב, געבוירן־פּלאַץ. אָט־די פחדנים האָבן צו טאָן נישט בלויז מיט געאָגראַפישע באַגריפן, זיי נעמען אַריין אויך אידעאָלאָגישע השגות.

אָט וואָס עליע רבילע זאָגט אין זיין באַרעכטיקונג:

„עליע רבילע האָט זיך געכאַפּט... ער האָט דאָ דערהרגט די פּאָר יידלעך זיינע, נישט ערגער ווי אַ גזלן אין וואַלד מיט אַ האַק אָדער מיט עפּעס אַן אַנדער טעמפּ שטיק אייזן, און, אַז ער זאָל בלייבן גערעכט, זיך געזוכט אויסצוקויפן אין זייערע אויגן: — אויב ער זאָל וועלן זיי אַן עקשן און לענגער מאַכן שבת פאַר זיך; זיך נישט אַוועקשטעלן מיטן שאַפּ מיט אַלע גרויסע שעפער צוגלייך, דאָרטן ווו זיי זיינען, אויף דער אָפּע־

נער וועלט, — וועלן זיי אים סיי־ווי פאַרשפּילן; וועט ער אויסטאָגן פון זיך אַליין... נו, ברויך ער אויסקוקן ביז דער טויט וועט קומען פון זיך אַליין, און אים פּאַרטיק מאַכן דעם שאָפּ, אַז ער קען פאַרלויפן דעם וועג און דאָס פאַרהיטן. אַליין און מיט די אייגענע הענט צומאַכן, און זיך אָוועקשטעלן, ווי לאַנג ר׳קען נאָך, גלייך מיט אַלע אינאיינעם: «ברוך הבא. — כ׳בין אויכעט דאָ!» און פאַר איין וועג טאַקע גיין גרויס! אויב אָנהאַלטן, שטיין אויף די פיס איז, פאַר די אייגענע מי און מאַטער, זאָל כאָטש זיין ביי וואָס; און נישט קריכן פויל, נישט האָבן אין מויל. שלעפּן ווי אַ היימישער פויער ס׳פערד און וועגעלע, נאָר פליסן, ווי דער שטייגער איז דאָ, אין אַן אויטאָמאָביל... און טויזנטער זאָלן בליצן פאַר די אויגן... רעק זיך אָנלייגן, ווי דער ווינט לייגט־אָפּ יעשען די בלעטער פון דיביימער — הויפנס מיט רעק...״ (זז. 23־22).

אָט אַזוי רעדט עליע דער אויפטוער, דער אויפטויכער, דער אויפשטייגער. ער איז גאָרנישט קיין פאַרשלאָפענער „רבילע״. אין עליען רעדט אָט־דער אומבאַנומענער כוח, דער אומגעצוימטער דראַנג צו וואַקסן און אויסוואַקסן. דאָס גרעזעלע וויל ווערן אַ ביימעלע, דאָס ביימעלע אַ בוים, וואָס רייסט זיך צו די הימלען, בשעת ער שלאָגט זיינע וואָרצלען וואָס טיפער אין באָדן. עליע וויל אַפילו מיטשלעפּן מיט זיך, מיט זיין כוח גברא, זיין פאַרשלאָפענע „קאַפּעליע״, וועלכע וויל בשום אופן זיך נישט שיידן מיט איר איינגעזעסענער פאַרחושכטער פאַרגאַנגענהייט. ווי ווערים אין רעטעך מיינען זיי אַז ער, דער ביטערער וואָרצל, איז גאָר זיס ווי האָניק.

„דאָס וואָלט אַלץ ריכטיק געווען, אַז ער זאָל דערלייגן דעם קאָפּ אין דער שאַפּקע, מילא — פון אַ שלעכט געשעפט האַקט מען אָפּ; נאָר צוואַנציק יאָר און מער, האָט ער געצויגן און געזויגן דערפון, אויף אַזוי־פיל בריתן... חתונות, אויסגעגעבן קינדער אין פריידן, און מיט איינמאָל איז פון דעם גאַנצן קוואַל געוואָרן אַ פּוסטע שטאָל? אויסגעטריקנט?״ (ז. 23).

אָט אַזוי טענהן צווישן זיך, ריכטיקער, אַלע ווי איין מענטש די „יידלעך״. זיי קוקן אויף דער איבערקערעניש מיט גאָר אַנדערע אויגן. זיי גייען אַרויס פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט: מען וואַרפט נישט קיין ברויט צו גיין זוכן לעקעך. צו וואָס אונטערנעמען נייע זאַכן ווען דאָס אַלטע איז געווען צופרידנשטעלנדיק.

און זיין אַ גאַנצן טאָג אין אַ שאַפּ ערגעץ ווייט פון אייגן הויז און הויזגעזינט, דאָס איז דאָך גאָר אַ שרעק! ווער ווייס וואָס עס קען אין דער היים פּאַסירן, ווען מ׳איז פאַרוואָגלט פון איר, פאַרטריבן ערגעץ אין דער פרעמד, אין די נומערירטע ניו־יאָרקער גאַסן...

„...נישט האָבן מער די שאַפּקע אונטער דער נאָז און אַרויספאַלן פּר־נעם בעט גלייך אין איר; עסן צוועלף בייטאָג די באַשמעקטע מאכלים, וואָס ס׳אייגענע ווייב וועט צוגרייטן און צוטראָגן... נאָר אויסגעכאַפּט ווערן ערגעץ, ווערן געטראָגן פון אונטערדרערדיקע און הענגלבאַנען, און אָוועקלייגן ס׳געזונט מיטן לעבן, אַזוי ווי זיי וואָלטן עס נאָך געהאַט?... און ס׳איז שוין נישט אַזוי די אַרבעט, מ׳האָט אין דער שטאָל אויך נישט געקליבן קיין ניסלעך, — נאָר ווי דאָס זיין פאַרוואָרפן און פאַרשפּאַרט אין דער גרויסער שטאָט, צווישן ווענט מיט שטאָל און גראַ־ניט; און דאָרטן שטעקן, הייסט זיין מיט אַלעם באַשטאַט, אייינגעמויערט; און זאָל זיך אין דער היים אַלץ מעגן איבערקערן, ס׳ביסל בעבּיכעס ווערן צעריבן, — דו ביסט נישט מער איר מענטש, קערסט זיך דערמיט גאָר־נישט אָן, אַזוי ווי ס׳וואָלט נישט געווען דיין היים און אַזוינע גאָרנישט געהאַט...‟ (זז. 22־21).

עס דערמאָנט כמעט דעם שפּרוך פון משלי: „אַ לייב איז אינדרויסן, אין די גאַסן וועל איך דערמאָרדעט ווערן‟ (משלי כ״ב, י״ג).

„...אַ בייז באַשריגעניש זאָל, נישטאָ דאָ געדאַכט, זיך דאָרטן אַ צע־שפּיל־טאָן איבער דיין האָב און גאָב, אַ ראָד פון אַן אויטאָמאָביל ווען פון דיין הויזגעזינד צערעכט־מאַכן, און די גאַנצע גאַס זיין שוואַרץ פון מענטשן, די גוואַלדן שפּאַלטן די הימלען...‟ (דאָרט).

אַזוי צעפּודזשעט איז די קרענקלעכע פאַנטאַזיע ביי די „יידלעך זיי־נע‟, ביי זיינוולען, פייוולען, דזשעקן און די אַנדערע‟. אַ שעה פאַרעכץ אויף דער אונטערערדישער באַן — וואָס פאַר אַ מהלך! דאָס מיינט דאָך זיין פאַרטריבן פון דער אייגענער היים און פון אייגן הויזגעזינד. דאָס מיינט אָפּריכטן גלות! און די מוראס און פּחדים זיינען גרויס. אומגליקן לויערן און טשאַטעוועווען אויף אַלע זייטן...

## יא.

# דער אינערלעכער בונט פון די שוואַכע

אַט די „יידלעך זיינע״ הגם זיי זיינען כאַראַקטערלאָז און פאַרמאָגן נישט קיין שטייפן רוקנביין, זיינען זיי דאָך בכוח צו ווערן אַנטריסטעט און אויפגעקאָכט ווען זיי דערזעען אַז עליע „האָט זיך אויף זיי פאַרנומען מיט אַ האַק״ (ז. 23), און זיי נעמען בשעת רוגזא טענהן, מסתמא, צו זיך אַליין מיט גרויס ביטול וועגן זייער אַרבעט „לאָקאַל״ און מקור פון חיונה. זיי „מאַכן עס אויסצודרייען״.

„וואָס זיי האָבן עס אַזוי גוט ביים אים, מ׳שטיינס געזאָגט: גוט, אַז קיין פּאָר הונדערט טאָלער הינטערן קישן, ס׳זאָל זיין אויף אַ רעגנדיקן טאָג, האָט קיין איינער פון זיי נישט אויפגעקליבן פון זייער גאַנצן דריפן! נישט מער, דאָס בלויזע ביסל עסן; האָבן זיי דערפאַר באַצאָלט מיט אַ שטאָל, וואָס וואָלט זיי סוף־כל־סוף דערקירצט די יאָרן. און דאָ איין ברעקעלע פאַרגעניגן זייערס: ס׳קראַצן זיך, לאָזט אים, הפנים, אויך נישט איינרוען, עליען...״ (דאָרט).

דער מענטש ווי שוואַך, נעבעכדיק און אומבאַהאָלפן ער זאָל נישט זיין, בגופא דעובדא, וויל דאָך זיך באַהופטן אַלס אַן אַקטיווער אַגענט. די מעשה מיט די „זויערע וויינטרויבן״ שילדערט אַט־דעם שטריך פון מענטשנס כאַראַקטער: וויבאַלד איך קען עס נישט קריגן, איז געזונטער פאַר מיר זיך פאַרצושטעלן, אַז איך וויל עס גאָרנישט, אַז עס לוינט מיר עס נישט צו האָבן, איך דאַרף עס אויף כפּרות. וויבאַלד עליע רבילע וואַרפט זיך מיט זיי, „זיינע יידעלעך״, וועלן זיי אים אָנלערנען... „זיינוול, פייוול, דזשעק און די אַנדערע״ ווילן כאָטש האָבן די מענטשלעך־געזעכטע סאַטיספאַקציע פון אַ שמיץ טאָן דעם גט עליען אין פּנים אַריין, און זאָל ער וויסן ווער זיי זיינען. אַזוי ווי ער האָט געפעלשט אין זיין געטרייקייט צו זיי, וועלן זיי זיך מיט אים נישט אָפּרעכענען. אונטער דעם ווייטיק און פאַרדרוס פון אומדערוואַרטן און אומפאַרדינטן קלאַפּ, וואָס ער האָט זיי דערלאַנגט אַזוי אומרחמנותדיק, דערוועקט זיך ביי זיי אַ געשטייגערטעס געפיל פון זעלבסטווירדע. זיי מוזן אים ציינגן, אַז זיי קענען זיך באַגיין אָן אים, דעם שטיק גאָרנישט, וואָס האָט געוואַגט זיך אָפּצושיידן פון זייער חברותא, נאָך איבער צוואַנציק יאָר טיילן זייער אַלגעמיינע מערכה, און אַפילו נישט זאָגן זיי אַן אָנשטענדיקן אָפּחבר.

אָבער אַ־דער אויפבראַוז פון איניציאַטיוו איז ווי דער אויפשוווּנג פון אַ פלאַם־פייער, ווען ער דערשמעקט אַ קויל שטרוי: אַ הייב זיך אַרויף מיט דער כוונה פון אונטערצינדן די וועלט — און גלייך אויסגעלאָשן זיך.

„און אין דעם זעלביקן נאָכמיטיק, ווי לאַנג דער כעס האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָפּגעלאָשן צו אים, צו עליע רבילען, וואָס האָט זיי אָנגעזעצט, האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאַכט, יד־אחת, מ׳זאָל אים איינפּאַקן; און אָנשטאָט וואָס ער זאָל דערנאָך מיט זיי אַרומדרייען, זאָל מען מיט אים, עליען, איצט שלאָגן כפּרות, און אָפּשיקן אין דר׳ערד אַריין״ (זז. 23־24).

מיט פּראָסטע ווערטער מיינט עס, זיי האָבן באַשלאָסן צו קריגן אַרבעט ערגעץ אַנדערש־ווו, און אויפלייזן זייער „אַרטעל״, און נישט גיין אַרבעטן אין דעם נייעם שאָפּ וואָס עליע עפנט.

אָבער די אָביעקטיווע אומשטענדן זיינען, אַלע ווי איינער, קעגן זיי און זייער דרייסט־שטאָלצן באַשלוס, וואָס האָט געשמעקט אין זייערע נאָזלעכער ווי אַ געוואַגטע פאַרשווערונג קעגן דעם „פאַררעטער״ עליען. דאָס האָבן זיי געדאַרפט טאָן מיט אַ היפּש ביסל יאָרן פריער. איצט איז שוין געווען צו שפּעט עס דורכצופירן. זיי האָבן שוין מער נישט געהאַט די יונגע כוחות, די שטאַרקע געשיקטע הענט, די בייגעוודיקע מוסקולן.

די האַרצלאָזע קאַניבאַליסטישע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, וואָס וויל בעסער פאַרצערן יונג, ווייך, רירעוודיק לייב, איידער קייען און שפּייען די אַלטע, פאַרקוואַרטע „בשר כשר״ פון די „יידלעך״.

די פרישע צאַפּלדיקע כוחות באַגראָבן אין דער שאַפּקע, און איצט האָבן זיי נישט וואָס פאַרצולייגן אויפן מענטשן־מאַרק, אויף דעם שטענדיקן אויקציאָן־פּלאַץ ווו מ׳פאַרקויפט די „פרייע שקלאַפן״ פון דעם געדונגענשאַפט־איינשטעל.

„נאָך דעם ווי מ׳האָט אים, עליע רבילע, געהרגט זאָל ער ווערן, אַוועקגעגעבן אַזוינע געזונטע הענט, גלייכע געזונטע קערפּערס... גיי דיך איצט אַרויס באַווייזן פאַר דער וועלט; מיט וואָס? מיט די קנייטשלעך אין פּנים? זילבערנע הערעלעך?... און מיט דעם אַלעם, וואָס מ׳האָט זיך ביי אים פאַר איבעריקע... וועט שווער זיין, זייער שווער זיין, זיך צו זען מיט אַ לעבעדיקן טאַלער״ (ז. 25).

אָבער זיי גיבן זיך אַזוי גיך נישט אונטער. זיי שטאַרקן זיך, דערמוטיקן זיך, ווילן זיך איינשמועסן, אַז זיי האָבן נאָך נישט אויסגענוצט

דעם גאַנצן קליאַק פון זייערע ביינער, אַז זיי פאַרמאָגן נאָך געבוג ענער־גיע, אימפּעט, געשיקטקייט אָנצוגיין מיט זייער מלאכה.

„...עליע רבילען אויף־צו־להכעיס, זיך געזען צו האַלטן אין די הענט, דערשטיקט אין זיך די דראַבנע הוסטעלעך, אויפגעהערט אַלץ אינאיינעם צו שפּייען מיט פלעגמעס — זיי זיינען דאָך נישט קיין אַלטע יידן נאָך! נישט געכאַפּט זיך אַזוי צו די שפּאַקולן, נישקשה, מ׳קען נאָך זען אָן זיי און אַפילו געשמאַק איינפעדימען די נאָדל... מ׳זאָל זיי גיין קוקן אין די ציין אַריין, ציילן די יאָרן, איז מען גאַרנישט אַזוי אַלט, ווי די עלטער האָט זיך איבער זיי צעשפּרייט, צעוואַקסן אין דער טיף און אין דער ברייט... אַלט געוואָרן אָן יאָרן...״ (ז. 26).

## יב

## דער גערעַנגל פון דורות

בימקאָ גיט אונדז אַ בילד פון די גייסטיקע עינויים קשים, וואָס דער מענטש, וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן אין צלם אלקים, לעבט אַדורך, ווען ער ווערט רעדוצירט צו בלויז אַ פּאָר הענט מיט צען פינגער, וואָס געפינען זיך, נאָך דערצו, שוין נישט אין זייער בעסטן צושטאַנד, אַזוי אַז קיין בעלנים אויף זיי זיינען נישטאָ מער. און דער אייגנטימער פון די אויסגעפּראַצעוועטע ידים נעמט זיך פילן ווי אַרויסגעשטויסן; אָן א י־ב ע ר י ק ע ר אויף אָט־דעם וועלטל.

אַ קללה איז אויסגעגאָסן אויף אַזאַ סיסטעם וואָס טרעט די חשיבות פון מענטשן, פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס מינערט ביז צו קאַרליק־געוווקס די גייסטיק־גיגאַנטישע שטאַטור פון אָ־דעם בחיר־היצירה... אַז אָך און וויי צו אים, צו אָט־דעם חכם להרע, וואָס איז קלוג זיך צו טאָן שלעכטס! ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין זיין כלומרשט ציוויליזירט לעבן אַזוי אומגעראָטן, אַז טיף אין האַרצן, אין זיין אונטערבאַ־ווּסטזיין איז ער מקנא די פייגעלעך אין דער לופט און די בלימלעך אין פעלד, און אין מינוטן פון שוואַרצן יאוש וויל ער זיך איינשמועסן, ער געברויכט עס אַלס אַ דערמוטיקונג, אַז ער קען נאָך זיי ווי איינס פון זיי, נישט שפּינען און נישט וועבן און דאָך זיין באַקליידט און באַשוכט און

אַפילו אויסגעצירט, נישט זייען און נישט אַקערן, און דאָך ווערן געשפּייזט פון קדוש־ברוך־הוא׳ס ברייטער האַנט... (מתיא, ו׳, 31־26).

אַט־די מענטשלעכע געבראַכנקייט און מענטשנס געוויר־זיין, אַז די חיות אין וואַלד לעבט זיך בעסער ווי אים אין זיין עטאַבלירטער איינגע־אָרדנטער געזעלשאַפט, דריקט אויס דער תלמוד אין אַט־דער זאָגעכץ פון ר׳ שמעון דעם זון פון אלעזר: „איך האָב אויף מיין לעבן נישט געזען אַז אַ הירש זאָל זומער קלייבן פּרוכט, אַ לייב זאָל זיין אַ טרעגער און אַ פוקס אַ קרעמער און דאָך שפּייזן זיי זיך אָן צער, און זיי זיינען דאָך באַשאַפן געוואָרן מיך צו באַדינען, און איך וואָס בין באַשאַפן געוואָרן צו דינען דעם באַשאַפער בין דאָך אַוודאי באַרעכטיקט צו ווערן געשפּייזט אָן שווע־ריקייטן און יסורים, אלא וואָס איך האָב פאַרבראָכן, פאַרדאָרבן מיינע טואונגען און פאַרשטערט מיין פּרנסה...״ (קידושין פ״ב:).

און איינציקווייז זיינען די „יידלעך״ אַרויס זוכן אַרבעט. די שפּאַ־נונג און די דערוואַרטונג איז גרויס. טאָמער פאַרזאַמט זיך ווער און באַ־ווייזט זיך נישט אויף דער פּלאַצאַ, זייער אויפזאַמל־פּונקט, אַזוי גיך, קלאַפּן ביי זיי די הערצער מיט פרייד: זאָל כאָטש איינער פון זיי אָנלער־נען עליע רבילען און אים ווייזן, אַז זיי זיינען נישט קיין אַרויסגעוואָרפע־נע. זיי וואָלטן זיך וועלן פרייען מיט דעם גליק פון דעם איינעם פון זייער חברותא, ווי מיט זייער אַלעמענס גליק. אָבער צום גרויסן צער זייערן, באַווייזט ער זיך אַ דערשלאָגענער. מ׳קען נישט קריגן קיין פּלאַץ וווּ צו אַרבעטן, וווּ זיך צו פאַרדינגען. עס האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסן די קללה פון דער תוכחה: „און איר וועט זיך וועלן פאַרקויפן פאַר קנעכט... און קיינער וועט אייך נישט קויפן״ (דברים כ״ח, ס״ח).

„...און ווי אַזוי זאָל מען וועלן זיך אומקוקן אויף זיי, — ווען פאַר זיי און הינטער זיי צאַפּלען זיך כוחות אין דער «ליין», קענען נישט איינ־שטיין אין איר יונגע זשריביקלעך, וואָס דריגען מיט די פיס... מ׳לאָזט באַלד נישט צו צום פּסוק... מ׳גייט זיי פאַרביי און מ׳לאָזט זיי שטיין, ווי זיי זאָלן גאָרנישט זיין...״ (ז. 26). „...נישטאָ מער קיינער וואָס זאָל זיין אַ בעלן און זיי נאָך וועלן״ (ז. 28).

דאָ, אין דער גאָלדענער מדינה, איז די מלאכה מפרנס דעם אַרבע־טער נאָר בלויז ווען ער איז יונג, און מ׳ווערט דאָ אַלט פאַר דער צייט. מען שטעלט נישט אָן קיין עלטערע מענטשן, ווען עס זיינען דאָ גענוג יונגוואַרג פאַר אַן אויסוואַל.

יונג און אַלט פירן אָן אַ קאַמף פאַר עקזיסטענץ. דער אַלטער דור, גענומען אַלס אַ גאַנצע קערפּערשאַפט, גרייט פאַר זיך צו נישט נאָר פאַר־טרעטער „נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר", באַגרעבער, קדיש־זאָגערס, נאָר אויך קאָנקורענטן אויפן אַרבעטס־מאַרק בשעתן לעבן, און די קאָנ־קורענץ פון דער יונגוואַרג קעגן דער אַלטוואַרג איז פאַרביטערט און אַנט־שלאָסן. עס זיגט, נאַטירלעך, דער שטאַרקערער, דער יינגערער. די יוגנט איז מנצח קודם־כל אויפן ביאָלאָגישן פראָנט, וואָס אַ־דער נצחון קומט איר על־פּי דין און על־פּי יושר, עס פאָרן זיך גלייך מיט גלייך. חוץ דעם, האָט דאָך שוין דער עלטערער דור אָפּגעצאָלט זיין לעבנס־חוב, ווען נישט דאָס, ווען דער בעל־חוב וואָלט בלייבן שולדיק, און נישט משלם־זיין דעם פּראָצענט אויפן אַנטליענעם קרן, וואָלט דאָך קיין צואוווקס נישט געווען, און ווען ער זעצט אָן אויך דעם קרן, וואָלט קיין יונגער דור בכלל נישט געווען, דער ראָד אין לעבנס־וואָגן וואָלט זיך אָפּגעשטעלט, און די מענטש־לעכע ראַסע וואָלט אונטערגעגאַנגען.

דאָס געפעכט פון די דורות קומט פאַר אָפן אויפן שלאַכטפעלד פון פּרנסה. די יונגע רעקרוטן ברענגען מיט זיך בייגזאַמע מוסקולן, מוט, דרייסט, קוראַזש, שטאַרקע אַמביציעס. דער אַלטער דור פּלייסט זיך צו האַלטן דעם פראָנט מיט זיין געניטקייט, געשיקטקייט, מיט זיין פאַר־צווייגטער און פאַרטיפטער קענטעניש וואָס האַלט זיך אויף דערפאַרונג, איינגעאַרבעטקייט, אָפּגעהיטקייט, געשטעלטקייט, פאָרזיכטיקייט, איינ־געהאַלטקייט.

„אַ מער וואָלט מען ביי זיי... זיך נאָכגעפרעגט נאָך תוך, בעל־מלאכהשקייט, און געלאָזט אַוועקזעצן אויף איין האַלבע שעה ביי דער מאַשין, איינפעדימען די נאָדל, וואָלט מען געוווּסט..." (דאָרט).

דער אמת איז, אַז נישט אומעטום פּרעפערירט מען די יונגע חברה, און פאַר איין יונגן גיט מען צוויי אַלטע, ווי פאַרצייטנס ביי אויסלייזן געפאַנגענע. אין די אַנשטאַלטן, וו עס פאָדערט זיך איבערלייגונג, אויס־גערעכנטקייט, קאַלט־בלוטיקע באַראַטונג, ווי, דהיינו, אין סענאַט, אין העכסטן געריכט וכדומה אינסטיטוציעס, זעצט מען טאָקע אַוועק עלטערע מענטשן, אַרויסגייענדיק פון דעם טשיקאַווע אויסגעדריקטן טעזיס, אַז „די בויאונג פון יונגע לייט איז צעשטערונג, און די צעשטערונג פון זקנים איז בויאונג" (מגילה ל"א:). בנוגע געוויסע אייגנשאַפטן זיינען מענטשן געגליכן צו וויין, וואָס עלטער אַלץ בעסער, אַלץ באַטעמטער. אויף דעם

יסוד האָט זיך געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע גערעַנטאָקראַטיע, ווי דער חומש צייגט־אָן מיט זיין אָנזאָג: „פֿאַר אַ גרייזגרויען זאָלסטו זיך אויפשטעלן און שיינען דאָס געזיכט פון אַן אַלטן מאַן" (ויקרא י"ט, ל"ב). אויך אין איוב געפינען מיר אַז עס ווערט געזאָגט: „איך האָב געמיינט טעגריידן און פיל יאָרן לאָזן וויסן קלוגשאַפט" (ל"ב, ז'). אין קידושין (ל"ג, ע"א) לייענען מיר: „ר' יוחנן פלעגט זיך אויפשטעלן אַפילו פאַר אַן אַלטן אַראַ־מייער, ער האָט געזאָגט: «זיי האָבן דאָך אַזויפיל איבערגעלעבט!»"".

אין היינטצייטיקער אַרבעט ביי דער מאַשין, וווּ צופיל געניטקייט פאָדערט זיך גאָרנישט, און דער עיקר איז גאָר דאָס געאייל, דאָס נשמה אַרויסיאָגן, פאַרשטייט זיך, אַז דעם וועט־געלאָף געווינט דער וואָס קען לויפן וואָס פלינקער, ביי וועמען די הענט גייען ווי אַ מזמור, דרייען זיך ווי אַ ווינטמיל־פליגלען — דאָס הייסט דער יונגער חברה־מאַן, און די עלטערע מענטשן ווערן אַרויסגעשטויסן אָדער, זיכער, נישט צוגעלאָזן אויף נייע פּלעצער.

## יג.

# רעזיגנאַציע

און אַז די „יידלעך" האָבן זיך דערוווּסט פון אייגענער דערפאַרונג פון אָפּקלאַפּן די שוועלן אין פילע שעפּער, אַז פאַר זיי זיינען פאַרשלאָסן אַלע טירן, און קיין שטאָך אַרבעט קענען זיי אין ערגעץ נישט קריגן, האָבן זיי שלום־געמאַכט מיטן געדאַנק אַז זיי דאַרפן זיך איבערבעטן מיט זייער עליע רבילען און אויב ער וועט זיי נאָר רופן צו דער אַרבעט, נישט נאָר גיין, נאָר לויפן מיט דעם גאַנצן כוח וואָס איז זיי נאָך געבליבן אין זייע־רע פיס.

„און זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן צו דער פאַרשאָלטענער שטאָט, אויף די העכערע גאַסן, וווּ די שאַפּקע האָט זיך ערגעץ געפּאָרמירט, איבערגע־בויט. און ס'האַרץ זיך נאָר געטוקט: אויב ביי עליע רבילען, דעם הינטישן זון... טליעט נאָך עפּעס אַ פונק, אַזוי וועלן זיי שוין באַדיי אָוועקקוקן, און זיך אונטערלייגן ביי אים אונטער די פיס.

— אויב ער האָט אַראָפּגענומען די קרים, געהרגט זאָל ער ווערן, עליע רבילע — זאָל ער אויך בלייבן ביי דער זויער־מילך, ווי לאַנג ער באַ־

שטייט נאָר אויף איר, און קיין אַנדערע בעלנים זיינען לעת־עתה אויף איר נישטאָ" (ז. 27).

די שמחה איז גאָר געווען אין־לשער גרויס ווען זיי האָבן סוף־כל־סוף דערהאַלטן דאָס פּאָסטקאַרטל מיט דער איינלאַדונג צו קומען זיך שטעלן צו דער אַרבעט אין דעם נייעם שאַפּ.

עס פיבערט די קאַפּעליע ווי אין קדחת, אַ וואָרף און אַ האַסטיק שליידער פון פּאַרצווייפל צו האָפענונג און צוריק. זיי זיינען געווען כמעט ווי באַרוישט פון דער בשורה טובה, וואָס איז געקומען צו זיי ווי אַ סור־פּריז שוין כמעט לאחר יאוש, ווי ס'רוב גוטע געשעענישן.

„און אַ האַלבע שעה נאָך זיבן, ווי ס'קאַרטל האָט געוואָלט, האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין... מ'איז צוערשט געבליבן דאָ שטיין, כאַפּן אַ קוק ווי עס כוואַליעט אַרויס און אַריין מיט מענטשן, מיט בערג מענטשן... דורך די טירלעך, וואָס די הויכע, הימל־הויכע הייזער האָבן...

און זיי דערפרייען זיך, די יידלעך:

— ס'וועט נאָך אַלעמען, דאָ גאָרנישט זיין אַזוי שלעכט ווי מ'האָט זיך אָפּירגעגומען — אויף דער אָפענער וועלט... מ'וועט ברויכן לעבן מיטן געוויש און זיך וואַרעמען מיט אים... אַז עליע רבילע... וויל נישט זען ביי זיך קיין מענטשן נאָר פינטעלעך, מוז מען זיך אויסמישן מיט אַלע אינ־איינעם און ווערן אַ פינטעלע..." (ז. 29).

דער שאַפּ דאָ האָט נישט געהאַט די אויפשריפט אויפן אַריינגאַנג, ווי דאַנטעס גיהנום, „מענטש לאָז איבער הינטער זיך אַלע דיינע האָפע־נונגען", אָבער ער איז געווען סיטואירט אַזוי הויך איבער דער גאַס אַז עס האָט זיך די „יידלעך" געדוכט, אַז ווי נאָר זיי טרעטן אַריבער די שוועל דאַרפן זיי זיך אָפּזעגענען מיט קינד און קייט, מיט אַלץ מיטאַנאַנדער, מיט זיך אַליין אויך, אַז עס זאָלן בלייבן פון זיי בלויז די הענט און אַ פּאָר חושים.

הייך דינט ס'רוב ווי אַ מיטל צו התרוממות הנפש. פון אַ הויכן אָרט לאָזט זיך אַראָפּשאַלן צו דער וועלט, זי לערנען אָדער גאָר פאַרדאַמען. עס איז מערקווירדיק וואָס די פיזישע לאַטיטוד איבט אויס אַ שטאַרקן איינ־פלוס אויפן צושטאַנד פון מענטשנס נשמה. מען קען בשום אופן נישט אָפּטיילן דאָס קערפּערלעך־פיזישע פון דאָס גייסטיק־זעלישע.

אַ תורה דאַרף געגעבן ווערן אויף אַ באַרג, כאָטש געאָלאָגיש נישט

אַזאַ הויכן, אָבער פּאָרט נישט אין אַ הייל, אַ טאָל אָדער אַ פּליין. אין היילן קומען פאַר פאַרשווערונגען, אָדער מען לערנט דאָרט פאַרבאַהאַלטענע חכמה, סודות פון דער תורה, נישט קיין נגלה. רבי שמעון איז אָפּגעזעסן אַזויפיל יאָרן אין אַ מערה, האָט ער געמוזט אַרויסקומען אין פאָלקס פאַנטאַסטיש פאַרשטעלונג ווי אַ לעגענדאַרער מיסטיקער.

הויכקייט הויכט מיט אָפּגזונדערטקייט פון אַ ספּעציעלן סאָרט, נישט פון הכנעה און אָפּדאַנקעניש, נאָר פאַרקערט פון איבערגעבנקייט צו אַ זאַך פאַר וועלכער מען מוז זיך איינשטעלן מיט כל הכוחות.

ווי אַזוי האָט עליעס קאַפּעליע רעאַגירט אויף זייער אומדערוואַרטן און אומגעגאַרטן נתעלה־ווערן, ווי אַזוי האָבן זיי דערשפּירט און אינטערפּרעטירט אָט־די אַרויפגעהויכטקייט פון אַ זיבעצנטן שטאָק?

„דאָ אַז מ׳האָט זיך אויפגעהויבן, איז מען געווען אויסגעטאָן פון דער גאַס, ווייט, זייער ווייט, ווי מ׳וואָלט אָפּגעפאָרן פון איר אויף אַ מהלך פון מיילן; און אַז מ׳איז געווען אַזוי הויך, האָט מען געפילט: ווי דער שאַפּ ברויך ערגעץ זיין צווישן הימל און ערד, ס׳בעסטע אָרט ווו כּר־חות קענען זיך פאַרמעסטן און ראַנגלען; און אַז עס איז נישט מער געבליבן אונטן קיין קינד, קיין רינד, קיין הויז, קיין לייב און לעבן, ווי נאָר דער שאַפּ, אין וועלכן מ׳איז געקומען נאָך דער לעצטער איינזעעניש, אָן שום אַנדער ברירה, און מען מוז זיך צו אים איבערגעבן מיט אַלץ און אַלעמען״ (ז. 31).

## יד.

# אַ נייע וועלט

דאָ איז גאָר אַ נייע וועלט, אַלץ אַנדערש ווי אין „שטאָל״. עס איז נישט נאָר דער לאָקאַל, און די הייך, דער גאַנצער איינשטעל איז לחלוטין אַן אַנדערער. דאָ איז שוין עליע רבילע מער נישט דער גאַנצער „כל־ולך״, דער גאַנצער „מאַכער״, אַ דן יחידי, אי דער שטן, אי דער יצר־הרע און אי דער מלאך־המוות, אַליין אַרבעטער מיט אַלעמען צוגלייך, אַליין טיר־עפענער אינדערפרי און טיר־פאַרמאַכער שפּעט אין אָוונט, אַליין אויך משגיח אויף דער מלאכה פון די איבעריקע אַרבעטער און דערצו נאָך אַליין דער באָס און אייגנטימער. דאָ פאַרמאָגט עליע רבילע באַגלייטער

און פּאַראויסגייער, משרתים און ואשר משרתים, אַרויסהעלפער, אַזוי אַז זיי עפּעס ווי פּאַרשאַטענען אים, פּאַרשטעלן אים אַז מ׳זעט אים כמעט ווי נישט אַרויס פון הינטער זייערע ברייטע פּלייצעס און רוקנס. און דאָך איז ער דער הויפּט־כוח וואָס מאַכט אַלץ באַוועגן זיך, הגם ער טוט עס נישט דירעקט, אָבער אָן אים וואָלט קיין זאַך זיך דאָ נישט גערירט. טשי־קאַווע, מאָדנע! ער איז דוכט זיך גאָר נישטאָ כמעט, און ער איז אַלץ אויף אַ פאַרהוילענעם שטייגער.

און עליע אַליין, ער גופא, איז אויך עפּעס אַ פאַרביטענער. ער האָט זיך אינגאַנצן געענדערט פון זיין „ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים״. ער האָט אַ נייעם לבוש אויף זיך. אַנטועכץ פאַרן אויג פון אויסערלעכן באַ־אָבאַכטער איז דריי פערטל פון פּערזאָן. בלויז איין פערטל ליגט אינע־ווייניק אין די מלבושים אַריינגעטאָן. די איבעריקע דריי חלקים זיינען די בגדים. זיי ווערן דער עיקר. דאָס שטיקל מענטש ווערט אַ צולייג צו זיין הלבשה, וועלכע אים פאָרעם. און פאָרעם אין עסטעטיק, אין קונסט, אין לעבן — וואָרום לעבן איז אַ קונסטווערק — אויזורפּירט דעם אויבנאָן, פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון תוך, פאַרדרענגט דעם אינהאַלט.

„...איז... אַפּירגעקומען עליע רבילע; שווימענדיק אין אַ זילבער־גרוילעכן כאַלאַט, אין וועלכן ער איז איינגעשטעלט מיט יעדן ריר — נישט אַרויסצופאַלן. הינטער אים האָבן זיך נאָכגערוקט, ווי אַ טייל פון אים, דאָס מיידל, די «ברייננס» פון שאַפּ... און נאָך אַ מענטשל, אַ דאַרס, אַ הויכס, מיט אַ פאַרשאַרפטע טרוקן נעזל, וועלכן עליע רבילע האָט גע־ברויכט און טאַקע אויך באַקאַנט געמאַכט ווי דורך אַ דעקרעט...

— דער מענטש, דער פאָרמאַן, וועלכן ער האָט אויסגעשריבן אַ פּאַר־טיקן, אַ גרייטן פון ערגעץ — און האָט שוין אויף זיין קאַרג לעבן נישט מיט איין שאַפּ אָנגעפירט — ער וועט אויך מיט זיין שאַפּ אָנפירן...״ (ז. 31).

דער שאַפּ ווערט אַ גוף מיט אברים, מיט אַן איינטיילונג אין העכער און נידעריקער, מיט דרגות. עס איז שוין נישט מער אַן אַמאָרפע מאַסע, כאַאָטיש, פאָרמלאָז. דאָ נעמען זיך אַרויסטיילן גלידער, מיט איין וואָרט אַן אָרגאַניזאַציע ווערט עטאַבלירט. דער אייגנטימער שטייט נישט מער פנים לפנים מיט זיינע אַרבעטער. צווישן זיי פלעכט זיך אַריין אַ פּאַר־מיטלונגס־רינג, אַ פאָרמע פון מעדיאַציע. עס ווערט געשאַפן מרחק און אָפּגעזונדערטקייט, אָן וועלכע קיין אמתע סאָציאַלע גראַדאַציע איז גאָר־

נישט דענקבאַר. אָט אַזוי נעמט זיך אויספורעמען אַ סטראַטיפיקאַציע מיט באַשטימטע קאָנטורן און פונקציעס.

די „יידלעך" באַגרייפן נישט טיף וואָס דאָ קומט פאָר. זיי פאַר־שטייען בלויז אויבערפלעכלעך דאָס עקאָנאָמיש־פּאָליטיש שפּיל. זיי האָבן ביז איצט, ווען די זאַך איז שוין געוואָרן צו בולט אַז מ'זאָל עס קענען פאַרקוקן, נישט באַמערקט די וואָרצלען פון דיפערענציאַציע וואָס זיינען געלעגן טיף אין דעם באָדן פון די באַשטימטע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן זיי, די פּועלים, די געדונגענע אַר־בעטער, און אים, דעם אַרבעט־געבער, דעם לוין־צאָלער.

זיי זיינען קוים חושד אַז עליע רבילע פון אַ ווערימל, וואָס איז גע־לעגן איינגעשפּונען אין קאָקאָן, נעמט איצט ווערן אַ שמעטערלינג מיט גאָלדענע פליגעלעך מיט שימערירנדיקע קאָלירן.

זיי באַגרייפן עפּעס יאָ, אָבער אויף אַ זייער מטושטשן אופן, אַז דער פּאַרמאַן קומט דאָ אַריין אַלס אַ רעזולטאַט פון סאָציאַלער אַרבעט־צעטיי־לונג, און ער ווערט בזה־האופן אַ מין שפּאַניש ווענטל, וואָס מחיצהט אָפּ די אַרבעטער, די פּראָלעטאַריער פון דעם קאַפּיטאַליסט־אינדוסטריאַליסט. נישט נאָר אַרבעט מער נישט עליע מיט זיי בחברותא, ער דאַוונט מער נישט מיט זיי מיט איין מנין, נאָר ער וויל אַפילו נישט זיין מער זייער שליח־ציבור. ער וויל נישט און קען טאָקע נישט. דער פּלאַץ פּאָדערט אַן אָנגעשטעלטן, אַזוי אַז דער לוין־אַרבעטער זאָל אויף אַזאַ וויזע אַראָפּגע־דריקט ווערן צו דעם גאָר נידעריקן שטאַפּל, ווערן אַן עבד עבדים, אַ משועבד נישט דירעקט צום באַס, נאָר צום באַסעס אָנגעשטעלטן.

דער וואָס שטייט ביים וואַרשטאַט און אַרבעט, באַטייליקט זיך די־רעקט אין אַרבעט־פּראָצעס, קען נישט צו דער אייגענער צייט זיך פאַר־נעמען מיט דער אויפגאַבע פון אַכטונג־געבן אויף די איבעריקע. און גע־דונגענע אַרבעטער, וואָס זיינען נישט פאַראינטערעסירט אויף אַ דירעקטן אופן אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, ווייל זייער הכנסה ציען זיי פון קאַ־פּיטאַליסט, נישט פון פּראָדוצירטן פּראָדוקט, וואָס ווערט פאַרקויפט, וועלן פלייסיק נישט אַרבעטן אויב זיי פילן אַז עס איז נישטאָ איבער זיי קיין אויפזעער מיט אַ שאַרפן אויג און אַ פיגוראַטיוון בייטש אין האַנט זיי אָנצוטרייבן. דעריבער מוז אַ שאָפּ פון אַ היפּשן פאַרנעם האָבן אַן אָנ־געשטעלטן „משגיח". דער אייגנטימער קען עס אַליין נישט טאָן. ער האָט אַנדערע פונקציעס אויסצופירן.

חוץ דעם, טאָר ער בכלל נישט שטיין צו נאָענט צו זיינע אַרבעטער, ווייל נאָענטקייט שאַפט צוגעלאָזנקייט און פירט צו רעספעקט־פאַרלוסט. אין אינטימקייט פאַרלירט זיך דער דרך־ארץ, דער אָפּשיי. די אילוזיע פון גרויסקייט און דערהויבנקייט, בריהשאַפט און אויפטועדישקייט ווערט צערונען. דער אַרבעטער דאַרף געטריבן ווערן פון איינעם וואָס ווערט אַליין געטריבן. און דער אמתער אַנטרייבער דאַרף זיין אין דער בחינה פון אַ נסתר, מ׳טאָר אים צו אָפט נישט זען, אַנישט ווערט דער גאַנצער ענין צו וואָכעדיק און געמיין.

## טו.

# מענטש ווערסוס מאַשין

פּאָר פּ. בימקאָן גילט די דעפיניציע, אַז אַלץ וואָס באַוועגט זיך לעבט, און דער מאָטאָר איז נישט נאָר אַליין אַ „נפש חיה“, נאָר ער באַלעבט אויך אַנדערע. ער לויפט הענדום־פּענדום און טרייבט אַלעמען, באַפעלט און צווינגט זיי אים נאָכצוהאַלטן. מען טאָר נישט אָפּשטיין. עס איז נישט רעכט צו זיין אַ פורש מן הציבור.

„ס׳ערשטע גערויש פונעם מאָטאָר איז זיך צעלאָפן איבער דעם לייַדיקן «לאָפט» מיט אַזאַ רציחה, ווי מ׳וואָלט אים דאָ אָפּגעבריט מיט קאָכעדיק וואַסער. דער שאַפּ איז פול געוואָרן מיט געשריי, מיט אומאויפהערלעכן געשריי: ביז ס׳האָט זיך עפּעס וואָס געקענט אַרויסכאַפּן דורך די אויבערשטע, האַלב־אָפענע פענצטער, — האָט שוין דער מאָטאָר נאָך גיכער אויף אים אָנגעיאָגט פרישע געשרייען, וואָס זיינען געלאָפן איינע איבער דער אַנדערע, ווי געשלאָגענע און צעשפּריצטע כוואַליעס אויפן ים.

— ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס וועלגערן.

אַרום און אויף די טישן איז אַלץ געוואָרן ווי עלעקטריזירט. די פּרעסערס האָבן געפּרעסט, די צושניידערס — געשניטן, און די צוגעשניטענע שטיקער זיינען געלאָפן, ווי נישט דערקוילעטע קעלבער איבער יעדנס אָנלען פון דער מאַשין — אונטער דער נאָדל...

זיינוולען, פייוולען, דזשעקן און די אַנדערע האָט דער משוגע צום טויט צעשריגענער פּלענט, — אַ שלעפּ געטאָן און צוגעפּאַסיקט צו זיך ווי מיט רימענס איבערן לייב. זיי זיינען געווען געכאַפּט פון די מאַשינד־

לעך, וועלכע האָבן נישט געברויכט מער וואַרטן, ביז מ׳וועט זיי דאָרט אַ טופע טאָן אונטן מיטן פוס: «אַנו, גיט זיך דאָרט אַ ריר, פוילע, פאַר־שלאָפענע קעץ!» — נאָר געלאָפן אַליין, פון זיך אַליין געלאָפן, פונקט ווי מ׳וואָלט זיי עפּעס איינגעגעבן אַזאַ זיסן משונהדיקן געטראַנק, אַז די קעפּלעך זאָלן זיך ביי זיי פאַרדרייען, און נישט וויסן זיך אָפּצושטעלן פאַר שעהן און שעהן" (ז. 34).

דאָס איז די טראַגיק פון דער אינדוסטריעלער ציוויליזאַציע. דער מענטש האָט געשאַפן די מאַשין, דעם מאָטאָר, און דער מאָטאָר, עפּעס פון כעס און גרימצאָרן וואָס אויף דעם מענטשן, האָט אים אַרויפגעכוי־שופט פון תהום פון גאָרנישטקייט, אויסגעהאַמערט אים, אויסגעמייס־טרעוועט פון מעטאַל, פון שטאָל, האָט באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען זיך מיט זיין באַשעפער, אים פאַרמאַשינעווען, אים פאַרשקלאָפן. יעדע מאַ־שין איז אַ פראַנקענשטיין. יעדע פאַר אָביעקט, וויזירונג פון מענטשלעכן סוביעקט, סיי פון זיין געפיל, סיי פון זיין געדאַנק נעמט ראַכע פון מענטשן פאַר דער זינד פון דערנידערונג פון מענטשן, פון נעמען זיין אייגן קאַ־כיק־זודיק צאַפּלדיק שטיקער גייסט און זיי פאַרקערפּערן אין קעגנשטאַנדן. אין אָט־דער זינד אויף וועלכער אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע האַלט זיך, אַ ציוויליזאַציע וואָס איז איין שטיק געץ און געצנדינסט, ליגט די שטראָף „ושכר עבירה עבירה" (פּרקי אבות ד׳, ב׳). אין דער עבירה ליגט אַריינ־געטאָן דער עונש, די נאַטירלעכע רעאַקציע. דער מענטש ווערט אַ שקלאַף פון זיינע מעטאַלענע, שטאָלענע, אייזערנע שקלאַפן. אַריסטאָטעל האָט פאַראויסגעזאָגט אַז שקלאַפעריי וועט אָפּגעשאַפן ווערן מיט דער דערפינ־דונג פון אויטאָמאַטן, מעטאַלענע קנעכט און באַדינער. פּאַסירט האָט פונקט דאָס פאַרקערטע. די מאַשין, די טעכנאָלאָגישע ציוויליזאַציע האָט באַזיגט דעם מענטשן, דעם סוביעקט און האָט אים געמאַכט פאַר אַ משועבד פון די אויפטואונגען פון זיינע הענט. און וויפל ישעיה זאָל פון דעם נישט אָפּלאַכן, באַווייזן די אומגעלומפּערטקייט פון אַזאַ איינשטעל, העלפט עס נישט. יעדער דור האָט אַ טייל אין געצנדינסט. דער אָביעקט פאַרגוואַלדיקט דעם סוביעקט, דעם אייגענעם באַשעפער, דער פּראָדוקט באַהערשט דעם פּראָדוצירער, דער קאַמף קעגן פעטישיזם איז אַן אייבי־קער קאַמף. דער מענטש קריגט כלומרשט אַרויס נוצן פון זיינע טעכנאָ־לאָגישע דערפינדונגען, אָבער ער צאָלט פאַר אָט־דעם נישטיקן נוצן אַן אומגעהויער גרויסן פּרייז. ער צאָלט מיט זיין נשמה, מיט זיין פרייהייט.

דער מענטש האָט זיך „איינגעבויגן בכדי צו זיגן", אָבער נאָך דעם אויבערפלעכלעכן זיג האָט ער זיך שוין נישט געקענט אויסגלייכן, און ער שטייט אַ געבויגענער אין דרייען און ד י נ ט צו זיינע אייגענע מאַטעריעלע אויפטואונגען. ד ע ר מ ע נ ט ש מ ו ז זיך צופּאַסן צו זיינע אייגענע פאַרטראַכטונגען פאַרקערפּערטע אין מעטאַל.

די גאַנצע סביבה האָט זיך געביטן, און וואָס זאָל טאָן דער בידנער מענטש, זיך נישט ענדערן? ער מוז דאָך נאָכטאַנצן בדאַי אויף קינסטלעכע פיס, אויף פראָטעזן, אָט־דעם גאַנצן רומפל, דעם ווילד־צעיאָגטן ווירבלווינט.

„...ס'איז קיין מענטשלעכע אַרבעט נישט; וואָרן אַזוי זיך צו טרייסלען, ציטערן און פיבערן מיט אַלע גלידער; קנייטשן, פאַלדן, שניידן... מילא, וואָס זיי מוזן נאָכלויפן דעם משוגענעם מאָטאָר אונטן, וואָס לויפט, לויפט ווי ער זאָל זיך רייצן: «באַווייז אַ קונץ און כאַפּ מיך», — איז דאָס אַ מאָטאָר! אָבער דער פּרעסער איז דאָך נישט קיין מאָטאָר! און וואָס לויפט ער, אַז מ'קען אים מיט צען פּאָר פערד נישט נאָכלויפן?...

דאָס פּרעסל האָט נאָך ערגער אָפּגעשניטן פון זיי, און גאָר איינגאַנצן נישט דערלעבט אַריבערצוקומען אַהער! נעבעך, שוין געבליבן אויף תמיד אין וויליאַמסבורג... דאָ איז אַ פּרעס־מאַשין: אַזאַ האָלדער־האָלדער, מיט פליגל ווי ביי אַ פלעדערמויז... דאָס געוואַנט קאָרטשעט זיך איין אונטער דעם, טאָרטשעט זיך מיאוס צונויף, ווי אין קרעמפּן, ליגט אַ רגע משונה־אָנגעוואָרפן ווי אַן אויפגעבלעזלט ברוין, שוואַרץ, גרוי שטיק שוים — און גלייכט זיך אויס כהרף־עין, אַזוי ווי די פליגל מאַכן זיך איבער דעם צו... נו, וואָס מאַכט קעגן דעם אויס דאָס אָרעמע פּרעסל?... ביים פענצטער שטייען די צושניידערס, שניידן זיי נישט מיט דער שער, אַהין און אַהער (אין דער שטאָל איז נאָך די שער, די אַלטע מיוחסדיקע שער עפּעס געווען, כאָטש אַ יורד...) דאָ איז שוין די שער אויף עליה השלום... מ'שניידט מיט אַזאַ ווייס אָנגעשאַרפט רעדל, וואָס זעט אויס, ווען ס'דרייט זיך, ווי אַ זילבערן ווינטל: עס גייט אַדורך דורך די סחורות ווי אַ דינע האָר, און ס'טיילן זיך פון זיי אויס שטיקער, געשוואָלענע שטיקער, הויפנס גאַנצע, צען מאָל, צוואַנציק מאָל, זיבעציק מאָל צונויפגעלייגט און געטאָפּלט; ס'מאַכן זיך קוכנס, פלאָדנס, טאָרטן, רונדיקע, עקעדיקע, צעדרייטע, מיט און אָן זאַמבעס — פון אַלערליי שניטן.

נו, וואָס פאַר אַ פּנים קען האָבן קעגן דעם רעדל די אַלטע, שוועד אויסגעפּרוווטע שער?" (זז. 40־39).

עס קומט פאַר אַ קאַמף נישט בלויז צווישן יונגן און אַלטן דור אין דער מענטשלעכער ראַסע, נאָר אויך צווישן די געוועקציי ג וואָס דער מענטש האָט באַשאַפן. אַ־די געצייג זיינען דאָך אַזוי וויכטיק. זיי פאַר־נעמען דעם אויבנאָן אין מענטשנס האַנדלען און וואַנדלען, אין מענטשנס גערנאַנגל קעגן דער פיזישער סביבה. דאָס זיינען די „פינף־קאָלומניקעס" וואָס געהערן צו דער דרויסנדיקער אומגעבונג, צו דער פיזישער נאַטור, אָבער זיי העלפן אַרויס, לפנים, דעם מענטשן אין זיין פאַרעקשנטן גע־פעכט קעגן זיין שונא, דעם איינגעפונדעוועטן „כדרך הטבע". די געצייג זיינען אַזוי חשובדיק אַז ער, דער אייבערשטער אַליין, אָט־דער רעפּרע־זענטאַנט פון מענטשן „אַלס אַ בעל־חי וואָס האָט דערפונדן כלים, אינס־טרומענטן", האָט געהאַט אין זינען צו שאַפן איינס פון זיי נאָך אין זעקסטן טאָג פון ששת ימי בראשית, בין השמשות, ערב שבת, אַזוי אַז עס איז כמעט אַזאַ מיוחס ווי דער מענטש אַליין, עס איז אַ שטיק מעשה ידי שמים, ווי די נאַטור גופא, עס איז באַשאַפן פון גאָט אַליין.

צען זאַכן זיינען באַשאַפן געוואָרן אין בין־השמשות ערב שבת... און אַנדערע זאָגן אויך אַן אָפּצוועגעג מיט וועלכע מען מאַכט אָפּ־צוועגעס" (פּרקי אבות, ה', ח').

און אויב אַזוי מעגן די געוועקציי ג זיין ביי זיי פאַרריסן, זיך „האַלטן אין מעלה", זיך גדולען לגבי דעם מענטשן, ווייל זיי קומען דאָך פון אונטער דער האַנט פון גאָט אַליין; ער אַליין דער בורא־עולם האָט זייער פאַר־מוטער, די חוה פון אַלע געצייג געפורעמט, געמייסטרעוועט, געבראַכט אויף דער וועלט.

און וויבאַלד דאָס געצייג איז שוין דאָ, געגעבן געוואָרן און בלויז אַ האָר שפּעטער אין צייט פון אדם־הראשונען אַליין, איז ווי האָט מענטש געקענט עס נישט אָנערקענען, נישט אָננעמען, נישט געברויכן? דער רבונו־של־עולם האָט דאָך קיין זאַך נישט באַשאַפן אומזיסט. אַזוי אַז אין באַשאַף פון אָט־די געצייג ליגט שוין אַ פאַרבאַהאַלטענער געטלעכער באַ־פעל זיי אָנצווענדן. און אויב אַזוי, ווו האָט מענטש, וואָס דאַרף גיין אין די וועגן פון רבו־של־עולם, (שבת קל"ג:) זיך געקענט אָפּשטעלן? ער האָט נאָכגעטאָן זיין באַשעפער, דעם דערפינדער פון ערשטן געוועקציי ג. און ווי נאָר דער מענטש האָט זיך געלאָזט אויף דעם וועג, האָט ער שוין

נישט געוווסט ווי אַראָפּצוגיין, ווי צו פאַרקירעווען פון אָט־דעם דרך. מענטש האָט זיך געשאַפן אַ גאַנצע סביבה פון אינסטרומענטאַליטעטן, די געצייג זיינען געוואָרן ווי פאַרלענגטע אויסגעצויגענע און אויסגעבע־סערטע אָרגאַנען זיינע. אַזוי אַז מיט זיי איז ער אויס מענטש אין דעם ריין־סוביעקטיוון פּשט פון וואָרט מענטש, און אַן זיי קען ער זיך אינ־גאַנצן נישט באַגיין. און נייע געצייג, מער קאָמפּליצירטע, מער פאַר־וויקלטע, מער רעזולטאַטן־געבנדיקע, מער בעל־פּעולהדיקע האָבן געגומען באַקעמפן און אַרויסשטויסן די ווייניקער קאָמפּליצירטע, און עס איז אין לדבר סוף. דער מענטש געפינט זיך ווי אַריינגעדרייט אין ווירבלווינט. דאָס אַלטע פּרעסל איז אויך געווען אַ געצייג, נאָר עס איז נאָך אָנגע־קומען צום מענטשנס מאָטאָר־קראַפט זיך צו באַוועגן, דאָס נייע פּרעסל לויפט שוין אַליין, באַוועגט זיך מיט אַ משונה־ווילדן כוח, וועלכן דער דערפינדערישער מענטש האָט אין אים אַריינגעטאָן. און אָט־דער כוח איז שוין פיל שטאַרקער פון מענטשנס באַוועג־קרעפטן. און דער נעבעכדיקער מענטש מוז אָנהאַלטן מיט אים איין טראָט, איז ווי אַזוי קען ער עס באַ־ווייזן. דער מענטש האָט, ווי יענער מכשף, אַרויסגערופן כוחות, ווילדע, אומגעצוימטע, פון דער אונטערוועלט און ער קען זיך מיט זיי נישט ספּראַווען, קען זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן. אַנשטאָט וואָס ער האָט באַדאַרפט באַהערשן זיי, באַהערשן זיי גאָר אים. אָבער חרטה האָבן אויף אָט־דעם געווערקצייג איז שוין צו שפּעט, און ווי דעם רבונו־של־עולם האָט זיין חרטה אויפן וועלט־באַשאַף גאָרנישט געהאָלפן, און ער האָט געמוזט זיך פאַרשווערן אַז מער קיין מבולס וועט ער נישט ברענגען חרוב צו מאַכן זיין אָ ב י ע ק ט י וו וועלטל, אַזוי קען דאָ חרטה דעם מענטשן, דעם געצייג־באַשאַפער, נישט העלפן. אויב נעמען גיין אויף צוריק, וואָלט ער זיך דאַרפן שיידן מיט אַלץ און מיט אַנאַנדער, מיט אַלע אינסטרומענ־טאַליטעטן, נישט בלויז מיט די דערפונדענע און אַנטדעקטע קרעפטן, און בלייבן ביי זיינע אייגענע גאָלע אָרגאַנען, ביי זיינע הענט און פיס און נאַקעטע חושים. דאָס איז צו ווייט אַ מהלך אויף אַראָפּ־צו, גייט שוין דער מענטש אין שפּאַן אין פאָראויס, פאַרציטערט, דערשראָקן און היפּש פאַרצווייפלט. געטריבן פון אַ בייטש, וואָס קנאַלט איבער זיין קאָפּ, אַ בייטש, וואָס געפינט זיך אין זיין אייגענער האַנט, אָבער נישט זיין האַנט באַוועגט די בייטש, נאָר די בייטש פירט־אָן מיט זיין האַנט. „צי קען זיך די האַק זיך איבערנעמען איבער דעם העקער? פרעגט ישעיה, דער חוזק־

מאַכער פון געצנקולט און דער ביטערסטער קעגנער פון געצנדינסט, אין קאַפּיטל י׳, פּסוק ט״ו. יאָ זי קען עס באַווייזן, ווען זי אַרבעט מיט אַ מאָטאָר כמעט אויטאָמאַטיש, אָן אויפטו וואָס אין ישעיהס צייטן האָט מען נאָך פון דעם נישט געקענט חלומען, אָדער וועלכער איז שוין געלעגן פאַרשוואַנגערט צי בלויז פאַרגאַנגען אין דעם הענטל פון האַק.

שוין אַפילו אין שאַפקע איז די שער געווען אַ יורדטע. און אין נייעם שאַפּ איז זי שוין עליה השלום. דער ישן, דאָס אַלטע ווערט ביסלעכווייז, גראַדועל באַזייטיקט, עס ווערט פאַרביטן מיט דאָס שפּאָגל־ניי דערפונדענע. אָבער מענטש בלייבט דאָך דער אייגענער אַפילו די ווירטשאַפטלעכע סיסטעם בייט זיך מיט דעם אומשטירץ פון דעם אַלטן ווערקגעצייגאיינשטעל. יעדער סאָציאַלער סדר האָט זיך זיינע פאַוואָריטן אינסטרומענטן, זיינע באַליבטע געווערקצייג. און ווען מענטשן שטויסן זיך צוזאַמען, פאַרפלעכטן זיך אין אַ פאַראַכזריותדיקן קלאַסן־קאַמף, צעבוטשקען זיך דעמאָלט אויך געווערקצייג מיט געווערקצייג, אַזוי צו זאָגן אַנדערע מענטשן קעמפן פאַר די נייע אינסטרומענטאַליטעטן, פאַר דער נייער אינסטרומענטאַליזאַציע פון דעם ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס, אָדער פאַר די אַלטע קעגן די נייע. דער קלאַסן־קאַמף אויף די ערשטע שטופן פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, ווי אויך מיט הונדערטער יאָרן פריער, נאָך כמעט אין אַלטערטום, האָט אָנגענומען גאַנץ אָפט די פאָרם פון אַ קאַמף קעגן געווערקצייג וואָס דער נייער רעזשים האָט מיט זיך געבראַכט.

טז.

## מענטש ברעכט די מאַשינען

מאַרקס און ענגעלס גיבן אונדז אַ פאַרטרעפלעכע, הגם זייער אַ קאַנדענסירטע, באַשרייבונג פון אָט־דעם איבערפלעכט אָדער פאַרפלאָנטער פון סאָציאַלן קלאַסן־קאַמף־מאָמענט מיט דעם פיזישן ניהיליסטישן שטרייט קעגן די מאַשינען אין וועלכע עס איז פאַרקערפּערט די הערשאַפט פון די־ריגירנדיקן קלאַס.

„זיי [די פּראָלעטאַריער] ריכטן זייערע אַטאַקעס נישט קעגן די בורזשואזע פּראָדוקציע־באַדינגונגען, נאָר קעגן די פּראָדוקציע־געצייגן אַליין.

זיי פֿאַרניכטן אימפּאָרטירטע סחורות, וואָס קאָנקורירן מיט זייער אַרבעט, זיי צעברעכן די מאַשינעריע, זיי צינדן אונטער די פֿאַבריקן, זיי ווילן מיט גוואַלד רעסטאַוורירן דעם פֿאַרשוווּנדענעם סטאַטוס פֿון דעם אַרבעטער אין דעם מיטלאַלטערטום" (קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס, קאָמוניסטישער מאַניפֿעסט).

די אַרבעטער האָבן פּראָסט און פּשוט, אָן צופֿיל איבערגעשפּיצטקייט אָנגעפֿירט אַן אָפֿענעם כמעט באַוואָפֿנטן קריג קעגן דער מאַשין, דער פֿאַרקערפּערונג פֿון קאַפּיטאַל און קאַפּיטאַליזם. די דאָזיקע מאַשיןברעכער האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן נאָמען. מ'האָט זיי גערופֿן „לודדיסטן".

„דער נאָמען איז געשאַפֿן געוואָרן אונטער די פֿאָלגנדיקע אומשטענדן: אין אַ דאָרף אין לייצעסטערשייר האָט געלעבט בערך אין יאָר 1779 אַ מאַן, וועלכער איז געווען אַביסל געשטערט. ער האָט געהייסן נעד לוד. פֿון אים פֿלעגן אַלע אָפּשפּאָטן און איבערהויפּט פֿלעגן אים טשעפּען די באַד־יונגען. איינמאָל ווען ער איז געווען זייער צערייצט פֿון זיינע פּייניקער, האָט ער איינעם פֿון זיי אָנגעיאָגט ביז אין שטוב אַריין, אַזוי ווי ער האָט דעם חברה־מאַן נישט געקענט פּאַקן, האָט ער פֿון צאָרן צעבראָכן די זאָקן־שטריק־מאַשינען, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געפֿונען. פֿון מאָלט אָן, ווו מ'האָט נאָר געפֿונען צעבראָכענע וועב, אָדער שטריקמאַשינען, פֿלעגט מען זאָגן, אַז לוד איז דאָרטן געווען".

„די לודדיסטן... האָבן זיך צעוואָרשט באַוויזן אין נאָטטינגהאַם און אין די שכנישע געגנטן נאָענט צום ענד פֿון 1811... די אומאָרדענונגען האָבן זיך אָנגעהויבן מיט ברעכן זאָקן און שפּיצן־מאַשינען און זיי האָבן אָנגעהאַלטן דורכן ווינטער און דעם קומענדיקן פֿרילינג. זיי האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אין יאָרקשייר, לענקשייר, דערבישייר און לייצעסטערשייר... אין 1816 האָבן די אומאָרדענונגען ווידער אויסגעבראָכן".

אַן ענלעכע באַוועגונג איז פֿאָרגעקומען אין דייטשלאַנד אין משך פֿון די אַכצן־פֿערציקער יאָרן צווישן די סילעזיער וועבער. דאָס האָט באַשריבן וואָלף, אַ פֿריינד פֿון מאַרקסן. גערהאַרד הויפּטמאַן האָט ער גענומען פֿאַר זיין טעמע אין זיין באַרימטער דראַמע «די וועבער». אין רוסלאַנד האָבן ענלעכע אומאָרדענונגען אויסגעבראָכן אין די אַכציקער יאָרן פֿון לעצטן יאָרהונדערט.

אָ־דער קאַמף, וואָס איז טאָפּלט, סאָציאַל און פֿיזיש אַנטי־טעכניש, איז געפֿירט געוואָרן איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער פֿראָנט־ליניע. אַלע־

דערפינדער, אַלע די אַריינברענגער פון אָט־די כלי־משחית, די מאַשינען, האָט מען גערודפט. אַזוי אַז דער „אַלטער אדם", דערשפּירנדיק די סכנה וואָס ליגט אַריינגעוויקלט אין די פאַלדן פון אָט־דער מעכאַנישער נייער ציוויליזאַציע, האָט געקעמפט מיט כל־הכוחות קעגן די אויפטואונגען, די נייע זאַכן. די דערפינדער אין ס׳רוב פאַלן זיינען געווען אמתע מאַרטירער פון זייער גאָט אָדער געץ, זיי זיינען געגאַנגען אויף קידוש־השם פון אָט־די פעטישן, די מאַשינען.

זיי האָבן געהאַט זייער פיל אויסצושטיין לטובת דער מענטשהייט, ווי זיי האָבן אויפגעפּאַסט אָט־די טובה, דעם פאָרשריט פון דער ציוויליזאַציע. זיי האָבן געקעמפט מיט מוט און קוראַזש פאַר דער באַפרייאונג פון דעם מענטשן פון דער קללה פון „בזעת אפיך תאכל לחם", פון פּראָסטער אַרבעט און אַרויפלייגן אויף זיינע פּלייצעס דעם עול פון דער מאַשין, איינברעכן דעם מענטשן אַזוי, אַז ער זאָל אַנטלויפן מיט אָט־די פאַרשיידנגעשטאַלטיקטע מעטאַלענע פערד, וואָס זיינען איינגעשפּאַנט אין רייטוואָגן פון אינדוסטריע און טעכנאָלאָגיע. די ברכה, די דערלייכטערונג וואָס די מאַשין ברענגט פון איין זייט, האָט מען ערשט געקענט זען פיל שפּעטער, און די קללה וואָס זי גיסט אויס אויפן האַרעפּאַשנעם מענטשן האָט מען געזען באַשיינפּערלעך גלייך אויף דער שטעל. אַפילו אין אונדזער צייט, מיט אַלע באַוואָרענישן, וואָס סאָציאַלע געזעצגעבונג האָט אַריינגעבראַכט און אַלע אויסבעסערונגען וואָס די אַרבעטער־פאַראיינען האָבן אויסגעקעמפט, איז די מאַשין נאָך אַלץ אַ מאָנסטראָזיטעט, אַ געמיש פון קללה און ברכה, און מ׳קען זאָגן אַז אין אָט־דער ציוויליזאַציע־תורה וועגט די „תוכחה" נאָך אַלץ אַריבער דעם „וזאת הברכה". און עס איז גאָר אַ קליינער וווּנדער, וואָס די אַרבעטער, וואָס האָבן געפילט בחוש אָט־דעם שאָדן, וואָס די דאָזיקע דערפינדונגען ברענגען גלייך אויפן אָרט, האָבן געקעמפט מיט פאַרביטערטער אַנטשלאָסנקייט קעגן די דערפינדער, די פאָטערס פון אָט־די משחיתים אינסטרומענטאַליטעטן, אין וועלכע זיי האָבן געזען זייערע בלוטיקע שונאים, וואָס נעמען גלייך צו ביי זיי דעם ביסן פון מויל און וואָס וועלן שפּעטער־צו אַרויסציען דעם לעצטן ביסל קליאַק פון זייערע ביינער, פאַרשקלאַפן און פאַרגולמען זיי אַזוי, אַז זיי וועלן זיך נישט קענען אַרויסרייסן זיך פון הערשאַפט און טיראַניע.

אין אָט־דעם קאַמף זיינען פילע דערפינדונגען פאַרפאַלן געגאַנגען, און פילע דערפינדער אומגעקומען. דער טעכנישער געלאַף־פאַראויס פון

דער מאַטעריעלער ציוויליזאַציע איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויף פילע יאָרן.

„עס איז וואַרשיינלעך, אַז דעניס פּאַפּין... איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געמאַכט אַ מאָדעל פון אַ דאַמף־שיפל. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט, אין 1707, אַ קליינע מאַשין, וועלכע ער האָט אַריינגעפּאַסט אין אַ שיפל און האָט עס אָפּגעשיקט קיין ענגלאַנד, אַז מ׳זאָל עס אויספּרובירן אויף דער טעמזע. אין מינדען האָבן די שיפלייט אויף טייך וועסער, וואָס האָבן מורא געהאַט אַז אָט־די דערפינדונג וועט ביי זיי צונעמען זייער חיונה, געכאַפּט דאָס שיפל און פאַרניכטעט".

„די אַנטיקוואַרן באַהויפּטן, אַז די רוימער האָבן געוווּסט פון דער דרוק־קונסט, נאָר זיי זיינען געווען קעגן דעם, ווייל דאָס וואָלט צוגענומען די פּרנסה פון די איבערשרייבער".

גוטענבערג איז אויך שיער נישט געוואָרן קיין „קדוש" פאַר זיין אויפטו. „די מעשה (וועגן דער דרוק־פּרעס) האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט און זי האָט אויפגערייצט די איבערשרייבער פון מאַנוסקריפּטן, וועלכע האָבן מורא געהאַט, אַז די פּרעס וועט זיי רואינירן עקאָנאָמיש. גוטענבערגס שונאים האָבן אים געצוווּנגען צו אַנטלויפן קיין סטראַסבורג. מ׳האָט ביי אים צוגענומען אַלץ, וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט. ער האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן".

די זעלביקע פאַרפאָלגונגען פון דערפינדער, פון מאַשינען־אויסטראַכטער, געפינען מיר כמעט אויף אַלע געביטן פון מלאכה.

„דאָס איז געווען אין 1733, ווען דזשאָהן קיי האָט רעוואָלוציאָנירט די אַרבעט פון וועבן. די וועבער... זיינען געווען אַזוי אויפגעקאָכט, אַז זיי האָבן זיך אַריינגעריסן צו אים אין הויז, צעבראָכן יעדע מאַשין, וועלכע זיי האָבן נאָר פאַפאַדזשעט... קיי האָט געמוזט מאַכן אַ ויברח קיין פּאַריז, וווּ ער איז גלייך נאָכדעם געשטאָרבן אין אָרעמקייט און פאַרגעסנהייט".

„דזשיימס האַרגריוווס... האָט דערפונדן די שפּינענדיקע דזשעני, אַ נאָמען נאָך זיין ווייב. אָבער ווי נאָר די שפּינער האָבן זיך דערוווּסט פון זיין דערפינדונג אַזוי זיינען זיי געוואָרן מלא־רציחה. מ׳האָט באַפאַלן זיין הויז. זיין שפּינענדיקע דזשעני האָט מען צעבראָכן אויף פיצלעך, און ער און זיין ווייב האָבן זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט גאַנצע".

„קראָמפּטאָן האָט געאַרבעט פינף יאָר זייער פלייסיק און בסודי־סודות. צום סוף פון דער צייט איז זיין שפּינענדיקער מוילאייזל געוואָרן אַ

פראַקטישע מאַשין... די זעלביקע בלעקבוירנער וועבער און שפינער, וועלכע האָבן אַרויסגעיאָגט די הארגריווס פון זייער היים, האָבן איצט באַפאַלן קראָמפּטאָנען און האָבן צעבראָכן זיינע מאַשינען".

„נאָך מאָנאַטן פון קלערן און ווידערהאָלטע עקספּערימענטן איז דער קראַפּט־וועבשטול געוואָרן פּראַקטיק... אָבער נישט קאַרטרייטס עלטער, נאָר זיין גייסטלעכער באַרוף, נאָר זיינע אומגעוויינלעך גרויסע פאַרדינסטן פאַר די געווערקשאַפטן פון ענגלאַנד האָבן אים געראַטעוועט פון פאַרפאָלגונגען... די מייסטערס און די אַרבעטער־יונגען אַלע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אים".

די „יידלעך זיינע" זיינבול, פּייוול, דזשעק און די אַנדערע האָבן געטראָגן אַ גרויסן האַס צו אָט־דעם מאָטאָר און די איבעריקע מאַשינאָווע מכשירים אין דעם נייעם שאַפּ פון זייער עליע רבילע. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן נישט פאַרמאָגט „די הידים ידי עשו", און דערצו האָבן זיי זיך דאָך געפונען נישט ערגעץ אין אַ העק נאָר אין סאַמע מיטן פון ניו־יאָרק און דערצו נאָך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָבן זיי די אַלטע מעטאָדן פון צעברעכן די מאַשינען נישט געקענט געברויכן.

איז וואָס האָבן זיי פאָרט געטאָן? זיך אונטערגעגעבן דער טייוולאָנישער מאַשין און איר כהן־גדול אין אָט דעם עבודה־זרה טעמפּל. דעם פאָרמאַן האָבן זיי נישט געוואָלט און, טאַקע פשוט, נישט געקענט.

און כאָטש דער טומל האָט זיי מיטגעריסן, געהאַלטן וואַך אין די אויערן, ווי יענע צעלאָפּענע האָזן, וואָס אַנטלויפן פאַר שפּיר־הינט; און אין פאַרגלייך מיט זייער אַרבעטן אין שטאַל, זיך דאָ געהאַלטן ווי די לייבן, האָט דאָס, צוליב דעם געיעג פון די אַנדערע, ווי זיי האָבן זיך נישט געלאָזט צערייסן אַרבעטנדיק, אויסגעזעזן... ווי מ'וואָלט זיי מיט גוואַלד אַוועקגעזעצט, אויף צו מאַכן פון זיי ס'געגנאַר... און ווען זיי האָבן זיך שוין געפלייסט מיטצוהאַלטן, איז דאָס אַלץ אויסגעקומען, ווי פליגן זאָלן זיך פאַרמעסטן מיט פייגל אין פליען..." (זז. 38־37).

זיך אונטערגעבן נישט, און ווידערשפּעניקן אָפן האָבן זיי אויך נישט געוואַגט, איז וואָס איז זיי, „די יידלעך זיינע", געבליבן צו טאָן? בלויז איין זאַך: איגנאָרירן די מאַשינען און זיך נישט רעכענען מיטן פאָרמאַן, דעם שקלאַפּן־טרייבער. אויף וואָס קוקנדיק? אויף זייער אַלטער פּאַטריאַרכאַלישער אויסגעבונדנקייט מיט עליע רבילע.

יז.

# עליע ראַנגלט זיך מיט זיין געוויסן

עליעס געוויסן איז נאָך נישט פאַרהאַרטעוועט. זיין האַרץ נאָך נישט פאַרשטיינערט. זיין באַציאונג צו „זיינע יידלעך" האַלט נאָך אַביסל אָן איר פריערדיקע מענטשלעכע וואַרעמקייט: פּאַרט כמעט ווי אייגענע, ווי אָרעמע קרובים...

„...טליעט נאָך ערגעץ ביי אים אַ פונקעלע, כאָטש אַ באָס, אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן צו אַ פאַרמאַן אין די הענט אויף די עלטערע יאָרן בעת זיי האָבן די יונגע יאָרן, ווען זיי האָבן מער געקענט פאַראַרבעטן, — אויך צו קיין אַנדערן נישט אַוועקגעטראָגן. אַזוי לאָזט ער נישט, צוליב דעם און יענעם — אויפהייבן קיין מעסער איבער זייער האַלדז; און בייגט אַלץ אַוועק דעם קאָפּ פון אים [דעם פאַרמאַן], קומט אים אָפּ מיט אַן אויסרייד:

— מ׳וועט זיי נאָך אפשר קענען איינברעכן, צוביסלעך..." (ז. 43).

עליעס „קאַפּעליע" איז דאָך געווען נישט קיין גרויס און ברייט צעוואַקסענע, אין איר האָט יעדער מיטגליד מיט־שפּילער זיך גוט אָנגעזען. און דער דיריגענט, דער קאַפּעליע־מייסטער, איז גאָר קיין דיריגענט נישט געווען. ער האָט אַליין אויך מיטגעשפּילט מיט דעם אַנסאַמבל. און, אפשר, טאַקע געשפּילט די ערשטע פידל, נישט מחמת זיין ווירטואָזיטעט אין דער מלאכה, נאָר פשוט צוליב זיין פלייסיקייט און איבערגעבנקייט צו זיין עקאָנאָמישן קאָנצערטל. קענענדיק יעדן איינעם פון זיינע יידלעך און געפינענדיק זיך אין אינטימען קאָנטאַקט מיט זיי. האָט ער עפּעס ווי געפילט, אַז באמת זיינען זיי פאַקטיש, — נישט יורידיש, נישט אָנערקענטע שותפים זיינע. און אַז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און טאַקע רייך געוואָרן, און זיך דערוואָרבן די מעגלעכקייט צו עפענען אַ גרויסן שאָפּ, האָט ער נישט געקענט, אין דער ערשטער צייט, פאַרלייקענען פאַר זיין געוויסן דעם פאַקט, אַז אין זיין עשירות געפינט זיך אַ היפּשער טייל פון זייער פראַצע, אַז עס איז זייער שוויס, וואָס האָט זיך אינדוסטריעל אַלכעמיש פאַרוואַנדלט אין גאָלד. כאָטש ער האָט זיי געהאַלטן פאַר לאָיוצלחס, פאַר פוילאַקעס, האָט ער, אָבער, גוט געוווסט, אַז זיי האָבן אים געהאָלפן שלעפּן דעם וואָגן און אַזויאַרום האָט ער געקענט אָנשפּאַרן אַזוי ווייט, אַרויפקריכן אַזוי הויך. עליע רבילע איז נאָך נישט געווען אַזוי אי־

בערגעבוירן, אַז ער זאָל האָבן פאַרגעסן לחלוטין, אַז ער איז שולדיק „זיי־נע יידלעך" אַ מאָראַלישן חוב, וועלכן ער איז מחוייב צו באַצאָלן אַמוויי־ניקסטן מיט דעם, וואָס ער וועט זיי האַלטן ווייטער אין שאַפּ. פּאָרט אַל־טע שקאָפּעס, וואָס האָבן זייער געזונט אָוועקגעלייגט שלעפּנדיק ז יי ן דראַבינע איבער שלעכטע, קויטיקע און שטיינערנע וועגן און אים דער־פירט צו אַ תכלית, צו אַ ריכטיקן פונקט.

אָבער דער פאַרמאַן הערט נישט אויף צו גראָבן אויף זיי. ער וואָלט אויף זיי געבערענט און געפּלאַקערט, ווען זיי וואָלטן זיך אַפילו יאָ אויס־געטויגט און זיך אַריינגעפּאַסט אין דעם נייעם איינשטעל, ווייל ער, אַ נייער מענטש, דאַרף דאָך אַרויסצייגן, אַז ער האָט דאָ די גאַנצע דעה, אַז ער איז דער שאַלטער און וואַלטער איבער די אַרבעטער פון שאַפּ. ער דאַרף דאָך באַהויפּטן זיין אויטאָריטעט. און זיי, די „יידלעך", האָבן גאָר אַלטע חשבונות און יחוסן זיך מיט זייער סטאַזש, מיט זייער אויסגעע־בונדנקייט מיטן באָס, אַזוי אַז ער קען אויף זיי קיין שליטה נישט האָבן, נישט געוועלטיקן ווי איבער די נייע, נישט־פּריווילעגירטע, אַרבעטער.

זייער פאַריסן און תקיפותדיק האַלטן זיך רייסט אַרונטער זיין פרעס־טיזש אין שאַפּ. ער טענהט, אַז זיי, די „יידלעך", דעמאָראַליזירן דעם גאַנצן שאַפּ, זיי שטערן, זיי פאַרפּאַמעלעכן דעם שנעלן טעמפּאָ פון דער אַרבעט. ער וויל פון זיי פּטור ווערן.

„— וואָס מ'האָט אים דאָ געהאַט אָנצוהענגען אַ שטיין אויפן האַלדז מיט זיי, ער זאָל זיך נישט קענען רירן... אים געבונדן די הענט... ס'גייט אים שוין נישט אַזוי אין זיי, ווי אין די אַנדערע בעלי־מלאכות. אויב זיי זאָלן זען, אַז ער נעמט עס אָן פאַר גוט־געלט, וועט דער שאַפּ גאָר אינגיכן אויסציען די קאָפּיטעס! גיט ער אים נישט קיין האַלב יאָר צו לעבן". (דאָרט).

און שטייט אַלץ צו צו עליען אַז ער זאָל אים דערלויבן זיי אַרונטער־צושיקן, און פּטור אַן עסק, אָפּטשעפּן זיך פון אַ צרה, פון אַ לאַסט, וואָס דער שאַפּ קען נישט פאַרטראָגן.

אָבער עליע־רבילע האָט נאָך פּאָרט גאָט אין האַרצן, און ער ווערט זיך קעגן פאַרמאַן. ער קען נאָך ביי זיך נישט פועלן אָפּצודינגען מיט שוואַרצער אומדאַנקבאַרקייט די וואָס האָבן זייערע יונגע כוחות מקריב געווען אויפן אַלטאַר פון זיין פינאַנציעלן דערפאָלג.

דאָס און נאָך עפּעס. אים ווילט זיך זען און פילן בחוש און זיך אָנ־

פאַרגעניגענען מיט זיין הצלחה, מיט זיין אַרויפשטייג. און ווי אַזוי קען ער עס טאָן אויב נישט דורך זיין פאַרגלייבן זייער שיקזאַל מיט זיינעם. אַ יאָ! דוכט זיך אָנגעהויבן כמעט אינאיינעם, פון דער פינצטערער גרוב אַרויס, און גיט נאָר אַ קוק אויף טשיקאַוועשטש, און זעט, ווו ער שטייט און ווו זיי געפינען זיך. ווי הויך מען זאָל נישט שטיין, קען מען דאָך די הויכקייט נישט אָפּשאַצן סיידן מען וואַרפט בליקן אין דער נידעריקייט, אין תהום אַריין.

אָבער דאָס איז נאָר צייטווייליק, לעת־עתה. עליע איז נאָך נישט צוגעוווינט צו דעם נייעם מצב זיינעם, צו זיין גדולה. ער האָט נאָך נישט פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן פון דערמאָנעניש. עס באַמבלט זיך נאָך ביי אים אין קאָפּ זיין פאַרגאַנגענהייט. די זכרונות זיינען נאָך פריש און וואַך, ער איז נאָך נישט אַריבערגעגאַנגען דעם רוביקאָן.

אָבער צייט טוט אירס. די איבערלעבונגען פון היינט און די צעשפּיל־טע דערוואַרטונגען פון מאָרגן נעמען ביסלעכווייז פאַרשטופּן אין די פינצ־טערע ווינקעלעך די דערינערונגען פון „שטאָל“, און אַביסל שפּעטער, וועט ער זיי אינגאַנצן אַרויסוואַרפן פון זיין לעבנס־געשיכטע. ווער וויל עס האַלטן אין זכרון אומאַנגענעמע דערמאָנענישן, וועלכע זיינען נאָך, דערצו, מחייב צו האָבן איינזעעניש מיט די טויגעניכטסן, מיט די שלימזלס, מיט די וואָס זיינען הינטערשטעליק געבליבן און וועלכע ער וועט דאַרפן תמיד שלעפּן אויף זיינע אַקסלען. וויבאַלד עס ווילט זיך נישט צאָלן דעם חוב פון דאַנקבאַרקייט, איז דאָס בעסטע צו פאַרגעסן וועגן חוב. און זאָל דאָס געוויסן נישט האָבן מיט וואָס זיך צו פּלאָגן. איבער־הויפּט נאָך, וואָס שכחה קומט פאַר עפּעס ווי פון זיך אַליין, אָן קיין אָנ־שטרענג. געדענקען, האַלטן זאַכן אויפן קאָפּ פאָדערט אַ ווילנס־אַקט, אָנ־שטרענג, פאַרגעסן איז דאָך כמעט ווי פּאַסיווקייט אַליין. אַז מען הערט אויף זיך צו א י ב ן אין געדענקעניש, פאַרגעסט זיך אַ זאַך, במילא. אַ צוק מיט דעם פּסיכאָלאָגישן אַקסל און די לאַסט פון געדעכעניש פאַלט אַראָפּ דורך דעם כוח פון „גראַוויטאַציע“, פון אויסבלייכונג, אויסבליאַ־קעווען. עס איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס פאַר וועלכן דער מענטש, דער פאַרגעסער טראָגט קוים וועלכע עס איז אחריות (תוספתא פאה, פ״ב).

## יח.

# דער צוזאַמענשטויס מיטן פּאַרמאַן

„און מיט דער מינוט, וואָס ער זעט, דאָס דער באַלעבאָס זיינער איז שוין אַ היפּש ביסל... אָפּגעקילט... האַלט נישט מער פאַר זיי שטאָל און אייזן, ווי איינער וואָלט מיד געוואָרן זיי צו פאַרענטפערן, איבער זיי אויפצוהאַלטן די פליגל... אַזוי נעמט ער זיי אַוועק אָן אַ זייט, און זאָגט זיי אָפּ אויף זיין אייגענער אחריות:

— זיי האָבן נישט מער וואָס צו טאָן ביי אים" (ז. 44).

זיינוול, פּייוול, דזשעק און די אַנדערע לעבן נאָך אין אַ פאַרחלומטער וועלט פון מעמוארן, פון „פּרעהיסטאָרישער" געשיכטע. זיי שטעקן איי־בערן קאָפּ אין דעם פאַרצייטנס, אין דער מיטאָלאָגיע פון שאָפּ. זיי גע־דענקען גוט דעם מעשה בראשית פון עליע רבילעס וועלטל. און עס פּאַ־טופעט זיך נישט אין זייער קאָפּ ווי אַזוי זייער עליע קען גאָר בלייבן אָן זיין קאָפּעליע. זיי זיינען איינגעגלויבט באמונה שלימה אין דעם אַמאָליקן פאַרצייטיקן עליען, וואָס אָן זיי האָט ער זיך נישט געקענט אַ ריר טאָן. אָן זיי איז ער געווען ווי אָן הענט און אָן פיס, אָן לייב און לעבן.

און די יידלעך קומען אַרויס מיט לשון, זיי ענטפערן אָפּ דעם פּאַר־מאַן גאַנץ שאַרף. זיי צייגן אַרויס צו אים זייער פאַראַכטונג און פולן ביטול. די פאַרגעשיכטע אין זייער פּערזאָן וויל נישט אָנערקענען די אויפּגעקומענע געשיכטע. מישטיינס געזאָגט, ווי אַלט איז דער נייער שאָפּ, ווי אַלט איז די באַקאַנטשאַפט פון אָט־דעם פּאַרמאַן מיט זייער עליע־רבילען? אינגאַנצן אַ פּאָר וואָכן, בשעת זייער פריינדשאַפט און צו־נויפגעבונדנקייט איז שוין אַ קיימא־לן פון איבער צוואַנציק יאָר. זיי האָבן מיט עליען געמאָזלט און געפּאָקט. זיי האָבן אים אַרויפגעאַרבעט, רייך געמאַכט. אייגנטלעך האָבן זיי דאָך מיט זייער אַלגעמיינער פּראַצע אויפ־געשטעלט אָט־דעם נייעם בנין, וואָס שטייט פאַרפעסטיקט אויף דעם אַלטן פונדאַמענט, די שאָפּקע אין וויליאַמסבורג.

— ס׳איז נישט גענוג פאַר דיר, וואָס עליע רבילע האָט אונדז גע־ברענגט, אַז מ׳זאָל זיך קענען דערהאַלטן אין שאָפּ, און גייסט אונדז איי־בער זיין קאָפּ אַוועקשיקן? אַרויסוואַרפן אויף צוויי שפּענדלעך? מ׳האָט דיך אין וואַרזאַק! ווער ביסטו דאָס דאָ און ווער — עליע רבילע?" (זז. 44־45).

דער פאָרמאַן ווערט אַ צעפּלאָקערטער. אַזאַ עזות! זיי האַלטן גאָר־נישט פון אים! אָבער ער באַהערשט זיך און ער ענטפערט קאַלט, אויס־גערעכנט און אַנטשלאָסן.

„— ער טאָר זיי נישט האָבן אין שאַפּ, ווייל זיי בינדן אים די הענט מיט די פיס... אַרבעטאָרער טאָרן בכלל נישט זיין אַזעלכע קריי־כערס... און נישט נאָר אין זיין שאַפּ... נאָר אין קיין שום שאַפּ נישט... יענע זאָלן זיך קענען אויף זיי פאַרקוקן... און אויב זיי האָבן אַ חזקה אויף דעם שאַפּ, אָדער דער באָס קער זיך עפּעס אָן מיט זיי, זאָל ער זיי האַלטן אין דער היים, און יעדע וואָך אַריינשיקן די פיידע *) אין שטוב אַריין...״ (ז. 45).

זיינע רייד האָבן זיי באַליידיקט אַזוי שמערצלעך שאַרף, געטראָפן ווי אַ פייל אין האַרצן. ער איז אַזוי גראָב, פרעך און אוממענטשלעך און וואָלטן זיינע טענות כאָטש געהאַט אַ שטיקל זינען, עפּעס אַ באַרעכטי־קונג. זיין חוצפה האָט זיי געברענט ווי אַ פייער.

עס איז מער ווי בלויז אַ פראַגע פון וואָכעדיקער, פּראָזאַאישער פרנסה. עס איז אַ פראַגע פון אַ פרינציפּ, פון מענטשלעכער און בעל־מלאכהשער ווערדע. אָט־די „פּאָזשאָנטקעס״ וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן זיי לגבי די אַלטע און איינגעפונדעוועטע דרכים און פירעכצן. דער גאַנ־צער פאַרמעגן עליעס קומט דאָך פון דער שאַפּקע, פון זייער פראַצע. וואָס פאַררייסט זיך אַזוי דאָס נייע, דאָס אַנגעבלאָזענע, די פוסטע כלי. דער ליידיקער זאַנג, מיט וואָס האָט ער זיך איבערצונעמען, וואָס האָט ער עס באַוויזן אויפצוטאָן פאַר עליען.

זיי זיינען קריכערס, מ׳טאָר זיי אין אַ געהעריקן שאַפּ נישט אַריינ־לאָזן, זייער אַרבעט טויג נישט. אויב אַזוי, אויב דאָס איז אמת, טאַ פון וואַנענט האָט זיך גענומען די גאַנצע עשירות פון עליען, זיין גאַנצע גדולה? אַלץ, וואָס דער נייער שאַפּ פאַרמאָגט האָט ער דאָך צו פאַרדאַנ־קען דער אַלטער שאַפּקע. און די אַלטע שאַפּקע דאָס איז דאָך זיי, די אַר־בעטער, עליעס קאַפּעליע.

אין דעם פאָרמאַנס רייד ליגט אָן אַ שיעור חוצפה און נאָך מער אומזין.

„— אויף זייערע פּלייצעס האָט עליע רבילע אויסגעטראָגן דעם שאַפּ

*) שכירות.

העכער צוואנציק יאָר, און זיך געקענט פאַרקלייבן אַזוי גרויס; וועט ער זיי קומען זאָגן, אַז זיי פּענטען אים די הענט מיט די פיס? פאַרוואָס דאָס אַזוי? ווייל זיי קענען נישט נאָכטאַנצן די יונגע חברה, שפּילן אויף זייער פידל? זיך ווארפן, צאַפּלען, קריגן ס׳חולה־נופלים ביי דער אַרבעט?״ (דאָרט).

אַזאַ בילבול, אַזאַ עלילת־דם אויף זיי אויסצוטראַכטן! — ניין, זיי וועלן עס אים, דעם פאָרמאַן, נישט פאַרשווייגן! ער רעדט אַזוי ווייל ער איז אַן אָפּגעריסענער נאַר, אַ שוטה בן פּימסן־האָלץ. עס איז אומוויסנ־דיק. ער הייבט גאָרנישט אָן צו וויסן אַפילו די ראשי־פּרקים פון עליע רבילעס אויפקום און אויפשיין, פון זיין הצלחה און מזל־ברכה. וואָס מיינט ער, „דער באָס קער זיך עפּעס אָן מיט זיי״? אָן זיי וואָלט דער באָס קיין באָס נישט געווען, דער שאַפּ איז דאָך אַזוי גוט ווי זייערער, זיי צוזאַמען מיט עליען האָבן דאָך געשאַפן אַלץ דאָס וואָס דאָ געפינט זיך. ווו האָט עליע גענומען דאָס געלט דאָס אַלץ איינצוקויפן? ער האָט עס בירושה פון זיין באָבען? זיי האָבן דאָך עס צוזאַמען פאַרדינט, אָפּגע־שפּאָרט. דער פאָרמאַן ווייסט נישט, אָבער עליע רבילע, זייער עליע ווייסט דאָך יאָ דעם אמת, און ער וועט עס זיכער נישט לייקענען, אַז ווען נישט זיי, זיין קאַפּעליע, וואָלט ער נישט געווען גאָר קיין עליע.

און זיי וועלן זיך ווענדן גלייך צו אים. מיט דעם אומוויסנדיקן קערל דעם פאָרמאַן, איז איבעריק צו ריידן. עס פּאַסט גאָרנישט פאַר זיי מיט אים זיך אויסצוטענהן, זיך אַריינלאָזן אין הויכע דרכים.

יט.

## די גרויסע אַנטוישונג

זיי גייען גלייך צו זייער עליע־רבילען. אמת, ער ווייזט זיך נישט אין שאַפּ. ער האַלט זיך ערגעץ צוריקגעצויגן, פאַרשטעקט הינטער אַ ווענטל. אָבער די אַלע מחיצות גילטן בלויז פאַר די נייע אַרבעטער, פאַר די יונגע שנעקעס. וואָס איז דאָרטן אַ קדשי קדשים?! אויב דער פאָרמאַן קען אַהין אַריין צום באָס צו יעדער צייט, קענען זיי דאָך אוודאי און אוודאי. זיי זיינען אַביסל עלטער אין שאַפּ און זיינען אָנגעלייגטער ביי עליע רבילען. ער איז דאָך זייער קאַפּעלמייסטער פון שנים קדמוניות.

אָבער דאָ שלאָגן זיי אָן זיך, ווידער, אָן עפּעס אַ שטערניש. אַ ביי רינגעלע האָט זיך אַריינגעפּלאָכטן אין דער קייט פון זייערע פאַרהעלטע־נישן מיט זייער עליען. און דאָס איז דאָס מיידל, די „מיידלשטשינע" אָן וועלכער קיין לייטישער שאָפּ קען זיך נישט באַגיין.

„— ווו איז עליע רבילע? מ׳וויל זען עליע רבילען אוןריידן צו אים!" (ז. 46).

„...דאָס מיידל: די דינע, אויסגעצויגענע, מיט רויטע, געמאַכטע ליי־פּעלעך, באַחנטע בעקלעך — זי האָט אויפגעמאַכט מויל און אויערן: «ווער איז דאָ דער רע־בע־לע (ס׳האָט זיך געטאָן, ביז זי האָט דאָס גע־קענט נאָכזאָגן), אַז זי ווייסט גאָרנישט פון אַ מענטשן מיט אַזאַ נאָמען אין שאָפּ?» ביז עס איז ענדלעך אַריין אין דעם גאָלדענע קעפּל אירן, און אַזוי געלאָסן, מיד, מיט אַלע טויזנט חנען וואָס ביי די מיידלעך, זיי גע־געבן צו פאַרשטיין, אַז איר באָס איז אַ ביזי *) מענטש, און ס׳איז אים שווער צו כאַפּן... נישט מער: זי זעט דאָך, אַז זיי האָבן זיך מיט עפּעס אָפּגעבריט ביים פאָרמאַן, וועט זי זיי זען צום גיכסטן מיט אים צו־נויפצוברענגען"... (דאָרט).

זען דאָך שוין די „יידלעך" מיט וועמען זיי האָבן דאָ צו טאָן, מיט אַ פולשטענדיקן „אינו־יודע" אין דער געשטאַלט פון אַ „מיידלשטשינע". זי ווייסט גאָרנישט פון דער איבערגעלעבטער און רעקאָרדירטער געשיכ־טע פון דער „קאָפּעליע" און פון שאָפּ, אַ געשיכטע וואָס איז אַריינגע־קריצט אין זייערעביינער און לייבער, אין זייערע אויסגעלאָשענע אויגן, געבויגענע רוקנס און אויסגעאַרבעטע ידים. זי ווייסט אַפילו נישט דעם כשרו נאָמען פון עליע־רבילען. לויט איר נאָך, איז גאָרנישט פאַראַן אַזאַ פערזאָן אין שאָפּ. זי קען זיין נאָמען אַפילו נישט אַרויסריידן ווי געהע־ריק. זי ווערגט זיך מיט אים, ברעכט זיך אירע ווייסע ציינדלעך! אַ בראָך דעם נייעם שאָפּ!

אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט שטאַרבט אָפּ. אַ גאַנצער קאַפּיטל פון גלאָרייכער געשיכטע ווערט אָפּגעמעקט, ווערט פאַרשוועכט פאַר זייערע אויגן. קענען זיי עס צוקוקן גלייכגילטיק?! עליע רבילע האָט געביטן נישט נאָר זיין מלבוש, אויך זיין נאָמען „עליע רבילע", אַ נאָמען וואָס האָט געזיסט און געביטערט, געהאָניקט און געגאַלט אויף זייערע ליפּן איבער־

*) פאַרנומענער.

צוואַנציק יאָר, וואָרום זיי האָבן אים פון מויל אין משך פון אָט־דער גאַנ־צער צייט נישט אַרויסגעלאָזט אויף איין שעה נישט, סיידן אין שלאָף, — איז אַוועק מיטן ווינט פון שׂמחה, ווערט מיט אַ כּיוון אָפּגעמעקט. אַזאַ חילול־השם, אַזאַ פאַרברעכערישער אַקט פון דיסהיסטאָריזאַציע וועלן זיי נישט דולדן. זיי וועלן עס נישט דערלאָזן בשום אופן ועניין.

זי דערקלערט זיי גאָר, אַז דער באַס איז געוואָרן עפּעס אַ נײַ באַ־שעפעניש, אַ נסתּר, וואָס האַלט זיך פאַרהוילן, נישט אָנצוקוקן און נישט אָנצוזען, און וועגן ריידן צו אים איז שוין גאָר אָפּגערעדט. זיינע יידלעך קענען שוין צו אים מער נישט צוטרעטן. מ׳דאַרף מאַכן ספּעציעלע צו־גרייטונגען בכדי אים צו כאַפּן, מ׳דאַרף עס אין פאָראויס באַשטימען די צייט, וואָרום ער האָט נישט קיין פרייע מינוט ווען ער זאָל זיי קענען „אויפנעמען״. „זיינע יידלעך״ קענען נישט צוקומען צו זייער עליע רבי־לען. איז דאָך אַן עק פון דער וועלט!

„...ס׳פייער האָט... העליש געשפּריצט פון זייערע אויגן, וואָס זיי־נען געווען רויט און פאַרלאָפן מיט בלוט:

— ער איז געוואָרן אַ ביזי־מענטש, עליע רבילע... כע־כע... זי זאָל זיך, למען השם, גאָרנישט מטריח־זיין ביי אים פאַר זייערטוועגן, וואָרן זיי וועלן אים שוין כאַפּן ביי דער יידענע זיינע, אַן אַלעם...״ (דאָרט).

עליע קאַפּעליע ווערט דערקלערט פאַר אַן אדון הגדול, און זיי, זיינע געטרייע קאַפּעליע־מענטשן, וואָס אַן זיי וואָלט ער דאָך גאָר קיין קיום נישט געהאַט, קיין פּנים נישט געהאַט, צומאָל קיין העמד אויפן לייב נישט געהאַט, — וויל מען נישט קענען און נישט וויסן. גיי שריי: «אני שלמה!» אַז דאָס מיידל הייבט גאָרנישט אָן צו וויסן ווער זיי זיינען. און זיי וועלן זיך מאַכן בלויז צום נאַר.

אָבער עליע רבילע ווייסט דאָך יאָ ווער זיי זיינען, און זיי לאָזן זיך גיין צו זיין דירה, און דאָ דערוואַרט זיי זייער גרעסטע אומאַנגענעמ־לעכסטע איבערראַשונג.

עליע רבילע איז דאָרטן מער נישטאָ. ער האָט עוקר געווען.

„...זיי זיינען געבליבן שטיין פאַרן הויז, ערשט — ס׳איז פינצטער... זיי פּרווון די טיר, וואָס האָבן זיי מורא? און רופן: «עליע! עליע קאַפּע־ליע! אַ בראָך נאָך דיר! אַ קליין קינד זאָל באַלד איינגיכן נאָך דיר הייסן!...» קיינער רופט זיך נישט אָן. ס׳איז ווי אַ קול אין מדבר. די

כאָלערע האָט אים שוין, אַפּנים, פון פריער נאָך אויסגערוימט, און זיי שטייען אָן קעפּ.

— אַזאַ הונט מיט אויערן... ער האָט זיך נישט בלויז אריבערגע־קליבן מיט דער שטאָל זיינער, נאָר אַליין אויך ערגעץ איינגעזונקען. עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען מער צווישן זיי צו ווינען...״ (ז. 47).

עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם אַריבערציען דעם שאַפּ, דערנאָך בייטן דעם לבוש, נאָכדעם בייטן דעם נאָמען און דער פינאַל — געביטן אויך די ווינונג... איצט איז שוין אויס מיט עליען. נישטאָ מער!

## כ.

## ווער איז שולדיק?

אַדם סמיט אין זיין קלאַסיש ווערק „די עשירות פון פעלקער״ (בוך איינס, קאַפּיטל איינס) האָט אויפגעזונגען אַ גלענצנדיקע אָדע דעם גרויסן אויפטו פון אַרבעט־צעטיילונג. עפּעס אַ קלייניקייט וואָס אָט־דער חידוש האָט באַוויזן אויפצוטאָן אין אויפהייבן די פּראָדוקטיוויטעט פון מענטשנס אַרבעט און העלפן אַקומולירן רייכטימער. אַדאַנק אָט־דער אינאָוואַציע האָט דאָס טייג פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל אויפגעיוירט ווי אויף הייוון. סמיט האָט אַרויסגעוויזן גאָר גרויסע התפעלות פאַר דעם דאָזיקן מעטאָד און געזען אין אים גאָלע מעלות.

אָבער הוילע מעלות קען דאָך גאָרנישט זיין בנמצא, האָבן די קריטיקער אָנגעוויזן זיינע חסרונות. ער שוואַכט אָפּ דעם חשק צו אַרבעטן, ווייל דער אַרבעטער האָט נישט וואָס צו וויזן אַלס זיין אויפגעטאָנענע זאַך. ער קען קיין פּראָדוקט נישט אָנרופן זיינס. ער האָט נישט מיט וואָס צו שטאָלצירן, און זיך פילן מעשה אומן־יד, קינסטלער, באַשאַפער פון ווערק, פון קעגנשטאַנדן. אַלץ איז צעפּיצלט און צעברעקלט, צעמאָלן און צעשטויבט. דער אַרבעטער ווייסט נישט ווו זיין בייטראַג פון פּראָצע, פון אָנשטרענג געפינט זיך. מיט דער צעטיילונג פון אַרבעט איז פאַרלוירן געגאַנגען די פרייד פון אַרבעט און אויפטועניש.

אַן אַנדער זייט: ניט דער צעטיילונג פון אַרבעט ווערט פאַרשווונדן די אחריות. ווען עפּעס ווערט איבערגעפּירט איז נישט פאַראַן קיין באַשטימטער, אָפּגעמאַרקירטער שולדיקער. ווער האָט עס קאַליע געמאַכט?

גיי זוך אים, ווען דער יחיד־אַרבעטער ווערט בטל אין קאָלעקטיוו. דער פּראָדוקט איז דורכגעגאַנגען אַזויפיל הענט און עס איז שווער צו זאָגן, וועלכע האַנט האָט געפעלשט אין איר פאַך־שליחות. די צעטיילונג נעמט צו דעם צער פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ווען מיר גייען אַריבער פון פיזישער אַרבעט צו סאָציאַלער זעען מיר ווי די דאָזיקע צעטיילונג דערלייכטערט דאָס באַגיין פון די גרעבסטע געמיינהייטן דורך דעם וואָס זי נעמט צו, אָדער שוואַכט אָפּ דעם שולדי־קייט־געפיל. קיינער פילט נישט, אַז ער איז דער חייב. קיינעם פּלאָגט נישט דאָס געוויסן. ער האָט נישט דאָס שווערע געוווירזיין אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ שווינערײַ. ווייל ער האָט עס באמת אַליין נישט געטאָן. ער האָט בלויז צוגעלייגט אַ האַנט דערצו, אַמאָל בלויז איין פינגער און דאָס אויף אַ ווײַלע און דורך אַ מרחדיקן קאָנטראָל.

ווען דער געזעצגעבער וואָלט אַליין באַדאַרפט זיין דער ריכטער, דער־נאָך אַליין דער הענקער, דער וואָס איז מקיים־פּסק, וואָלט טויט־אורטייל אַ סך לייכטער אָפּגעשאַפן געוואָרן. ווייל וועלכער געזעצגעבער וואָלט עס וועלן זיך מאַרודען די הענט, האָבן צו טאָן מיט הענגען, קעפּן, שיסן מענטשן ,שטעלן זיי קעגן וואַנט אָדער בלויז גיליאָטינירן? אָבער דער געזעצגעבער איז אַ פיינער מאַן, אַן איידעלער מענטש, אויף זיינע הענט איז קיין שפּרונקעלע בלוט נישטאָ. ער זעט אַפילו אין די אויגן נישט אָן דעם פאַרברעכער. די אַרבעט פון פאַרמשפּטן דעם פּושע ווערט געטאָן פון אַ שופט. און דער שופט האָט צו טאָן בלויז מיט איין דעטאַל פון דער פּראָצעדור פון היגריכטן אַ מענטשן. ער טראָגט בלויז אַרויס דעם פּסק־דין, ער באַשטימט דעם קאַפּיטאַלן עונש. מער נישט. דער תליון, ווייטער, טוט טאַקע די שמוציקע אוממענטשלעכע אַרבעט, אָבער מיט דעם עניין אַלס אַ גאַנצן האָט ער גאָרנישט וואָס צו טאָן. זיין שטיקל אַרבעט פירט ער דורך מעכאַניש. ביי אים איז גאָרנישט שייך קיין פראַגע פון טראָגן אחריות. ער איז דער שטעקן וואָס שלאָגט, די בייטש וואָס שמייסט, די ביקס וואָס שיסט. ער איז נישט מער ווי אַ טויב־שטום געצייג. זיין אַק־ציע האָט מיט זיין ווילן, פאַרשטאַנד גאָר קיין שייכות נישט. ער איז באותה שעה אַן אויטאָמאַט.

אויף אַזאַ אופן ווערן באַגאַנגען די געמיינסטע נידערטרעכטיקייטן, און קיינער איז נישט דאָ ווער עס זאָל טראָגן די פולע אחריות דערפאַר.

ווען עליע רבילע וואָלט אַליין דאַרפן אָפּזאָגן זיינע יידלעך, זיי

משלח זיין פון זיין נייעם שאַפּ, וועלכן זיי האָבן, מיט זייער געזונט און לעבן, געהאָלפן אויפריכטן, וואָלט עס קיינמאָל נישט פּאַסירט. עס וואָלט נישט געקענט קומען דערצו. אַזאַ חזירײַ וואָלט ער נישט געקענט באַגיין. ער וואָלט באַגריפן וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט ער נעמט אויף זיך. זיין געוויסן וואָלט אים אָפּגעהאַלטן פון אַזאַ געמיינהייט.

אָבער דאָ איז דאָך עס געטאָן געוואָרן דורך אַ שליח, דורך אַן אַנדער אַגענט, וועלכער איז אַפילו קיין שליח מיוחד דורכצופירן די אומ־מענטשלעכע טאַט פון אומדאַנקבאַרקייט אויך נישט געווען. ווייל ער האָט עס געטאָן אַפילו נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי עליע רבילען. ער האָט בלויז געוווסט, אַז בדיעבד, לאחר המעשה, וועט עס ביי דעם באָס רעכט ווערן.

דער פאָרמאַן, דער רשע האָט קיין געמיינקייט נישט באַגאַנגען. ער האָט דורכגעפירט בלויז דעם סאַמע שלוס פון דער האַרצלאָזער האַנדלונג. אָן דעם אָנהייב, אָן דער געשיכטע, איז זיין אַקציע געווען אַ געוויינלעכע זאַך, ס׳איז מעשים בכל יום, אַן אַרבעטער טויג זיך נישט אויס, שיקט מען אַוועק און מ׳שטעלט אָן אַ פּעאיקערן אויף זיין פּלאַץ. דער שאַפּ איז נישט קיין צדקה־אַנשטאַלט. דאָ ווירקן האַרטע עקאָנאָמישע אויסרעכענונגען, נישט קיין ריין סענטימענטאַלע ווייך־פילאַנטראָפּישע איינזעענישן.

דער פאָרמאַן איז אין דער בחינה פון אַ מלך חדש אשר לא ידע את יוסף, ער ווייסט נישט און וויל נישט וויסן די אַלטע געשיכטע, די זכיות פון די יידלעך. ער דאַרף העננט שנעלע, פלינקע, אויפטועריש. ער דאַרף דאָך איינאָרדענען דעם שאַפּ אַזוי אַז דער באָס זאָל זיין צופרידן, אַז עס זאָל טראָגן, אַז עס זאָל קומען צו אַ תכלית. די „יידלעך" זיינען פאַר אים איינפאַכע אַרבעטער אָן ספּעציעלע פאַרדינסטן. זיי קענען פון אים גאָרנישט פאַרלאַנגען. זיי האָבן פאַר אים זיך נישט פאַרדינט געמאַכט אַפילו כהוא־זה. פאַרוואָס זאָל ער זיי באַהאַנדלען אַנדערש, ווי אַנדערע אַרבעטער אין שאַפּ?

איז ווער איז דאָ שולדיק אין אָט־דעם פאַרברעכן, אין דעם אַקט פון שפיכת־דמים, וואָס דאָס שפּילט זיך פאַנאַנדער?

עליע רבילע. אָבער ער האָט דאָך עס נישט געטאָן. ער האָט פאַרקויפט זיין חמץ פון אַ שענדלעכער האַנדלונג צום גוי...

צו אַזעלכע און ענלעכע אַמאָראַלע טואונגען איז גורם די צעטיילונג פון סאָציאַלער אַרבעט.

אַ־דאָס פּראָבלעם ווערט באַרירט אין גמרא (סנהדרין צ״א:). דאָרט דערציילט זיך אַ פּאַבל וועגן אַ גאָרטן, אין וועלכן עס זיינען געוואַקסן טייערע פּרוכטן. די פּירות פלעגט מען צעלאַטכענען. דער אייגנטימער האָט אַריינגעזעצט שומרים. אָבער די פּירות זיינען געווען אַזוי רייצנדיק, אַז די שומרים האָבן נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און האָבן אַליין געריסן פון די ביימער און געגעסן. האָט דער אייגנטימער זיך מיישב געווען און האָט געדונגען צוויי וועכטער, איינעם אַ בלינדן, דעם צווייטן אַ אַנפּיסיקן. דער בלינדער האָט נישט געזען די פּרוכט און ממילא נישט געקענט גיין זיי רייסן פון די ביימער. דער אַנפּיסיקער, ווייטער, האָט געזען די פּרוכט, ער האָט אָבער נישט געקענט צוקומען צו זיי. אָבער די וועכטער זיינען נישט געווען קיין נאַראָנים. זיי האָבן זיך אַן עצה געגעבן. דער אַנפּיסיקער האָט זיך אַרויפגעזעצט רייטנדיק אויפן בלינדן, אום אַנגעצייכנט דעם וועג צו די פּרוכט־ביימער, און זיי האָבן געריסן די טייערע פּירות און געפרעסן, וויפל זיי האָבן נאָר געוואָלט, וויסנדיק, אַז מען וועט זיי נישט קענען באַשולדיקן. אַז דער באַלעבאָס איז אַריין אין גאָרטן און דערזען די היזקות, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט גענומען אויף אַ פאַרהער די קאַליקעס־שומרים. אָבער יעדער פון זיי האָט געטענהט אַז ער איז נישט שולדיק, ווייל ער האָט עס גאָרנישט געקענט טאָן. און ער האָט געזאָגט דעם אמת, ווייל איינער אַליין האָט ער עס טאַקע נישט געקענט טאָן. אָבער בשותפות האָבן זיי עס יאָ באַוויזן צו טאָן.

כא.

## אין סאַמע פּינטל אַריין

וואָסער סאָרט דערציאונג האָבן געקראָגן יידישע קינדער אין די טראַדיציאָנעלע חדרים, תלמוד־תורות און ישיבות?

איך האָב נישט געהאַט אין זינען דעם דידאַקטישן מאַטעריאַליזם, די קעגנ־שטאַנדן, וואָס מ׳האָט געלערנט. מיך אינטערעסירט נישט דער „וואָס״ נאָר דער דווקא דער „ווי״, די מעטאָדע פון לערנען, ווייל זי האָט עס אויסגע־פורעמט דעם טראַכטן־אַפּאַראַט, האָט אָפּגעשטעמפּלט די אופנים פון דענ־קען און רעאַגירן.

ביי די אומות העולם אין זייערע מאָדערנע שולן, עלעמענטאַרע, מי־

טעלע, הויכע, מיט דעם אויסנאַם פון אוניווערסיטעטן און פּאַך־שולן. דערלאַנגט מען דעם תּלמיד אַלץ אויפן שפּיץ מעסער, אין קליינע דאָזעס, מיט קורצע פּויזעס. מען האַלט כּסדר אין איבערגיין פון איין אונטער־ריכט־קעגנשטאַנד צו אַ צווייטן. כּדי דער לימוד זאָל נישט דערעסן ווערן, ווערן מאָנאָטאָן און לאַנגווייליק, האָט מען נאָכאַנאַנד וואַריאירט. אַ האַלבע שעה, צי דריי פערטל שעה, צום העכסטן, חשבון, לייענען, שרייבן, היסטאָריע, געאָגראַפיע און אַזוי. פון אַלץ צוביסלעך, בלויז אַ לעק.

וואָס זיי האָבן דורך אַזאַ אַרט און ווייזע פון לערנען דערגרייכט איז דאָס וואָס דער שטודיום־קעגנשטאַנד האָט נישט געקענט צוציען דעם שילער, ווייל איידער ער האָט זיך צעוואַרעמט, האָט מען שוין דעם אָביעקט געביטן; איידער דער תּלמיד האָט געהאַט צייט זיך באַקענען מיט דעם ענין, ווערן מיט אים „פריינדלעך״, אינטים, האָט מען אים שוין אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט. אַזוי אַז עס האָט זיך נישט געקענט שאַפן קיין אמתע ידידות צווישן די שילער און די שטודיום־אָביעקטן, און זיי זיינען זיך געבליבן פרעמד, קאַלט, זיך באַוויזן, אַ בליאַסק געטאָן, און גלייך נעלם געוואָרן. אַזוי קען מען קיין אמתע חברשאַפט נישט אָנקניפּן, קיין געטריישאַפט־בונד נישט שליסן. מען דאַרף זיין צוזאַמען, פאַרברענגען צוזאַמען אַ היפּשע צייט בכדי זיך ווי געהעריק צוזאַמענלעבן; אַזוי אַז די אָפּוועזנהייט פון קעגנשטאַנד זאָל נאָכדעם אַרויסרופן אַ מין בענקשאַפט, אַ תּשוקה אָנצוהאַלטן פאַרבינדונגען. קיין אהבת התורה האָט זיך אויף אַזאַ שטייגער נישט געקענט שאַפן.

וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אַזאַ אינטעלעקטועלער דערציאונג? אַ צעשטרייטקייט, אַ צעוואָרפנקייט, אַ צעברעקלטקייט פון אינטעלעקט און אַ צעשרויפטקייט פון דענקס־מאַשינעריי.

ווי האָט מען ביי אונדז געלערנט? פּונקט פאַרקערט. אַלעמאָל זיך קאָנצענטרירט אויף איין לימוד־עצם; אויב „עברי״ איז בלויז „עברי״; אין דער פרי, ביי טאָג און אין אָוונט, ביז מען האָט בייגעקומען דעם קעגנשטאַנד און געזאָגט „ווי אַ וואַסער״, „ווי אַ מזמור״. לייענען גענומען פאַר זיך איז אַ טעכניק, און אַט־די טעכניק האָט מען געדאַרפט איין מאָל פאַר אַלע מאָל איבערווינדן, זיך אָנאייגענען אויפן גאַנצן לעבן. באַזיגט דעם דאָזיקן שונא, דעם שווערן אומאַנגענעם קעגנשטאַנד, מאַכט מען מיט אים שלום און מ׳שליסט אַפילו אַ בונד פון פריינדשאַפט און ליבשאַפט. קינדער פלעגן זיך מחיה־זיין מיט דעם פּשוטן פּראָצעס פון זאָגן

אָדער זופן „עברי״. זיי פלעגן אַזוי אָפּזאָגן אַ האַלבן סידור אָן אַן אָפּ־שטעל. דערנאָך איז געקומען חומש. און אויב געלערנט חומש איז טאַקע חומש, אַ גאַנצע וואָך, אַ גאַנצן זמן חומש. מ׳האָט שטודירט נישט די „עברי״ פון חומש, דאָס איז שוין געווען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון יענעם זמן, איצט איז מען פאַרטאָן מיט דעם „פירוש המילות״, דעם טעקסט, דעם טייטש פון די ווערטער און דעם סיפור המעשה און די גע־זעצן פון דער תורה וואָס געפינען זיך אין די פינף חומשים. דערנאָך קומט „עשרים־וארבעה״. פאַרטיק געוואָרן מיטן תנ״ך צו אַ געוויסער מאָס, אין ליטע אין אַ גרעסערער, אין פוילן אין אַ קאַרגערן מעסטל, גיט מען זיך אַ נעם צו דער גמרא. און אויב גמרא — איז הימל און ערד און גמרא. זיך געלאָזן שווימען אין דעם דאָזיקן ים־התלמוד. צום אָנהייב זיך גע־האַלטן ביים סאַמע ברעג, ווו דאָס וואַסער איז פלאַך, ערגעץ אין בבא מציעא אין לייכסטן פרק „אלו מציאות שלו ואלו חייב להכריז״. איידער מען לערנט זיך אויס גוט שווימען קען מען זיך נישט אַוועקלאָזן ווייטלעך, ווו עס איז טיף. מען דאַרף כסדר זיך געפינען אונטער דעם שאַרפן אויג פון לעבנס־היטער, דעם גמרא־מלמד, דעם רבין. מיטן רבין קען מען שווי־מען, אָן רבין איז סכנת נפשות, מען קען נאָך דערטרונקען ווערן. ביז מען דערוועבט זיך ווי געהעריק די גרויסע קונסט און מ׳ווערט שיער נישט אַ האַלבער מענטש און אַ האַלבע פיש, און מ׳נעמט זיך פילן אין דעם תלמוד כוואַליענדיקע וואַסערן ווי אין אייגענעם עלעמענט, אין דער נאַ־טירלעכער סטיכיע.

וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אַזאַ אינטעלעקטועלער דיסצי־פּלין? קאָנצענטרירונג פון אויפמערקזאַמקייט, אַן אייגנשאַפט וואָס יע־דער גרויסער דערפינדער מוז באַזיצן, לויט דעם עדות־זאָגן פון טהאָמאַס עדיסאָן, און קיין גרויסער קינסטלער אָדער דענקער קען זיך אָן איר נישט באַגיין, ווייל דאָס איז זיין וויכטיקסטע באַגאַבטקייט, זיין רייכסטע מתנה. דאָס איז סינאָנימיש מיט גאונות: אַ מוח וואָס אַרבעט אין איין ריכטונג, וואָס גראָבט און גראָבט אין דער טיף ביז ער דערגייט צום סאַמע גרונט, ווו די קאָסטבאַרקייטן פון אמת ליגן באַגראָבן.

די וואָס האָבן געקראָגן אַ טראַדיציאָנעל יידישע אינטעלעקטועלע דערציאונג, און בימקאָ זיכער צווישן זיי, דערקענט מען אין זייער האַנד־לען, דענקען, שאַפן, מאָלן, דערציילן.

בימקאָ באַזיצט אַן אויסערגעוויינלעך שטייפע איינגעשרויפטקייט.

ער שאַפט אַ שאַרפן פאָקוס. אַלץ איז קאָנצענטרירט אויף דעם הויפּט־מאָ־טיוו, געלענקט און געריכטעט צום סאַמע פּינטל פון צילברעט. דאָס גאַנ־צע אַרומיקע פעלד פון ברעט איז לאו־דווקא. עס איז כמעט ווי אַ שטער, עס איז מבלבל די רעיונות. בימקאָ גיט זיך נישט אָפּ מיט קיין זייטיקע ענינים, ווי באַשרייבונגען פון נאַטור, פון וועטער, פון אָנגעלעגנהייטן וואָס האָבן נישט קיין דירעקטע לעבעדיקע שייכות צום עצם ענין, וואָס פאַרנעמען אַזויפיל פּלאַץ ביי אַנדערע דערציילער.

פ. בימקאָ איז קאָנצענטרירט אין העכסטן גראַד, און דאָס איז זיין גבורה.

# II

# קאַרל מאַרקס פון דער אַנדערער זייט

## א.

# דער שטאַפּל שטאַפּלט זיך אָפּ...

„עליע רבילע און זיינע יידעלעך" האָט באַהאַנדלט די פּראָגע מכוח די פאַרהעלטעניש וואָס אַנטשטייען צווישן די יעניקע מערערע, וואָס שטייען אויף די אונטערשטע טרעפּלעך פון דעם ריזיקן משופּעדיק אַוועקגעשטעלטן לייטער און די ווייניקערע, וואָס שטייען, אָדער זיצן בהרחבה־דיק, אויף די אויבערשטע ברייטלעכע, זון־באַגאָסענע שטאַפּלען. און דאָ און דאָרט וואַרפט זיך אויך דורך, פאַרבייגייענדיק און נישט־אויסנזיינענדיק, אַן אָנוווּנק, אַן אָנמעק וועגן די שייכותן, וואָס פאַרפלעכטן זיך אויך צווישן די אונטן־שטייענדיקע גופא. אָבער דאָס דרך־אגב און כמעט ווי נישט באַמערקבאַר. ווייל אין דער דערציילונג זיינען אָט־די שוואַכע קלעטערער, אָדער גאָר קיין קלעטערער, כמעט ווי אַ כאַפּטע, וואָס האָלט נאָך פרי פאַרן נעמען זיך דיפערענצירן, פאַנאַנדערפאַלן אויף יחידים מיט יחידיש־אָפּגעשטעמפּלטע פיזיאָנאָמיעס.

אין אָט־דער דערציילונג נעמט שוין בימקאָ פאַנאַנדערדריבלען דעם קנויל פון אַנאָנימיטעט פון דעם אַרבעטאָרישן ציבור. ער באַשטייט דאָך נישט פון איין שטיק, פאַרמלאָזער מאַסע. דאָ זיינען פאַראַן קענטיקע פאַרשוינען, קענטיק צוליב זייערע פערזענלעכע סימנים, און אויך צוליב דעם, וואָס אַנדערע פון זיי נעמען זיך אַרויסטיילן פון דעם אַלגעמיינעם גרוילעכן געזעמל. זיי נעמען זיך אָפּזונדערן, סעגערירן און פּרובירן שאַפן אַן אייגנאַרטיקע גרופּירונג מיט ספּעציעלע שטריכן פון כאַראַקטער, שטריכן וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ספּעציעלער סביבה, וועלכע נעמט זיך פאָרמירן פאַמעלעך, נאַטירלעך און אומאויסמיידלעך, דורך אַ באַפּעלערישן „מוז" פון געזעץ פון אַנטוויקלונג און קאָמפּליצירונג־פּראָצעס, וואָס קיין כוח קען נישט אָפּשטעלן. געזעלשאַפטלעך לעבן, עקאָנאָמיש אויפּפיר איז נישט קיין שטייאיקער וואַסער. עס פליסט און אין פלוס צייגן זיך פאַרשיידענע שטראָמען און שטראָמעלעך.

געבערוויכנדיק דעם פריער־געניצטן סימבאָל פון לייטער מיט זיינע שטאַפּלען, וואָלטן מיר זאָגן, אַז דער אונטערשטער שטאַפּל נעמט עפּעס,

מעשה מאָדנעם נס, ווערן שוואַנגער און דערנאָך שטאָפּלט ער זיך אָפּ. און ווען ער באַווייזט אָט־דעם ווונדער, אָדער סאָציאָלאָגישן קונץ נעמט ער זיך הייבן אַרויף מיט די פאַרשווינען, וואָס שטייען אויף אים, אַזוי אַז מיט דער צייט, ס׳איז מעגלעך, וועט ער אַריבערשטייגן דעם גאָר הויכן שטאָפּל און ווערן אפשר גאָר דער העכסטער — אַזוי אַז עס שאַפט אַ טשיקאַווע קאָמ־פּליצירטע פאַרהעלטעניש צווישן די נידעריק־שטייענדיקע און די הויך־שטייענדיקע און די, וואָס ציען זיך אַרויף פון סאַמע ממעמקים, פון סאַ־מע אונטן צו דעם גאָר געהויבענעם אויבן.

אָבער איידער וואָס־ווען, בעפאָר מיר נעמען פאַנאַנדערוויקלען דעם סיוזשעט ווען מיר מאַכן אַ פּאָר אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן אונדזער ליטעראַטור בכלל.

## ב.

# אברהם דער איקאָנאָקלאַסט

שווער צו זאָגן געננוי פאַרוואָס, אָבער אַזוי האָט זיך עס ביי אונדז איינגעשטעלט, דריי אבות פון יידישן שטאָם: אברהם, יצחק און יעקב.

אברהם איז אַ איקאָנאָקלאַסט, ברעכט די געצן פון זיין פאָטערס הויז, פון זיין משפּחהשער טראַדיציע, פאַרוואַרפט די פאַרגאַנגענהייט, גייט זוכן אַ נייעס לעבן אין אַ ניי צוגעזאָגט לאַנד. און אַליין ווערט ער איינגאַנצן אַ צוזאָג, אַן אָנזאָג. ער קריגט אַ צוזאָג פון אַ סך קינדער, וואָס וועלן זיי ווי דאָס זאַמד אויפן ברעג פון ים און ווי די שטערן אין הימל, אָבער לעת־עתה איז ער איינער אַליין, און האָט אַפילו קיין איין קינד אויך נישט. און ווען זיין ווייבל שרה נעמט שוין קינדלען איז ער שוין אַלט און זי נישט יונג, און דער גאַנצער דור, וואָס זיי שטעלן עס אויף, באַשטייט פון איין זון, און דער זון איז גאָרנישט אַזאַ גערעטענער. אָבער דער צ ו ז אָ ג איז גרויס, ווען אַפילו די פולפילונג לעת־עתה איז קליין. די הבטחה איז קאָלאָסאַל און מ׳לעבט מיט אָט־דער גרויסער האָ־פענונג, אַז אַלע וועלן זיך בענטשן מיט אים.

ווי געזאָגט אברהם איז אַן אויפבראָך, ער נעמט טרעטן און אויס־טרעטן אַ נייעם וועג. ער איז אַ שטאַרקע פערזענלעכקייט, פול מיט ווילן און ענערגיע און אויפברויז, און האָט, וואָס איז דער עיקר, איניציאַטיוו:

ער נעמט שאַפן אַ נייעם נוסח, אַ נייעם שטייגער פון לעבן, אַ נייעם דרך, וואָס זאָל דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַלע, וואָס וועלן נאָכפאָלגן. און נאָכ־פאָלגער וועט ער האָבן אַ סך, גאָר אַ סך. מיט אַנדערע ווערטער, אברהם איז אַ נאָוואַטאָר, אויפטועריש, אָריגינעל און ער פאַרוואַרפט דאָס אַלטע, איינגעזעסענע, איינגעשטאַנענע און דעריבער אַ היפּש ביסל צוגעשימל־טע. מיט איין וואָרט, אברהם פאַרהאַלט זיך קריטיש־נעגאַטיוו צו די אַל־טע פאָרמען פון לעבן. ער איז אַן אַרונטעררייסער. מען קען נישט בויען קיין נייעם בנין סיידן מען רייסט אַרונטער דעם אַלטן בנין, ווייל קיין ליידיק פּלאַץ, פרייער באָדן איז נישט פאַראַן. און אַז מען וויל אויפשטעלן אַ נייע געביידע, מוז מען מאַכן, קודם־כל, פּלאַץ פאַר איר. אַזוי אַז דער גייסט פון צעשטערונג איז אַן אויפבויענדיקער גייסט. אין נעגאַטיוו ליגט אַ גרויסער פּאָזיטיוו. אַ באַיאָונג דאַרף פאַראויסשיקן אַ גרויסע פאַרניי־נונג. און פאַרניינונג מיינט אָנווייזן חסרונות, קריטיקירן. די כוונה איז אַ פּאָזיטיווע, אַ בויענדיקע, אָבער זי הייבט אָן זיך אַרויסצוצייגן אין אַ נעגאַטיוו. מען מוז איינוואַרפן, צעברעכן, אַן אַלטן רעזשים כדי איינצו־פירן, עטאַבלירן אַ נייעם איינשטעל. און וואָס גרעסער דער פּלאַן, דער פאַרמעסט צו בויען, אויפצושטעלן אַ ניי געבוי, אַלץ טיפער גייט אים פאַראויס דאָס אונטערגראָבן, אונטערמינעווען. ווייל אַזוי־ערנאָך ווערט דורכגעפירט די צוגרייטונג פאַר דעם אָוועקלייגן פון דעם פונדאַמענט פאַר דעם נייעם בנין. וואָס העכער ער וועט זיין, אַלץ טיפער דאַרף זיין איינגעצעמענטירט דער יסוד, די באַזע, אויף וועלכער ער וועט זיך האַלטן.

און אַזוי טוט אברהם. ער באַשניידט דאָס ווילדפלייש פון געדאַנק, פון געזעלשאַפטלעך לעבן און אַפילו פון מענטשן גופא. ער שניידט אומ־רחמנותדיק און באַשניידט. זיין בונד איז אַ בונד פון צווישן שטיקער, אַ ברית בין הבתרים, און אַ ברית־מילה. די וועלט פאָדערט אַ תיקון, דעם מענטשנס באַנעם פאָדערט אַ תיקון, און דער מענטש גופא פאָדערט אויך אַן אָפּעראַציע. אברהם איז אַ כירורג, און אַ כירורג טאָר נישט זיין ווייכ־האַרציק. ער דאַרף קענען האַלטן אַ מעסער אין האַנט, און אויסשניידן אַלץ, וואָס איז שעדלעך, צעפוילט.

ג.

# יצחק דער לאַכער און אָפּלאַכער

גאָר אַנדערש איז זיין זון יצחק. דער נאָמען אַליין זאָגט שוין עדות וועגן זיין מהות. יצחק מיינט ער וועט לאַכן, אָדער פרייען זיך. און אַנ־שטאָט אַ ביטערער קריטיק פון פאַרדעמדיקן לעבן קומט בלויז אַן אָפּ־לאַכן... ער קומט, צו אַ געוויסער מאָס, אויף אַלעם פאַרטיקן, דער דרך, דער שניט איז שוין דאָ. מען דאַרף בלויז פאָרזעצן. אָבער פאָרזעצן ווי אַזוי? ברעכן געצן? זיי זיינען שוין צעבראָכן און קיין גרויסע גליקן זיינען פון דעם נישט אַרויסגעקומען. ריכטיקער די געצקעס זיינען איינגעבראָכן אָבער נאָך נישט אינגאַנצן צעשמעטערט, צעדרויזגעט. און דאָס דאַרף גע־טאָן ווערן, אָבער ווי אַזוי? אויפן טאַטנס שטייגער מיט רוגזא, מיט פאַר־ביסנקייט, מיט מאָנעניש, מיט שטרענגקייט? דער טאַטע האָט גאָרנישט געמאַכט אַזאַ גרויסן דערפאָלג מיט זיין מעטאָד, אַז מען זאָל אים נאָכ־טאָן, פונקט אויף דער האָר. פאַרוואָרפן דעם טאַטנס וועג? דאָס אַוודאי נישט, ווייל דער טאַטע איז געווען גערעכט, אין לעבן איז פאַראַן אַזוי־פיל, וואָס מען דאַרף באַזייטיקן. אָבער דער כירורגישער מעטאָד פון טאַטן, וואָס שניידט און טוט ווי איז שיער נישט דערגאַנגען צו דעם, וואָס ער האָט דעם גאַנצן יצחקן, דעם אייגענעם זון, נישט פאַרשניטן, ווען אַ מלאך מישט זיך נישט אַריין און ראַטעוועט אים נישט, און שטעלט נישט אָפּ די שניידנדיקע האַנט. אָט־דער מעטאָד איז צו האַמעטנע, צו רעוואָלוציאָ־נער, צו אויפברעכעריש און אויך צו אָפּשרעקנדיק. איז ווי זאָל ער זיך פירן, וואָס זאָל ער טאָן? יאָ גיין אין די וועגן פון גרויסן טאַטן און דאָך כאַפּט אים אָן אַ פחד און אַ ציטער; דעם טאַטנס כוונה און ציל איז געווען ריכטיק און גוט, אָבער דער אופן, דער מעטאָד וועלכן ער האָט געברויכט, די מיטלען וואָס ער האָט אָנגעווענדט בכדי צו דערגרייכן זיין ציל זיינען צו האַרב, האַרט און כמעט געפערלעך, פּראָהיביטיוו. איז וואָס זאָל ער טאָן? ער איז אין אַ פאַרלעגנהייט, ער וואַקלט זיך צווישן אַ יאָ און נישט... ער איז ווי אויף משקולת. און די פאַרלעגנהייט נעמט צו ביי אים די אי־ניציאַטיוו, די אַגרעסיוויקייט. ער וועט נישט שניידן מער. זיינע קינדער „באַשניידט" ער נישט... און די אומבאַשלאָסנקייט מאַכט אים אויסזען בלאָס, כמעט כאַראַקטערלאָז. ווייל ער טאָמעוועט זיך. ער עסט זיך אויף

פון אינעווייניק. זיין ענערגיע, אַ סך פון איר, גייט אַוועק אויף אינערלעכע קאַמפן, אויף צווייפלען און טראַכטן און איבערטראַכטן.

זיכער זיינען דאָ נאָך אַ סך געצן אין לעבן, דאָס לעבן איז פאַרעבודה־זרהט. אָבער ברעכן און שטעכן, צעשטערן און אַרונטערררייסן? ניין, דאָס וועט ער נישט טאָן. ער האָט מורא אַז ברעכנדיק די געצן, וואָס זיינען אַריינגעמויערט אין די ווענט פון הויז, זאָל ער נישט איינוואַרפן איין וואַנט, און אַ צווייטע וואַנט, און נאָך די ווענט זאָל זיך נעמען וואַקלען דער סופיט, דער פּולאַפּ, די סטעליע, און דער דאַך — און אַזוי וועט איינפאַלן דאָס גאַנצע הויז. און וועט ער דען האָבן גענוג כוחות אויפצושטעלן אַ ניי הויז? דער טאַטע איז געווען איינגעגלויבט אין זיך, אין די צוזאָגונגען, די ליכטיקע, די פינקלדיקע. דער טאַטע איז געווען אַ גרויסער מאמין. ער קווענקלט. ער גלייבט נישט אַזויפיל אין זיינע בויענדיקע כוחות, דערפאַר האָט ער מורא זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ דרייסט און אַנטשלאָסנקייט מיט דער צעשטערנדיקער אַרבעט.

ניין, ער איז נישט קיין אברהם, קיין בייזער שניידנדיקער קריטיקער. ער וועט זען באַזייטיקן די געצן נישט מיט אַרונטערררייסן, מיט באַקעמפן זיי מיט אַ האַק אין האַנט, ער וועט בלויז אָפּלאַכן, מאַכן חוזק פון געץ און געצנדינער. ער וועט לאַכן, אָפּלאַכן און זיי וועלן אַלע מיטלאַכן — און גענעזן פון זייער עבודה־זרהשער קראַנקייט. ער האָט אַ ניי רפואה, אַ נייע שיטה אין סאָציאַלער מעדיצין — לאַכן. ער הייסט דאָך יצחק. אין לאַכן, אין פרייד פון שפּאַס, אין הומאָר, אויף אַ לייכטן וועג וועט ער, אפשר, דערגרייכן דאָס וואָס זיין פאָטער האָט געוואָלט דערגרייכן מיט זיין גרויסן און סאַטירישן ערנסט. ער וועט אַזויפיל לאַכן, שפּאַטן, ביז דער אָפּגעשפּאָטער וועט ווערן אַ מיט־אָפּלאַכער, אַ מיט־אָפּשפּאָטער און אַזוי־אַרום פּרובירן מיט די אייגענע הענט און אייגענעם ווילן באַזייטיקן אַלדאָס נעגאַטיווע, חלאתדיקע, וואָס אין זיין לעבן, טראַכטן, אויפפיר, האַנדלען.

געבענטשט זאָל זיין הומאָר, דאָס איז אַ טייערער אינסטרומענט, עס שעכט און בלייבט גערעכט, ער זאָגט אַריין, און קיינער פילט זיך נישט געטראָפן, קיינער באַליידיקט זיך נישט. ווייל עס איז דאָך, נאָך אַלעמען, מער נישט ווי אַ שפּאַס. עס איז דאָך נישט ערנסט. מען מיינט דען עפּעס? עס איז בלויז אַ חוזק. לאַכן איז געזונט.

דאָס איז יצחקס וועג. ער לאַכט און זאָלן אַלע זיך האַלטן ביי די

זייטן, זיך קאַטשען פון געלעכטער — און אַלץ וועט זיך איינאָרדענען, זיך איינשטעלן ווי געהעריק... לאַכנדיק וועט דאָס אַלטע פאַרגיין, און דאָס נייע וועט אויפקומען. לאַכן איז אי רעגן און אי זון. ער וועט צעאַקערן און פאַרזייען דאָס יידישע לעבנס־פעלד מיט טרערן און וואַרטן אויפן שניט, וואָס וועט קומען שפּעטער מיט פרייד פון געזאַנג. ניין, ער וועט פאַרזייען די נייע זריעה לאַכנדיק, און אַזוי וועט עס געדייען און וואַקסן, און ער וועט קומען צו שניט, אַלץ מיט דעם געזאַנג, וואָס רייסט זיך אַרויס פון פולן מויל פון געלאַך.

ד.

## יעקב בויט אַ בית־יעקב

זיין זון יעקב איז אַ צוריקוואָרף צום זיידן. עס איז אַ שפּיצל פון אַטאַוויזם. ער איז שטאַרק, ענערגעטיש, אונטערנעמעריש, און אויפברע־כעדיש, ווי דער גרויסער זיידע. ער שטייט נישט אין מיטן און וואַקלט זיך. ער איז באַשטימט און אַנטשלאָסן. אָבער נאָכטאָן דעם זיידן? דאָס זיכער נישט. ער זעט נישט די גרויסע גליקן, וואָס האָבן זיין זיידן גע־טראָפן. ער וועט טאָן וואָס דער זיידע האָט געטאָן, אָבער אויף אַן אַנדער שטייגער. ער וועט שאַפן אַ משפחה. אַן אַ משפחה אַן אייגענער, אַ צע־צווייגטער — וועט זייער שטאַם אומקומען. ער וועט אויסהאָדעווען קינ־דער וואָס וועלן גיין אין זיינע וועגן און אין די וועגן פון גרויסן זיידן. און ווי שווער דאָס זאָל אים נישט אָנקומען, מוז עס געטאָן ווערן, ווייל דאָס איז דער איינציקער וועג.

און ווען ער וואַנדערט אַוועק, גייט ער נישט זוכן ווילד־פרעמדע נאָר אייגענע... ער אַרבעט שווער, ער שקלאַפט. ער נאַרט זיך אָפּ, מען נאַרט אים אָפּ. אָבער דאָס מיינט גאָרנישט. ער זוכט נישט קיין לייכטע ניצחו־נות. ער גלייבט אין זייער גרויסער צוקונפט אַלס דער גרינדער, דער אויפשטעלער פון אַ הויזגעזינד. נחת פון אייגענע קינדער וואָס האַלטן אָן די טראַדיציע — איז דער גרעסטער נחת.

ער איז נישט קיין שפּאַסער, קיין אָפּשפּעטער. ער איז אויך קיין באַקעמפער פון געצן, פון פרעמדע געצן. ער וויל זיך פאַרטיפן אין זיך, שאַפן אַן אייגענע סביבה. אויפשטעלן אַ דור, און פון דור וועלן קומען

דורות. ער נעמט זיין אויפגאַבע זייער ערנסט. ער וועט ווייזן אַביישפּיל, צייגן מוסטערס, און זאָלן אַנדערע נאָכטאָן אויב זיי ווילן.

ער הייסט יעקב. ער איז אויסגעהאַלטן און גייט טריט ביי טריט. ער וועט באַזייטיקן די געצן, פון אייגענעם הויז זיי אַרויסשמייסן. און דאָס איז גענוג.

דער זיידע האָט זיך אָפּגעריסן פון אַן אַלטער טראַדיציע, פאַרלאָזן זיין פאָטערס הויז. ער גייט אַליין ווערן די נייע טראַדיציע, שאַפן אַ היים. גענוג צו זיין אַ פרעמדער, גענוג צו וואַנדערן, און אַרבעטן אויף יענעם. ווי נאָר ער אַרבעט זיך אַרויף אַזוי ציט אים אַהיים. ער קערט זיך אום. ווייל ער איז נישט אַוועק פון פאָטערס הויז בכדי צו זוכן גליקן אין דער פרעמד, ער איז געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן, צו פאַרלאָזן זיין אייגעזעסן פלאַץ, בלויז צייטווייליק.

דער זיידע איז געשטאַנען צופיל „אינדרויסן”. זיך אָנגענומען פאַר פרעמדע, ווייל ער האָט קיין אייגנס נישט פאַרמאָגט.

ער מוז שאַפן אַן אייגענע אומגעבונג. און אויב דאָס קען נישט אויפגעטאָן ווערן אַזוי שנעל, וועט ער גיין פּאַמעלעך. מעג ער אַפילו אונטערהינקען, ער וועט אָבער אָנקומען. יעקב פאַרמאָגט אַ סך ליבע צו די אייגענע, צום ענגן קרייז. אָבער ליבע טאָר מען צופיל נישט צעוואַרפן, צעשטרויען, ווייל דעמאָלט, אין אַ צו ברייטער צעשפּרייטקייט זעט זיך עס נישט אָן. ער איז נישט בלויז אַ טאַטע צו די קינדער; ער איז טאַטע און מאַמע און ברודער און שוועסטער זייערער.

## ה.

# מענדעלע דער חסרונות־אָנצייגער

אָבער נישט מיט די חומש־פּאַטריאַרכן גייען מיר זיך דאָ פאַרנעמען. מיר צילעווען אין די אבות פון דער יידישער ליטעראַטור. און די ביבלישע פאָרטרעטן האָבן מיר בלויז געבראַכט אַלס פּראָטאָטיפּן און סימבאָלן.

די אָנגענומענע קלאַסיקער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור זיינען דריי אין צאָל. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אָפּשטעלן זיך דווקא אויף

די דריי, דהיינו: מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און י. ל. פּרץ, איז אַ היפּש ביסל אַרביטראַריש.

מענטשן לעבן, ריידן, דענקען, ווען זיי טוען דענקען, מעשה טשערע־דע־מיטגלידער. און שרייבער אין אָט־דער הינזיכט זיינען שוין, אפשר, צופיל מענטשיש און מענטשלעך, און מסתמא האָט ביי עמיצן זיך אַרויס־געכאַפּט פון אונטער דער פּען אָט־דער טריאַ־אָנצייג ווי די הויפּט־שאַ־פערס פון היינטיקער יידישער סעקולאַרער „תורה שבכתב״, — און די גאַנצע עדה שריפטשטעלער האָבן עס אונטערגעכאַפּט, און עס איז אַוועק אַ סדרה, און אָט־דער דריילינג איז אָנגענומען געוואָרן צו באַצייכנט ווערן אַלס די דריי הויפּטזיילן, אויף וועלכע עס האַלט זיך דער גאַנצער בנין.

בכלל האָבן מענטשן ליב זיך אָנצוקלאַמערן אָן באַשטימטע עטלעכע נעמען, און זיך צאַצקען מיט זיי, זיך שפּיגלען אין זיי, און אָנקווועלן פון גרויס נחת; און אַזוי־אַרום באַעוולהן די איבעריקע מיטצייטלער פון די אנשי־השם. זיי טוען עס גאַנץ אָפּט, פּשוט דערפאַר, ווייל אַזוי איז באַ־קוועמער פאַרן זיכרון. טראָגן אַ סך נעמען אויפן קאָפּ איז אַ צו שווערע משא; און וואָס לייכטער איז דאָך בעסער. וואָס ווייניקער באַגאַזש איי־נער שלעפּט מיט, אַלץ גרינגער קומט אים אָן די נסיעה: מען קען זיך מיט ווייניקער שווערקייטן אַרויפכאַפּן אויפן באַן און אַראָפּשפּרינגען, ווען דער ווילן איז דאָ דערביי. עס איז נישט אַזאַ הכבדה צו בייטן דעם מאַרשרוט, אַריבערגיין פון סטאַנציע צו סטאַנציע. מיט דריי פּעקלעך, נישט מער אויף די פּלייצעס, אָדער מיט איין פּעקל מיט דריי קניפּלעך, מיט די דריי אבות פון ליטעראַטור, צי טאַקע געלייענט אַלץ, וואָס זיי האָבן געשריבן, צי בלויז אַ לעק געטאָן, אַ שמעק געטאָן פון זייערע שאַ־פונגען, איז עפּעס פיל לייכטער דעם שנעל־פּוסיקן גייער, פאַרער אָדער גאָר רייטער זיך געבן אַ מאַרשיר דורך אַדורך דעם ליטעראַטור־פעלד פון עק צו עק.

ווי דאָס זאָל נישט זיין און צוליב וואָס דאָס זאָל נישט זיין, אָבער עס איז שוין געוואָרן ביי אונדז אַזאַ מינהג; און אַ מינהג ברעכט אַ דין. און מיר וועלן נישט פאַרברעכן קעגן מינהג, און וועלן זיך האַלטן ביי דעם „מזומן״, ווען מירן גיין בענטשן „ברכת־המזון״ נאָך דער ליטעראַרישער סעודה.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די דריי קלאַסיקער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

מענדעלע, „דער זיידע“ איז, אַזוי צו זאָגן, דער אברהם פון ספר בראשית. ער שטעקט מיט אַ שטאַרקן קאָפּ און שטייט מיט אַ געזונטן פוס אין דער השכלה־עפּאָכע. מיט דעם מיין איך צו זאָגן, אַז ער איז אַ געצן־ברעכער, אַ טראַדיציע־שטייגער פאַרשוועכער. ער איז געקומען אָנצייגן חסרונות, קריטיקירן, אָנווייזן אויף פעלערן, מיחושים און מומים. מיט איין וואָרט, מענדעלע שרייבט ווי איינער, וואָס האָט גענומען אויף זיך אַ שליחות.

אין וואָס באַשטייט זיין שליחות? אין וועקן דעם עולם, קלאַפּן טרעוואָגע, שטראָפן מיט שאַרפע דיבורים. זאָגן מוסר דעם איינצלנעם יידן און אויך דעם יידישן קהל, דער געמיינדע און אַפילו דעם כלל־ישראל.

„וואָס־זשע קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער מי און פון זיין גאַנצן דענקען, אויב ער ברענגט דערמיט קיין נוצן נישט זיין פאָלק, די דאָזיקע פראַגע: פאַר וועמען מי איך זיך, — האָט מיך נישט געלאָזט רוען און געבראַכט אין גרויס פאַרלעגנהייט...“ (מענדעלע מוכר ספרים, אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען).

און נוצן ברענגען קען מען בלויז דאַדורך, וואָס מ׳לערנט דאָס פאָלק, מ׳צייגט אים אָן, אַז זיין שטייגער לעבן טויג נישט און עס זאָל זען עס צו ענדערן צו בעסער.

מענדעלע גיט בילדער פון לעבן, פון דער סביבה, זיי זיינען היפּש נעגאַטיווע. ער ווייזט אָן די שאָטנס און דווקא די דיקע, שווערע שאָטנס. ער טוט עס מיט אַ מיין דערביי, אַז דער עולם זאָל איינזען, אַז מען דאַרף גאָר אַפּולע ענדערן אין יידישן לעבן. הן אין יחידישן אויפפיר און הן אין דער קהלשער הנהגה, אין דער פאַרוואַלטונג פון די געמיינדע־אַנשטאַלטן, און אין דעם סאַמע געבוי פון די דאָזיקע אַנשטאַלטן.

די נעמען פון די שטעטלעך וואָס ער באַשרייבט און „באַשרייט“, זאָגן עדות וועגן זיין באַציאונג צו זיי: גלופּסק, קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע; גלופּסק איז פון רוסיש און עס מיינט אַ נאַראָנים־שטאָט, קאַבצאַנסק איז גענומען פון העברעאיש און עס מיינט אַ קבצנים־ישוב; טונעיאַדעווקע איז, ווידער, רוסיש און עס מיינט ליידיקגייערײ, פּוסט־און־פּאַסניקעווען. אָט איז אַ בילד פון גלופּסק:

„...דעם צעבער און די טעפּלעך גיסט מען אויס פונקט אַנטקעגן טיר, קומען חזירים און באָדן זיך ביזן האַלדז אין בלאָטע און צעגראָבן דאָס געדיכטע אַרום און אַרום און האָבן תענוג. הייבט זיך, ברוך־השם, אַ געשמאַקער ריח און זעצט אין נאָז אַריין.

אַז עס קומט אַמאָל אַ סטראַזשניק, אַ צדיק און הייבט אָן דולדן אַ מוח, ס'זאָל זיין ריין, פֿאַרשטאָפּט מען אים דעם פּיסק מיט אַ טרונק בראָנפן און אַ שטיקל חלה... אַז ער טשעפּעט זיך זייער שטאַרק, גיט מען אים אַ שטיקל געהאַקטע פֿיש, אַנגעפּילט מיט ציבעלעס און מיט קנאָבל, ווערט ער גאָר ווייך, ווי אַ פּוטער, און אַלצדינג בלייבט ביים אַלטן". (צוריק אַהיים, באַנד פֿינף, ז. 14, נ. י. 1949).

עס איז טשיקאַווע צו דערמאָנען, אין צוזאַמענהאַנג, וואָס טאָמאַס באַקל דערציילט אין זיין ווערק „די געשיכטע פֿון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד" (1857־1861). ווען עס איז אַרויס די „גזירה", אַז מ'זאָל אָפּ־רייניקן די שמיטעניקעס, וואָס האָבן זיך געפֿונען פֿון הינטן און פֿון פֿאָרנט פֿון כמעט יעדן הויז אין לאָנדאָן, האָט דער עולם געמאַכט אַ „וויצעקו", אַז איצטער וועט זיך אָנוואַרפֿן אַ מגיפֿה אויף דער שטאָט. לויט זייערע דעמאָלטיקע השגות האָט אָט־דער שמוץ און מיסט פֿאַרהיט פֿון עפּידע־מיעס. אַ טייל דאָקטוירים האָבן געהאַלטן מיטן עולם...

איר ווילט אַ בילד פֿון יידישן חדר? אָט האָט איר עס אין אַ פּאָר שטריכן; און איר זעט דעם ניוואָ פֿון דער פּ ע ד אַ ג אָ ג י ק פֿון די מלמדים:

„...האָט דער רבי מיט דעם עלטערן באַהעלפֿער איבערגענומען דעם גאַנצן עטאַפּ קליינע אַרעסטאַנטעלעך, און זיך גענומען צום שמייסן, איך [דער יינגערער באַהעלפֿער] האָב באַדאַרפֿט דערלאַנגען ריטער און האַלטן פֿאַר די פּיסלעך. אָפּגעשפּיליעט און גע־לייגט אויפֿן בענקל האָט דער רבי מיט זיין כבוד אַליין." (דאָס קליינע מענטשעלע, באַנד איינס, ז. 35, 1946).

וואָס זיינען די פֿאַרהעלטענישן וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט אין גלופּסק צווישן די העכערע און נידעריקע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג? אָט האָט איר אַ געמעלעכץ:

„...איך האָב דערזען אַ באַקאַנטן נפֿש פֿון יענע פֿיינע בריות, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין גלופּסק מיט פֿינף פֿינגער אַרויפֿצושלאָגן זיך אויף אַ מויער, און אויף נאָך אַ מויער, און דאָס אַלץ נעבעך פֿון כשרע יידישע מטבעות, פֿון כשר יידיש שווייס און בלוט... דער שיינער מענטש, דער פֿיינער בריה, איז געשטאַנען די הענט אַרונטער, דאָס היטל פֿאַררוקט אַרויף, דער שטערן האָט געשוויצט און געבויט גרויסע פּלענער, און אַרום אים האָבן זיך, ווי קנעכט, אונטערטעניק, אַרומגעדרייט אָרעמע יידלעך, נעבעך, געקוקט אים, ווי געטרייע הינט, אין די אויגן אַריין, געוועזן גליקלעך מיט זיינס אַ שמייכעלע און געציטערט פֿאַר אַ בייזן קוק..." (די קליאַטשע, פֿאַרעדע, באַנד צוויי, ז. 8, 1946).

אָט אַזוי פֿאַרהאַלט זיך עס דער אַרבעט־געבער צו דעם אַרבעטער, דעם שכיר־יום זיינעם.

## וואָס איז מכוח אָרעם און רייך?

„...זיי האָבן שוין ביי אונדז אַרויסגעצויגן דעם קליי פון די ביינער, מיר ליידן, מיר ווערן פאַרשוואַרצט, מיר עסן נישט קיין פליייש, מיר האָבן שוין אַ פּנים ווי די רוחות און קענען שוין מער נישט אויסהאַלטן... זיי זיינען רייך, זיי זיינען גבאים... און די גאַנצע שטאָט איז ביי זיי אין די הענט... זיי האָבן שתדלנים, וואָס נעמען גרויסע זשאַלאָוואַניעס [געהאַלטן] פון אונדזער בלוט, פון אונדזער געלט און באַגראָבן אונדז נאָך צען איילן אין דער ערד, הכלל דער מלאך־המוות שעכט און בלייבט געדעכט... דאָס איז אַ קול פון אָרעמע לייט, פון גויטבאַדערפּטיקע, פון בעלי־מלאכות, און פון דער־שלאָגענע מענטשן, וואָס מען דושעט זיי ווי קעץ...״ (די טאַקסע, דאָרט, ז. 156).

## און וואָס איז דער אַלגעמיינער פּאָרטרעט פון יידישן לעבן אין די שטעטלעך?

„...מיר חלומט זיך נאָר בעטלערס, פאַר מיינע אויגן שוועבט תמיד אַ טאָרבע — די אַלטע, גרויסע יידישע טאָרבע הענגט מיר תמיד... וווהין איך זאָל מיך נישט קערן און ווענדן, זע איך פאַר מיר די טאָרבע...

אוי, אַלץ די טאָרבע, די יידישע טאָרבע!״ (פישקע דער קרומער, באַנד דריי, זז. 14—15, נ. י. 1947).

אין אונדזער געמייזעכץ, ווי מענדעלע האָט אים געזען, האָבן זיך געווידמעט געגנוג שקצים און רמשים און סתם פּאַראַזיטן פון כל המינים שהוא, און מ׳האָט געדאַרפט זיי אויסרייניקן, מאַכן אַ סוף פון דעם אַלעם. די יידישע גאַס האָט געדאַרפט זען פּטור ווערן פון זיי, ווי פון פּלויט, ווי פון אַ נגע צרעת, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין הויז, אין דעם יידישן הויז, און טאַקע אויך ווי אַ קרעץ וואָס צעפרעסט דאָס לייב פון יחיד. און מ׳האָט געדאַרפט עס וואַשן, שמירן, היילן... צוואָגן און גוט אָנמידלעווען...

ו.

ווי אַזוי דער יידישער לייענער האָט אויפגענומען אָט־די קריטיק.

עס איז אינטערעסאַנט אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט־דעם דעטאַל אָנ־צוצייגן, אַז זייער אַ סך בעלנים האָבן זיך באַוויזן צווישן אונדז אויף אָפּ־צוחוזקן פון יידישן אַלט־פאַרפונדעוועטן ביבלישן און תלמודישן „אתה־בחרתנו״. זיי האָבן, אַפּנים, אינגאַנצן פאַרגעסן, אָדער זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, אָדער טאַקע מיט אַ כיוון פאַרקוקט די טאַטזאַך, אַז מיט דעם

פאַרבלענדנדיקן ליכט פון „אתה בחרתנו‟, דאָס איבערנעמען זיך מיט דער אויסדערוויילטקייט, איז מיטגעגאַנגען זיין לאַנגער און דיקער שאָטן, און דאָס איז דער „אשמנו מכל עם, בושנו מכל דור‟, „מיר זיינען מער פאַרשולדיקט, ווי וועלכעס עס איז אַנדער פאָלק, מיר דאַרפן זיך שעמען פאַר יעדן דור‟, אָדער דעם נביאס גרימצאָרנדיקער פאָרוואורף, אַז מיר זיינען „סדום און עמורה‟ (ישעיה א׳, י׳; ירמיה כ״ג, י״ד); אָדער דעם חומשס עפּיטעט, וואָס איז אַ זידל־באַצייכענונג, „עם קשה עורף‟, אַן האַרט־נעקיק פאָלק (שמות ל״ב, ט׳; דברים ט׳, ו׳) און נאָך און נאָך שימף־צונעמענישן, וואָס ווערן געוואָרפן אונדז אין פנים אַריין נישט נאָר פון די נביאים, אַפילו אויך פון די חכמי־התלמוד, וואָס זיינען דווקא אַ סך פיל אָפּגעהיטער פון די נביאים אונדז יידן, חס־ושלום, נישט פוגע־בכבוד־זיין, ווייל מיר זיינען גענוג געשלאָגן און געשטראָפט, און וואָס מיר נייטיקן זיך איז אין אַ גוט וואָרט, נישט אַ בייז וואָרט. פון דעסט־וועגן באַצייכענען זיי אונדז אויך ווי „עזים שבאומות — ישראל‟, דריי חצופים זיינען דאָ אויף דער וועלט: צווישן חיות איז עס דער הונט, צווישן עופות — דער האָן, צווישן פעלקער — ישראל‟ (שמות רבה, פרשה י״ב, סוף פרשה). אַזוי אַז מען האָט אונדז נישט נאָר געגלעט אי־בערן קעפּל, נאָר אויך געקניפּט, גערימט אָבער נישט ווייניקער געשיי־געצט, געמוסרט, געמאַכט אויסצודרייען, געבענטשט אָבער נישט וויי־ניקער, און אפשר מער, געשאָלטן מיט טויטע קללות, געפלוכט און געקאָ־רענייעט, אַז איין טאַטע אין הימל זאָל זיך דערבאַרעמען.

לכן, ווען דער משכיל איז געקומען מיט זיין מוסר־זאָגן, מיט זיין רייסן און בייסן פון אונדז שטיקער, מיט זיין מאָנען, פאָדערן, האָבן שטאַר־קע טענות, מאַכן באַשולדיקונגען און פאָרוורפן, האָט דער ייד אים גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און עס גענומען פאַר ליב. קיינער האָט זיך נישט גע־פילט געטראָפן אָדער באַליידיקט פון משכילס „ויצעקו‟. וואָרן וואָס האָט דער מגיד דען געטאָן, נישט כסדר געהאַלטן אין איין זאָגן מוסר, שרייען, געוואַלדעווען און בייזערן זיך? און מגידים, ווי אַ שטייגער, דער קעל־מער, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויפן עולם צוהערער מיט ווערטער־פויסטן און אַפילו מיט פסוקים פון דער תוכחה, זיינען געוואָרן פּאָפּולער און, אַפילו, שטאַרק באַליבט. ווייל דער צוהערער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז דעם מגידס כוונה איז אַ גוטע, ער וויל דעם וואָס האָט זיך אַראָפּגעשלאָגן פון וועג, אומקערן צום דרך הישר, אַרויספירן אויפן ריכטיקן שליאַך. ער־

האָט גאַנץ גוט באַגריפן, אַז „די תורה ברענט“ אין מוסר־זאָגער, אין „מוכיח־בשער“ פלאַקערט אַ הייליקער פייער, „אייפערזוכט פון השם צבאות“, און דאָס פייער, וואָס קומט פון הימל, וועט אויסברענען דעם פסולת, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין די נשמות און הערצער פון יידישן עולם. אַ מענטש איז אַ זינדיקער, פול מיט פלעקן און מ׳דאַרף אים כסדר רייניקן.

מיט דער אייגענער פאַרשטענדעניש און רעכט־פאַרטיקונג, צידוק־הדין, האָט מען אויפגענומען די קריטיק און פאָרווורפן, וואָס דער משכיל האָט געמאַכט. די קריטיק אַלס אַזעלכע איז געווען אָנגעלייגט, אָפּגעשאַצט. אין כעס זיינען אויף אים געווען די, וואָס האָבן געהאַלטן אַז ער איז אומגערעכט, אַז ער צייגט נישט אָן אויף חסרונות, נאָר גאָר אויף מעלות, אַז ער וויל עוקר־זיין איינגעוואָרצלטע געוויקסן, וואָס גיבן נע־רונג פאַר דעם יידנס זעל, און נישט די דערנער, וואָס האָבן זיך צעלייגט און צעשפרייט אין יידישן ווייגאָרטן. אָבער אַז מען דאַרף יעטען און אויסוואָרצלען ווילדע געוויקסן, אויף דעם האָבן אַלע מסכים געווען. נישט אויף דעם דראַנג פון משכיל צו צעשטערן און אויסרייסן אַלס אַזעלכעס איז דער פרומער, אַלטמאָדישער ייד געווען מלא־חמה. נישט אויף דעם, ווייל ער האָט דאָך עס כסדר געטאָן. און ווער איז גרעסער פון אַ נביא? ווי האָט געזאָגט ירמיה גלייך אין זיין ערשטער דעקלאַראַציע? ווי שטעלט ער זיך פאָר? נישט אַנדערש ווי אַ נביא אַ פאַרניינער, אַ צעשטערער. „זע, איך האָב דיך אָנגעשטעלט היינטיקן טאָג איבער די פעלקער און איבער די קיניגרייכן אויסצורייסן און איינצוואַרפן, און צו פאַרדאַרבן און צו צעשטערן“, און ערשט דערנאָך „צו בויען און צו פלאַנצן“ (ירמיה ט״ו, י׳).

דער ייד, ווי טראַדיציאָנעל און קאָנסערוואַטיוו ער זאָל נישט האָבן געווען, האָט גאַנץ גוט באַגריפן, אַז אַ סך זאַכן אין זיין לעבן זיינען זייער ווייט פון דעם, וואָס זיי דאַרפן זיין. איז וואָס איז דאָ פאַראַן צו ווערן אויפגעבראַכט אויפן קריטיקער, דעם חסרונות־אָנווייזער, איבערהויפּט נאָך, ווען ער טוט עס מיט דער בעסטער אָפּזיכט צו פאַרריכטן וואָס עס לאָזט זיך נאָר פאַרריכטן.

מיט דעם טאַקע דערקלערט זיך וואָס מענדעלע איז אַזוי גוט אויפגענומען געוואָרן פון יידישן לייענער־פובליקום. מ׳איז געווען באַגייסטערט פון אים און פאַר אים. ער איז געווען באַליבט און טייער־געהאַלטן.

קיינעם איז גאָר אויפן זינען נישט אַרויף אים צו באַשולדיקן אין בייז־ווילקייט און פיינטשאַפט צו יידן פאַר זיין שאַרפער און ביטערער קרי־טיק, צייטנווייז קאַריקאַטור און גראָטעסק, וואָס ער האָט געגעבן אין זיינע שילדערונגען און פאָרטרעטן פון דער יידישער קהילה און אירע פאָרשטייער, די „בעלי־טובות״.

ז.

## דער „השיבנו נאָזאָר״

דער משכיל איז געקומען מיט זיין געשריבן וואָרט נישט ווי גלאַט אַ פּאַרוויילער, אַן אונטערהאַלטער. ער איז נישט געווען קיין צושטעלער פון אנגענעמע פלוידערייקעס, שוועצרייען. ער האָט גענומען זיין וואָרט זייער ערנסט. פריילעך־מאַכעריי איז אַן עסק פאַר אַ בדחן, פאַר אַ וויצ־לינג, אַ חכמות־זאָגער. דער משכיל האָט געגעבן זיין תורה, ווען זי האָט אַפילו פּרעטענדירט צו זיין שיין־שרייבעריי, מיט דונערן און בליצן. דער משכיל איז געווען אַ באַוואָפנטער קריגער, אַן איש מלחמה. זיינע שיל־דערונגען זיינען געווען אַ געווער, זיין „שווערד און בויגן״. זיין טינטער, וואָס האָט געהייסן „קסת סופרים״, דער משכיל האָט דאָך געשריבן ס׳רוב העברעאיש, איז ביי אים געווען אַ „קשת״, אַ בויגן; זיין בויגן פּאַפּיר אויף וועלכן ער האָט געשריבן איז געווען אַן אָנגעצויגענער בויגן און די ווער־טער זיינע זיינען געווען בפועל־ממש פיילן, שאַרפע פיילן, און ער האָט זיי געשאָסן אין ציל אַריין, אויך געטראָפן טאָקע אין סאַמע פּינטל, און טאָקע פאַרוואונדעט דעם שונא, דעם פינצטערלינג, דעם שווינדלער, דעם ראַבירער, דעם צבועאַק, דעם וואָס באַגנבעט און באַגזלט קהל, די אָרע־מעלייט, די יתומים, די אלמנות, די דינסטמיידלעך, — אויב ער איז נאָר געווען אַ געשיקטער און געאיבטער שיסער. ער איז געווען אי אַ „ספרא״ און אי א „סייפא״, אי אַ שרייבער, אַ פען־מענטש אי אַ קעמפער, אַ שווערד־מענטש.

השכלה האָט אָבער געהאַט אַ טיילווייזן דורכפאַל. זי האָט זיך גע־נומען פון דעם, וואָס די תיקונים, רעפאָרמען, וואָס דער משכיל האָט זיך אַזוי פלייסיק געמיט דורכצופירן וואָס־אַמשנעלסטן, האָבן נישט אַרויס־גערופן די אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען צום גוטן אין דער אויסערלע־

כער נישט־יידישער סביבה. מיט איין וואָרט, די אויסערלעכע אומגעבונג האָט זיך בישט אָפגערופן, האָט נישט רעאַגירט אַזוי גינציק ווי די משכי־לים האָבן פאַרלאַנגט און זיך באַטראַכט ווי פולבאַרעכטיקט צו דער־וואַרטן. און דער אויפגעקלערטער עולם און טאַקע דערהויפּט די אויפ־קלערער אַליין, די פאַרשפּרייטער פון וויסן צווישן די פאָלקס־מאַסן האָבן זיך דערפילט טיף באַליידיקט און פאַרדריסלעך אַנטוישט, אָבער דאָך נישט פאַרצווייפלט. יעדנפאַלס די משכילים האָבן געביטן דעם פראָנט, דעם אידעאָלאָגישן איינשטעל זייערן. אַן איבערבראָך איז פאָרגעקומען. זיי האָבן זיך געכאַפּט אַז מ׳טאָר זיך נישט צופיל אַריינלאָזן אין קריטיק, ווייל דאָס ברעכט דעם גאַנצן יידנשאַפט־בנין. ווען מ׳פאַרנעמט זיך מיט בלויז חסרונות־ און פעלערן־אָנווייזן, שאַפט זיך ביי אַ טייל יידן מיט בילדונג אַ פאַרלאַנג אינגאַנצן צו אַנטלויפן פון דעם יידישן געזינדל, פון יידישן לעבן. עס נעמט זיי אויסזען, אַז דאָרטן, אין דער גרויסער נישט־יידישער וועלט, איז אַלץ לייטישער, און זיי פּרובירן זיך אַריבערכאַפּן איבער דער גרענעץ, אַפילו ווען עס קומט זיי אָן עס צו שוואַרצן. און אַ ס י מ י ל אַ צ י ע רייסט זיך אַריין, און אויב נישט קיין פולשטענ־דיקע אַסימילאַציע, וועלכע קומט אָן זייער שווער, מחמת די פרעמדע סביבה האָט גאָרנישט אַזוי גערן די אַריבערגעלאָפענע — איז אימיטאַ־ציע. מ׳פאַרוואַרפט אַלץ וואָס איז אייגן, אַפילו ווען עס איז שיין און דערהויבן, מ׳פאַרוואַרפט עס דערפאַר בלויז, וואָס דאָס איז אייגן, און וויבאַלד אייגן, קען עס נישט גוט זיין. ווייל די חשיבות פון גאַנצן יידישן לעבן און שאַפן אויפן גאַנצן שטח איז געמינערט געוואָרן, נישט מחמת גייסטיקער נידערשטעליקייט, נאָר פאַרקערט, צוליב דער דערהויבנקייט, צוליב דעם, וואָס עס איז העכער און מאָראַלישער ווי ביי די באַלעבאַטים־פעלקער, צווישן וועלכע דאָס יידנשאַפט געפינט זיך, ווי צווישן פיינטלע־כע שכנים. אַזוי אַז דער האַלב־אויפגעקלערטער, אָדער שלעכט־פרעמד־פיינטלעך אויפגעקלערטער, ווערט אויסגעליידיקט פון זיין אייגנאַרטיקער שעפערישקייט. ער ווערט אַ וואָלוועלער נאָכמאַכער, נאָכבאָמקער, ער וויל אַז אַלץ זאָל אין יידישן דענקען און פילן אַרויפגעצויגן ווערן אויפן גוי־אישן קאָפּול.

די עכטע משכילים, דערזעענדיק עס, האָבן זיך היפּש דערשראָקן און עס האָט זיך דערהערט דער רוף „השיבונו נאַזאַד!“, זאָל מען אַ קי־רעווע טאָן דעם דישל און נעמען זיך אויסקירעווען מיט פערד און וואָגן

צום יידן, צו יידישער קולטור און אָריגינאַליטעט, נישט אַרויסוואַרפן דאָס יידיש געראָטן קינד בשעת מען גיסט אויס די שמוציקע וואַסער אין וועלכער מען האָט אים נאָר־וואָס אויסגעבאָדן און גוט אויסגעזייפט.

## ח.

# „שלום עליכם" איז דאָס „טעמפּאָ"

דער בייט אין אידעאָלאָגיע האָט געמוזט האָבן אַ דירעקטע ווירקונג אויף דער ליטעראַטור.

ווי אויבן געזאָגט, מענדעלע האָט אָנגעהויבן זיין שרייבערישע קאַריערע ווי אַ משכיל, און ער האָט פאָרגעזעצט אָט־די טראַדיציע כמעט דורך אַלע זיינע ווערק. ער ציינט אָן די פלעקן אויפן מלבוש פון יידישן לעבן און באַמיט זיך וויזן אַ וועג ווי זיי אַרויסצונעמען.

ווען דער משכיל איז אַריבער פון נעגאַטיוו צום פּאָזיטיוו, וועלכער ביי פילע האָט זיך אויסגעדריקט אין ציוניזם, אין פאַרלאַנג איבערצובויען דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויף אינגאַנצן אַלט־נייע יסודות, איז ער נישט מיטגעגאַנגען. מענדעלע איז קיין ציוניסט נישט געוואָרן און אויך נישט קיין הונדערט־פּראָצענטיקער גלותיסט. ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אַז דאָס יידישע לעבן דאַרף נישט אידעאַליזירט ווערן, נאָר געשילדערט ווערן רעאַליסטיש מיט דער כוונה אַרויסצורופן אַ פאַרלאַנג איינצופירן שינויים פון אַ משכילישן און סאָציאַלן, עקאָנאָמיש־פּאָליטישן כאַראַקטער.

מיטן אַוועקגיין פון משכיליזם און אויפקום פון צוויי נייע ריכטונגען: ציוניזם און סאָציאַליזם, איז די ליטעראַטור אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר נייע פּראָבלעמען, אויפגאַבן און טענדענצן. מען דאַרף אָנשלאָגן אַ נייעם טאָן, נעמען אַ נייע ריכטונג, איז ווער זאָל עס טאָן? ווו איז די מאַיעסטעטישע פיגור, וואָס זאָל אויף זיך נעמען די ראָל פון אָנווייזער פון אַ נייעם דרך אין וואָרט־שאַפן, אין דער שיינער ליטעראַטור?

די פיגור האָט זיך נישט באַוויזן, אָדער האָט זיך נישט געאיילט צו גיין צום עמוד און אַ פּאַטש טאָן און אָנהייבן זאָגן אויפן קול „מה טובו אהליך, יעקב"... „ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן, יעקב"...

קומט אָן שלום עליכם מיט זיין הומאָר. דער „יצחק", דער פריילעך־מאַכער, דער לאַכער...

קריטיקירן, רייסן פּאַסן פון יידישן לעבן, אָנהאַלטן די טראַדיציע פון משכיל האָט מען מער נישט געקענט, דער פּראָנט האָט זיך געביטן, די שטימונגען האָבן זיך געביטן. קיין נייע אויסגעאַרבעטע ליניע איז נישט געווען, קיין אויסגעטראָטענער וועג איז נישט צו זען. איז וואָס דאַרף מען פּאָרט טאָן? מען קען דאָך נישט בלייבן שטיין. מען מוז מאַכן אַ צוג. די געשיכטע בכלל און פון ליטעראַטור אריינגערעכנט שטייט נישט און וואַרט אויף קיינעם נישט. דאָס שפּיל אויף די ברעטלעך מוז אָנגיין, אָבער דער טעקסט פאַר דער דראַמע האָט זיך געענדיקט. די סצענע טאָר נישט איבערגעהאַקט ווערן, די אַקטיאָרן דאַרפן שפּילן ווייטער, זיי ווייסן, אפשר, וואָס זייערע ראָלעס דאַרפן זיין, אָבער די דראַמע איז נאָך נישט אָנגעשריבן אין גייסט פון דער נייער צייט און נייעם פּובליקום פון לייענער און צושויער.

דאַרף מען מאַכן אַ „טעמפּאָ“, געווינען צייט. דאָס האָט געהייסן לאָזן זיך אויפן וועג פון הומאָר, וואָס איז אַ בין־השמשות באַשעפעניש, ער ליגט צווישן ערנסטן אַריינזאָגן, אַזוי אַז עס זאָל אַ שטאָך טאָן אַזש אין דער זיבעטער ריפּ, און האַלב־געמיינטן קאָמפּלימענטירן, אַזוי אַז באַ־ליידיקן זיך זאָל מען נישט קענען און זיך פילן געשמייכלט, דערהויבן אויך נישט. עס זאָל זיין נישט אינגאַנצן קלאָר, על כל פנים, געמיטלעך, קיין בייז בלוט, ווען אָנגעטראָטן אויפן גייסטיקן פוס, און קיין חניפה און אונטערלעקערייַ, ווען אַפילו אַריינגעוואָרפן אַביסל רימערייַ, תהילות ותשבחות, ווייל דער חוזק־טאָן שוואַכט אָפּ דעם טעם אי פון עסיק אָדער ווערמוט און אי פון לאַקרעץ אָדער סאַכאַרין.

הומאָר איז צו אַ געוויסער מאָס נישט אַהער און נישט אַהין. ער איז, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, נייטראַל. וואָס עס לאָזט זיך נישט זאָגן אין ערנסט צוליב חשש פון פּוגע־בכבוד־זיין, קען מען זאָגן אין אַ הלצהלע; אויף קאַטאָוועס איז אַלץ רעכט. אין שפּאַס קריגט יעדער שפּרוך און זאָג לייכט זיין פּאַס און לאָזט זיך פאָרן, פאַרפאָרן יענעם. אַ שפּאַס באַפרייט זיך, צו אַ געוויסער מאָס, פון דעם צוואַנגרעקל פון „פּי־רוש המילות“, פון דער קלעם אין וועלכער דער פּשוט־טייטש פון די ווער־טער האַלט זייער מיין און אויסנזיין. אַ וואָרט איז אַ תפיסה, אין וועלכער עס זיצט פאַרקאַרצערט אַ מיין, אַ פּשט, און ער וויל זיך אַרויסרייסן און אַרויס אויף דער פרייער וועלט. פון די הייליקע ווערטער פון דער הייי־ליקער שריפט, די תורה, האָט זיך דער פּשוטער טייטש געריסן מיט כל־

הכוחות און זיך קוים אַרויסגעריסן, כאָטש אַ צעניזוקטער, מיט דער הילף פון דרוש און דרש, צי נגלהדיקן, צי מיסטיש־קבלהשן, נסתרדיקן, אַבי אַרויס פון געפּענגעניש און נישט וואַרטן ביז דאָס לשון וועט זיך מרחם־זיין און בייטן בכלל זיינע טייטשונגען פון די אַלטע ווערטער, וואָס דאָס איז „פאַלג מיך" אַ וואַרטן...

און אויב נישט קיין דרש און נישט קיין נסתר, איז דער בעסטער באַפרייאונגס־מיטל — הומאָר. אין הומאָר בייט נישט דאָס איינציק וואָרט זיין טייטש, אָבער דער „אַנסאַמבל" זיינער, דער זאַץ, אָדער די זאַצן רייסן זיך אַרויס פון דער ענגשאַפט פון בוכשטעבלעכן פּאַרטייטש.

שלום עליכם האָט זיך באַזעצט אין דער נייטראַלער זאָנע. ער איז אַוועק פון אַלטן משכילס טראַדיציע פון נעגירן דעם אַלט־פרענקישן יידישן פאָלקסוועג, ער איז אָבער נישט אַריבער צו זיין קעגנזאַץ פון נעמען עס פּאָזיטיווירן, אָננעמען אים פאַר גוט און רעכט, געבן אים אַ נייעם הכשר, ווערן ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק זיין אַפּאָלאָגעט. מיט איין וואָרט, שלום עליכם איז נישט געווען קיין קטיגור, ער איז אָבער אויך נישט געוואָרן קיין סניגור.

ט.

## יידיש לעבן קען נישט זיין קאָמיש

אַזאַ ליניע אין אַ ליטעראַטור, ווי בכלל אין לעבן, קען לאַנג נישט אָנהאַלטן. ווי לאַנג קען מען זיך וויגן צווישן צוויי ריכטונגען און זיין אַזוי גוט באַלאַנסירט, אַז מען זאָל צו קיין איינער פון זיי זיך נישט צו־פיל צונויגן? מען מוז, סוף־כל־סוף, נעמען אַ שטעלונג און אַ פעסטע, יעדנפאַלס אַ באַשטימטע, פאַרנעמען אַ פּאָזיציע, אַרויסקומען מיט קלאָ־רע דיבורים און נישט זיך וויצלען, זיך חכמהנען אין בילדער, אין שילדע־רונגען, אַזוי אַז דער לייענער זאָל זיך כסדר האַלטן ביי די זייטן און שיער נישט פּלאַצן פון געלעכטער.

חוץ דעם איז דאָס „הומאָריסטעווען" ביי יידן געווען כמעט אינ־גאַנצן אויסן פלאַץ. אמת, דאָס לעבן האָט געהאַט אַ סך קאָמישע זייטן, געווען צעהויקערט, צעדרייט, אַזוי אַז דאָס בילד האָט אויסגעזען זייער לעכערלעך ווען אויבערפלעכלעך באַאָבאַכטעט. אָבער דאָס איז נאָך ווייט

נישט אַלץ און נישט דער עיקר. אַ גוסס זעט אויס אַזוי קאָמיש, הן מיט זיין משונה׳ם כאָרכלען, הן מיט זיין גלאָצן מיט די אויגן, וואָס נעמען אים אַרויסקריכן פון די לעכער, הן מיט די צעווירטע, צעפּלאָנטערטע ליניעס קאָנטורן פון קערפּער. דאָך וועט קיינעם וואָס איז אַנוועזנדיק, שטייט דערביי ביי דעם טויטן־בעט, קיינמאָל נישט איינפאַלן, אַז ער בייוווינט אַ קאָמישע סצענע. דער טראַגיזם פון מענטשלעך אומפאַרשטענדלעך לעבן, וואָס ווערט איבערגעהאַקט אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען, דער ריס, וואָס צערייסט דעם קנופּ צווישן די לעבעדיקע און טיילט דעם גוסס אָפּ פון אַלע די, וואָס זיינען אים טייער און וועמען ער איז ליב, איינגע־וואָקסן אין נשמה, פאַרשטעלט דעם קאָמיזם פון דער סיטואַציע. און קיי־נער זעט אים נישט. און ווײַבאַלד קיינער זעט אים נישט, איז אָט־די לע־כערלעכע לאַגע כמעט ווי נישט בנמצא. זי איז נישט קיין טייל פון דער אמתער, טיפער אויפגענומענער ווירקלעכקייט.

דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע דעם יידישן לעבן. ווי צעדרייט און צעלאָמט, ווי צעקריפּלט, אָן הענט און אָן פיס, ער זאָל נישט האָבן געוועזן אונטער דער פּרעס פון רוסישן צאַריזם מיט דעם ענגן שטייג, וואָס האָט געהייסן דער „תחום פון באַזעצלעכקייט״ — איז ער געוועזן אין העכסטן גראַד טראַגיש און באמת העראָאיש. אַ שעפּסעלע צווישן די ציין און נעגל פון אַ חיה רעה, וואָס נישט נאָר לאָזט זי זיך נישט אַראָפּשלינגען, נאָר ראַנגלט זיך קעגן וואָלף, און האָפט זיך אַרויסרייסן און צערייסן דעם וואָלף.

דאָ איז שוין גאָר קיין קאָמיזם נישט געווען. איבערהויפּט צווישן די יאָרן פון אָנפאַנג דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען דאָס שעפּסעלע האָט זיך אָנגענומען מיט איבערנאַטירלעכן דרייסט, מוט און קאָמפּלוסט.

אויסערדעם, אין יידישן גלות־לעבן, ווי חושבדיק עס איז נישט גע־ווען דורך די לאַנגע יאָרן, איז געווען איינגעפּלאָסטערט דער טייערסטער דימענטשטיין, און דאָס איז די וויזיע פון אויסלייזונג, אייגענע אויסליי־זונג און די אויסלייזונג פון דער וועלט. און וואָס איז, אפשר, נאָך פיל וויכטיקער, דאָס באַוווסטזיין, אַז דאָס יידישע לעבן גופא, אָט־די עקשנות, וואָס בייגט זיך נישט אונטערן דרוק פון דער פרעמדער סביבה, פון דעם בעל־גוף, וועלכער באַטראַכט זיך אַלס דער אייגנטימער פון דעם באָדן, פון דער טעריטאָריע, אויף וועלכער דער ייד און זיין געמיינדע און אויס־געשפּרייטער נעץ פון געמיינדעס געפינט זיך, און מהאי טעמא מיינט ער,

אין זיין גויש׳קער פאַרריסנקייט און פאַלשן געצנדינערישן באַנעם, אַז ער האָט אַ רעכט אַרויפצוצווינגען אויפן יידן זיין לעבנס־שטייגער, זיין שטאַט און אויפפיר, זיין לשון און זיינע ווערטן, אַנטהאַלט אין זיך אַן אָנזאָג וועגן אַ גרויסן און ווייטן אידעאַל פון אָפּשאַפן די גרענעצן פון די לענדער־מלוכות און דערלויבן יעדן פאָלק זיך איינאָרדענען לויט זיין פאַרלאַנג, געשמאַק, פאַרשטאַנד און אייגענער טראַדיציע פון פאָלקסוועגן.

אַ לעבן פון אַזאַ אומדערמידלעכן קעמפער, אַזאַ איינציקער, איין־איינציקער, אַ בן־יחיד ביי דער געשיכטע, מאַרטירער, קען בשום אופן נישט אויסזען קאָמיש. ער קען נישט ווערן, נישט געקוקט אויף זיינע טביהס די מילכיקע און פליישיקע, זיינע מנחם־מענדלס, זיינע נאַרישע מלמדים, און נאָך און נאָך, קיין אָביעקט פון חוזק.

און שלום עליכמס ליניע האָט זיך לאַנג נישט געקענט ציען. מיט אים פערזענלעך האָט זי זיך געענדיקט. אַפילו ער אַליין האָט אויך גע־וואָלט אַריבער אויף אַנדערע רעלסן, ערנסטע. נאָר ער האָט עס נישט גע־קענט באַוויזן, ווייל הומאָר איז געוואָרן ביי אים אָרגאַניש צונויפגע־וואַקסן מיט זיין טאַלאַנט אַלס שרייבער.

נישט מענדעלע, אברהם, נישט שלום עליכם, יצחק דער לאַכער, האָבן אויפגעשטעלט אַ הויז אין ישראלס ליטעראַטור, איך מיין האָבן געשאַפן אַ משפּחה, נאָכפאָלגער, תלמידים, שרייבער וועלכע האָבן זיך אויפגעהאָ־דעוועט אונטער זייער השפעה, אין דער וואַרעמקייט פון היימישקייט און ענגן קרייז פון אייגענע, וואָס זיי האָבן אַרום זיך געשאַפן. מענדעלע האָט עס נישט געקענט באַווייזן מחמת דעם, וואָס זיין עפּאָכע מיט איר אידעאָ־לאָגיע איז אַוועק, שלום עליכם מחמת דעם, וואָס זיין דרך איז געווען בלויז הוראת־שעה, אַ צייטווייליקע איבערגאַנגצייטלעכע דערשיינונג.

## י.

## י. ל. פּרץ און זיין „חדר“

דאָ קומט י. ל. פּרץ.

לייבוש פּרץ, אין זיינע רייפע שאַפונגען, איז דער פּוללייביקער און פּולבלוטיקער אַנטי־משכיל. ער האָט גענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דעם אַלץ, צו וואָס דער משכיל האָט זיך באַצויגן מיט ביטול, האָס און

פּאַראַכטונג. די שמע, וועלכע דער משכיל, דער „טריפהנער אַפּיקורס", האָט אַ שמיץ געטאָן אָן דר'ערד און דערצו נאָך געטראָטן מיט די פיס, האָט פּרץ מיט גרויס יראת־הכבוד, אָדער דרך־ארץ, אויב נישט מיט עכ־טער פרומקייט, אויפגעהויבן פון דר'ערד און עס געכאַפּט קושן ווי אַ דבר שבקדושה, אַ שטיק הייליקייט, וואָס דאַרף גיין אין ארון־קודש אַריין, ווי ברוכוואַרג פון די לוחות, אָדער אויף גניזה, קומען צו קבר־ישראל. פּרץ איז געווען דער אַנטיטעזיס, די נעגאַציע פון דער השכלהשער נע־גאַציע.

דער משכיל האָט געשאָטן פּעך און שוועבל, ווי אויף סדום און עמורה, אויף די קעפּ פון די חסידישע רביים, וואָס פאַרפירן דאָס פאָלק, דעם „עמך", מאַכן דעם עולם ווילד און נאַריש, שטאָפּן זיי אָן די קעפּ מיט דעם שטרוי פון אַבערגלויבערייען, דערפירן זייערע חסידים געפּער־לעך נאָענט צום ראַנד פון געצנדינסט־תהום, מיט זייער אמונת־צדיקים קומען זיי פּאַזע קאַטאַליציזם מיט זיין פאַרגעטערן דעם פויפּסט, פאַר־שטעלן דעם צוקום צו גאָט מיט אַ גאַנצער שמירה פון הייליקע, קאַנאָני־זירטע קדושים. ער האָט אויך נישט געשאָנעוועט די רבנים, די קנאים, די ווילדע פרומאַקעס, ביי וועמען עס איז רעכט געווען אומצוברענגען אַ גליקלעך פאַמיליע־לעבן צוליב דעם שפּיץ פון יוד, וואָס האָט זיך אָפּ־געבראָכן פון אַ נאָמען אין אַ גט, מאַכן אַ תל עקאָנאָמיש פון אַן אָרעם הויזגעזינד צוליב אַ גערשט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּסחדיקער יויך, דאָס זיינען צוויי אָנגעזעענע פּאָעמעס פון י. ל. גאָרדאָן. ביי פּרצן איז סיי דער חסידישער רבי און סיי דער רב אַרויסגעקומען אין גאַר אַן אַנדער געשטאַלטיקונג. ער איז אַוועק אַזוי ווייט פון משכילישן טאָן און נוסח פון שילדערן אַז אין פילע פון זיינע בעסטע שאַפונגען איז ער אַריינ־געפאַלן אין אַ זשאַנער, וואָס פּאַסט גיכער פאַר האַגיאָגראַפיע ווי פאַר סעקולערער שיין־ליטעראַטור. ערטערווייז פילט זיך אין זיינע שריפטן דער צוגאַנג פון איינעם, וואָס שרייבט אַן אמתע אָדער היפּש־דורכגעלע־געגעגנדאַריזירטע ביאָגראַפיע פון אַ הייליקן, פון אַ נזיר, אָדער אַ מאָנאַס־טירן־בויער און אָרדן־גרינדער.

דער משכיל האָט איבערגעטריבן, אויסערהאַלב פון יעדער פּראָפּאָר־ציע, דעם נעגאַטיוו פון יידישן שטייגער־לעבן, פּרץ האָט איבערגעכאַפּט די מאָס פון דעם פּאָזיטיוו. דער אמת, דער קונסט־אמת ווי אויך דער

לעבן־אמת ליגט אין מיטן פון אַט־די צוויי עקסטרעמען, פון די צוויי רעכ־טע און לינקע ראַדיקאַלעכצן.

און י. ל. פרץ, ווי יעקב אבינו פון אונדזער ליטעראַטור, האָט גע־שאַפן אַ הויז, געבויט אַ פאַמיליע, דערצויגן שרייבער, זיי געהאָדעוועט, זיי געלערנט די תורה פון „שם ועבר", אָבער נישט ווייניקער מיט זיי געקנעלט די תורה, וואָס ער האָט געלערנט אין בית־מדרש פון יפת.

אַזוי אַז פרץ האָט געשאַפן תלמידים, גייסטיקע קינדער. אין זיינע שריט, ווי בשעת זיין לעבן אַזוי נאָך זיין הסתלקות, איז אַוועק אַ גאַנצער חדר שרייבער, וואָס האָבן אים נאָכגעטאָן, אָנגעהאַלטן זיין טראַדיציע. זיי האָבן געקיצלט און געגלעט, אידעאַליזירט, אַפּאָטעאָזירט דאָס יידישע לעבן אין דעם קליינעם שטעטל. עס איז כמעט דערגאַנגען צום שאַפן אַ מין חניפה־ און קאָמפּלימענטן־ליטעראַטור. מען האָט זיך געפּאַטשט אין די בייכלעך און געשריען מיט גרויס הנאה און קעלבערנער התפעלות: שי־שו, בני מעי! פרייט זיך מיינע געדערים! אַלץ איז ווויל און גוט אין אונ־דזערע העק־שטעטלעך, קיין זאַך איז נישט פאַרפוילט אין אונדזער דענ־מאַרק.

אין אונדזער ליטעראַטור בלוט־שטראָם האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו־פיל צוקער. אַלץ איז אַזוי פאַרצוקערט, אַז די ליטעראַטור אין געוויסע פאָרמען אירע איז געוואָרן אַ דיאַבעטיק־פּאַציענט...

זינט י. ל. פרצן האָט מען פאַרקירעוועט אויף ריינעם, איבערגעטרי־בענעם ראָמאַנטיציזם און פסעוודאָ־חסידיזם. און אַט־די איבערטרייבונג, זיך באַרימען און זיך רימען און אָננעמען אַלץ פאַר גוט און שיין און וויכטיק, טוט אונדז פיל מער שאַדן, ווי די איבערטרייבונג פון די משכי־לים, דהיינו בראַנדשטעטער, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין געפינען חטאים און חוטאים און זיי צונעגלען צום שאַנדסלופּ.

פאַר אַ פאָלק איז פיל געזונטער, ווען מ׳ווייזט אים אָן אויף דאָס מיאוסע, אומגערעכטע און פאַרדאָרבענע אין זיין לעבן, איידער ווי מען פאַרנעמט זיך מיט זינגען אים דיפיראַמבן, זאָגן און נאָכזאָגן שבחים און פרעפּלען פסעוודאָ־הללס און פאַלשע גרילצנדיקע הללויהס.

לעצטנס האָבן זיך אייניקע דערעדט אַפילו צו דעם אַבסורד, אַז אונ־דזער חושכדיק לעבן אין אונדזער שטעטל האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אידעאַלע פאָרם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז געווען אַזוי שיין און ריין פון זינד און שולד, אַז ווען דער פאַרצייטיקער נביא אונדזערער,

וואָס האָט אַזוי בייז און ביטער געשמיסן דאָס לעבן פון די אַמאָליקע יידן אין זייער לאַנד, וואָלט זיך באַוויזן אין אונדזער שטעטל און זיך צוגעקוקט צו אונדזערע אינסטיטוציעס, וואָלט ער נישט געפונען קיין זאַך קעגן וואָס ער זאָל קענען אויסזעצן, און פאָדערן מען זאָל עס אָפּשאַפן אָדער פאַרריכטן.

עפּעס אַ קלייניקייט אונדזערע שטעטלעך! עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם פּלאַץ ווו דער הקדש האָט זיך געפונען, אָדער גאָר דעם געהייצטן אויוון אין בית־המדרש, און איבערהויפּט זיין רחבותדיק הינטערלאַנד... וואָס האָט געדינט ווי אַ מין מיניאַטור פון אַ „הכנסת־אורחים״־שטיבל אָדער אַ מקום־מקלט, כאָטש נישט קיין מקום־מנוחה פאַרן שטאָט־משוגענעם, וואָס איז אַרומגעגאַנגען קרוע־בלואה, אַ הונגעריקער און די קונדיסים האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך אים, געוואָרפן מיט שטיינער, מיט בלאָטע, אָדער מיט גאָמעלקעס שניי, אַלץ אין הסכם מיט די סעזאָנען פון יאָר... און נאָך און נאָך... און די וואַנט אָדער פאַרקאַן, וואָס געפינט זיך אויפן בית־מדרש־הויף, וועלכן דער אויבן שוין דערמאָנטער יל״ג האָט פאַראייביקט אין זיין באַשרייבונג; פון איר איז אויפגעגאַנגען דער ריח־ניחוח ביז צום הימל, כמעט ווי פון יענעם באַרג פון מילות וואָס דער מדרש, באמת אַ טשיקאַווער מדרש, באַשרייבט אין אַזעלכע אויסטערלישע אימאַזשן הנקרא חזית... (מדרש שיר השירים, ד׳). דער פיזישער קויט, דער אידעאָלאָגישער שימל און די פליעשנע פון קאָנסערוואַטיזם, וואָס האָט געדריקט צום דערשטיקט ווערן; די פאַראַכטונג צו מלאכה און צום בעל־מלאכה מצד פון פראָצענטניק און גאָלדענעם זאַק, אין וועלכן קיין גאָלד איז אויך נישט געווען, און די זיידענע יונגעמאַנטשיקעס און גלאַט־ליידיקגייער, קהלשע קליאַמקעס מכל המינים, און שנאָרערס און לופט־מענטשן. הכלל קיין פגימות און קיין סירכאות האָבן זיכער נישט געפעלט. אַ טייל פון זיי זיינען געקומען דירעקט ווי אַרויפגעצווונגענע פון דרויסן, פון די אומגעהויער שווערע אומשטענדן אין וועלכע מען האָט געהאַלטן די יידן אין זעלבסטהערשנדיקן רוסלאַנד, וואָס האָט פאַרכאַפּט ליטע, פוילן און אוקראַינע און די באַלטישע געגנטן, ווו גרויסע יידישע באַפעלקערונגען האָבן זיך געפונען; אַ טייל זיינען אויסגעוואַקסן אויפן אייגענעם באָדן און באַמיסטיקט געוואָרן מיט מענטשלעכער רשעות און סתם פאַרדאָרבנקייט, פון וועלכער קיין געמיינדע האָט לעת־עתה נישט באַוויזן זיך צו באַפרייען, און אין וועלכער דער פּאָליטישער איינשטעל

האָט זיין חלק, אָבער זיין ווירקונג איז אומדירעקט. דער ראָמאַנטיציסט אָבער האָט קיין זאַך נישט געוואָלט זען, אויסער זיין טרוים, זיין מאָדנע, אינגאַנצן נישט קיין רעאַליסטישע פאָרשטעלונג וועגן די לעבנס־פאָרמען פון יידישן געטאָ.

## יא.

# דער פּראָלעטאַרישער „אתה בחרתנו"

מיטן אויפקום פון סאָציאַליזם, וועלכער איז אַריינגעדרונגען אין דעם יידישן געסל ריין און אַבסטראַקט אַלס טעאָריע און אַ באַשטרעבונג גע־בראַכט פון דרויסן — הגם דער דרויסן האָט זיך דווקא געפונען בנוגע דעם פרט היפש אונטער דער ווירקונג פון יידישן פּראָפעטיזם און בענק־שאַפט נאָך אמת און יושר אין מענטשלעכע באַציאונגען — האָט זיך גע־נומען באַווייזן, מיט אַ היפשער פאַרשפּעטיקונג, אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף דער סטרוקטור פון יידישן לעבן, אויף דעם גאַנצן שטייגער לעבן.

אַט־די דערשיינונג האָט זיך געמוזט אָפּשפּיגלען, קריגן איר רעפּ־לעקסיע אין דער שיינער ליטעראַטור. און זי האָט עס געקראָגן אָן שווע־ריקייט. דער יידיש־לייענער בכלל האָט דאָך באַלאַנגט עקאָנאָמיש צו די בידעריקע שיכטן, און ווי ווייט האָט עס געהאַלטן פון נעמען ריידן שריפט־לעך צו אים ספּעציעל, צום בעל־מלאכה, האַנטווערקער אָדער געזעלן? האָט זיך גענומען אויספּיקן אַ פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור לשמה, מיטן טראָפּ געשטעלט אויפן שניידער, שוסטער, שמיד, טרעגער, בעל־עגלה, שמייסער.

סאָציאַליזם אין אידעאָלאָגיע האָט דאָך אייגנטלעך איבערגענומען דעם גאַנצן יידישן „אתה־בחרתנו", נאָר אַנשטאָט אים אָנצווענדן אויף אַ פאָלק, האָט מען אַט־דעם אייגענעם טעזיס פון אויסדערוויילטקייט גע־נומען אָנווענדן אויפן אַרבעטער, אַנשטאָט אַן עם קדוש, אַן עם סגולה איז געשאַפן געוואָרן אַ קלאַס־קדוש, אַ קלאַס וואָס האָט אַ ספּעציעלע מי־סיע וועלכע ער דאַרף דורכפירן. ער איז אויסגעקליבן דערפאַר. און דער אויסקלייבער איז איצט נישט קיין גאָט נאָר די געטין, די געשיכטע, און

איר אונטערגעטין אָדער ריכטיקער איבערגעטין, די מלכה פון דער מלכות, די עקאָנאָמיק.

פון די אַגיטאַציע־בראָשורן און דיקערע בענד, וואָס האָבן געאתה־בחרתנוט דעם פּראָלעטאַריאַט איז אָט־דאָס אתה־בחרתנון אַריבער צו דער שיינער ליטעראַטור, וועלכע האָט גענומען געבן ספּעציעל צוגעפּאַרב־טע בילדער, רעטושירטע און געמאָליעוועטע, באַשמינקעטע שילדערונגען. אין דער יידישער ליטעראַטור איז פאַרגעקומען דאָס אייגענע, דאָ איז עס גאָר לייכט געווען צו טאָן. אַבי דער הכשר איז געגעבן געוואָרן און דער טעזיס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן כלומרשט וויסנשאַפטלעך, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז דער משיח־קלאַס, דער אויסלייזער פון דער מענטש־הייט, האָט מען אינגאַנצן איגנאָרירט דעם פאַקט, אַז שיינע ליטעראַטור דאַרף זיך דאָך אָפּגעבן מיטן יחיד אַרבעטער, און פון קלאַס צום יחיד אַז מען גייט אַריבער טאָר מען נישט פאַרגעסן די דיסטאַנץ, וואָס טיילט אָפּ דעם איינצלנעם פון ציבור. ווייל בשעת מען רעדט פון אַ גאַנצן קאָלעק־טיוו, נעמט מען דעם דורכשניט, אויב מען איז באמת אָביעקטיוו, אויב נישט נעמט מען די בעסטע פאָרשטייער פון דער געמיינשאַפט און מען שטעלט זיי אַרויס פאַרן גאַנצן קלאַס, פאַרן גאַנצן פאָלק. אָבער שיינע ליטעראַטור דאַרף דאָך מאָלן דעם יחיד גופא, טאַקע אים, אַנישט וועט זיך דאָך נישט באַקומען קיין קאָנקרעט אמתדיק בילד. דער קאָלעקטיוו פון שטאַנדפּונקט פון קונסט איז נישט מער ווי אַן אַבסטראַקציע, אַ פאַר־אַלגעמיינערונג, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע עקזיסטענץ.

אָבער דאָס האָט מען איגנאָרירט. און די אַרבעטער־שילדערונגען זיינען געוואָרן כמעט ווי אַ מין שבחי הבעש״ט, אַנשטאָט צו שילדערן דעם אַרבעטער, האָט מען געשילדערט דעם „צדיק״ פון אַרבעטער־קלאַס. אַזוי אַז דאָס זעלבע זינגען שבחים און „אָפּרימען ביזן טאָג אַריין״ איז אָנגעגאַנגען ווי פאַר דעם, נאָר דעם אָביעקט פון די הימנען־זינגערייען האָט מען געביטן, אַנשטאָט ר׳ ישראל און כלל ישראל האָט מען איצט אָוועקגעשטעלט דעם אַרבעטער און אַרבעטער־קלאַס.

דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ רעכט ביסל לריעותא, צו ערגער. ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעדייט, איז דער יידישער „אתה בחרתנו מכל העמים״ געהאַמעוועט געוואָרן פון זיין אַנטיטעזיס „אשמנו מכל עם״. אויסער דעם איז ער בכלל געווען אייגנאַרטיק, ער האָט אַנטהאַלטן אין זיך אָריגינעלע עלעמענטן, וואָס האָבן עדות געזאָגט וועגן יידישער שע־

פּערישקייט, אינטעלעקטועלער אויפטוערישקייט, בעת בנוגע דעם אַר־בעטער־אויסדערווייל איז די גאַנצע זאַך געווען נאָכגעזאָגט, אימפּאָרטירט. עס איז געווען אַן אימיטאַציע פון אימיטאַציע. דער אָריגינאַל פון דעם אַרבעטערס אויסדערווייילטקייט איז געמאַכט געוואָרן לויט דעם ביבלישן מוסטער. און אויף דער יידישער גאַס איז עס נישט געקומען דירעקט פון חומש אַרויס, נאָר פון די וואָס האָבן עס גענומען פון חומש. און געבראַכט האָט מען עס מיט אַ קנעכטישער מה־יפית־זינגענדיקער נאָכגעביקייט, נישט נאָכגעקלערטקייט, מיט אַ פאַרגלאָצטער אַרויפקוקעניש צו די הויכע פענצטער, צו די פריציש, פּראַצע־פּריציש אידעאָלאָגישע פענצטער.

דער הויפּט־פּעלער פון ראַדיקאַליזם אויף דער יידישער גאַס איז דאָס וואָס ער איז נישט קיין יידישער ראַדיקאַליזם, נייערט אַ ראַדיקאַליזם ביי יידן. דאָס הייסט, אַז עפּעס פרעמדס, אַנטליענס האָט מען געבראַכט צושלעפּן. אַ נייער סאָרט „מיסיאָנערן" האָבן געבראַכט אַ נייע תורה. די ראַדיקאַלן האָבן נישט געשאַפן קיין איין יידיש־אָריגינעלן געדאַנק, זיי האָבן פּשוט נאָכגעבאַמקעט זייערע שכנים, זייערע נישט־יידישע „גענאָסן". זיי האָבן נאָכגעזאָגט פרעמדע תורה. ווי געטרייע חוזרס ביי די רביים, ווי גוטע פּלאַסטינקעס אויף אַ נייעם גראַמאָפאָן האָבן זיי איבערגעגעבן נישט נאָר די ווערטער פון די פרעמדע זאָגערס, נייערט אַפילו יעדן בייג און נייג, יעדע וויבראַציע פון דער שטימע. די ראַדיקאַלן אויף דער יידישער גאַס זיינען עפּעס ווי געשטראָפט געוואָרן פון אונדזער אל־קנא־ונוקם און זיי זיינען געוואָרן אָדער עקרס, אָדער סריסים, אָדער גלאַט אַזוי זיך אָן קיין שום כוח גברא. אַזאַ סטעריליטעט, רחמנא־ליצלן, האָט מען גאָר קיינמאָל נישט געזען אין דער יידישער קולטור־משפחה.

דער ראַדיקאַליזם אויף דער יידישער גאַס האָט נישט, צו אונדזער שאַנדע, צו זיין קרעדיט קיין איין אָריגינעלן ביישטראָג. ער האָט זיך גענערט מיט איבערזעצונגען אַפילו דעמאָלט ווען ער האָט כלומרשט פאַרפאַסט אייגענע ווערק.

און וויבאַלד נאָכגעמאַכט האָט מען דאָך געדאַרפט כאָטש עפּעס צוגעבן, כדי עס קונה־צו־זיין דורך אַ שטיקל שינוי, איז דער שינוי באַשטאַנען אין איבערטרייבעניש, אין מאַכן עס נאָך מער עקצעסיוו, עקסטראַוואַגאַנט, ווי עס איז געווען אויף דער ראַדיקאַלער גאַס ביי די אומות־העולם.

## יב.

# די קללה פון אַרבעט

צוליב וואָס שרייבן מיר עס? צוליב דעם וואָס ביי בימקאָן וועלן מיר דערזען דעם אַרבעטער אָן צופּוצונגען, אָן באַצירונגען פון שבחים, פון געפּעלשטע לויב־געזאַנג־טענער. דער אַרבעטער וועט זיך צייגן אָן אויס־געטאָנענער פון זיינע בגדי־כהונה, פון שטערן־באַנד און ברוסט־ברעטל מיט די דימענטשטיינער. בימקאָ צייגט, חס ושלום, נישט דעם אַרבעטער אין ניוד, אָדם־נאַקעט, ווי די מאַמע אינדוסטריע האָט אים געהאַט. דאָס נישט. ער איז אָנגעטאָן, אָבער בלויז ווי אַ מענטש, נישט ערגער און נישט בעסער. ער איז נישט פאַרשליירט ווי מ׳וואָלט אים כסדר האַלטן אין אונטערפירן צו דער חופּה, ער איז נישט אויסגעשטאַט אינגאַנצן טשאַק ווי ער וואָלט דאַרפן זיך גלייך שטעלן צו דער הייליקער עבודה.

קיינער איז אַזוי נישט בלינד ווי דער, וואָס לאָזט זיך אויסשטעכן די אויגן פון אַן אויסגעטראַכטער טענדענציעזער און ווייט נישט אינ־גאַנצן אומשולדיקער אידעאָלאָגיע, וואָס וויל דעם אַרבעטער איינריידן, אויב נישט קיין קינד אין בויך, איז אַ פייפעלע, אַ נאַכטיגאַל־שטים אין האַלדז...

די אידעאָלאָגיע אַליין האָט שוין פעטס ווייט איבער דער מאָס און די בעלעטריסטן האָבן עס נאָך באַגאָסן מיט גענדזענעם שמאַלץ אַ צאָל דיק... אַזוי אַז מען האָט עס שוין גאָר אינגאַנצן נישט געקענט נעמען אין מויל.

בימקאָ פוילט זיך נישט און ער צעשמעלצט דעם אָנגעגאָסענעם שמאַלץ און לאָזט אים אַראָפּרינען אַזוי, אַז מען זאָל דערזען דאָס רויע פליייש. ער טוט עס נישט אויף אייגענער אחריות, מיט די אייגענע הענט. ער אָנפאַרטרויט אָט־די שטיקל אומדאַנקבאַרע אַרבעט טאַקע אַ ברודער־אַרבעטער, און ער לאָזט אים פריי זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, איבערגעבן זיינע איבערלעבונגען, זיינע הויכע דערוואַרטונגען און טיפע אַנטוישונגען און דערשיטערונגען.

דער העלד הייסט בעני. ער איז בדאַי גרייט זיך אָפּזאָגן פון זיין טיטל און הויכן ראַנג — אַרבעטער. פאַרוואָס?

אַז איר וועט אים אַפילו נישט פרעגן פאַרוואָס, וועט ער אייך סיי־ווי דערציילן, וואָס באַוועגט אים צו מאַכן אַזאַ געוואַגטן שריט ווי אָפּ־

דאַנקען זיין גייסטיקע קרויין און טראָן, זיך אָפּזאָגן פון אַלץ, וואָס איז אים געווען אַזוי ליב און טייער. מיט איין וואָרט, בענקט האַלט ביי נעמען פאַרברענען דאָס צו וואָס ער האָט זיך, ביז נישט לאַנג צוריק, געבוקט.

„געשטאָרבן די מלאכה... און אויב איך לעב, קען איך מיך בלויז זעצן שבעה נאָך איר... נישט מער (קערט איבער אַ בענקל), ביסט גע־שטאָרבן נישט מיט אַזאַ שיינעם טויט, און דערפאַר האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, דאָרט רוען אין פריידן...״ (ז. 135).

נישט די מלאכה אַלס פשוטע פּראַצע, שווערע האַרעוואַניע, דאָס מקיים־זיין דעם פּסוק „אין שווייס פון דיין געזיכט וועסטו עסן ברויט״, דאָס קען נישט אַזוי לייכט שטאַרבן. עס וועלן דאַרפן אַוועקגיין אַ שיינע עטלעכע יאָר ביז דער מענטש וועט קענען בייקומען אָט־די קללה, וועלכע טאָלסטאָי האָט דווקא געוואָלט פאַלש אויסטייטשן אַלס אַ ברכה און אַ מצווה־זאַך, אַ מצוות־עשה.

אַרבעט ווערט געשילדערט אין חומש, ווי אַ שטראָף פאַר אַ זינד, אַר־בעט, וואָס מיינט כסדר טאָן, וואָס איז שוין איין מאָל און פיל מאָל, אָן אַ שיעור מאָל, געטאָן געוואָרן, איז באמת נידעריקער פון דער מענטש־לעכער ווערדע. דער מענטש וויל זיין אַ שאַפער, אַן אויפטוער, נישט קיין טוער, נישט קיין אוכל־ועושה, אַן אימיטאַטאָר, טאָן אַלעמאָל דאָס איי־גענע נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל.

און ווי געפעלט אייך דער אָנזאָג „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען״ (שמות כ׳, ח׳), אַן אָנזאָג, וואָס איז אויפגעבויט אויף אַן אַנאַלאָגיע, ווייל אַזוי האָט, כלומרשט, דער אייבער־שטער געטאָן, דאָס העכסטע אידעאַלע וועזן, אין זעקס טעג האָט ער באַ־שאַפן הימל און ערד און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט. ערשטנס, האָט ער דאָך נישט געאַרבעט, ער האָט געשאַפן. שאַפן איז נישט קיין מלאכה, ווייל שאַפן אַלס אַ פּראָצעס, פאַרשאַפט, קודם־כל, פאַרגעניגן דעם שאַפער, אויסער דעם וואָס עס גיט אים אויך אַ געשאַפענע זאַך, מיט וועלכער ער קען זיך פאַרשאַפן.

השם איז נישט קיין בעל־מלאכה,
נאָר שעפער, איינס נישט סאָציאַל.
אין אָט דעם מיטאָס מענטשס מערכה
פון „בראשית״ ציט איר דיאַגאָנאַל.

(אני מאמין, יידישע שריפטן, באַנד 6, ז. 376).

מיט אַנדערע ווערטער, אין דעם נאַראַטיוו וועגן מעשה בראשית ליגט שוין אַריינגעוועבט דער אידעאַל פון מענטשן, ווייל דער אייבער־שטער איז דעם מענטשנס העכסטער אידעאַל, וועלכן ער פּלייסט זיך מיט כל־הכוחות פון זיין נשמה צו דערגרייכן אין דעם ענד פון אַלע צייטן. ווי באַלד דער אייבערשטער לויט דעם מענטשנס אויפפּאַס האָט געשאַפן אַ הימל, אַן ערד, ליכטער אין הימל, לעבעדיקע ברואים אויף דער ערד, צייגט עס, אַז נאָך דעם טאַקע גאַרט דעם מענטשנס האַרץ, און וואָס ער קען לעת־עתה אַליין נישט באַווייזן אויפצוטאָן, שרייבט ער עס צו אַמ־ווייניקסטן צו זיין גאָט.

ווייטער האָט דאָך דער אייבערשטער געאַרבעט בלויז איין מאָל גאַנ־צע זעקס טעג, אָבער אונדז הייסט מען דאָך אַרבעטן וואָך־איין וואָך־אויס, איז ווו איז דאָ דער פאַרגלייך. אויב נאָכמאַכן דעם בורא־עולם האָט דער מענטש אויך געדאַרפט אַרבעטן איין מאָל גאַנצע זעקס טעג און זיין פריי פון אַרבעט אַ לעבן לאַנג.

די צרה מיט אונדזער צייט איז, וואָס אַ מענטש, אַן אַרבעטער, איז געוואָרן אַ צוגאָב, אַ צוטשעפּעניש צו אַ מאַשין, צו אַ טויטן מעכאַנישן אַפּאַראַט, און דער אַרבעטער קען עס נישט פאַרטראָגן. עס האָט כמעט אַזאַ זינען, ווי נעמען אַ מענטשן און איינשפּאַנען אים צוזאַמען מיט אַ פערד אין איין וואָגן און הייסן זיי צוזאַמען לויפן. אַ מענטש איז נישט קיין מאַשין און ער קען עס נישט אויסהאַלטן. ער דעגענערירט, ווערט אַ שטיק גולם, וועלכער פירט אויס איין פונקציע. מיר רופן עס מיט אַ שיי־נעם נאָמען: אַ „בעל־מלאכה", אָבער באמת איז עס דער גרעסטער פאַר־ברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן מענטשן אַלס אַ דענקער, אַ בעל־שכל און אַ בעל־רצון.

מיר האַלטן אין מיטן וועג. מיר זיינען אַוועק פון האַנט־אַרבעט און צו מאַשין־אַרבעט זיינען מיר נאָך נישט דערגאַנגען, און מענטש און מאַ־שין שפּרייזן צוזאַמען... נאָכיאָגן זיך נאָך אַן אויסגערעכנטן, פּונקטועל צו אַ האָר, מעכאַניזם איז אַ זאַך וואָס איז איבער די מענטשלעכע כוחות און איז דערווידער דער מענטשלעכער נאַטור.

אַרבעט וועט אָפּגעשאַפט ווערן. דאָס אָרט פון מעכאַנישער אַרבעט וועט פאַרנעמען קונסט.

אַ מענטש איז בטבע אַ „קינסטלער", נישט קיין „אַרבעטער". אַר־

בעט, מעכאַנישע אַרבעט, איז די ערגסטע קללה פון אונדזער פאַלשער ציוויליזאַציע.

אָבער בעני רירט אָן די פראַגע אינגאַנצן פון אַן אַנדער ווינקל. הגם וואָס ער זאָגט האָט אַ שייכות צו דעם, וואָס מיר זאָגן וועגן אַרבעט בכלל. אָט־די קללה פון אַרבעט לייגט זיך אַמהאַרבסטן אויף דעם, ווער ס'איז אויסשליסלעך פאַרנומען מיט אַרבעט, טעכנישער אַרבעט אַ לעבנלאַנג, און מחמת אָט־דער קללה קען מען צופיל נישט פאָדערן פון אַרבעטער וועלכער געפינט זיך, אַזוי צו זאָגן, אונטער דעם פלוך־וואָרט, וואָס ווערט אַרויסגעלייענט פון דער „תוכחה״ פון אונדזער מאָדערנער ציוויליזאַציע.

וואָס בעני מיינט צו זאָגן איז נישט, אַז די מלאכה אַלס האַרעוואַניע איז געפאַלן, נאָר די גדולה פון מלאכה האָט זיך אָפּגעטאָן, און דעריבער איז די מלאכה געשטאָרבן אַלס אַ דערהויבענער באַרוף, אַלס אַן עבודה, אַלס אַ סאָציאַלער קולט־אַקט.

די קרוין איז אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ פון דער קיניגין אַרבעט, און זי איז פון אַ מלכה און אַ בת־מלכה געוואָרן אַן איינפאַכע דינסטמויד. ער, בעני, אַליין אַן אַרבעטער, האָט דערזען די כהנים פון דעם הייליקן קולט, די באַדינער פון דער קעניגין־אַרבעט אין דעם ריכטיקן ליכט און אים, דעם אידעאַליזירער פון אַרבעט און אַרבעטער, איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

## יג.

# דעם נאַרס גן־עדן

בעני הייבט אָן זיין סיפור־המעשה אָדער מאָנאָלאָג, ריכטיקער זיין אַראָפּריידן זיך פון האַרצן, פון יענער גליקלעכער צייט, ווען ער האָט געלעבט מיט זיסע חלומות, מיט דער אידעאַליזאַציע פון אַרבעט. ער האָט טייער געהאַלטן די מלאכה, אין וועלכער עס איז פאַראַן מזל־ברכה אין גייסטיקן פשט פון וואָרט. ער רעדט וועגן זיך אין קעגנזאַץ צו זיין פריינד און לאַנדסמאַן, יידל.

„אַז איך בין אַריבערגעקומען, האָט ער [יידל] דורכאויס געוואָלט, אַז איך זאָל דאָ טאָן דאָס זעלביקע, מיט וואָס ער האָט זיך אין דער היים אָפּגעגעבן. «וואָס קענסטו דערלעבן פון דער מלאכה» — מיט מיר איינ־

געטענהט, — «אַן אַרבעטאָרער איז נישט בלויז אַן אייביקער קנעכט, נאָר אויך אַן אייביקער אָרעמאַן...» נאָר איך האָב אים געהאָרכט ווי דעם קאָטער און זיך געלאָפן אָפּזוכן דאָס מאַשינדל... און אַ סך מאָל געלאָכט פון זיין באַבען: כע־כע... אַ ייד נעמט און הענגט זיך אַן אַ סטאַרקע און קען זי נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך אויף איין רגע, ווי אַ הויקער דעם הויקער זיינעם... שלאָפט מיט איר, עסט מיט איר, האָט קינדער מיט איר...״ (ז. 136).

בעני האָט זיין פרייהייט נישט געוואָלט פאַרשאַכערן פאַר אַ טאָפּ לינדזן, וואָס דאָס קרעמל וואָלט אים געקענט געבן, אויב ער וואָלט דעם אַוועקגעשאָנקען זיינע טעג און נעכט, זיין גאַנץ לעבן. ער האָט עס בשום־אופן נישט געוואָלט טאָן, און יידלס איבעררייידן האָט גאָרנישט געהאָלפן. בעני האָט אויסגעקליבן פאַר זיך אַ בעסערן וועג, אַן ערלעכן וועג. ווייל מסחר, לויט בענין, איז גנבה און באַטרוג. געבן אַ פאַלשע וואָג און אַ פאַלשע מאָס, אַן דעם גייט קיין מסחר נישט. און בעני וועט ווייכן פון דעם ווי פון אַ פעסט.

„איך האָב מיר בעסער געריטן אויפן קאַרק פון מיין מאַשינדל, און צוגעזונגען: אין שאָפּ איז ווויל, אין שאָפּ איז גוט, מ׳זינגט אויפן קול און מ׳אַרבעט אויף דער מינוט.״ (ז. 137).

אָבער דאָס גליק ליגט נישט אין דער אַרבעט גופא, פאַר־זיך גענומען, נאָר אין דער מעגלעכקייט, וואָס זי גיט צו אַרבעטן בחברותא און ווערן אַזוי־אַרום אַ געזעלשאַפטלעכער כוח, וואָס קען זיך שטעלן אַנטקעגן דעם שאָפּ, דאָס מיינט קעגן דעם באָס, דעם פּריוואַטן אייגנטימער. און צוביסלעכווייז אויסוואַקסן און ווערן אַ בויענדיקע גרויסע, קאָלאָסאַלע קראַפט, וועלכע וועט חרוב־מאַכן די אַלטע וועלט פון שקלאַפעריי און שאַפן אַ נייע, אַ פרייע וועלט, אַן האַרן. אַלע מענטשן גלייך און גליקלעך אין זייער גלייכהייט.

„ווען ער האָט זיך צעבריקעט ווי אַ ווילד פערד, דער זעלביקער שאָפּ און דערלאַנגט מיט די הינטערשטע פיס אין קאָפּ, און מ׳איז געוואָרן טויט אונטער די אויערן: זעכציק שעה אַ וואָך אַרבעט, און נאָכמער... אים אָבער, נאָך אַלעם, אָנגעכאַפּט ביי אַן אויער, און דערצו אַזוי אָנגעטראָטן אויפן ווידל, אַז ער האָט געקוויטשעט ווי אַ חזיר, און נאָכגעלאָזט אויף פיר און פערציק...״

אונטער אָט־די טשיקאַווע אימאַזשן ווערט דערציילט ווי די אַרבע־

טער פירן אָן זייער גרויסן שטרייק און געווינען אים און די שוויץ־סיס־טעם ווערט אָפּגעשאַפט און אַ קירצערער אַרבעטס־טאָג ווערט איינגע־פירט. דער אַרבעטער דערשפּירט זיין כוח, וואָס ליגט אין פאַראייניקונג, אין אָרגאַניזאַציע. אָרגאַניזאַציע און סאָלידאַריטעט, אחדות וואָס באַדייט אַט־די צוויי זאַכן, ווערט דער גאָט און פעטיש פון דעם „באַוווסטזיניקן" אַרבעטער. עס איז גאָט אויף וויפל די אַרבעטער פאַראייניקן זיך, פרור־בירן שאַפן עפּעס גאַנצעס פון איינצלנע טיילן, פון יחידים, וואָס ווערן נישט פאַרלאָרן אין אַ קאָלעקטיוו, וועלכער נעמט געוועלטיקן איבער זיי אַנשטאָט זיי צו דינען. עס איז געץ אויף וויפל דער אַרבעטער כלומרשט געווינענדיק, געפינענדיק זיך, זיין כוח, פאַרלירט זיך, ווערט פאַרזונקען איבערן קאָפּ אין דעם ניי־געשאַפענעם קאָלעקטיוו, וועלכער גייט אַרויס פון אונטער זיין רשות און פאַלט אַריין אין די הענט פון די וואָס רעפּרע־זענטירן אַט־די פאַראייניקונג, און אַ נייע פאָרמאַציע, אַן איבער־אַרבע־טאָרישע, אַ מין נייע מלאכה־מלוכה ווערט געשאַפן, נייע פּריצים קומען אַרויף, פראַצע־פריצים, און דער איינצלנער אַרבעטער, די סומע יחידים, ווערן פאַרשקלאַפט איבעראַנייס דורך דעם סאַמע פּראָצעס פון זייער כלומרשטער באַפרייאונגס־אונטערנעמונג.

„און ס'איז געווען, נישט ווי ביי יידלען אין דער סטאַרקע..."

די אילוזיע פון באַפרייאונג איז זיס, און איבערהויפּט די אָפּדוכטע־ניש, אַז אַ נייע קראַפט, אַן אייגענע, איז געשאַפן געוואָרן פון אַן אַלגע־מיינעם ווילן, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעפלאָכטן און געוואָרן שטאַרק און מעכטיק ווי אַ קאַנאַט. נישט איבערצורייסן, פון איינצלנע יחידימשע ווילנס. אַט־די איינריידעניש, וואָס האַלט זיך אויף דעם פאַרקוקן דעם פאַקט ווי אַזוי אַט־די אַרבעט פון צוזאַמענפלעכטן, צוזאַמענגעמען די איינצלנע פעדים און שטריקלעך ווערט געטאָן, גיט דעם אַרבעטער אַ קלאַפּ אין קאָפּ ווי שטאַרקער וויין, און ער פאַרלירט אינגאַנצן זיין גע־זונטן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט. ער זעט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר אַרום אים. ער זעצט זיך אַריין אין אַ נאַרס גן־עדן, פון וועלכן ער וועט פריער אָדער שפּעטער אַרויסגעטריבן ווערן.

„נאָך פינף אַזייגער, ווער שמועסט: זומער־לעב, אַז דער טאָג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו דערכאַפּן, האָב איך מיר שוין אויסגעוואָרקט אויף דער וועלט... ס'איז מיין וועלט! און מיין שטיק זאָרג!... כאַפּן אַ

דרימל אויף דער באַנק אין פּאַרק צי שטיין און הערן אַ ספּיטש אויפן קאָרנער". (דאָרט).

כאַפּן אַ דרימל און זען אין חלום ווי עס ווערט פאַרווירקלעכט, ווי עס ווערט וואָר דאָס, וואָס דער רעדנער זאָגט אים צו; און וואָס זאָגט ער אים נישט צו און וואָס זאָגט ער אים נישט אָן? די נייע גוטע בשורה: די מלכות פון מלאכה, ווו דער בעל־מלאכה, דער פּראָלעטאַריער איז דער מלך בן־מלך...

אַ רעדנער אויפן ראָג גאַס, דער זייפנקעסטל־רעדנער, דאָס איז דאָך אַ נייער מין מגיד, נאָר ער שילדערט נישט דעם גיהנום מיט זיינע מלאכי־חבלה מיט אייזערנע ריטער, מיט די קעסלען צעפלאַקערטן פעך, נאָר דעם גן־עדן, דעם גן־עדן התחתון.

אַ שטיקל בימה אָדער בינע בצורת זייפנקעסטל. פשוט, באמת „עמך"דיק ביז גאָר. אויף אַ־דער אָרעמאַנסקער פלאַטפאָרמע אָן קיינע פּרעטענזיעס שטייט דער רויטער אַגיטאַטאָר. אין זיינע אויגן ברענט שנאה ווי אַ פלאַם־פייער. פון אויבן איז זיין וואָרט צוגעצירט מיט אחרית־הימים־פּוץ, זיין רעדע גיסט שוואַרץ־חושכדיקע פעך און אַ שוועבל־שפּייענדיקע לאַווע. מיט איר פאַרפלייצט ער די זינדיקע וועלט. און גלייך אין דער אותו שעה ווערט אַ נייע וועלט פאַרפאַבלט. דער רעדנער, וואָס מיט די פיס שטייט ער אויף אַ גאָר אָרעמאַנסקער פלאַטפאָרם, שטייט מיט זיין קאָפּ אויף אַ גאָר רייכן, הויכן באַרג פון הבטחות. ער קאַרגט נישט קיין צוזאָגענישן, ער זשאַלעוועט נישט קיין מזל־ברכות און הצלחות. ער פאַרברענט אַלדאָס בייז און שלעכטס, ער איז מבער דעם גאַנצן חמץ פון דער געזעלשאַפט און פון דער וועלט מיט זיין פלאַם־פייערדיקן וואָרט. ער איז, ביי זיינע צוהערער, באַגלייבט אויפן וואָרט, אויפן „וויסנשאַפט־לעכן וואָרט". און אונטער זיינע פיס ליגט שוין אַ נייע ערד אויסגע־קנאָטן און אויסגעבאַקט אין הייסן אויוון פון פאַנטאַזיע. זי איז אינגאַנצן געמאַכט פון זיסן טאָרט, און איבער איר געוועלבט זיך אַ הימל, וואָס פאַרנעמט אַן אויג און רייצט דעם גומען, ער איז געמאַכט פון ריינעם האָניק געמישט מיט כלערליי געווירצן. אַרום און אַרום אויף דער ערד איבערהאַקנדיק די קאָנטינענטן שפּרייט זיך אַ שמייכלדיקער אָקעאַן פון מילך. אָבער מילך איז דאָך אַ משקה בלויז פאַר זויג־קינדער, וואָס זיי־נען זויבער און אומשולדיק און ווערן געהאַלטן אויף אַ קינדערשער דיע־טע. איז נישט געזאָרגט, די עלטערע, די דערוואַקסענע ווערן נישט פאַר־

זען. עס איז פֿאַראַן אַ צווייטער אָקעאַן, און ער איז אָנגעגאָסן פֿול ביז צו די סאַמע ברעגעס, ביז צום אַריבערגיסן זיך, מיט יין־המשומר, מיט קאָניאַקן, מיט וויינען פֿון אַלע סאָרטן. און זיינע ברעגעס און פֿאַרטן זיינען געמאַכט פֿון לעקאַך און צוקער־ברויט.

און דער נייער מגיד, דער רויטער אַגיטאַטאָר, טענהט זיך אויס מיט די צוהערער: צו וואָס דאַרפֿן זיי האָבן עולם־הבא, וואָס איז בלויז אַן אָפּדוכט, אַ וויסטע פֿאַרפֿירערישע אילוזיע, וועלכע עס האָבן אויסגעטראַכט דער רב און פּאָפּ, וואָס נאַרן דעם עולם כסדר אָפּ, ווען די גאַנצע עולם־הבא, ווען זיי, די אַרבעטער־מאַסן, ווילן נאָר, ווען זיי פֿאַראייניקן זיך, קען ווערן ממשותדיקע ווירקלעכקייט און אמתע, עכטע עולם־הזה. צו וואָס קריכן אויף די הויכע קרומע לייטערס פֿון אמונה, קלעטערן אין די פֿאַלשע אָפּנאַרערישע הויכן ווען דעם הימל קען מען מיט דער האַנט דערגרייכן; די מלוכה פֿון מלאכה איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען! און וואָס פֿאָדערט זיך דערצו? אַ קלייניקייט, בלויז אחדות פֿון אַרבעטער־קלאַס און רעוואָלוציע מיט אַ שטאַרק צעשפּריצטן ריש. מען דאַרף אַרויס אין די גאַסן און טאַקע אין די שווערע מאַסן — און דאָרט שטייט און וואַרט אויף זיי דער אויסלייזער, נישט רייטנדיק אויף אַן אייזל ווי אַן עני ואביון, נאָר ווי אַ זיגער מאַרשירנדיק און פֿירנדיק די זיגרייכע קאָהאָרטן פֿון די באַוואָפֿנטע, סיי מיט קלאַסן־באַוווּסטזיין און סיי מיט געווער, פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער.

אַט־אַזוי האָט זיך עס געשמאַק געדרימלט אויף דער וואָר זיצנדיק אויף אַ באַנק אין פּאַרק און צוהערנדיק זיך צום בשורה־ברענגער; דעם נייעם אליהו הנביא פֿון נייעם רויטן משיח־צדקנו...

## יד.

## געוואַלט אַריבערפּעקלען אַהער די רוסישע רעוואָלוציע

אָבער דאָס אַלץ איז פֿאַררוקט ערגעץ אין הינטערגרונט, אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. איצטער האָט זיך פֿון דעם אויסגעלאָזט אַ בוידעם, צעשוווּמען דער האָניק־זיסער הימל, צעקרושלט די טאָרטענע ערד. ווער איז שולדיק אין אַט־דעם חורבן, אין דעם אומקום פֿון אַ גאַנצער וועלט? די

ירידה פון אַרבעטער, זיין דעגענעראַציע. מיט אַלטע ווערטער אויסגע־דריקט, דער דור איז נישט ראוי, די אַרבעטער טויגן נישט.

„במה דברים אמורים? ווען איז דאָס אַלץ געזאָגט געוואָרן? אַז ס'איז געווען מיט ווען צוגיין צום טיש... אַז דער אפּערייטאָר איז נאָך געווען אַן אַרבעטאָרער, ווי גאָט האָט געבאָטן און אַלע גוטע און פרומע לייט הייסן... אַז ער איז געזעסן ביים מאַשינדל, האָט עס פון אים אַרויסגע־זונגען. און אַז מ'האָט אים אָנגערירט אויף אַזויפיל — געשפריצט מיט פייער. עפּעס־וואָס — האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט, און די אויגן ביי זיי געגליט: «ס'וועט דאָ אַ רוח אין דער וועלט אריין מיט יענער וועלט פאַר־בראָקט!» און אַז ס'האָט וועלכער געגומען אַ וואָרט אין מויל אַריין, האָט מען עס געקענט אָנטאָפּן, לייגן אויף דער וואָג. און איצט, — ס'זאָל גאָר אַזאַ צאָרן נישט געשען! אַרבעטאָרער, און נאָך עטלעכע דערצו, זאָלן זיין בעלי־נואפס, ריידן ניבול־פּה!... און אַז איך רוף מיך אָפּ מיט אַ וואָרט: «פע, ווי פּאַסט עס פאַר אַ בעל־מלאכה, וואָס ברויך זיין אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע! אַנדערע זאָלן האָבן אויף וואָס צו פאַרקוקן... דער קמח־סולת... דאָס זעמל־מעל... און זעכצן קרעמער, זיבעצן פּעדלער, אַכצן, ניינצן באַ־סעס, אויב נישט מער, זאָלן זיין די כפרה פאַר זיין מינדסט פינגערל»... בין איך חייב מיתה... פאַלט מען אויף מיר גלייך אַרויף, און מען טיקעט מיר אין די אויגן אַריין: «קאַרל מאַרקס!» כע־כע... מיט וואָס אַרבעטאָ־רער ווילן מיך, אַן אַרבעטאָרער, צודריקן צו דער וואַנט!... ביי זיי אין די אויגן איז קאַרל מאַרקס עפּעס אַ טשוטשעלע, אַ היימישער בטלן, אַ באַנק־קוועטשער, אַ שוואַנץ־מלמד, אַ לאַ־יוצלח, אַ קוני־לעמל, וואָס קרימט אויף אַלעם מיט דער נאָז, און קיין שום זאַך געפעלט אים נישט, האָט אויף אַלעם אויסצוזעצן... אַ מין זילזול...“ (זז. 138־137).

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? וואָס האָט גורם־געווען אָט־דעם אַראָפּ־זינק פון אַרבעטער?

די יידישע עמיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע, זיינען געווען ראַדיקאַל, זייער ראַדיקאַל געשטימט. אַ גרויסער טייל פון זיי זיי־נען געווען אַרבעטער אין דער היים. און אַפילו יענע וואָס זיינען נישט געווען קיין בעלי־מלאכות, זיינען דאָ אין אַמעריקע געצווונגען געווען זיך צו נעמען צו דער מלאכה.

באַנק־קוועטשערס, לופט־מענטשן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַרבעטס־מענטשן. דערצו זיינען געווען פילע, וואָס זיינען געלאָפן פון

רוסלאַנד נישט מחמת עקאָנאָמישער נויט, נאָר צוליב פּאָליטישע באַדינגונגען. זיי זיינען געווען „פּאָליטישע״ עמיגראַנטן מער ווי עמיגראַנטן אין אַלגעמיין. אַריבערשווימענדיק דעם ים האָבן זיי דאָ, אין אַמעריקע, געפונען אַן אַנטרינונגס־אָרט, אַ מקום־מנוחה פאַרן גוף, אָבער די נשמה זייערע איז געבליבן אין רוסלאַנד, און זיי האָבן געלעבט מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע דערוואַרטונגען, כמעט מעסיאַנישע האָפענונגען.

רוסלאַנד האָט געהאַט אַ זעלבסט־הערשונג, פון וועלכער זי האָט געדאַרפט פּטור ווערן, דאָס איז געווען די הויפּט־אויפגאַבע פון לאַנד, פון די פעלקער, וואָס ווינען דאָרט. און אַלדאָס יונגע, פרישע, לעבעדיקע און געזונטע, וואָס דאָס לאַנד האָט געהאַט, האָט ער מאָביליזירט פאַר דעם צוועק — אָפּצורייניקן רוסלאַנד פון דער היסטאָרישער אָנשיקעניש, פון די ראָמאַנאָווס, וואָס טיראַניזירן דאָס לאַנד שוין קאַרגע דריי הונדערט יאָר, און די אַטמאָספער אין רוסלאַנד איז געווען אַ הייסע, אַ שמעלציקהייסע.

צו דער אַלגעמיינער פּאָליטישער פראַגע איז צוגעקומען דאָס עקאָנאָמישע פּראָבלעם פון אַרבעט אין איר צוזאַמענשטויס מיט קאַפּיטאַל, און אַלס צוגאָב די פראַגע פון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. אָבער דאָס אַלץ האָט זיך געהאַלטן אין שאָטן. אין ברענפּונקט איז געווען דער געבאָט: שטירץ אום דעם טראָן! פאַרניכטע דעם טיראַן! און דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט איין פלאַם, דעם פלאַם פון רעוואָלוציע.

דער רעוואָלוציאָנאַריזם, וואָס האָט באמת געהאַט זיין קוואַל אין דער טיפער באַדערפעניש אָפּצוראַמען אַן אַלטע, אָפּגעלעבטע אינסטיטוציע, האָט זיך באַהעפט צו אַנדערע אידייען, צו העכערע אידעאַלן. זיי האָבן געברענט מיט אַן אומגעדולד, געפלאַקערט אין גרימצאָרן, זיך געצונדן און זיך געצירט אין דעם פלאַם־קאָליר פון די בליצן.

פון רוסישן באָדן איז איבערגעזעצט געוואָרן אויפן אַמעריקאַנער, נישט דעם ריינעם יענקישן, נאָר דעם יידיש־אַמעריקאַנער — די רויטע רויז, די בלוטיקע רויז פון רעוואָלוציע און איבערקערעניש. אַ רוסישער געוויקס, אויסגעריסן מיט די וואָרצלען, אַריבערגעפירט איבער די ברייטע וואַסערן און פאַרפלאַנצט איבעראַנייס אין אַמעריקע.

האָט זי דאָ געקענט וואַקסן? איז דער קלימאַט געווען גינציק? האָבן יענע, וואָס האָבן פאַרלאָזן רוסלאַנד מיט בענקעניש און האַרצקלאַפּעניש,

זיך נישט פאַרהיימישט דאָ אין לאַנד, געלאָזן מער אָדער ווייניקער טיפע וואָרצלען אין באָדן פון דער יידיש־ אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק?

## טו.

# דאָס קינדער־לאַנד

צייט איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר סיי אין פשט פון ווערן עלטער, סיי אין פשט פון האָבן עפּעס אויפגעטאָן, זיך אַרויפגעאַרבעט אָדער איבער־געאַרבעט און זיך אַרונטערגעאַרבעט.

„און סך־הכל: איז דאָס דער זעלביקער אָפּעריייטאָר, דער אַמאָלי־קער, ביי וועלכן ס׳האָט טיף אין האַרץ געטליעט די אַרבעטער־זאַך... זיך געראַנגלט מיט די באָסעס, געשטויסן מיט די עלנבויגנס, און אַרויסגע־שטויסן דעם איצטיקן שאָפּ פון דער אַמאָליקער פינצטערניש אויף דער ליכטיקער וועלט, צו גאָר ריטייערט ביי אַ קענדי־סטאָרקע... נישט מער, וואָס ער האָט אַרויפגעשלעפּט אויף זיך עטלעכע צוואַנציק יאָר, און מהאי־טעמא געברויכט ווערן געזעצטער, פאַרשטענדיקער... בן ארבעים לבינה... און ווי אַזוי דאָס האָט זיך צו זיי געקענט צונעמען? צי פון די פייפערס וואָס זיי האָבן זיך אָנגעלייענט אַ פולן בויך? מיט וואָס אַזעלכעס קאָר־מעט ער זיי? צי פון די סאָסייעטעס און אַלערליי אַנדערע מיתה־משונהס צו וועלכע זיי סטיקן? זיי זיינען דאָן נישט מער ווי סעמעטערי... קרקע... אַ שטיק רויע ערד... און מיט וואָס קען עס קאָליע מאַכן און איבערפירן אַ מענטשן?״ (זז. 39־138).

זיכער דאָ האָט זיך געשאַפן אַ גאַנץ אַנדערע אומגעבונג, סיי עקאָ־נאָמיש און סיי פּאָליטיש, און איבערהויפּט, ווי פאַרשיידן, ווי ווייט־אומ־ענלעך צו די רוסישע, זיינען דאָ די פּאָליטישע באַדינגונגען.

אַמעריקע, אַ לאַנד, וואָס איר פּאָליטישעס וועזן איז אָפּגעגאָסן גע־וואָרן אין פורעם פון קריג, אין דער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט, דער־נאָך אין בירגער־קריג, איז שוין לאַנג אַרויס פון פלאַם־פייער־עפּאָכע, און זי האַלט זיך אין איין אָפּקילן און פאַרהאַרטעוועט ווערן. זי איז מיושב, רואיק־שטיל ווי אַן אָפּגרונט פון אַ ים, אָדער, אויב מען וויל זיך זידלען, ווי אַ פאַרשטאַנענע, מיט וואַסער־גרינס באַדעקטע, בלאָטע. מ׳מאַכט אַמאָל אַ שטיקל שטורעם אין אַ באַלאָט־באָקס... כלומרשט וואָלן קומען

פּאָר, און עס קערט זיך וועלטן מיט דעם אויסקלייב פון אַ פּרעזידענט. דאָס איז אָבער מער אַ גרויסער שפּאַס, ווי אַ קליינער ערנסט, אַ פּאָלי־טישע שפּיל.

און אַז די אַריבערגעקומענע עמיגראַנטן האָבן זיך „אויסגעגרינט", ד"ה צעריסן די פּעדים, וואָס האָבן זיי געהאַלטן צוגעקניפּט צום נאָפּל, אָדער צום פּאַרטעך פון מוטער־רוסלאַנד, און זיך גענומען אַריינלעבן און אַריינוועבן אין אַמעריקאַנעם געוואַנט — האָבן זיי נישט ווילנדיק אויפ־גענומען דעם קאָלאָריט און טעמפּעראַטור פון לאַנד. זיי זיינען אָפּגעקילט געוואָרן.

דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ פאַקטאָר, און דאָס זיינען די קינדער.

„אויסגעכאָוועט אַ דור, נישט חלילה פון אַרבעטאָרער, נאָר בוקקי־פּערס, אַקונטענטס, לאָיערס, דאָקטוירים, און מיט זיי פאַרשטופּט ווו ס'איז אַ לאָך..." (ז. 139).

אָט די דעפּראָלעטאַריזאַציע איז פאָרגעקומען טיילווייז אויך אין ערשטן דור, נישט וואַרטנדיק אויפן פאַרזיי און נייעם שניט אויף דעם ביאָלאָגישן פעלד.

אויב פון אָנהייב האָט אַמעריקע פּראָלעטאַריזירט דעם אַריבערגע־קומענעם, האָט זי אים דערנאָך דעפּראָלעטאַריזירט, ד"ה געמאַכט אויס אַרבעטער, אומגעקערט צוריק צו זיין ערשטן שטאַנד. אָדער אַפילו נאָך מער, געמאַכט דעם אמתן פון־דער־היימישן אַרבעטער פאַר אַ מיטלשטאַנד־מענטש.

נאַטירלעך, דער יידישער איינוואַנדערער, דער געוועזענער אַרבע־טער, האָט נישט געקראָגן זיין גלייכן חלק אין דעם אָנוווקס פון רייכטי־מער אין לאַנד. אָבער גאַנץ היפּשע קרושלעך זיינען אַראָפּגעפאַלן פון רייכן טיש, פון רייכן אָנקל סעם און ער האָט עס געגאַסן, און ער איז „רייכער" געוואָרן. זיך אויסגעבויט אַ שטיקל הייזקע, אמת אויף אַ טיפן פונדאַמענט פון הויכע מאָרטגעדזשעס *), אָבער פאָרט אַן אייגן הויז, אַ שטיקל נחלה... זיך געקויפט אַ „מאַשין", און גענומען אַרומפאָרן, זיצנ־דיק בהרחבה אויף דעם נייעם פערדל, וואָס עסט געז, טרינקט אויל און הירזשעט אַזוי מאָדנע, אָבער לויפט גאַנץ געשמאַקלעך — און זיך אַמע־ריקאַניזירט.

---

*) היפּאָטעקן.

און אַ נייער דור איז דערווייל אונטערגעוואַקסן, אַדאַנק צו די נאַ־טור־ניסים. און אויב אַמעריקע איז נישט זיין פאַטערלאַנד און נישט זיין מוטער־לאַנד, איז זי אָבער זיין קינדער־לאַנד... און מ׳קען זי מער מיט דער האַנט נישט אַוועקמאַכן. דאָס זיינען אַלץ פאַקטאָרן, וואָס האָבן גע־ווירקט אין איין ריכטונג און דאָס איז צו דערווייטערן דעם פּראָלעטאַ־ריער פון זיין געטריישאַפט צו זיינע „חטאות־נעורים״ אָדער „מצוות־נעורים״, די אידעאַלן פון זיין ייִנגערער „גרינער״ צייט.

אָבער די אויסגרינונג און דער אַמעריקאַניזירונג־פּראָצעס געפֿונען ווי נאַטירלעכע געוויינלעכע דערשיינונגען וועלכע מ׳קען נישט ענדערן און וועלכע מ׳האָט געקענט דערוואַרטן, דערקלערן נאָך נישט אינגאַנצן אַט־דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג און די פּריצייטי־קע פאַרווינטערונג און פאַרפרירונג פון די פרילינג־שטימונגען און בליטן. וואָס מיר באַמערקן צווישן אַ היפּשן טייל אַרבעטער איז נישט בלויז אָפּ־קלאַנג, נאָר טאַקע יאוש. אַ פאַרצווייפלונג האָט אַרומגעכאַפּט אַ היפּשן טייל פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, און די סיבה איז די רוסישע רע־וואָלוציע, וואָס איז אַוועק אויף אַ וועג, וואָס איז אומוועג אין זייערע אויגן. און אַזוי ווי זייער רעוואָלוציאָנערישקייט איז דאָך געקומען פון מעבר־לים, עס איז דאָך נישט אויסגעוואַקסן אויפן אַמעריקאַנער באָדן, מוז עס זיין פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציע־אַנטוויקלונג דאָרטן, אין רוסלאַנד.

## טז.

# דאָגמאַטיקער און סקעפּטיקער

און אַ טייל אַרבעטער, אָדער מיטל־קלאַס מענטשן, אָדער סתם אינ־טעליגענטן, וואָס זיינען געווען ביז אַהער ראַדיקאַל געשטימט, האָבן זיך אַזוי איבערגעשראָקן פון דעם משונהם גאַנג פון דער רעוואָלוציע, נאָך דעם ווי די קאָמוניסטן האָבן זי גענומען קירעווען אָדער שטיקן, ווערגן, אַז זיי זיינען בלייך געוואָרן ווי טויט. די גאַנצע רויטקייט זייערע איז אַוועק ווי מיטן רויך פון פלאַם־פייער. דאָס גאַנצע רויטע בלוט זייערס איז אויסגערונען אויף אַמאָל. אַנדערע שלאָגן זיך אַפילו אין האַרצן על־חטא

פֿאַר די עבירות, וואָס זיי האָבן געזינדיקט ווען זיי זיינען יינגער געווען, ד״ה געווען פֿול־ענערגעטישע רעוואָלוציאָנערן.

נישט אַלע די וואָס האָבן ליב זיך צו קהלן וועגן רעוואָלוציע, באַזינגען און באַפּוצן זי מיט פֿילערליי צירונגען פֿון ווערטער, האָבן גענוג מוט און אַנטשלאָסנקייט דורכצומאַכן אַ רעוואָלוציע, און גאַנץ אָפֿט כאַפּן אַ גוטע מפּלה אין איר. נישט אַלע, וואָס זינגען וועגן ליבע און פֿרויען־רייץ, וואָלטן קענען הערן דאָס קרעכצן און אָיקענען פֿון אַ קימפּעטאָרין אין אירע חבלי־לידה. אין יענער מינוט וואָלטן זיי פֿאַרדאַמען עראָסן, דעם גאָט פֿון ליבע, און זיך אָפּטרייסלען פֿון אים.

ווייטער, אַנדערע וואַרטן אַזוי לאַנג און אַרבעטן פֿאַר דער רעוואָלוציע ביז זיי עלטערן זיך אין איין וואַרטעניש און צוגרייטעניש, און ווען עס קומט די נחמה איז עס שוין ביי זיי נאָך יציאת נשמה, זיי האָבן שוין אָנגעווירן די יוגנט־פֿרישקייט, דעם לעבנס־זאַפֿט און ווי פֿאַרדאַרטע לולבים קוקן זיי אויף אַלץ, וואָס שפּראָצט מיט פֿאַרוווּנדערונג, און האַלטן אין איין טרייסלען זיך, ווי עס פּאַסט פֿאַר לולבים, ווען מ׳זאָגט הלל... זיי מיינען, אַז וויבאַלד זיי זיינען אַלט און קאַלט געוואָרן, זיינען זיי, במילא, קלוג געוואָרן. זיי ווייסן נישט, אַז זייער חכמה שמעקט שוין מיט טויט, ווייל זיי שטייען שוין אויפֿן שוועל ביים אַרויסגיין. דער גרויער שניי וויל זיך איינריידן, אַז ער איז קליגער פֿון דער ראָזן־בלוטיקער בלום. אַ ראיה, ער פֿאַרמאָגט גרויע האָר אויף אַ פֿליכעוואַטן שכל.

עס איז ווייטער דאָ אַ קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס זיינען נישט בכוח אויפֿצופּאַסן אָן אידייע קריטיציסטיש, מיט אַ קריטישן בליק אויף דער זאַך. זיי וואַרפֿן זיך, אָדער זיי ווערן געשליידערט פֿון איין עק צום אַנדערן. זיי זיינען דאָגמאַטיקער, גלייביקע חסידים, וואָס נישט זיי באַהערשן דעם געדאַנק, דעם אידעאַל, נאָר ער באַהערשט זיי, פֿירט זיי פֿאַרן נאָז אָדער אויף אַ שטריקל, ווי מ׳פֿירט אַ באָק. ווערן זיי, אָבער, פֿאַרצווייפֿלט אין דער הייליקער דאָגמע, גיבן זיי זיך אַ וואָרף צום צווייטן ענד, צום סקעפּטיציזם. ווערן זיי חכמים פֿון דער נאַרישער הגדה און הייבן אָן פֿון גרויס קלוגשאַפֿט צו צווייפֿלען און ספֿקענען אין אַלץ. די דערשיינונג איז לייכט צו באַמערקן נישט נאָר אויף דעם געביט פֿון סאָציאַלן וויסן און טאָן, אַפֿילו אין ריינעם פֿילאָזאָפֿישן דענקען האָט מען עס דורכגעלעבט. נאָך די דאָגמאַטיקער, וואָס האָבן געגלייבט אין אַלע זאַבאָבאָנעס און אַלע נאַרישקייטן און נאַאיווקייטן, האָבן זיך אַ לאָז גע־

טאָן די סקעפּטיקער, די צווייפלער, און זיי האָבן אָנגעמאַכט חורבנות אין מענטשלעכן טראַכטן און וועלט־אויפפאַס.

פאַר די סאָציאַלע דאָגמאַטיקער איז געווען גענוג דורכצולייענען ערגעץ אַ פּאָר ציילן, אין וועלכן עס איז פּאַמפלעט און צו ווערן הייס־פלאַם באַגייסטערט און גלייבן אין דעם תורת־משה. ס׳טייטש, וויבאַלד עס שטייט געשריבן — מוז עס מקיים ווערן, מוז עס דורכגעפירט ווערן. ווי קען עס גאָר אַנדערש זיין?!

אייגנטלעך דער סקעפּטיציזם, אַ קראַנקהייט, פון וועלכער עס ליידן אַ גרויסע צאָל געוועזענע דאָגמאַטיקער, איז ווידער בלויז אַ דאָגמע: אַן אָגולנע שטיקל אַרבעט, אַן אָגולנער ניהיליזם, נאָר פון דער רעכטער זייט. פאַר דעם האָבן זיי געגלייבט, אַז מ׳קען די „בלויע פייגל" פון אידעאַל אויסמעלקן און געבן די מילך לאַקטשען אַפילו דער קאַץ אין קיך, איצטער צווייפלען זיי צי מ׳קען אַפילו די ציג אויסמעלקן. פאַר דעם זיינען אַלע געלטער געווען גוט, אַלע טעאָריעס ריכטיק, זיי איז אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז עס זיינען דאָ אויך פאַלשע אַסיגנאַציעס. איצטער מיינען זיי, אַז אַלע מטבעות זיינען געפעלשטע, עס איז גאָר קיין ריכטיקע נישטאָ. „אין סאָציאַלן לעבן־שטרעבן קען מען גאָרנישט אויפטאָן, גאָר־נישט מחדש זיין!" אַזוי טענהן זיי. זיי ווילן פון קיין זאַך נישט הערן, אויסער דעם אייגענעם אַן צייגערדיקן וואָרטשען.

יז.

## דער גאָט פון צופאַל

און אַן אַרבעטער אַז ער נעמט אָן אַן אידייע, נעמט זיך דינען אַן אידעאַל, קען מען דען פון אים פאַרלאַנגען מער ווי דאָגמאַטישן צוגאַנג צו דער אידייע? ער האָט דען צייט און שולונג איבערצוטראַכטן און אויפנעמען אַ זאַך מיט אַ קריטיציסטישן פאַרשטאַנד? דאָס איז דאָך צו־פיל אינטעלעקטועלער לוקסוס. לכן, ווי נאָר עס פאַרברעכט זיך ערגעץ, אַזוי ווערט ער גלייך אַנטוישט און פילט זיך ווי אַן אָפּגענאַרטער; ווי מ׳וואָלט אים פאַרפירט. ער ווערט אַ צווייפלער, אָדער גאָר אַ פולבלוטי־קער ציניקער.

„איר האָט שוין געהערט פון אַרבעטאָרער — געמבלערס? אַז די

קאָרטן זאָלן ביי זיי זיין אַן עבודה־זרה? טאַטע־פאָטער! אַזוי ווי עס קומט דער ליכטיקער מאָנטיק, מ׳טראָגט אונטער דעם «קאָנוועריט» — כאַפּט זיי נישט יעדן דער רוח צו דער דלות, פון שאַפּ אַרויס, פאַרשטופּן די לעבער מיט די אויסגעהאָרעוועטע פאַר טאָלער, נאָר מ׳פאַרלייגט גלייך אויפן אָרט די פעקטאָרי פון קאָרטן... מ׳נעמט זיך אַריין דעם באָס אין מיטן... אַז ס׳קומט צו די קאָרטן — וואָס מיר אַרבעטאָרער? ווער מיר באָס?... איז הכל חד הוא, איינס... און ס׳קאָכט זיך אַלץ אינאיינעם אַדורך אין איין טעפּל... ס׳איז אַ חולאת, רחמנא־ליצלן, אַ קרענק וואָס מ׳קען זיי נישט היילן פון איר...״ (זז׳ 140־139).

וויבאַלד אַלץ איז פאַרשפּילט, זיינען געבליבן קאָרטן זיך צו פאַר־שיכורן און דערטרינקען אין אָט־דעם שיכרות דעם שווערן געמיט פון אויסניכטערונג פון דעם רעוואָלוציע־ווייַן. קיין זאַך באַרוישט אַזוי נישט ווי דאָס שפּילן זיך מיטן צופאַל, מיטן שאַנס, וואָס קיינער ווייסט נישט פון וואַנענט עס נעמט זיך, וווּהין עס קומט אַהין. אָט־דער אַנוווּנק אַז, אפשר, איז טאַקע לית דין ולית דיין, אַז אַלץ איז אַ קאַפּריז פון כוחות, פון פאַקטאָרן, וואָס זיינען אַליין אויך געבוירענע פון אַ צופאַל, וואָס פאַלט־צו אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען, אַ מין הפקרות. דאָס לעבן אין אַ ציוויליזירטער פאָרם פון צוזאַמענלעב איז צופיל אויסגערעכנט, אויסגעמאָסטן, אָפּגעוואויגן, אַזויפיל אויסגעקניפּטקייט פון אורזאַך און פועל־יוצא, אַזויפיל אויסגעקייטלטקייט — און דאָ איז די הערשאַפט פון ריינעם צופאַל, און עס איז אָטעם־פאַרכאַפּנדיק צו באַאָבאַכטן אים, ווי ער, דער אדון הגדול, אפשר דער גרעסטער כוח, דער שטאַרקסטער גאָט אין גאַנצן וועלט־איינשטעל, אַרבעט דאָ, באַהויפּט זיך. און עס רייצט ווייל יעדער טראַכט, אַז אים וועט ער באַלד באַגנעדיקן, צוטיילן אַביסל מזל, אַ קאַפּיטשקע גליק. אַז קיין אויסחשבונונג איז דאָ נישט שייך, אַז קיין פאָראויסזאָגונג איז אוממעגלעך, און קיין פאַרדינסטפולקייט איז דאָ אויך נישטאָ. עס איז נישט פאַראַן אין דעם געביט דער פאַרעקשנטער פּיר פון צאָלן לויט די פאַרדינסטן, לויט דעם אָנשטרענג. עס איז אינ־גאַנצן אַ נייער סדר־העולם, אַן אייגנאַרטיקער איינשטעל, דערפאַר איז עס אַזוי צוציענדיק. אין שפּיל, אין צופאַל־שפּיל גייט מען אַרויס פון די צוימען פון איינגעפונדעוועטן, איינגעשטעלטן סטאַטוס. עס איז מעג־לעך יאָ און נישט, און ביידע הענגען נישט אָפּ פון שפּילער, עס ליגט אויסער זיין ווילן צו קריגן אַ גוטע קאָרט צי אַ שלעכטע.

און דאָס איז טאַקע אַן עבודה־זרה, אַ טעמפּל אין וועלכן עס שטייט אַ מזבח, וואָס בעט און קריגט קרבנות. מען טראָגט אים צו אַ קרבן, ווייל ער לאָזט אַלעמאָל טראַכטן, אַז אַט־אַט און ער צאָלט אָפּ צוריק בכפל־כפלים. און אויב ער צאָלט נישט, צאָלט ער דאָך יאָ מיט דער שפּאַנונג און רעגנדיקער דערוואַרטונג, מיט אָט־דער באַטרונקענקייט פון האָפע־נונג, וועלכע האָט פאַר זיך אַזויפיל יסוד פאַרן דערפאָלג ווי פאַרן דורכ־פאַל,ביידע קינדער פון די זעלביקע טאַטע־מאַמע, ביידע גלייך מעגלעך.

צי בעני באַגרייפט, וואָס דאָ קומט פאַר מיט זיינע אויסדערוויילטע, די אַרבעטער, וואָס זיינען באַרופן צו צעשטערן איין געזעלשאַפט און אויפ־שטעלן אַ נייע, אַ בעסערע, און טאַקע, אַ פּערפעקטע, נישט בלויז אַ בע־סערע, וואָס וואָלט, ווייטער, טויגן אַ זעץ אַן דר׳ערד. אָבער אַביסל פאַר־שטייט ער זיי יאָ, און אויך אַזויפיל איז ער באַרייט זיי צו פאַרגעבן מיט אַ געפיל פון רחמנות.

„דאָס איינע פּיצעלע יצר־הרע וואָס גריזשעט זיי, דאָס טריפהנע קערטעלע, עסט זיי די הויט פון לייב אַראָפּ... און מ׳מוז אָוועקקוקן". (דאָרט).

און ער וואָלט עס טאַקע געטאָן, פאַרקוקן און זיך מאַכן נישט וויסנ־דיק, וואָרן עס איז אַ צער צו קוקן, צוצוקוקן צו זיי. אָבער עס איז דאָ עפּעס נאָך ערגערס ווי קאָרטן־שפּילן...

## יח.

# פילאַנטראָפּיע אַ בורזשואַזער פאַראורטייל

„אָבער, איר האָט שוין אויף אייער לעבן געהערט, דאָס אַרבעטאָרער זאָלן זיין חזירים? דברים אחרים?... דער בעל־מלאכה... ווי ער האָט דאָרט געהייסן איז געקומען אַ געבראָכענער..." (זז. 41־140) און אַ הונדער־טער קען אים אַרויסהעלפן. איז צו וועמען זאָל ער זיך ווענדן אין זיין עת־צרה אויב נישט צו זייניקע, מיט וועלכע ער אַרבעט אין איין שאַפּ. „מען אַרבעט דאָך עפּעס אין אַ שאַפּ, מיט אַרבעטאָרער, און אויב נישט קיין אַרבעטאָרער — ווער זשע דען?... פון זיי ברויך דאָך קומען, אויב נישט די גאַנצע, איז כאָטש אַ האַלבע ישועה, אַ פערטל... און נאָך דערצו, אַז מ׳האָט אינאייינעם אָפּגעאַרבעט זיבעצן־אַכצן יאָר, אינאייינעם געסטרייקט

אינאיינעם געפּיקעט... געשפּילט אין קאָרטן, און די כאַלעריע ווייסט וואָס נאָך... געגאַנגען אויף לעקטשורס, אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע, טרייד־יוניאָניסטישע, געשלונגען און געבריט זיךביים שלינגען די ספּי־טשעס, ווי מיט האַט־קייקס... געשריגן «בו־בו» אויף די באָסעס, אויף די קהלשע קאָפּ־פאַרדרייער... וואָלט דאָך שוין דער בעכער געדאַרפט זיין פול... הייבט זיך גאָרנישט אָן... אָנגעכאַפּט איינעם און אויפן גאַנצן זי־כער: ער זיצט אַ האַנט און אַ האַנט מיט אים ביים מאַשינדל, און גיט אַ פרעג: «בערל, וועסטו פאַר מיר אונטערשרייבן אויף אַ הונדערטער?» מאַכט ער זיך געפּגרט... קרענקט עס אים אויף בערלען, וואָס וואָלט זיך נישט געברויכט מאַכן געפּגרט, נאָר ער האָט אים אין דר׳ערד... קאָרג אַרבעטאָרער אין שאָפּ אָן אים... און נעמט זיך צו אַ צווייטן: «שמערל, — און שוין מיט האַרץ־קלאַפּונג — וועסטו פאַר מיר גוט־זאָגן אויף אַ מאה?» שווייגט גאָר שמערל אינגאַנצן... און אַז ער פרעגט אים דאָס נאָך אַמאָל איבער, שטעלט ער אויף אים אויס אַ פּאָר אויגן פון אַן אָקס, ווען מ׳פירט אים צו דער שחיטה: «ר׳וועט זיך פריער איבערלייגן מיט דער יידענע...» גייט ער אַוועק שוין אַ דערשלאָגענער צו אַ דריטן, אַ פערטן... אַ נעכטיקער טאָג!... וואָלט דאָס מיך אַזוי ווייט נישט געקרענקט, ווען דער באָס זאָל זיך נישט אונטעררוקן, און דאָס צעשמעלצן; אַרויסציייגן די כשרע חזיר־פּיסלעך זיינע... פונעם גאַנצן שאָפּ האָט זיך געפונען בלויז ער איינער, דער באָס... וואָס האָט אונטערגעשריבן פאַר דעם הונדער־טער... און אַז איך בין געשטאַנען און צעגומען מיינע קראַנקע, שוואַכע הענט... «הינט וואָס איר זענט, און נישט קיין מענטשן! אים (דעם באָס) נישט געטאָרט געבן דעם סאַטיספעקשאָן... האָט מען מיך פאַרשריגן: «קאַרל מאַרקס!»״ (זז. 42־141).

דער אמת איז דאָך, אַז די אַרבעטער האָט מען אויף קיין מענטש־לעכער באַציאונג אויף דעם יחידישן וועג, אין דעם בין אדם לחברו, נישט ווי אַ גענאָסע, קיינמאָל נישט אָנגעצייגט. מען האָט כסדר גערעדט וועגן דער סיסטעם וואָס איז אין אַלץ און אַלעם שולדיק, און אַז די סיסטעם וועט זיין גוט, וועט שוין דער מענטש, אַפּנים, ממילא ווערן גוט, צי ער וועט עס וועלן צי נישט. וועגן מענטשלעכע עטישע באַציאונגען האָט מען אַפילו נישט אָנגעוווּנקען, ווייל דאָס וואָלט שמעקן מיט צדקה, מיט פי־לאַנטראָפּיע, און דאָס זיינען אַלץ בורזשואַזע פאָראורטיילן. מען האָט גע־רעדט וועגן „עקספּראָפּריאירן די עקספּראָפּריאַטאָרן״, אָדער ווי לעניןן

האָט עס פאַרטייטשט אויף פּראָסט לשון: „ראַבירן דאָס אָנגעראַבירטע“. אַזעלכע לאָזונגען קענען נישט צוטראָגן צו דער ראַפינירונג און אויס־איידלונג פון כאַראַקטער. די אַרבעטער האָבן געקראָגן פון זייערע רביים, די טעאָרעטיקער און אַגיטאַטאָרן אַ וווּלגאַרע פּאָליטישע דערציאונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט שפּרייטן שנאה צו די קאַפּיטאַליסטן, אָבער נישט קיין ליבשאַפט און מיטלייד צום אייגענעם, צום מיטגליד פון אייגענעם קלאַס, אָדער סתם קבצן, עני־ואביון. מען האָט זיי געוואָלט מאַכן פאַר ציווילע קריגער, זיי זאָלן זיין מיליטאַנטיש. און מיליטאַנטיש זיין מיינט אייגנטלעך זיין געשטימט מיליטאַריסטיש מיט דעם אונטערשייד וואָס דער מיליטאַריסט גלייבט אַז קיין זאַך קען מען נישט קריגן סיידן דורך קריג, ד״ה אַלע צווישן־פעלקער פּראָבלעמען לייזט ער דורך מלחמה, דורך ברוטאַלער מאַכט, דורך אַ געשלעג און דעם אַרבעטער האָט מען געלערנט דאָס אייגענע, די זעלביקע תורה נאָר אָנגעווענדט זי אויף קלאַסן־פּאַר־העלטענישן, קלאַסן־פּראָבלעמען. און מיליטאַריסטן זיינען נאַטירלעך נישט קיין רחמנים־בני־רחמנים. מיליטאַריזם, דער מיליטאַריסטישער גע־זעלשאַפט־באַנעם דערציט נישט קיין מענטשן מיט אַ רחמנות, סימפּאַ־טיע־געפיל. אַלץ דאַרף מען קריגן מיט גוואַלד־טאַט, מיט אַ געפעכט, מיט אַ געשלעג, אַזאַ געדאַנקענגאַנג פאַרהאַרטעוועט אַ מענטשן, טעמפּט אָפּ אין אים זיין מיטגעפיל צום געפאַלענעם, צום נויטבאַדערפטיקן.

יט.

## עטיק און פּאָליטיק

עקסטרעמיזם איז אויפן ריכטיקן פּלאַץ און ווירקזאַם אויף אַ פּאָ־זיטיוון אופן בלויז אויפן פעלד פון עטיק, וועלכע האָט צו טאָן מיטן יחיד, מיט זיין פּערזענלעכן אויפפיר. ער איז אָבער תמיד אַ נעגאַטיוו און אַן אומגליק אויף דעם געביט פון פּאָליטישער טעטיקייט, וועלכע האָט צו טאָן מיט די מאַסן, מיט דער מענגע. דער עקסטרעמיזם איז דאָ שעדלעך, אַפילו געפערלעך, פּשוט דערפאַר וואָס דאָ שטעלט ער זיך אַרויס צו זיין אַלעמאָל אַן איינפאַכער אָפּנאַר, אַ שווינדל, אַ פּאַרפירעניש.

עקסטרעם־עטישע השגות, ראַדיקאַל־מאָראַלע פאָדערונגען, זיינען אַ ברכה, אָבער בלויז אין זייער אייגענעם תחום. ווען זיי ווערן אויפגענו־

מען פון די פּאָליטישע באַוועגונגען און איבערגעפּלאַנצט אויף אַ נייעם באָדן — ווערן זיי אַ קללה.

פאַרוואָס? מחמת דעם, וואָס די פּאָליטישע באַוועגונגען געברויכן נישט די עטישע קאָנצעפּציעס, נאָר מיסברויכן זיי. און אָט־דער מיס־ברויך פאַרוואַנדלט זיי אין זייער אייגענער פאַרלייקענונג, פאַרנייגונג און אָפּפרעג. די דאָזיקע מעטאַמאָרפאָזע קומט פאָר דורך אַ „דיאַלעק־טישן פּראָצעס״, וואָס אָפּערירט דאָ אויף אַ זייער טשיקאַוון אופן.

לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל די דערהויבענע מאָראַלישע פאָרמולע: „אייגנטום איז גניבה״. אָט־דער שפּרוך, ווען ער ווערט אָנגעווענדט און באַהאַנדלט ריין־עטיש, וואָלט פירן צום אָפּוואַרף פון דער אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום, צום אָפּשאַף פון אינדיווידועלן גיטער־באַזיץ, וואָס איז אומפּאַסיק פאַר דער ראַפינירטער, מאָראַלישער פּערזענלעכקייט.

דער אייגענער זאַץ, ווען ער ווערט אָנגעווענדט פּאָליטיש, וואָלט מיינען דעם סאַמע היפּוך פון זיין עטישן אינהאַלט. מיט פּשוטע ווערטער, דער שפּרוך וואָלט באמת פריידיקן אָפענע גניבה, וואָס וועט אומבאַדינגט ברענגען מיט זיך דאָס רעכט אויף פּריוואַט־אייגנטום, ווייל וואָס איז אַזוינס, נאָך אַלעמען, פּריוואַטער גוטער־באַזיץ, אויב נישט איינע פון די פאָרמען פון רויב, אַן אויסדרוק פון גניבה־גזילה, וואָס ווערט פּראַקטי־צירט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב.

„אייגנטום איז גניבה״, ווען מ׳לייענט עס גלייך. אין אַ מוסר־שטי־מונג און צידקותדיקער אינטאָנירונג, איז עס אַן עקסטרעמע עטישע פאָ־דערונג, וועלכע בלויז באמת הייליקע מענטשן זיינען נאָכגעקומען. אָבער ווען מ׳לייענט עס אויף צוריק, ווויל־יונגעריש, מיינט עס אַז „גניבה איז אייגנטום״, און דאָס איז טאַקע די פּאָליטישע ווערסיע פון דעם זעלביקן שפּרוך; און עס באַדייט דעמאָלט, אַנשטאָט אַ פאַרדאַמונג פון אייגנטום, אַ רעכטפאַרטיקונג פון גניבה.

אָט־די אויף־צוריק־לייענעכץ מוז נישט געטאָן ווערן פיזיקאַליש, בפועל־ממש מיטן מויל, אויפן קול, אַלע זאָלן הערן. מ׳קען עס טאָן בלחש, אָדער נאָר במחשבה.

די פאָרמול פאַרמאָגט אַ טאָפּלטן פּשט: איין מיין נעגירט אייגנטום דערפאַר, וואָס ער איז נישט פריי פון דעם פּסול פון גניבה, דער צווייטער מיין אָקצעפּטירט גניבה דערפאַר, ווייל, נאָך אַ גרינטלעכן אַנאַליז, אַנט־האַלט די עלעמענטן פון אייגנטום. אויף אַזאַ שטייגער באַגעגענען זיך

צוויי עקסטרעמען, צידקות מיט רישעות. דער באַנדיט און הייליקער ווענדן ביידע אָן די זעלביקע פאָרמולע. און ווען מיר הערן די פאָרמולע מפורש אַרויסגערעדט און פראָקלאַמירט, בלייבן מיר שטיין צייטנווייז אין אַ פאַרלעגנהייט; מיר ווייסן נישט ווער איז דער דעקלאַראַנט, צי ער איז אַן עטישער אייגנטום־קעגנער, אָדער איבערגעקערט אַ באַנדיטישער אייגנטום־אָנהענגער.

און דאָ, אין אָט־דער פאַרווירעניש און צונויפפאַל פון די גרענעצן, פון די גרענעץ־ליניעס, ליגט דער הונט באַגראָבן. דאָ געפינט זיך דער ביטערער וואָרצל, פון וועלכן עס וואַקסט אַרויס פאַרפירעריי, אָפנאַרעריי, אַלע עטישע הויך־קלינגענדיקע לאָזונגען זיינען קלינגלעך מיט צוויי שאַרפן...

צום אַרבעטער, צום פּאָליטיש־פּראָפּאַגאַנדירטן, האָט אַפּעלירט נישט דאָס אָפּזאָגן פון פּריוואַט־אייגנטום, נאָר דער לאָזונג פון „ראַבירן די ראַבירער". און דעריבער איז בעני אויפן פּלאַץ ווען ער טענהט, אַז די אַרבעטער דאַרפן ווייזן אַ מוסטערהאַפטן ביישפּיל פון עטישן אויפפיר. די פּ אָ ל י ט י ש דערצויגענע אַרבעטער זיינען גרייט צוצונעמען וואָס איז נישט זייערס, אָבער קנאַפּע בעלנים אַוועקצוגעבן דאָס, וואָס זיי באַזיצן. און בעני צייגט עס אָן אויף אַ גלענצנדיקן אופן, מיט אַ וווּנדערבאַרער אילוסטראַציע; זיי זיינען ווייט פון וועלן אָפּגעבן, וואָס זיי באַטראַכטן אַז עס איז זייערס אויף אַ געוויסן שטייגער.

„דער שאַפּ איז טאַקע דעם באַלעבאָסעס, אָבער ס'ביסל אַרבעט איז זייערס, און נאָר זיי אַליין ברויכן עס אויפפרעסן! אַנו, זאָל אַן אויטסיידער, אויך מיט אַ מויל, זיך פּרוּוון ביי דעם אָנוואַרעמען! וועט מען אים לאָזן? און נישט גאַנץ שיין געבן איבער די הענט: «און גיי מיטן קאָפּ אין דר'ערד אַריין!» כאָטש ער איז דער זעלביקער אַרבעטאָרער, און אַזוי אייגן ווי זיי אויסגעהונגערט; אויב נישט אַ קאַפּיטשקע מער פון אַרומגיין ליידיק, גאָרנישט טאָן." (דאָרט).

בעני מיינט נאָך אַלץ אַז ער האָט צו טאָן מיטן עטישן סאָציאַליזם, נישט מיטן פּאָליטישן. בעני לעבט צווישן די אַרבעטער, ווי אין אַ פרעמדער וועלט. ער איז געבליבן אַ מין איבערבלייבעניש פון די גאָר אַלטע גוטע יאָרן, ווען סאָציאַליסטן האָבן גערעדט וועגן יושר, גערעכטיקייט, האָבן אַפּעלירט צום געוויסן.

## כ.

# עטישער סאָציאַליזם און קלאַסן־קאַמף

סאָציאַליזם אייגנטלעך איז געבוירן געוואָרן בקדושה וטהרה, אין הייליקייט און ריינקייט פון אַן אַלמענטשלעכן אידעאַל, אָן עטישער באַשטרעבונג. ער איז געווען לכתחילה אַ מאָראַלישע לערע. די הייניטיקע געזעלשאַפט מיט איר אויפפיר איז פאַרדאַמט געוואָרן דערפאַר, ווייל זי איז נישט פונדאַמענטירט אויף פריינדשאַפט, סאָלידאַריטעט, נאָר אויף בייז, קריגעריי, קאָנקורענץ, „שלעכטע בלוטן", און זי האָט אַ דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג אויף דעם איינצלנעם מענטשן. די ערשטע סאָציאַליסטן, פון דער צייט פון נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז געלונגען אַרומצונעמען אַרום זיך קליינע קרייזן, אינדיווידן, וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין זייערע דערהויבענע פלענער, ווי אַזוי צו ראַטעווען די מענטשהייט, די געזעלשאַפט, מתקן־זיין דעם יחיד־מענטש און אויסרייסן די דערנער פון ווייינגאָרטן, וואָס הייסט קהל־לעבן. יענע קליינע גרופקעלעך האָבן זיך געפאָרעט און געפאָרעט ביז זיי האָבן געוואָרן דעגענערירן און זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעליגיעזע שטיבלעך אָדער קאָלאָניעס־גרינדעריי. די רעליגיעזע עקזאַלטירטקייט האָט זיך צוביסלעכווייז אויסגעוועפּט און די קאָלאָניעס מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, זיינען כמעט אַלע דורכגעפאַלן.

דאָ זיינען געקומען מאַרקס און ענגעלס און אַ ברום פון אַ לייב האָט זיך דערהערט אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער. אַ נייער גראַנדיעזער געדאַנק האָט געשפּאָלטן די פאַרכמאַרעטע הימלען פון די געבראָכענע געמיטער: קלאַסן־קאַמף! לעבן איז אַ קאַמף, די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַ געשיכטע פון קלאַסן־ראַנגלעריי, געשלעגעריי.

און דער חידוש, דער גרויסער אויפטו האָט וווּנדער געצייגט. מחנות, גאַנצע חיילות־קעמפער זיינען אויפגעשטאַנען, כמעט ווי אין יענער זעאונג פון יחזקאלן. ביין צו ביין, גליד צו גליד האָט זיך באַהעפט, און אַ ריזיקע קאַמפּסלוסטיקע אַרבעטסיווע אַגרעסיווע אַרבעטער־באַוועגונג איז געשאַפן געוואָרן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון העכסט באַגאַבטע, מיט פען און וואָרט און אַמאָל אויך מיטן רעוואָלווער באַוואָפנטע, פירער.

דער דערפאָלג איז געווען קאָלאָסאַל. דער דערפאָלג דערקלערט זיך מיט דעם וואָס אַ נייע נשמה איז אַריינגעבלאָזן געוואָרן אין פאַרדאַרטן,

פאַרקוואַרטן גוף פון סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך פריער געשפּייזט מיטן האָניק פון ריינער מאָראַל, און קוים וואָס ער האָט געזשיפּעט. וואָסער דיעטע, אַזאַ האַפּטיקייט האָט ער געהאַט. נישט נאָר אַ מענטש, אויך אַן אידעאַל איז דאָס, וואָס ער „עסט". ער האָט זיך אָנגעגעסן. מיט נבלות און טריפות איז ער פעט געוואָרן.

סאָציאַליזם האָט איצטער גענומען אַפּעלירן צו די אינסטינקטן, צו די עמאָציעס פון די ברייטע מאַסן. ער האָט גענומען רעדן אויף אַ לשון פון דונערן און בליצן, פון טרומייטערן, פויקן, פון צאָרן און האַס. עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט פולווער, מיט קאַמף, מיט בלוט. און דאָס פאַר־מאָגט אַ כוח, אַ צוצי־קראַפט. די שטים פון בלוט איז דער שטאַרקסטער קול אין דער גאַמע פון מענטשלעכע און, טאַקע, חייהשע קלאַנגען. מאַסן ווערן באַוועגט פון אַפּעקטאַציעס, שטאַרקע געפילן, אויפברויז, פון רצי־חה־געלעגנהייטן — אַזוי האָבן געטענהט די מיליטאַנטן.

יאָ, אמת, דער אויפטו איז געווען ווי געוואונטשן. דאָס איז געווען דער זויערטייג, וואָס האָט אויפגעהויבן און אויפגעיוירט דעם גאַנצן גע־קנעט. אָבער דאָ איז אַריין דער חמץ, דער פּסול.

און דער דערפאָלג איז געווען אין דער אייגענער צייט דער אָנזאָג פון דעם קומענדיקן דורכפאַל. דאָס איז געווען דער אַרויפבאַרג, וואָס מוז האָבן אַן אַראָפּבאַרג, און אַפילו אַ פאַל אַראָפּ אין טיפן טאָל, אָדער אַפילו אין אַ טיפער גרוב פון דעמאָראַליזאַציע. אַזאַ זיג איז אַ מפּלה. די מאַסן זיינען צוגעשטאַנען, אָבער נישט צו דעם ליכט פון סאָציאַליזם, נאָר צו זיין שאָטן, צו דעם נעגאַטיוו, וואָס ער אַנטהאַלט. זיי האָט פאַרשמעקט דאָס בלוט... פון די שונאים, פון די קאַפּיטאַליסטן, דאָס גאָלדן בלוט...

בעני ווייזט אויס איז געבליבן אַן ע ט י ש ע ר ס אָ צ י אַ ־ ל י ס ט. די אַרבעטער, וואָס רופן אים אָן מיטן צונעמעניש „קאַרל מאַרקס", קלייבן זיך נישט פאַנאַנדער ווי געהעריק אין די שייכותן צווישן עטיק און פּאָליטיק. בעני וויל מיט זיי לערנען אַ פּרשה מאָראַל, און זיי מיינען, אַז ער לערנט מיט זיי אַ קאַפּיטל אין מאַרקסיזם. בעני וויל אַז די אַרבעטער זאָלן צייגן אַ מוסטער מיט זייער פּערזענלעכער הנהגה. וועגן דעם האָט זיך לחלוטין נישט געהאַנדלט אין דער מאַרקסיסטישער תורה.

דער באַלעבאָס, דער עקספּלואַטאַטאָר, בעני צייגט אַרויס גענוג האַס און פאַראַכט צו אים, צייגט זיך אַרויס צו זיין אַלס יחיד, אַלס מענטש,

פיל שענער און בעסער, ווי בעני האָט זיך גאָר געקענט פאָרשטעלן, און דאָס קרענקט אים. ער זעט אין דעם אַ חילול־השם פון אַרבעטער. דער באָס, אַ מיטגליד פון אַ פיינטלעכן קלאַס באַהאַנדלט דעם אַרבעטער בע־סער, שענער און ברידערלעכער, ווי די אַרבעטער באַהאַנדלען אים, זייער קלאַסן־ברודער.

„טאָקע אַ באָס... אַן עקספּלואַטאַטאָר, אַ בלוט־זויגער, אַ וואַמפּיר, אַ ממזר, אשר לא יבוא בקהל... און מ׳ברויך אים פּייטן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט... אָפּגרענעצן מיט אַ ווירע: «דאָ האָסטו צו גיין, און דאָ האָבן מיר, די אַרבעטער, צו גיין...»" (ז. 132).

בעני מיטן קאָפּ, אין טעאָריע איז אויך אַן אָנהענגער פון דער לע־רע מכוח קלאַסן־קאַמף. עס פּלאַקערט אין אים אַ שנאה צום קאַפּיטאַ־ליסט, אָבער ער קען נישט פאַרלייקענען אַז ער, דער אויסוואורף, דער כּל־בוניק, דער רשע מרושע, דער קאַפּיטאַליסט, האָט פאָרט געהאַנדלט לייַ־טישער פון די אַרבעטער. בעני האָט אַראָפּגעשלונגען די קלאַסן־קאַמף־טעאָריע, אָבער ער האָט נישט אויסגעשפּיגן די עטישע עלעמענטן פון סאָ־ציאַליזם, וואָס זיינען פאַרדייט געוואָרן פון אים נאָך פון פריער. אפשר האָט ער זיי נאָך אַריינגעזויגן מיט זיין מוטערס מילך, און אפשר זיצן זיי אין אים פון די קינדער־יאָרן, ווען ער איז געגאַנגען אין חדר און זיך צוגעהערט צו די שטראָף־רייד פון נביאים, די פאַרצייטיקע קעמפּער פאַר יושר, פאַר דעם באַדרענגטן און באַעוולהטן.

## כא.

# ווען גלייך איז קרום

בכדי צו האָבן אַן אָביעקטיווע פאַרשטענדעניש מכוח דער דיסטאַנץ, וואָס געפינט זיך צווישן ביידע אופנים פון האַנדלען פון קאַפּיטאַליסט און אונטערשרייבן די הלוואה וואָס דער קראַנקער און אָרעמער אַרבעטער מאַכט, און דער אָפּזאָג פון די איבעריקע אַרבעטער צו טאָן עס, דאַרפן מיר גוט באַגרייפן, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ באַשטימטער סומע געלט, הונדערט דאָלער. וואָס איז הונדערט דאָלער?

די צאָל, דער סכום, איז פאַר אַלעמען די אייגענע קוואַנטיטעט, ווען זי ווערט גענומען אַבסטראַקט, אַריטמעטיש. אַז עס וועט קומען צו ציילן,

וועט דער אַרבעטער און דער קאַפּיטאַליסט האָבן די זעלביקע אויפגאַבע, אויב זיי וועלן דאַרפן אויסציילן הונדערט דאָלער צו איין דאָלער, וועלן זיי עס דאַרפן ווידערהאָלן הונדערט מאָל. אָבער דער ווערט פון דער סומע איז נישט דער אייגענער פאַר די אָרעמע אַרבעטער און דעם רייכן אָדער פאַרמעגלעכן פאַבריקאַנט. די מעשה איז די, געלט איז אַ סאָציאַלע דערשיינונג, עס אָפּערירט בלויז אין דער געזעלשאַפט, אין די פאַרהעלטענישן פון מענטשן צווישן זיך, נישט צווישן מענטש און זיין פיזישער סביבה. און וויבאַלד אַזוי דאַרפן מיר באַגרייפן די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער געזעלשאַפט, און דאָס איז איר געטיילט זיין, אויף שטאַנדן, אָדער קלאַסן, אָדער עפּעס אַנדערע גראַדאַציעס. די געזעלשאַפט איז סטראַטיפיצירט, באַשטייט פון פאַרשיידענע שיכטן, וועלכע פאַרנעמען פאַרשיידענע פּאָזיציעס אין עקאָנאָמישן לעבן, דאָס מיינט, אַז די פאַרדינסטן פון די עקאָנאָמישע סוביעקטן, וואָס געפינען זיך אין דער געזעלשאַפט זיינען נישט גלייך. אויב אַזוי איז געלט, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אונטער דער קאַטעגאָריע פון צאָל און וויל פון קיין אַנדערע זאַכן נישט וויסן, זייער פאַרפירעריש. געלט איז אַ מעדיום פון אויסטויש און עס איז גלייך בנוגע קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פאַר אַלעמען. אָבער באַזיצן אַן אייגנשאַפט פון גלייכהייט דאָרט, וווּ קיין גלייכהייט עקזיסטירט נישט מיינט פאַרברעכן קעגן דעם אָביעקטיוון סטאַנדאַרד און מאָדוס פון פאַרהעלטענישן.

ווען מיר פּרובירן צו דעפּעטיזשירן דאָס געלט, און מיר ווענדן אָן דעם ריכטיקן קריטעריום, וועלכער איז אָנשטרענג, ענערגיע־פאַרשווענדונג, וואָס איז אייגנטלעך טיילן פון לעבן, דעמאָלט וועט זיך אַרויסשטעלן אַז הונדערט דאָלער פאַרן באַלעבאָס איז עפּעס אַנדערש און פאַר די אַרבעטער ווידער עפּעס אַנדערש. עס איז מעגלעך, אַז ווען מ׳זאָל פאַרגלייכן די סומע פון אָנשטרענג און געלעגנהייטן וואָס פאָדערן זיך בכדי צו קריגן הונדערט דאָלער, וועט זיך אַרויסצייגן, אַז פאַר דעם קאַפּיטאַליסט איז עס, אפשר, נישט מער ווי אַ שעה אָדער צוויי, מיר נעמען עס אַרביטראַריש, פון באַשעפטיקונג; בשעת פאַרן אַרבעטער קען עס מיינען בערך הונדערט שעה שווערע האָרעוואַניע. לכן קומט אויס אַזוי אַז דער קראַנקער אַרבעטער האָט פאַרלאַנגט פון די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן פאַר אים גוט־זאָגן פאַר אַ סומע, וואָס, ווען געשאַצט לויט דעם אַרבעטערס סקאַלאַ פון פאַרדינסט, באַטרעפט בערך צען טויזנט דאָלער.

און אַזאַ סומע וואָלט דער קאַפּיטאַליסט זיכער נישט אונטערגעשריבן. פאַרקערט, ווען מ׳זאָל נעמען דעם קאַפּיטאַליסטס סקאַלאַ מיינט עס, אַז דער אַרבעטער האָט פון אים געבעטן מער נישט ווי איין דאָלער, און אַזאַ סומע וואָלט אים קיין אַרבעטער נישט אָפּגעזאָגט.

מ׳קען אָננעמען אַן אַנדער מאָס ווי אָפּצושאַצן דעם ווערט פון הונ־דערט דאָלער. נעמען עס און זען וואָס איז זיין באַציאונג צום פאַרמעגן, ד״ה, וואָס פאַר אַ פּראָצענט דאָס באַטרעפט. אויב דער קאַפּיטאַלסט פאַר־מאָגט הונדערט טויזנט דאָלער האָט ער דעם אַרבעטער אונטערגעשריבן איין צענטל פון אַ פּראָצענט און אַזאַ סומע פון זייער פאַרמעגן וואָלטן די אַרבעטער אויך זיך נישט געשראָקן איינצושטעלן אַבי אַרויסהעלפן אַ נויטבאַדערפטיקן ברודער. אָבער אַ הונדערטער ביי בערלען אָדער שמער־לען, צו ווען דער קראַנקער האָט זיך געווענדט באַטרעפט אפשר דאָס גאַנצע פאַרמעגן, אַלץ וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט און מיט וועלכע שווע־ריקייטן, אָפּגעשפּאָרט. אַזוי אַז ווען דער אַרבעטער פאַרלאַנגט אַזאַ סו־מע פון באַלעבאָס, דהיינו הונדערט טויזנט דאָלער, וואָלט ער אים זיכער אָפּגעזאָגט, און אַז ער פאַרלאַנגט צען סענט פון זיינע ברידער־אַרבעטער, וואָלטן זיי אים זיכער נישט אָפּגעזאָגט.

דאָס ווערטל „אַן אָרעמאַן איז אַ בעל־צדקה״ האָט אַ טיפן זינען. דאָס מיינט נישט בלויז אַז דער עני ואביון שטעלט זיך פאָר, אַז ווען ער איז רייך וואָלט ער האָבן אַ פרייע האַנט, נאָר דאָס באַטייט בפועל ממש, אַז ער, דער קבצן, איז אַ פזרן איצט אין זיין גאַנצער אָרעמקייט, ווייל ווי ווייניק ער גיט נישט, גיט ער אַלץ פיל מער, פאַרהעלטניסמעסיק, ווי די גרעסטע נדבנים גיבן, ווי די רייכע, די עשירים אדירים שענקען און שמען נאָך פאַר פילאַנטראָפּן, פאַר גרויסע געבערס.

און בעני כאַפּט זיך און פאַרריכט זיין שטרענגע פאַרדאַמונג פון די אַרבעטער, און זיין אַרויסשטעלן דעם באַלעבאָס פאַר אַ צו פיינעם מאַן. ער ברענגט נישט אַרויס דעם פאַרענטפער פון די אַרבעטער דייטלעך, אָבער ער טוט עס אויף זיין שטייגער, און פאַר אים איז עס נאָך צו גוט: בנוגע אינטעלעקטועלער „פילאַנטראָפּיע״ איז אויך דאָס אייגענע, מען דאַרף וויסן וויפל יענער פאַרמאָגט „אינטעלעקטועלע מזומנים״, בכדי צו קענען אָפּשאַצן די חשיבות פון זיינער אַן אַרגומענטאַציע, אַן אורטייל פאַסן און אַ שלוס ציען, מיט איין וואָרט, זיין ביישטייער.

„מילא, מ׳קען זיי פּילייכט נישט בליימען *): «פּאָרט נישט מער ווי אַרבעטאָרער! גיי און שרייב פאַר אַ צווייטן, אַז מ׳האָט געזונג ס׳אייגענע ווייב, די קינדער — און נאָך יענעמס ווייב און קינדער אויך האָבן אויפן קאָפּ צו טראָגן? אַ באַס איז עפּעס אַנדערש, אַ באַס מאַכט זיך נישט בחנם פאַר אַ גוטן. מסתמא פיקט זיך שוין עפּעס ביי אים אין קאָפּ. אַ זאַכעלע... און אויב ער גיט מיט איין האַנט, וועט ער זיך אָפּנעמען מיט דער צווייטער האַנט, צי גאָר מיטביידע»". (זז. 43־142).

עס איז נישט בלויז דאָס אָפּנעמען, וואָס דער באַס קען זיין האָט אין זינען בעת ער טוט אַ טובה זיין „געדונגענעם קנעכט", עס איז דאָס געבן גופא. ער גיט לכתחילה פיל ווייניקער, ווען ער גיט די אייגענע סומע, וואָס דער אַרבעטער. מחמת דער באַס האָט אונטערגעשריבן אַ הלוואה, וואָס האָט פאַר אים דעם באַטרעף וואָס אַ „דיים" **) האָט פאַרן אַרבעטער. און קיין אַרבעטער וואָלט יענעם קראַנקן „ברודער" נישט אָפּגעזאָגט, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַזאַ נישטיקער געבאַכץ. זיי וואָלטן אים זיכער געגעבן עס — און פאַרגעסן וועגן דער טובה. וואָס־וואָס אַ „דיים" וואָלטן זיי נישט מורא געהאַט איינצושטעלן, אַפילו ווען זייער „ברידערלעכקייט" איז שטאַרק מסופק.

## כב.

# רימען און טאַרלען צוזאַמען

אין דעם אייגענעם מאַנאַלאָג גיט אונדז דער מחבר אַ צווייט בילד, אין אים איז די שולד פון די אַרבעטער פיל האַרבער. דאָ קען שוין אונדזער אַפּאַלאָגעטיק נישט גילטן, ווייל יעדער אַרבעטער האָט געקענט געבן אַזוי ווייניק וויפל זיין פאַרמעגן און זיינע פאַרדינסטן, ד״ה שכירות, דערלויבן אים אָן אַ באַזונדערער אָנשטרענגעניש. און אָט־דער אַקט פון אוממענטשלעכקייט מצד פון די אַרבעטער ברענגט בענין אַרויס פון די כלים. עס פּלאַצט ביי אים דאָס געדולד, און ער פאַרלירט יעדע האָפענונג אַז פון אָט־דער זריעה, פון אַרבעטערשאַפט, קען נאָך אַמאָל אַרויסשפּראָצן דאָס געוויקס פון אויסלייזונג פאַר דער גאָרער מענטשהייט.

---

*) פאַרדאַמען.

**) צען־סענטיקע מטבע.

„אָבער איר האָט שוין געהערט, אַז אַרבעטאָרער זאָלן זיין, כ׳ווייס, וואָס כ׳זאָל אויף זיי זאָגן? הינט? אויסוואורפן, שלאַנגען, עקדישן, ווי, וואָס? איר וועט באַלד הערן... אַזאַ זאַך, אַזאַ זאַך! אַפּילו... דער גאַנצער «קאַפּיטאַל» האָט קיין השגה נישט געקענט האָבן דערפון... און וויסן צו פאַרשרייבן אַ רפואה דערצו... גיי... שיס אויס אַלע אַרבעטאָרער... מיט וועמען וועט זיין צום טיש צו גיין? מ י ט  ד י  ב אָ ס ע ס? א ו ן מ י ט  ז י י  א יי נ פ י ר ן  ס אָ צ י אַ ל י ז ם  א ו י ף  ד ע ר וו ע ל ט?״ (דאַרט).

דער אמת איז אַז די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע ווי מען האָט זי געפירט, האָט פאַראורזאַכט, צו אַ געוויסער מאָס, אַ דעמאָראַליזאַציע צווישן די אַרבעטער־מאַסן, ווען מען נעמט די אַרבעטער אַלס יחידים.

מען האָט זיי איינגערעדט, אַז זיי זיינען אַ משיח־קלאַס, אַז זיי ראַטעווען די וועלט, אַז אַלץ קומט פון זיי און, ממילא, דאַרף אַלץ געהערן צו זיי, דאַרף קומען צוריק צו זיי. און אַזאַ אַפּרימערוי האָט ביי פילע פון זיי אַרויסגערופן אַ נעגאַטיווע רעאַקציע, זיי פשוט פאַרדרייט דעם קאָפּ, צעדולדט זיי.

רימען קען האָבן אַ פּעדאַגאָגישן ווערט בלויז אין איין פאַל, ווען מ׳שטעלט אַוועק דעם גערימטן פאַר אַ מוסטער פאַר זיך אַליין. דאָס הייסט, מען טרייבט אים אונטער, מען גיט אים צו חשק, אַז ער זאָל זיין אַזוי גוט, ווי ער ווערט אָפּגעמאָלט אין די קאָמפּלימענטן, וואָס מען גיט אים, און וואָס זיינען, זיכער, נישט קיין פאַרדינטע. מען הייסט אים זיך פאַרקוקן אויף זיך אין שפּיגל פון אויסגעטראַכטער אויסדערוויילטקייט, און זען ווערן ענלעך צו דעם אָפּשפּיגל. מיט אַנדערע ווערטער, אַן „אתה בחרתנו״ דאַרף אַרויפלייגן שווערע עטישע פליכטן אויף יעדן יחיד פון דעם אַזוי איינגערעדטן אויסדערוויילטן ציבור. אויב דאָס ווערט נישט געטאָן, ברענגט אָט־די סעלעקציע־לערע און איינריידעניש בלויז שאָדן, עס רופט אַרויס אַ צעלאָזנקייט, אַ פאַרדאַרבנקייט פון זיטן, אַ ווילדע גאווה, אַ פאַרדיסנקייט, וואָס גיט זיך אַרויס אינדולגענציעס אויף פאַרברעכנס, וואָס מ׳דערלויבט זיך צו באַגיין קעגן די שפּלע, נידעריקע, די אומווערטיקע, קעגן די וואָס זיינען בלויז אַן „עם הדומה לחמור״, שטייען אויף איין שטאַפּל מיט די בהמות, וועמענס לעבנס זיינען הפקר.

אויף אָט־דער דעמאָראַליזאַציע פון די אַרבעטער קלאָגט דער פּסוק אין מויל פון בענין אין זיין מאָנאָלאָג.

אייזיק דער אָפּערייטאָר איז שוין אַ וואָך נישט אַריין אין שאַפּ. „אַן אָפּערייטאָר, אַז ער בלייבט איבער אַ גאַנצע וואָך אין שטוב, מוז ער, נישט אַנדערש, זיין ווי טויט... יגעתי ומצאתי, איז מען דערגאַנגען: אַז ער לעבט, נאָר פאַר אַן אָפּערייטאָר איז ער שוין טויט... עס האָט אים נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אָפּגענומען די שפּיצן־פינגער פון די הענט... און... דער דלות... האָט ענדלעך אַרויסגעטריבן... ס'ווייב זיינס פונעם הויז — און ווו האָט זי געזאָלט גיין, ס'ערשטע, אויב נישט אין שאַפּ אַריין? זיבעצן־אַכצן יאָר אָפּגעאַרבעט אינאיינעם מיט מענטשן, און פאַרוואָס זאָל מען גלייבן דעם באָס, ווען ער זאָגט, אַז אַרבעטאָרער זיינען קיין מענטשן נישט?... און געקומען איז זי נישט אַליין, און נישט מיט די קינדער, נישט מיטן מאַן און די געליימטע פינגער זיינע... נאָר מיטן באָס גאָר... וואָס איז נישט ווערט, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט און די ערד טראָגט אים... איז ער שוין אויך געוואָרן דער ראש המדברים... וואָס האָט געברויכט ריידן פאַר איר צו די אַרבעטאָרער... און דער באָס... הייסט... אָפּשטעלן די פּאוער... ער לייגט פאָר: «אַזוי ווי אייזעק האָט אָפּגעאַרבעט זיינע זיבעצן־אַכצן יאָר, און געבליבן... בעירום ובחוסר, אָן אַ לייבצודעקל, און מיט אַ לאָך פון אַ בייגל... דעריבער וואָלט נישט מער געווען ווי רעכט, דאָס ער זאָל פאַרן סעזאָן... דריי חדשים צי עפּעס מער... קריגן אַ האַלבע פּיידע... דער אָפּיס באַשטייט אַליין צוצוטראָגן אַ גאַנץ פּערטעלע צו איר, און דאָס אַנדערע פּערטעלע זאָל מען צעלייגן איבערן גאַנצן שאַפּ אַרבעטאָרער, יעדער איינער מיט וויפל ער קען: אַ קוואָדער *), אַ דיים»... אַ רגע, נאָך אַ רגע, דער שאַפּ איז שטיל... ביז ס'האָט זיך אַרויסגערוקט איינער... און אויפגעשטאָכן דעם בלאָטער: «וואָס הייסט, אַרויפלייגן אַ טעקס פון אַ דיים, צי אַ קוואָדער אויף אָרעמע אַרבעטער, און זיי צווינגען צו געבן?»... גיט זיך אַ שטעל אַוועק דער... וואָס איז אַלעמאָל אין דער אבדזשעקשיאָן קאָמיטע... און שרייט: «וואָס לאָזט מען נישט די פּאוער? מיר זיינען שטיק־אַרבעטאָרער! דער באָס וויל זיין אַ גוטער אויף אונדזער צייט?»!... דער מאָטאָר האָט אַ ברום געטאָן...“ (זז. 147־143).

ווער פון די אַרבעטער שטעלט זיך אַרויס צו זיין האַרצלאָז? דווקא די, ווי דער מחבר רופט זיי, „בענדלדיקע“, די וואָס קאָכן זיך אין יוניאָן,

*) אַ פערטל דאָלער.

גיבן אַכטונג אויף כשרות... דווקא זיי זיינען פאַרדאַרבן. זיי האָט מען עס איינגערעדט אַז זיי זיינען „די זאַלץ פון דער ערד”, די סמעטענע פון זויערמילך, דעריבער דערלויבן זיי זיך צו האַנדלען אַזוי געמיין.

רעליגיע האָט געברויכט דעם מעטאָד פון רימען, אָפּרימען דעם מענטשן, אויפהייבן אים אין זיינע אויגן אַזוי הויך אַז העכער קען שוין גאָרנישט זיין. דער חומש האָט דעם דרייסט צו באַהויפּטן, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין געשטאַלט פון אלהים, און ער טראָגט אויף זיין געזיכט דעם צלם־אלהים (בראשית א׳, כ״ז). קען שוין געבן עפּעס שע־נערס, העכערס! דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער יסוד, דער ווינקלשטיין, אויף וועלכן עס האַלט זיך דער גאַנצער בנין פון אויסדערוויילטקייט, דער מענטש איז דער בחיר־היצירה, דער אויסדערוויילטער פון גאַנצן מלכות פון באַשאַף, ווייל אים פעלט בלויז אַ האָר פון צו זיין ווי אלהים (תהלים ח׳, ו׳), און דעריבער דאַרף ער באַהערשן און באַצווינגען די ערד און אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט (בראשית א׳, כ״ח). אָבער צו דער אייגענער צייט, ווי דער חומש שאַפט דעם אַפּאָטעאָזיס פון מענטשן, פאַרגעסט ער נישט צוצוגעבן, אין דער זעלביקער סדרה צום סוף, אַט־די כאַראַקטער־ריסטיק פון אַט־דער צוויי־פּיסיקער אָנפליגלדיקער באַשעפעניש, וואָס טראָגט דעם נאָמען מענטש, אַז ער איז פאַרדאָרבן, האָט אַ נייגונג צו טאָן שלעכטס (בראשית ו׳, ה׳). אַזוי־אַרום ווערט אין לויבגעזאַנג פון מענטשן אַריינגעוואָרפן ביטול און קריטיק פון דער מענטשלעכער נאַטור. דער חומש הייבט אים ביזן הימל, אָבער גיט אים אויך אַ שליידער אַראָפּ אין שאול־תחתיה.

בנוגע דעם אַרבעטער איז עס נישט געטאָן געוואָרן. בכלל האָבן די סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן און פּראָפּאַגאַנדיסטן זיך נישט געווענדט צום יחיד אַרבעטער נאָר דורכאויס צו זיין קאָלעקטיוו, צום אַרבעטער־קלאַס, אָדער צו די אַרבעטער־מאַסן. און דער אַרבעטער־קלאַס איז נישט אויפגעפּאַסט געוואָרן ווי דער טאָטאַלער סכום פון אַלע אַרבעטער, נאָר ווי עפּעס אַ וועזן, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענעם קיום, עקזיסטירט פאַר זיך ווי אַ מאָנאָליטישער מהות.

כג.

# דיביימער און דער וואַלד

עס איז דאָ אַ ווערטל — „צוליב די ביימער זעט מען נישט דעם וואַלד“. אַמאָל ווען מ׳קומט צו זייער נאָענט צו די ביימער, און מ׳נעמט באַטראַכטן, אויספאָרשן, אויסלערנען דאָס לעבן, וואַקסן, בליען און דאַרן פון דעם איינצלנעם בוים, פאַרגעסט מען אינגאַנצן אָן זיין קהילה, דעם גאָרטן אָדער וואַלד.

יעדער בוים איז זיך אַ וועלט פאַר זיך, אַן אינדיווידואַליטעט, און איינער פון אַנדערן איז פאַרשידן; איינער הויך, ריזיק, שפּאַרט אונטער דעם הימל, פאַרטשעפּעט אַ פאַרביישווימענדיקן וואָלקן, האַלט דעם קאָפּ פאַרריסן; דער צווייטער קליין, איינגעשרומפּן, איינגעבויגן, האַלט זיך נאָענט צו דער מוטער־ערד, האָט מורא אָוועקצוגיין פון איר שויס און פאַרטעך; איינער איז שאָטנדיק, צווייג־האַפּטיק, באַשאָטן מיט נעסטן, פאַרוויגט מיט ווינטעלעך און באַזונגען; דער אַנדערער — דאַר, אַ פּאָר שיטער־נישטיקע צווייגעלעך, אַ מין סריס, רחמנא־ליצלן.

קיין צווייפל נישט, אַז עס איז דאָ צו וואָס זיך צוצוקוקן, וואָס צו לערנען, וואָס אויפצופאַסן אין יעדן בוים באַזונדער. אָבער דאָס ווערטל וואָרנט אונדז, דערמאָנט אונדז, אַז מיר זאָלן צופיל נישט היינגעריסן ווערן פון דעם באַאָבאַכטן דעם איינצלנעם, איינזאַמען בוים. נאָר מיר זאָלן אים אויפנעמען אַלס איינעם פון די מערערע, אַלס איינעם וואָס גייט אַריין ווי אַ טייל אין דאָס גאַנצע, וואָס הייסט וואַלד אָדער גאָרטן.

דער אמת איז אַז אין סאָציאַלע פראַגן זיינען מענטשן דווקא גע־נייגט צו מאַכן אַ קעגנגעזעצטן טעות, אייגנטלעך, זיי טוען מערסטנס פאַרקערט, צוליבן וואַלד פאַרזעען זיי די ביימער. מען כאַפּט אויף דאָס אַלגעמיינע, דאָס געזעלשאַפטלעכע, דאָס איינצלנע און אייגנאַרטיקע.

נאַטירלעך, ווען מ׳שטייט פון דער ווייטן, וואָס זעט מען? אַ שוואַר־צע געדיכטע מאַסע, עפּעס אַ מין סאָלידע, מאַסיווע זאַך וואָס איז אומ־דורכדרינגבאַר. ערשט ווען מ׳קומט צו נאָענט, דערזעט מען די אינטער־וואַלן, די צווישן־שטחים, די בלויזן צווישן בוים און בוים, און די ביי־מער, ווי אַזעלכע. פונדערווייטנס גיסט זיך עס אַלץ צוזאַמען אין איין שטיק.

די צוויי עקסטרעמען, — דאָס פאַרגעסן אָן די ביימער, זיך פאַר־

טועגדיק אין וואַלד, דאָס פּאַרזוען דעם וואַלד צוליבן אַריינטאָן זיך און זיך פּאַראינטערעסירן מיט די איינצלנעביימער, — טוען נישט קיין גוטס, פירן נישט צום ריכטיקן אָפּשאַץ פון סאָציאַלע דערשיינונגען, און דינען אַלס פאַרגרייזער פון די סאָציאַלע פּראָבלעמען, מיט וועלכע אַלע טעאָרעטיקער סאָציאָלאָגן און פּראַקטישע טוער האָבן געהאַט צו טאָן און וועלן נאָך האָבן צו טאָן פאַר יאָרן און יאָרן.

די ראַדיקאַלע אַגיטאַטאָרן זיינען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון קלאַס, אָבער נישט אין פולן פּשט פון וואָרט. אויב שטיין אויף אַט־דעם שטאַנדפּונקט דאַרף מען עס טאָן ווי געהעריק, נישט געפּושערט. מען דאַרף אָנהייבן פון יחיד־אַרבעטער און אויסלאָזן מיטן יחיד־אַרבעטער אין דעם סך־הכל פון די אַרבעטער באַטראַכטן אַלס אַ קאָנקרעטן קלאַס, נישט ווי אַ פליישן און בלוטלאָזע אַבסטראַקציע. אויב דער יחיד־אַרבעטער איז נישט עטיש אַנטוויקלט, ווערט דער קלאַס, דער אַרבעטער־קלאַס זיך קיינמאָל נישט דערהייבן צו אַן עטישן, העכער פון דורכשניטלעכן ניוואָ, ווייל באמת שטעלט ער זיך דאָך צוזאַמען פון איינצלנע אַרבעטער. אַ קלאַס איז אַנדערש פון אַ פאַלק. אַ פאַלק קען גענומען ווערן ווי אַ נאַטירלעך סאָציאַלע פאָרמאַציע, וועלכע איז קודם צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון אירע באַשטאַנדטיילן, צו דער פולער אַנטוויקלונג פון זייער יחידישן באַוווסטזיין. אַ קלאַס איז אַן אַנדער סאָרט געבוי, ער איז כמעט אינגאַנצן אַן אינטעראינדיווידועלער אַגרעגאַט, ער שטעלט זיך צוזאַמען פון זיינע יחידים.

ווייטער, די ראַדיקאַלע אַגיטאַטאָרן האָבן פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט דעם ענין סיסטעם; די עקאָנאָמישע סיסטעם, די פּאָליטישע סיסטעם טויג נישט, מען דאַרף זי אומשטירצן, איבערבויען, די געזעלשאַפט דאַרף רעקאָנסטרוקטואירט ווערן, אָבער וועגן יחיד, וועגן איינצלנעם מענטשן האָט מען כמעט ווי אינגאַנצן פאַרגעסן. און זיי האָבן נישט געוואָלט באַגרייפן, אַז אַ שלעכטער, אַ פאַרדאָרבענער מענטש וועט קאַליע מאַכן די בעסטע סיסטעם. קיין סיסטעם קען נישט זיין אַזוי פאַרפאַנצערט פון אַלע זייטן, אַז קיין מיסברויכונג זאָל צו איר נישט קענען צוקומען נאָענט. דער פאַרברעכער, דער פאַרדאָרבענער, וועט אַלעמאָל געפינען אַן עפענונג דורך וועלכער ער זאָל קענען אַריינדרינגען און אָנפאַסקודזשען. פון דער אַנדער זייט, ווי שלעכט אַ סיסטעם זאָל נישט זיין, וועט דער גוטער מענטש אַלץ זיך אַן עצה־געבן און געפינען אַ וועג ווי־

צו זיין גוט און האַנדלען מעשה מענטש, ערלעך, שיין, עטיש־העראָאיש.

דער ראַדיקאַל האָט אינגאַנצן פאַרגעסן דעם ענין עטיק. און דער ברייטער אַרבעטער־עולם איז פאַרגרעבט געוואָרן. אַנשטאָט צו גיין פאָר־אויס, האָט ער זיך גאָר אָוועקגערוקט הינטערווייל־עכץ.

אַמאָל איז געווען אַ מגיד, אַ מוסר־זאָגער, אַ מוכיח. ער פלעגט ריידן אַ סך וועגן פרומקייט, אָבער ער האָט אויך נישט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט צו זאָגן מער ווי בלויז אַ פּאָר ווערטער וועגן גוטסקייט, וועגן דעם בין אדם לחברו, וועגן צווישן־מענטשלעכע פאַרהעלטענישן, אַז זיי דאַרפן זיין מאָראַליש. דער ראַדיקאַל האָט דאָס פאַרקוקט, אינגאַנצן זיך פאַרלאָזן אויף פאָליטישער טעטיקייט, אויפן קאָלעקטיוון אָנשטרענג, אויף אַ סאָציאַלן כוח, דערצו נאָך קאַמף.

דער רעזולטאַט האָט זיך באַקומען אַ טרויעריקער.

## כד.

# איין צדיק אין סדום

אין שאָפּ איז פאַראַן בלויז איין עטישער מענטש, בעני, ער איז דער איינציקער צדיק אין אָט־דעם סדום, און איינער איז קיינער. אָבער ער גיט נישט נאָך אַזוי לייכט, ער שטעלט זיך איין פאַר אייזיקן, פאַר איי־זיקס ווייב וואָס איז געקומען צו די אַרבעטער בעטן הילף.

בימקאָ שילדערט עס, ווי אַ גיגאַנטיש ראַנגלען זיך פון איינצלנעם מענטשן, פון דער עטישער פערזענלעכקייט, קעגן דעם פאַרדאָרבענעם רבים פון שאָפּ, וואָס ווערט פערזאָניפיצירט אין מאָטאָר, וואָס מ׳לאָזט גיין און מ׳וויל אַפילו נישט באַהאַנדלען די פראַגע פון זיך לאָזן מינימאַל ביישטייערן פאַר אַן אומגליקלעכן אַרבעטער, מיט וועלכן מ׳האָט געפּראַ־צעוועט צוזאַמען קאַרגע אַכצן יאָר.

בעניִן ברענט זייער סדומישע האַנדלונג ווי פייער. ער קען נישט פאַרטראָגן זייער אכזריות און דערהויפּט נאָך דעם חילול־השם פון אַר־בעטער אַלס טרעגער פון סאָציאַליזם אין דער אָנוועזנהייט פון באָס. און ער גייט אויף קידוש־השם און ער וועט שיער נישט קיין „קדוש״. מען צעברעכט אים די ביינער, אָבער ער ראַנגלט זיך מיט כל־הכוחות, איי־

נער קעגן אַלעמען, קעגן אַ ווילדן אומבאַצוווּנגענעם כּוח. אַט ווי בּימקאָ מאָלט עס:

„דער מאָטאָר האָט אַ ברום געטאָן. אָבער נישט מער ווי איין ברום. איך האָב אים גלייך געגעבן איבערן קאָפּ... איך שריי: «מ׳וועט דערנאָך אָפּאַרבעטן די פּאָר מינוט; די יוניע וועט אַרויסגעבן אַ הכשר, אויב איר זענט אַזוינע הונדערט פּראָצענטיקע, כּפל־שמונהדיקע...» אָבער ער וויל, אַפּנים, נישט הערן... דער מאָטאָר גיט אַ דריזגע, און איך... פאַרמאַך אים ס׳מויל; ער אַראָפּ: טר־ר־ר־ר... און איך מאַך אים דעם טויט... דער מאָטאָר וויל זיך נישט רירן... קאַרל מאַרקס האַלט אים פאַרן ציימל... «שטיל דו הונט איינער, האַלט ס׳מויל און לאָז דיך נישט הערן, ביז זיי וועלן מסכּים זיין מיט קאַרל מאַרקסן — אויף אַ דיים, און אַ קוואָדער...» ביז ס׳האָט מיר אַ קלונג געטאָן דער קאָפּ, און ער האָט זיך צעוויגט... כ׳האָב געהערט ווי דער מאָטאָר נעמט רוישן: טר־ר־ר־ר... אָבער אים שוין נישט געזען... ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן...“ (ז. 147).

אים איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן פון די פיזישע קלעפּ, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט, אָבער פיל מער פון דעם גייסטיקן קלאַפּ, ער האָט דערזען דעם אַרבעטער אַן אויסגעטאָנענעם פון דער אילוזיע פון אידעאַליזאַציע.

בעני, דער סאָציאַליסט, דער געטרייער זון פון זיין קלאַס, פון אַר־בעטער־קלאַס, בעני, וואָס פאַרהייליקט אַרבעט, שעמט זיך פאַר זיך אַליין, פאַר דער פאַרשוועכטער אַרבעט. בעני וואָס איז געווען שטאָלץ אויף זיין באַרוף און נאָמען אַרבעטער, טרעגער פון אַ גרויסן אידעאַל, פילט זיך פאַרשעמט און פאַרשפּיגן...

„כ׳גיי נישט מער אַריין אַרבעטן...“ (ז. 148).

עס איז אַ פּאַטש געגעבן זיך אין אייגענעם פּנים פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַ כּשר פאַרדינטער פּאַטש.

אַט־דער פּאַטש איז אויסגערעכנט צו דינען דעם צוועק פון ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די ראַדיקאַלן, אויב עס איז שוין נישט צו שפּעט, צו אַט־דעם פאַרזעז, דאָס פאַרנאַכלעסיקן די עטישע דערציאונג פון די פּראָלעטאַריער. מען האָט אים געגעבן זופּן פולע שיסלען פון פּאָליטישער שיטערער, פאַרוואָסערטער קאַשע און עטיק נישט דערלאַנגט אַפילו אין אַ טיי־לעפעלע.

און דער פּועל־יוצא איז אַז אַפילו דער ראַדיקאַל־געשטימטער אַר־

בעטער, וועלכער איז געבליבן אין דאָס סאַמע געדיכטע פון דער אַרבע־טער־מאַסע, צי מחמת נויט, צי גערן, האָט איצט אויך פאַרלוירן זיין חשק צו געהערן צום אַרבעטער־לאַגער. ער נעמט זיך מער נישט איבער מיט זיין פאָזיציע. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט פאַרלוירן אין זיינע אויגן דעם זיבעטן חן, וועלכן זי האָט פאַרמאָגט, בשעת ער האָט געמיינט, אַז זי איז עס די יעניקע, וועלכע איז באַרופן צו ברענגען די גאולה וישועה פאַר דער אַרבעטערשאַפט און דער גאָרער מענטשהייט.

„געשטאָרבן די מלאכה... און אויב איך לעב — קען איך מיר בלויז זעצן שבעה נאָך איר" (ז. 135).

„מיט די אַרבעטאָרער איז דער שאַפּ מער פאַר מיר קיין שאַפּ נישט" (ז. 148), מער קיין מקום קדוש נישט...

אויב דער ראַדיקאַל־געשטימטער אַרבעטער בלייבט נאָך ביי זיין פאַך, ביי זיין מלאכה איז עס בלויז, ווייל ס'איז „לית־ברירה". ער קען זיך נישט העלפן און מוז אָפּקומען אויף דער וועלט. און ער זעט אַרויס־צוראַטעווען פון אָט־דעם גיהנום זיין זון און טאָכטער. זיי שליסן זיך אָן אָן די פרייע פּראָפעסיעס, זיי גייען אַריין אין מיטלשטאַנד.

דער פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאַציע קומט פאַר מיט אַזאַ שנעלן טעמפּאָ, אַז גאַנצע לאָקאַלן, וועלכע זיינען באַשטאַנען, לכתחילה, פון אַן אויסשליסלעך יידישער מאַנשאַפט אָדער פּרויענשאַפט, ווערן אויסגעליי־דיקט פון יידן. אָט־די דערשיינונג פון פאַרלאָזן די פאַכן נעמט אָן מאוימ־דיקע פּראָפּאָרציעס. יידן פאַרלירן אין לאַנד אַ וויכטיקע פּאָזיציע און צו־ליב דעם פאַרלוסט ווערן זיי אָפּגעשוואַכט סיי עקאָנאָמיש סיי פּאָליטיש. און די יידישע יוניאָנס וועלכע זיינען שוין מער נישט יידיש אין זייער מיטגלידערשאַפט, אָדער אין די „אינטערנאַציאָנאַלע" פאַראיינען, וועל־כע האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן זייער יידישע מיטגלידערשאַפט־מערהייט, נעמט זיך שטעלן אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע: ווי לאַנג קען יידי־שע אָנפירערשאַפט אָנהאַלטן, ווען די מאַסע ווערט אַלץ מער און מער רעקרוטירט פון נישט־יידישע אַרבעטער־עלעמענטן?

פאַר די בעניס נעמט די מלאכה אָפּשטאַרבן...

# III

## דער באָס, די יוניע און די אַרבעטאָרער
## ווי פון איין שטיק

א.

# ווען ניצחון איז אַ מפּלה

בעני, ווען מען די אַרבעטער פון זיין שאָפּ רופן „קאַרל מאַרקס״, באַ־יאָמערט די חושכדיקע מערכה פון אַן אידייע. ער זעט איר אונטערגאַנג. קיין פילאָסאָף איז ער נישט, באַוויינט ער איר חורבן, אַנשטאָט צו פאַר־שטיין ווי געהעריק וואָס דאָ קומט פאָר פאַר זיינע אויגן. דאָס איז די אומפאַרמיידלעכער טראַגיזם פון אַן אידייע ווען פון אַ באַשטרעב פון יחידי סגולה, פון איינצלנע אויסגעצייכנטע פערזענלעכקייטן, ווערט זי דער פאַרלאַנג און פאָדערונג פון די ברייטע שיכטן פון פאָלק. לכתחילה זעט עס אויס, אַז די אידייע מאַכט אַ דערפאָלג, זי ווערט אַזוי אָנגענומען און פאַרשפּרייט אַז זי שאַפט אַ מאַסן־באַוועגונג, וואָס גיט זיך איבער צו איר פאַרווירקלעכונג. איז דאָך גוט און ווויל — טויג עס ערשט נישט. ווייל אין אָט־דער פאַרוואַנדלונג ליגט די סכנה פון איר פאַרפלאַכונג, פאַרטעמפּונג און פאַרשוועכונג.

דאָס איז געווען די טראַגעדיע פון קריסטנטום, פון אוניווערסאַליזם, פון קאָסמאָפּאָליטיזם, און דאָס איז, אין אונדזער דור, די טראַגעדיע פון סאָציאַליזם־קאָמוניזם.

ווען אַן אידעאַל ווערט פאַרשפּרייט שטאַרק אין דער ברייט, מיינט עס אַז ער דעגענערירט, גייט אונטער, פאַרלירט זיין ריינקייט, זיין טו־רעמדיקייט. ער האַלט אָפּ אַ וואַלוועלן זיג.

די סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן שאַפן אָפּ פּריוואַט־אייגנטום־רעכט בנוגע די פּראָדוקציע־מיטלען, זיי פירן עס דורך מיט דער שטיצע און הילף פון יענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וואָס זיינען נאָך נישט דערוואַקסן צו דעם אַקוויזיטיוון יצר־הרע, און נישט, ווי נאַאיווקייט מיינט, אַז זיי זיינען אים אַריבערגעוואַקסן, און ער בלייבט ערגעץ הינ־טער זיי אויף אַ נידעריקערער שטופע פון עוואָלוציע. דאָס איז געווען דער פאַל ביי יענע יחידים, יחידי סגולה, וואָס שטעלן פאָר דעם יוצא מן הכלל, וואָס האָבן זיך באַוווסטזיניק מיטן פרייען ווילן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פּריוואַטע גיטער און עס אָפּגעגעבן דעם קהל.

די טראַגעדיע האָט איר וואָרצל אין אַ מיספאַרשטענדעניש, אין

נישט קענען מבחין זיין צווישן דעם, וואָס שטייט העכער פון אַ געוויסן עטאַבילירטן ניוואָ און דעם, וואָס שטייט נידעריקער. אויבנאויפיק זעט עס אויס צו זיין די אייגענע זאַך, אַבי ביידע שטייען נישט אויף דער ליניע פון סטאַטוס־קוואָ, אויסער דער אָנגענומענער ליניע אָדער פּאָזיציע. אָבער פריער אָדער שפּעטער אַביסל ציגט זיך אַרויס דער גרויסער חילוק פון די צוויי.

קוואַנטיטעט גייט אַריבער אין קוואַליטעט, דאָס מיינט אין אַ דערנידערונג, אַרונטערבויגונג פון דעם הויכן גראַד פון דער קוואַליטעט. דאָס איז די דיאַלעקטיק פון אידעאַליזם, זיין הצלחה און ניצחון איז זיין ערגסטער דורכפאַל, אַ מפּלה, וואָס ליגט פאַרוויקלט אין די סאַמע פאַלבן פון ניצחון. די מאָראַלישע הייך, אויף וועלכער עס זיינען געשטאַנען די עטלעכע אויסנאַם־פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געפּלעגט און גענערט און פאַרשפּרייט דעם אידעאַל, וואָס איז געווען אַן אויסדרוק פון זייער פיין־פילנדיקן געוויסן איז אַ צו אויפגעהויבענע אַלטיטוד פאַר דעם פּשוטן בשר־ודם, פאַר דעם מאַסן־גאַסן מענטשן מיט זיין נישט צו אַרויפגעהויבענעם ניוואָ פון עטישער קולטור. און דער אידעאַל ווערט פון אַן ע ט י ש ע ר לייזונג פון אַ סאָציאַלן פאַרוויקלטן פּראָבלעם אַ פּאָליטישער לאָזונג. און דאָ ווערט ער גלייך פאַרוואַנדלט אין זיין קעגנזאַץ. עקסטרעמע עטישע אידייען ווען זיי ווערן טראַנספאָרמירט דורך זייער ווערן אָנגענומען פוןברייטן עולם, און ווערן, אַלס אַ פּועל־יוצא פון זייער פּאָפּולאַריטעט, אוטיליזירט פאַר פּאָליטישע צוועקן, שאַפן אַ סובטילע פאָרם פון היפּאָקריטעריי. דאָס איז נישט דער געוויינלעכער סאָרט פון צביעות וואָס באַגנוגנט זיך מיט פריידיקן איין זאַך און טאָן עפּעס אַנדערש. דאָ ווערט געפּרעדיקט און געטאָן די אייגענע זאַך, נאָר דאָס פּרעדיקן גופא ווערט מגולגל אין עפּעס אַזעלכס, וואָס איז דער סאַמע היפּוך פון דער ערשטער כוונה, וואָס איז געווען אַריינגעלייגט אין דער אידייע און דעם אידעאַל.

דאָס איז די טראַגעדיע פון יעדער אידייע וואָס נעמט און גייט אַריבער, טראַציק און אַרויסרופנדיק, דעם רוביקאָן, וואָס טיילט אָפּ עטיק פון פּאָליטיק.

„על דא קא בכינא״, אויף אָ־דעם פאַרשוועך פון אַן אידייע, פאַרלעץ פון אַן אידעאַל, קלאָגט בעני המכונה „קאַרל מאַרקס״. ער איז אַ גרעטער באַאָבאַכטער. ער זעט די גלייכגילטיקייט פון די אַרבעטער צום שיק־

זאַל פון אַן אומגליקלעכן אַרבעטער, זייער נישט וועלן קומען זייערן אַ נויטבאַדערפטיקן ברודער צו הילף. זייער אומווילן זיך צו שיידן מיט אַ פּאָר גראָשנס פון זייערע שכירות, עס אָוועקגעבן אויף אַ צדקה־זאַך, אויף פילאַנטראָפּיע, וויבאַלד הינטער דער אַקציע שטייט נישט דער יוניאָן־אַפּאַראַט.

ווי אַזוי זאָלן זיי האָבן געהאַנדלט אַנדערש, ווען פון פילאַנטראָפּיע, מענטשנליבע האָט דאָך דער אַגיטאַטאָר אָפּגעחוזקט.

די סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער האָט די ראַדיקאַלע אַגיטאַציע געבויט אויף אַ בלויזן נול, אויף דעם פאַקט, וואָס די אַרבעטער פאַרמאָגן גאָרנישט, און אַז מ׳פאַרמאָגט גאָרנישט, האָט מען נישט וואָס צו פאַרלירן; די אַרבעטער קענען פאַרלירן בלויז זייערע קייטן, אַזוי פאַרזיכערט זיי דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט. זיי האָבן נישט קיין פּריוואַט אייגנטום, אָט־דער נעגאַטיוו איז דער סימן מובהק, וואָס מאַכט זיי אַלע געהערן צו איין קלאַס. אַזאַ מין אחדות איז געבויט אויפן זאַמד פון „וקבצנו יחד״, אַלע קבצנים צוזאַמען. דאָס מיינט דאָך אַז ווי נאָר ווען עס איז פון זיי געלינגט עפּעס אַריינצוקריגן אין יד אַריין, זיך איינשאַפן אייגנטום, גיטער, אַזוי מאַכט ער גלייך לויז זיין צובונד צום קלאַס, ביז ער רייסט אים איבער אינגאַנצן.

בעני ליידט יסורים לייבלעכע און זעלישע, ער כאַפּט גוטע קלעפּ און עס פייניקט אים דאָס צוזען ווי זיין אידעאַל פון אַרבעטערשאַפט, אָט־דער קאָלעקטיוו, וואָס האָט עס געדאַרפט ברענגען משיחן, איינפירן אַ נייעם אידעאַלן איינשטעל ווו פּריוואַט־אייגנטום, און אַלע שאַטנדיקע זייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אָ־דער אינסטיטוציע ווערט אָפּגעשאַפן, איז אַליין צעווערימט און צעפרעסן פון אַ קליינלעכן דריי־גראָשנעם אַקוויזיטיזם־עגאָאיזם, און פון דעם, וואָס די אַרבעטער האַלטן אים פאַר אַ מין פאַסיל, אַ שטיק פאַרלעגלעכע פאַרשימלטע פאַרגאַנגענהייט, עפּעס אַ מין מענטשעלע, וואָס האָט נישט באַוויזן אַרויסצוואַקסן פון זיינע קינדער־יאָרן. ער מאַכט זיך נאָך אַלץ „נאַריש״. ער איז נישט געוואָרן מיט לייטן צוגלייך. נישט געוואָרן ר ע אַ ל י ס ט י ש, צייטיק געוואָרן ווי אַ טייערע פּרי אויפן בוים פון וויסן מער שלעכטס ווי גוטס, און ער צאַצקעט זיך נאָך אַלץ מיט די בליטן, מיט דער בליעכץ פון אַן אידעאַל. ער מיינט נאָך אַלץ, אַז עס איז פרילינג אין דער וועלט, אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין שאַפּ.

זיי חוזקן אָפּ פון אים דערפאַר וואָס ער פאַרמאָגט אַ האַרץ, וואָס בלוטיקט פאַרן ברודער־אַרבעטער, און ער, אין זיין תמימות פון אַ כשרער בהמה בצורת מענטש, גלייבט נאָך אַלץ, אַז דער אַרבעטער איז די ליכ־טיקע שיין אין דער חושכדיקער וועלט. זיי האַלטן אים פאַר אַ בטלן, אַן אומהיילבאַרן קראַנקן, וואָס זיין מיחוש איז מענטשנליבע, סאָלידאַרי־טעט, וואָס מ׳דאַרף אָנווענדן אין דער פּראַקטיק פון טאָג־טעגלעכע באַ־ציאונגען מיט דעם מיטאַרבעטער און מיטמענטשן.

זיי לצעווען אָפּ פון אים. און אַז אַ רבים, צווישן וועלכע מען גע־פינט זיך טעגלעך, מיט וועלכע מען מוז אַרבעטן צוזאַמען, געפינען זיך אין איין לאָקאַל, האַלט אין איין אָפּשפּאָטן פון איינעם, מאַכן אים, דעם לא־יוצלח, פאַר אַ צילברעט פאַר זייערע פאַרסמטע ליצנות־פיילן, איז טאַקע ביטער. עס שאַפט זיך אַ מין אָסטראַציזם. מען ווערט אַרויסגע־שטויסן פון קהל, ווי מ׳וואָלט גאָר קיין מענטש נישט זיין...

## ב.

## ווען מען מוז, וויל מען ליבערשט

בעני ליידט אָבער נישט עקאָנאָמיש. ער ליידט נישט דירעקט, אַליין אויפן אייגענעם חשבון וואָלט ער דורכגעקומען מיט זיינע שאַפּ־פּועלים, מיט די מיטאַרבעטער. זיין ביסן פון מויל נעמט קיינער פון זיי נישט צו. בעני ליידט צוליב די ליידן פון די אַנדערע, ער איז אַ קרבן. ער קען נישט פאַרטראָגן די מיאוסע הנהגה פון דעם שאַפּ. אַן אַרבעטער אין נויט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, בעטנדיק הילף פון ברידער, מישטיינס גע־זאָגט, און זיי האָבן די האַנט געלאָזט הענגען אין דער לופטן, און די הילף איז גאָר געקומען פון די סיטרא אחרא, פון קלאַסן־שונא. די מלאכים האָבן זיך אָפּגעוואָרפן פון זייער אייגענעם, און אַ מחבל, אַ זון פון שטן, האָט אים אַרויסגעהאָלפן. דאַרף מען האָבן אַ גרעסערע פאַרשמוצונג פון דעם נאָמען אַרבעטערשאַפט!

גאָר אַן אַנדער פּאָזיציע פאַרנעמט „ער בער, אַ קער אַהין און אַהער״ אין בימקאָס דערציילונג „דער באָס, די יוניע און די אַרבעטער ווי פון איין שטיק״.

בעני האָט אונדז דערציילט, מיט שברת־לב, וועגן די אוממענטש־

לעכע באַציאונגען פון די אַרבעטער צו זייער אַ געפאַלענעם אַרבעטער און, פאַרקערט, די מענטשלעכע באַציאונג צו אים מצד דעם קאַפּיטאַליסט־באַס, אָבער דאָס אַלץ ליגט אין דער ספער פון פילאַנטראָפּיע, צדקה־געבן, אַרויסהעלפן איינעם, וואָס איז אין נויט.

בעני זאָגט אונדז אָבער, לחלוטין, גאָרנישט וועגן די פאַרהעלטע־נישן פון די אַרבעטער, איינער צום אַנדערן, אין זייער פעסטונג, אין פונקט פון אַרבעט גופא. ער שווייגט וועגן די באַציאונגען, וואָס וועבן זיך צווישן די אַרבעטער און זייער באָס, די באַציאונגען פון יחיד אַרבע־טער צו דער אַרבעטער־פאַראייניקונג, וואָס פאַרקערפּערט די געמיינ־שאַפט פון די אַרבעטער, נעמלעך, דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, דער יוניאָן.

דאָס צו טאָן בלייבט פאַר „ער בער, אַ קער אהין און אַהער". בער איז נישט קיין זייטיקער באָאָבאַכטער. ער פאַרציילט וועגן דאָס, וואָס ער האָט אַליין דורכגעלעבט, וועגן די שמיץ אויפן אייגענעם עקאָנאָמישן לייב, וואָס ער האָט געקראָגן פון די ברידער־אַרבעטער.

ווער איז אָט־דער בער?

„ער, בער, איז איינער פון אַ שפּאָר בינטל אַרבעטאָרער, וואָס איז איבער אַ נאַכט געבליבן אָן אַ שאַפ". (ז. 51).

דאָס איז דאָס ערגסטע, וואָס קען פּאַסירן מיט אַן אַרבעטער אַלס אַן אַרבעטער. אַרבעטלאָזיקייט איז די דעמאָקל־שווערד, וואָס הענגט אי־בערן קאָפּ פון פּראָלעטאַריער. דער קוואַל פון זיין חיונה געפינט זיך נישט אין זיין רשות. ער מוז אָנקומען צו יענעם, צום אַרבעט־געבער. אַזוי אַז ער איז קיינמאָל נישט זיכער מיט זיין מחייה. ער איז אָפּהענגיק נישט פון דער נאַטור, די ווילדע אומבאַוווסטזיניקע כוחות, סטיכיעס, וואָס בושעווען אין דער וועלט, ווי דער ערדאַרבעטער, דער זעלבסטשטענדי־קער פויער, וואָס זיין ברויט הענגט אויף די משקולת פון גוטן וועטער, פון רעגן אין צייט, פון זונשיין אין דער ריכטיקער צייט און ווי געהע־ריקער מאָס, נישט איבערגעגעבן און נישט דערגעבן, און נאָך אַזעלכע און ענלעכע פאַקטאָרן און קרעפטן, וואָס דער מענטש האָט, לעת־עתה, כמעט גאָרנישט וואָס צו זאָגן איבער זיי.

דער אַרבעטער איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דעם ווילן אָדער קאַפּריז פון אַ צווייטן מענטשן, אַ בשר־דם.

ווייטער, אַן אַרבעטער וואָס האָט אַרבעט, וואָס איז באַשעפטיקט,

איז אַ באַזיצער פון אַן אייגנטום, וואָס הייסט אַרבעט, אָדער „שטעלע״. ער האָט זיין מעמד ווי אַ מלמד אַ קנעלונג, הגם די אַנאַלאָגיע איז נישט אינגאַנצן צוזאַמענפאַלנדיק אין אַלע פּינטעלעך. ער פאַרמאָגט זיין מאַשינדל, וואָס איז נישט זיינס אין פּריוואַט־אייגנטום־רעכטלעכן טייטש פון וואָרט. ער קען זי מיט זיך נישט נעמען, אָדער אַוועקשענקען אָדער פאַרקויפן. ער איז, אָבער, צוגעקניפּט צו איר מיט טויזנטער פעדים.

אַ מענטש באַלעבט און באַפּריינדעט אַלע נישט־לעבעדיקע זאַכן, צו וועלכע ער האָט אַן אָפּטן צוטריט, מיט וועלכע ער איז זיך מתעסק. ער ווערט כמעט ווי צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיי. ער לייגט אין זיי אַריין אַ טייל פון זיין כוח, מוסקולן, און אַפילו פון זיין נשמה, פון זיין איך. ער נעמט זיי אַריין אין זיין לפני־ולפנים, אין זיינע געדאַנקען און געפילן, פאַרשטעלונגען און אויפפאַסונגען. יעדער יחיד מענטש איז אַ מין צענטויער, האַלב־מענטש און האַלב־געצייג, מיט וועלכע ער אַרבעט, אויף וועלכע ער אַרבעט טאָג־איין טאָג־אויס. אַ מענטש בינדט זיך צו עמאָציאָנעל צו זיין פאַך, צו זיין משלח־יד. מיטן מענטשן איז ווי די גמרא זאָגט וועגן פאַרגוואַלדיקונג: צום אָנהייב איז עס טאַקע אַן איבערגוואַלדטאַט, אָבער צום סוף ווערט עס אַ ווייליקע זאַך.

דער מענטש, ווערנדיק כסדר עפּעס ווי פאַרגוואַלדיקט פון די קעגנשטאַנדן, וואָס געפינען זיך אין זיין נאָענטן און שטענדיקן אַרום, פאַרליבט זיך אין זיי, איז זיך מזדווג מיט זיי, גיסט זיך צוזאַמען, און ווערט איינס מיט זיי. אַזוי איז שוין דער מענטש. ער קען נישט בלייבן קיין פרעמדער אין זיין פיזישער אַרומגעבונג. ער וויל אויך נישט זיין קיין געצווונגענער, קיין געבונדענער, אָדער אַפילו בלויז אַ געפּענטעטער. דעריבער פאַרלויפט ער דעם וועג זיין סביבה מיט אירע אָביעקטן; און ווי נאָר ער זעט, אַז זי האָט בדעה עפּעס „אַרויפצוצווינגען״ אויף אים, אים נייטן צו טאָן עפּעס, דורכפירן אַ באַשטימטע עובדה, נעמט ער און טוט עס מיט איבערגעבנקייט, מיט ליבשאַפט, כמעט מיט מסירת־נפש. ווייל ער וויל, וואָס די נאַטור וויל, ד״ה ער מאַכט זיך, ער צווינגט זיך אַליין צו וועלן, בכדי ער זאָל נישט דאַרפן געצווונגען ווערן פון דרויסן, פון אויסערלעכע כוחות.

דער מענטש טוט, וואָס דער עוואַנגעליום עצהט אים צו טאָן, אַוועקגעבן דאָס רעקל ווען די „נאַטור״ ציט פון אים אַראָפּ זיין אייבערשטן מאַנטל (מתיא ה׳, 41־39; לוקאַס, ו׳, 30־29), גיין דריי מייל, ווען די־

„נאַטור" פאָדערט בלויז איין תחום שבת. ווייל דעם מענטשן איז מער ניחא צו גיין דריי מייל כלומרשט פון אייגענעם רצון, איידער דורכ־שלעפן זיך איין תחום־שבת בעל־כרחך, ווען דאָס גיין איז פאַרדריסלעך. וואָס דער מענטש מוז, דאָס וויל ער דווקא נישט „מוזן", ער וועט בע־סער וו ע ל ן און אַזוי־אַרום באַזייטיקן דעם דרוק און די באַליידיקונג, וואָס קומט מיטן מוזן. אויב ער קען נישט דערגרייכן די טרויבן, דער־קלערט ער זיי, נישט בלויז אין באַוווסטזיין, נאָר טאַקע אויך פיזיאָלאָגיש, פאַר זויער, און ווען ער קען און מוז זיי דערגרייכן, ווייל זיי זיינען עס זיין נערונג, דערקלערט ער זיי פאַר געשמאַק און זיס.

דער מענטש איז ווי די קו וואָס וויל געבן צו זויגן דער קאַלב מער וויפל די קאַלב וויל זויגן (פּסחים קי"ב.). און דאָס ווערן מאַכט עס לייכט און אָנגענעם. דאָס אייגענע בנוגע אַרבעט. וויבאַלד דער מענטש איז אין אַזאַ לאַגע, וואָס ער מוז אַרבעטן בכדי אַרויסצוקריגן, וואָס ער באַדאַרף פאַר זיין קיום, פון דער נאַטור, ווערט די אַרבעט גופא ביי אים אַ באַ־דערפעניש, און ליידיקגייעריי צעטאַכלעוועט אים, ווי ראַסט צעעסט אייזן. דער בעל־מלאכה האָט זיך געפלייסט ביי דער אַרבעט, זיך געיאָגט אויפצוטאָן וואָס מער. עס האָט זיך געשאַפן ביי אים כמעט ווי אַ תאווה צו דער אַרבעט, אויסער אַלע זיבן גליקן פון פשוטער חיונה, פון פאַר־דינען דאָס שטיקל ברויט און צום ברויט.

„דאָס רוישן פון די מאַשינען, וואָס פון יענער זייט וואַנט, האָט דאָ אָנגעגעבן ווי עפּעס אַ שטיל מורמלען, און וועלכעס דאָס אויער פון אַ געניטן אַפּעריייטאָר האָט בלויז געקענט אויפכאַפּן — האָט אים אַביסל צערודערט, און נישט געלאָזט מיט אַלעם זיין רואיק; עס האָט אים גע־צויגן צום געררויש, צום שורש זיינעם, און געחלשט זיך אַרומצוכאַפּן מיט דעם מאַשינדל, צופאַלן דערצו: «דו זאָלסט מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן!», און זיך צעלאָזן אויף דעם, ווי ער איז געווינט און מיט זיין אימפּעט". (ז. 68).

„יעדן טאָג... האָט ער [בעני], פון פאַר אַ סך יאָרן, נישט פאַרפעלט אַריינצוקומען אין שאַפּ און אָפּאַרבעטן די אַכט שעה, ווי ער האָט גע־קענט, אויפן בעל־מלאכהשן שטייגער... אַריינשיסן. פאַר אים, דעם באָס, האָט אַלצאיינס, דער בעל־מלאכה, ווי ער האָט נאָר באַטראַכטן די שוועל פונעם שאַפּ, זיך באַגריסט מיטן זייגער און זיך אַוועקגעזעצט ביים מאַ־שינדל נייען — ג ע מ ו ז ט זיין צו דער אַרבעט, אַלעמאָל זיין דער־

הויבן, ווי אַ פרומער ייד צו שמע ישראל... ער האָט אַלעמאָל געמוזט זיין צו איר וואַכעדיק, אויף מיט אַלע חושים, און רודערן מיט אַלע אברים ווי אַ קאַץ, ווען זי איז אַריינגעטאָן אין גריזשען אַ שטיק פלייש.״ (ז. 51).

און אַזוי איז טאַקע דער אַרבעטער געווען, ער האָט זיך אַזוי אַריינגעטאָן אין דער מלאכה ווי זי וואָלט זיין זיין שטאָלץ, זיין וויכטיקסטע שליחות, וואָס עס גייט אים ממש, אין לעבן עס דורכצוזעצן אויפן פלייסיקסטן און געשיקטסטן אופן, ווי עס וואָלט געווען זיין „לכך נוצרת״.

אָבער דער באַלעבאָס איז נאָך אַלץ געווען נישט צופרידן, וויפל די אַרבעטער האָבן נישט אַריינגעאַרבעט איז אים געווען קנאַפּ, און ער ציט אַרויס זיין שאַפּ פון ניו־יאָרק.

„און נאָך אַלעמען האָט זיך, אַפּנים, דער באָס נישט אָנגעזעטיקט מיט זייער שווערער אַרבעט, און ער האָט דאָס בינטל בעלי־מלאכות אַרויסגעפירט אויפן אייז. זיי געלאָזט שטיין, און אָן חרפה, פאַר די אויגן, זיך גענומען אַרויספירן די מאַשינדלעך, ביי וועלכע זיי האָבן אַוועקגעלייגט ס׳לעבן, — ערגעץ אין אַ קליין שטעטל אין דזשוירזי, זיי איבערענטפערן אויף די הענט פון שיקסעס״. (ז. 51).

ג.

## דער דרייעק

אין אַ פאַל פון אַזאַ קלאַפּ וואָס זאָל בער טאָן? אָבער בער איז דאָך נישט אַליין, עס איז דאָך אַ צרת רבים, כאָטש נישט קיין חצי־נחמה, פון אַלע אַרבעטער פון דעם געגעבענעם שאַפּ, וואָס גייט אַרויס פון זייער רשות דורך דעם, וואָס דער באָס וויל עוקר־זיין. ער פאַרלאָזט די שטאָט ניו־יאָרק און אַפילו דעם שטאַט. ער גייט אַריבער די גרענעץ, באַזעצט זיך אין ניו־דזשוירזי, וווּ אַרבעט איז וועלוועלער, ווייל דאָרטן וועט די אַרבעט געטאָן ווערן פון מיידלעך, שיקסעס, וואָס וועלן זיך באַגענוגענען מיט קלענערע שכירות ווי די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון ניו־יאָרק.

וואָס טוט מען? וויבאַלד עס איז אַזאַ עת־צרה דאַרף מען זיך לאָזן גיין צום באַשיצער און באַשירמער פון די אַרבעטער — דעם פאַך־פאַראיין, אָדער ווי בימקאָ רופט עס, און די אַרבעטער רופן עס, „יוניע״. צו וועמען דען קענען זיי זיך ווענדן? דער יוניאָן איז דאָך געשאַפן געוואָרן פאַר אַזאַ און ענלעכע צוועקן.

„דאָס בינטל אַרבעטאָרער האָט אויפגעציטערט ביז צו דער לעצטער האָר אויפן קאָפּ, און זיך אַוועקגעלאָזט ווי אַ סטאַדע געגנדז, ווען מ׳שיסט אין זיי אַריין, — מיט אויפגעהייבענע פליגל, אין דער יוניע; דאָס אייג־ציקע שטיקל שפּינוועבס זייערס, אין וועלכן זיי האָבן זיך געקאָנט אָנ־כאַפּן — און דאָרט אויפגעהויבן אַ געשריי און אַ גוואַלד:

„— סטייטש? היתכן? די יוניע וועט לאָזן אַרויספירן אַ שאָפּ? אירס אַ שאָפּ?

האָט די יוניע טאַקע געמאַכט אַ פרומע מינע, אויסגעגלאָצט, לפּנים, די אויגן — עס גייט איר אין לעבן פאַרן ביסל יידלעך דאָ? נאָר להראות, זיי בלויז צו ווייזן, ע— אַז זי איז טאַקע אַ יוניע, און אויך זייער יוניע; און אַז פאַר דעם געלט, וואָס זי שלעפּט ביי זיי — ברויך זי, לפּנים כאָטש, לאָזן פאַלן אַ גוט וואָרט, זיך געגאַנגען מיען פאַר זיי...

— ס׳איז דאָך טאַקע נישט יושרדיק!" (ז. 52).

און דאָ הייבט בימקאָ אָן פאַנאַנדערוויקלען אָדער צונויפקניפּלען די פּאַרווירעניש פון דעם דרייעק פון אַרבעט־לעבן אויפן פעלד פון געפּעכט פאַר אַרבעט און חיונה. דער דרייעק איז אַ פאַרפלעכט און אַן איבערהאַק פון אינטערעסן פון דריי קערפּערשאַפטן, סאָציאַל עקאָנאָמישע אַגרע־גאַטן.

די אַרבעטערשאַפט, די קאַפּיטאַליסטן און די אָרגאַניזירערשאַפט פון די אַרבעטער. די לעצטע איז אַ קלאַס, וואָס נעמט זיך ערשט אַרויספּיקן פון איי. אָט־די קערפּערשאַפט שטייט סיטואירט צווישן דער אַרבעטער־שאַפט און די באַלעבאַטעשאַפט. זי רוקט זיך אַרויס און נעמט זיך פאָר־מירן, לכתחילה, אַלס אַ געווער־מיטל, אַלס אַ שוץ פאַר די אַרבעטער קעגן זייערע אַרבעט־גיבער, און אַלס אַזעלכע ווערט זי באַטראַכט, ווען גע־אורטיילט אויבנאויפיק. באמת איז זי אַ נייע פאָרמאַציע מיט אייגענע אינטערעסן, כאָטש לעת־עתה זיינען זיי נאָך נישט אויסגעקריסטאַליזירט ווי געהעריק. און די וואָס שטייען הינטער די אינטערעסן, דאָס הייסט די אָרגאַניזירער פון די אַרבעטער, די פראַצע־פּריצים, זיינען נישט באַוווסט־זיניק. זיי ווייסן נישט פון זייער אייגענעם מהות אַלס אַ סאָציאָלאָגישע גרופּירונג מיט אַן אייגענעם פּנים. כל־זמן זיי זיינען אָרגאַניזירט ווי אַ פּאַך־פאַראיין, איז זייער סקעלעט ווייך, די קאָנטורן נישט גענוג באַ־שטימט. ער נעמט אָבער ווערן פיל שטייפער, ווען זיי פאַראייניקן זיך אַלס אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, זיי ווערן אינגאַנצן סאָליד און שטייף ווען

זיי געלינגט צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט אין לאַנד און ווערן די רעגירנדיקע פּאַרטיי.

אַט־די פּאַרוויקלטקייטן, איבערפלעכטענישן און צוזאַמענשטויסן פֿון די אינטערעסן פֿון אַט־דעם דריילינג גייען אַדורך דורך דער דערציילונג. זיי ווערן דעמאָנסטרירט אויפֿן הינטערגרונט פֿון לעבן פֿון דעם יחיד אַר־בעטער בער. נאַטירלעך קומט דאָ אויך אַלס צוגאָב, אַריין אַן עלעמענט, וועלכער געהערט צו סתם מענטשלעכער רשעות אָן קיין קלאַסן־קאָלאָראַ־ציע און קלאַסן־אַמביציעס. די דערציילונג גיט אונדז איבער די געשעע־נישן, און די דערקלערונגען פֿון זיי, ווי עס פּאַסט זיי אויף דער נישט־צו־פֿיל געשולטער אין הלכות סאָציאָלאָגיע בער און אויך זיין באַלעבאָס.

ד.

## די יוניאָן האָט אויך זיך אין זינען

דאָ שווימען אַרויף די פֿראַגעס: וועמענס איז די יוניע? וועמענס אינטערעסן דינט זי? און די דערציילונג דאַרף געבן דעם ענטפֿער, און זי גיט עס מיט לעבעדיקע בילדער.

דער באַס טענהט זיך אויס מיט דער יוניע. אַזוי ווי דער יוניאָן וואָלט אַליין זיין אַ לעבעדיקע באַשעפֿעניש און אַ סוביעקט פֿון דירעקטער אונ־טערהאַנדלונג אָן דער פּאַרטרעטערשאַפֿט פֿון די מתעסקים. בימקאָ „גייט לשיטתיה" ער איז אויסגעהאַלטן, ער אינדיווידואַליזירט די קאָלעקטיוון און קאָלעקטיוויזירט די אינדיווידן.

„— וואָרן, אַך נעם דען אַוועק ביי דער יוניע דעם שאַפּ אירן? אין דזשווירזי וועלן די שיקסעס, וואָס איך זעץ אַוועק אויף זייערע ערטער, איר אויך נישט פֿרעמד זיין, און איר מיט דעם זעלביקן גאַנץ שיין אָפּ־צאָלן". (ז. 52).

הייסט עס אַז דער פֿאַראיינס אינטערעסן זיינען פֿאַרזיכערט, ער וועט פֿון דעם „משנה־מקום" נישט ליידן. די וואָס וועלן אַרבעטן דאָרטן וועלן אויך צאָלן זייער מיטגלידס־שטייערס, און די יוניאָן וועט דאָ גאָרנישט ליידן, אַזוי אַז ער האָט זיך דאָ נישט וואָס איינצושטעלן. דער שאַפּ בלייבט אַ יוניאָן־שאַפּ און דאָס איז דאָך די הויפּטזאַך אין די אויגן פֿון די יוניאָן־פֿירער.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם ווי די יוניע האָט זיך אַזוי שיין אָנגעקומען פאַר די אַרבעטאָרער, איז דער באָס ערשט רעכט געבליבן ביים «מופן» דעם שאָפּ, ווי ער וואָלט נישט מער געהאַט קיין שום שטער פון איר, פון דער יוניע, וואָס האָט פאַר זיין דורכגעטריבן שמייכעלע: «ווי לאַנג ער גיט איר אָוועק די שיקסעס!» — פאַר אים כמעט ווי אויפגעמאַכט די טירן פון דזשוירזי.

איי, וואָס ס׳ביסל בעלי־מלאכות וועלן בלייבן אָן אַ שאָפּ? נו (פּלאַצט איר גאָר דער עלנבויגן, דער יוניע!), און וואָס זיי שטייען, קוקן מיט אַזוינע גרויסע אויגן, טרערנדיקע: «ס׳איז זייער שאָפּ! זייער שאָפּ!» און שעלטן אָפּן: «ער זאָל זיך דאָרט אָנצינדן און ברענען ביזן קלענסטן ביינדל פון זיין לייב!» — חידושט זיך דער באָס: מילא, פאַר זייערע ביידע מיילער איז עס נאָך אַלץ ווייניק! וואָרן אויב זיי האָבן זיך געקענט לאָזן איינריידן פון דער יוניע, אַז ס׳איז זייער שאָפּ — מעגן זיי נאָכמער שעלטן, אָבער נישט אים, — די יוניע! און אַפילו איר אויך די פענצטער אויסשלאָגן! טאַקע, ווי האָט זי עס געקענט נעמען פשוטע, פאַראַרבעטע מענטשן און זיי פאַרפירן? זיי איינריידן אַ לונג און לעבער ביי דער נאָז — אַז עס איז זייער שאָפּ? צי, אַפילו, אַז די זעלביקע יוניע איז זייער און נישט די באַלעבאַטימס? (זז. 53־152).

אַזוי אַז דער באָס איז פון דער מיינונג אַז דער יוניאָן האַלט מער מיט די באַלעבאַטים ווי מיט די אַרבעטער, און אַז נישט נאָר איז דער שאָפּ זיינער, זיין פּריוואַט־אייגנטום, נאָר אַפילו די יוניאָן פון די אַרבעטער ליגט אויך ביי אים אין קעשענע.

דאָס איז זיכער אַן איבערטרייבונג פון זיין זייט. די יוניאָן מוז צו אַ געוויסער מאָס פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, אַנישט וואָלט זי דאָך נישט געקענט אויפקומען און אויסוואַקסן, וואָרום אויב די אַרבעטער וואָלטן זי נישט שטיצן, ווי אַזוי וואָלט זי גאָר געקענט בעמען עקזיסטירן? די באָסעס האָבן דאָך זי לכתחילה באַקעמפט מיט די ציינער און נעגל. אמת, שפּעטער־צו האָבן זיי, די קאַפּיטאַליסטן, גענומען ווערן קליגער און האָבן זיך געכאַפּט, אַז די יוניאָן קען זיי אויך צונוץ קומען אין אָרגאַניזירן די אַרבעטער און האַלטן זיי צוזאַמען, ווי אַ גאַנצע זאַך, און נישט דאַרפן האָבן צו טאָן מיט יעדן איינצלנעם אַרבעטער. אויסער דעם וואָס אייניקע פירער פון די יוניאָנס זיינען ווייט נישט

קיין שונאי־בצע און האָבן זייער פרייז, וואָס איז נישט צו הויך פאַר אַ באַס צו דערלאַנגען און אַזוי זיך איינקויפן טובות, פריווילעגיעס.

דאָך האָט דער באַס זיכער געמאַכט אַ פאַלשע באַהויפּטונג, ווען ער טענהט, אַז די יוניאָן געהערט מער צו די קאַפּיטאַליסטן ווי צו די אַר־בעטער. אָבער אָט־די איבערטרייבונג מאַכט אים פילן זיכערער אין זיין פּאָזיציע קעגן די פועלים, וואָס שילטן אים, און ער איז געפּערלעך אויפ־געבראַכט אויף זיי, און וואָלט וועלן ביי זיי אינגאַנצן אַלץ צונעמען און אַריבערציען, זיין שאַפּ קיין ניו־דזשוירזשי, און די „יוניע" — צו דעם צד פון די באַלעבאַטים...

„ער, בער, מיט נאָך אַנדערע בעלי־מלאכות... האָבן פון תמיד אָן נישט געהאַט קיין איבעריק גרויסע אמונה אין דער יוניע: אַז זי מיינט ז יי ווירקלעך, און איז פאַר זיי מי יודע וואָס, און נאָר אויף אַזויפיל מחותן מיט איר: «נאָ דיר די פופציק סענט אַ וואָך, אחוץ די אַנדערע פע־טע זאַכן, וואָס זי שטעלט זיך ביי זיי צו קריגן, און שוין!»" (דאָרט).

אָט־דער צוגאַנג פון די אַרבעטער איז מער רעאַליסטיש, און נענטער צום אָביעקטיוון אמת, צו דער ווירקלעכקייט, וואָס הערשט אין אָט־דעם קנופּ פון פאַרהעלטענישן. „קיין צו גרויסע אמונה" נישט געהאַט, אַז די יוניאָן האָט נישט קיין אַנדערע אייגענע, צו אַ געוויסער מאָס, אינ־טערעסן. דאָס הייסט, אַז די יוניאָן, ווען זי וואַקסט אויס אַלס אַ קער־פּערשאַפט, וואָס באַשטייט פון לעבעדיקע פּערזאָנען, נעמט האָבן אויך אירע אינטערעסן, וועלכע פאַלן נישט צוזאַמען אין אַלע ליניעס און פּינטעלעך מיט די אינטערעסן פון די איינצלנע אַרבעטער. די יוניאָן נעמט זיך באַהויפּטן אַלס אַן אומאָפּהענגיק וועזן, הגם אָנפאַנגלעך האָט עס אויסגעזען אַז אויסער דער אַרבעטערשאַפט־ענינים האָט עס נישט קיינע באַשטרעבונג־אָביעקטן. מען דאַרף באַגרייפן, אַז די פאַך־יוניאָנס ווי אַלע אַזוינע און ענלעכע סאָציאַלע פאָרמאַציעס זיינען אונטערגע־וואָרפן דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. בימקאָ האָט גענומען די יידישע „יוניע" אין אַ באַשטימטער צייט פון איר אַנטוויקלונג, ווען פון אַ גע־וויסן קוק, פון ריינעם, עקסטרעמען אַרבעטאַריש־נאַאיוון בליק, איז זי שוין מער נישט געווען אין איר «אידעאַליסטישן» גלאַנץ... איז שוין גע־וואָרן אַ יורדטע...

## ה.

# די מאַסן *ווערן* אָרגאַניזירט

אין דער פיזישער וועלט איז אָנגענומען דער איינטייל־שניט אויף מאַסע און ענערגיע. בלויז די רעלאַטיוויטעט־סיסטעם האָט דורכגעפירט אַ פאַרגלייכעניש־צייכן צווישן אָט־די פאַרשיידענע וועזנס, און וויל האָבן אַז מאַסע איז אַ „פאַרשלאָפענע" ענערגיע. אָבער אין דער קלאַסישער פיזיק האָט מאַסע באַטייט די עלעמענטן, וועלכע זיינען פאַסיוו, ענערגיע — דער מהות, וואָס איז אַקטיוו, באַוועגט, אַנדערשט די מאַסע. מאַסע איז די פאַרקערפערונג פון סטאַטיק, אינערציע, רו. ענערגיע איז דער טרייב־כוח, די שפרינג־פעדער אין זייגער פון וועלט־מעכאַניזם.

אין דער סאָציאַלער וועלט, אויסשליסנדיק די באַשטרעבונג צו שאַפן אויטאָ־אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַראייניקונגען, עקזיסטירט די אייגענע פאַנאַנדערטיילונג, נאָר מיט אַן ענדערונג פון טערמינאָלאָגיע: *מאַסע* און *אָרגאַניזאַציע*. די מאַסן דאַרפן אָדער *מוזן* אָרגאַניזירט ווערן. אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זיינען פאָרמעס, וועלכע *אָרגאַניזאַציע* האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף די מאַסן, די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

אָט־די שפּאַלטונג טיילט פאַנאַנדער די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע און יעדן טייל אירן אין צוויי חלקים, די פאַסיווע מאַסע, וועלכע שטעלט צוזאַמען די איבערוועגנדיקע מערהייט און די ענערגעטישע מינדערהייט, אינדיווידן, פערזענלעכקייטן פון אַ העכערער אָדער נידעריקערער קוואַליפיקאַציע, וואָס אָרגאַניזירן די מאַסע, גיבן איר אַ באַשטימטע פאָרם.

מיט איין וואָרט: די מאַסן אָרגאַניזירן זיך אַליין נישט, זיי *ווערן* אָרגאַניזירט, און די, וואָס טוען עס, הייסן, אָדער, ריכטיקער, האָבן געדאַרפט הייסן, *אָרגאַניזאַטאָרן*. און די מאַסע איז די פילקעפיקע באַשעפעניש, וואָס ווערט אָרגאַניזירט, ווערט סאָציאָלאָגיש באַאַרבעט, ראַפינירט. מאַסע אויף גריכיש הייסט: קנעטן. עס איז אַ טייל, וואָס מוז אָנקומען צו אַ קנעטער.

ווען מיר טרעטן צו צו דער איינצלהייט, וואָס הייסט טרייד־יוניאָן באַוועגונג, זעען מיר דאָ באַשיינפערלעך די זעלביקע פאַנאַנדערטיילונג אויף די *אָרגאַניזירער* און די *אָרגאַניזירטע*, פונקט ווי מיר זעען עס כמעט אויף אַלע געביטן, אין אַלע דערשיינונגען,

אויפטואונגען פון דער געזעלשאַפט. מחמת אַט־די צעשפּאַלטונג איז פון אַ סאָציאַל־אוניווערסאַלן כאַראַקטער, און זי איז אומפאַרמיידלעך. ווו עס איז דאָ אַ געזעלשאַפט פון וועלכער נישט איז פאָרמאַציע, וועט די שפּאַל־טונג זיך אַרויסווייזן אַמאָל מער בולט, אַמאָל ווינציקער, אין אָנהייב. אָבער אַ־די שפּאַלטונג איז אַלעמאָל בנמצא.

און דאָס איז דער וואָרצל פון אַלע קלאַסן־איינטיילונגען, פון סאָ־ציאַלע גראַדאַציעס.

רעדנדיק פון די יידישע טרייד־יוניאָנס, מוז מען אַ־די דערשיינונג באַטאָנען גאַנץ שטאַרק, ווייל דאָ האָט די צעטיילונג, אין העכערע און נידעריקערע, אין פּאַסיווע און אַקטיווע עלעמענטן, זיך אַרויסגעוויזן אויף דעם בולטסטן אופן. די גרויסע מאַסע, וועלכע איז גרייט צו ליידן אָן אַ פּראָטעסט און וועלכע שטעלט צוזאַמען דעם רוב מנין פון דער אַרבעטער־שאַפט, ווערט באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט אַ קליינעם מיעוט, וועלכער באַזיצט ענערגישקייט, אַ פעאיקייט צו אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט, וואָס באַשטייט אין פאַראייניקונג, אין פאָרמירונג פון דער מאַסע, לויט אַ באַשטימטן מוסטער און דעפיניטיוון פּלאַן, אַ פונקציאָנירנדיקע קער־פּערשאַפט.

אין די יידישע טרייד־יוניאָנס טרעט די דערשיינונג אַרויס מיט מער אויסדרוק דערפאַר, וואָס אין אַמעריקע, אין לאַנד פון איינוואַנדערער, איז פאָרגעקומען לכתחילה אַ מין קינסטלעכע פּראָלעטאַריזירונג פון אַלע עלע־מענטן, פון אַלע באַשטאַנדטיילן פון דער פאַנאַנדערפאַלנדיקער געזעל־שאַפט פון די היים־לענדער, די אויסוואַנדער־לענדער.

אָבער די פּראָלעטאַריזירונג, זייענדיק אַ קינסטלעכע, אַ פּראָדוקט פון וואַנדער־לעבן, פון דעם אַקט פון עמיגרירונג, אַריינפאַלן אין אַ פרעמ־דער סביבה, האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט און עס איז באַלד פאָרגעקומען אַ פאַרקערטער פּראָצעס, אַ צוריקפלוס, אַן אַרויספאַל פון די אַרבעטנדיקע עלעמענטן. די „אינטעליגענטן" זיינען געוואָרן, לכתחילה, „פירער", „אָר־גאַניזירער" פון די אַרבעטער, צווישן וועלכע זיי האָבן זיך געפונען צו־פעליק. דערנאָך קומט פאָר אַ פולע דעפּראָלעטאַריזאַציע, אַן אַוועקגיין פון דער אַרבעטערשאַפט. זיי ווערן אַדוואָקאַטן, ריכטער, ליטעראַטן און, אַפילו, געשעפטסלייט.

ווי געזאָגט, איז די דערשיינונג, — דער פאַקט, וואָס די אַרבעטער־שאַפט ווערט געפירט, אָרגאַניזירט, פון אַן אַנדער קלאַס, אָדער, ריכטי־

קער, פון עלעמענטן, וואָס געהערן צו אַן אַנדער קלאַס — נישט קיין אויסנאַם צווישן יידן אין אַמעריקע אָדער אין ניו־יאָרק. דאָס איז אַן אַלגעמיינער פענאָמען, וואָס האָט געקראָגן אַ באַזונדער שאַרפן אויסדרוק אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס אין אַמעריקע אַדאַנק ספעציפישע אורזאַכן.

די אַרבעטער קענען זיך אַליין נישט אָרגאַניזירן. זיי אָרגאַניזירן זיך אַליין נישט עקאָנאָמיש. זיי פאַרמאָגן, אָדער טיילן אַרויס פון זייערע רייען, זייערע עקאָנאָמישע פ אָ ר ש ט יי ע ר. די לעצטע אָ ר ג אַ נ י ז י ר ן זיי, ברענגען זיי אויף איין פלאַץ, צווינגען אויף זיי אַרויף אַ באַשטימטע פאָרם פון קאָאָפעראַציע, וועלכע ווערט דיקטירט פון די נויטן פון עקאָנאָמיק, אינדוסטריעלע באַדערפענישן און טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען (מאַרקס, קאַפּיטאַל, ערשטער באַנד, קאַפּיטל דרייצן).

די „פאָרשטייער" זייערע רופן זיך „קאַפּיטאַליסטן". זייער עובדא באַשטייט אין ברענגען געוויסע טיילן פון אַרבעטערשאַפט צוזאַמען, אין איין לאָקאַל. אַדאַנק דעם קענען זיי דורכפירן אַ באַשטימטע הויך־גראַדירטע אַרבעט־צעטיילונג, וועלכע אַן אַרבעטער, אַרבעטנדיק פאַר זיך אַלס בעל־מלאכה, וואָלט קיינמאָל נישט געקענט באַוויזן דורכצופירן. ממילא האָט ער אויך נישט געקאָנט געניסן מיט דער פולער האַנט פון די אויסבעסערונגען און גונסטן, וואָס די צעטיילונג ליפערט אין פראָדוקטיוויטעט. דער פראָדוקטיוויטעט־פלוס ווערט פון די קאַפּיטאַליסטן פאַרנוצט פאַר זייער אייגענעם אַרויפשטייג. מיט פשוטע ווערטער, זיי נעמען פאַר זיך צו דעם לייבן־טייל פון די „פאַרדינסטן", וואָס די אינדוסטריע לייגט פאָר. זיי טוען עס ווייל זיי רעכענען זיך פאַר די באַלעבאַטים, די א יי ג נ ט י מ ע ר פון דעם גאַנצן עקאָנאָמישן פראָצעס. — אָבער דאָס איז מער נישט ווי דער אָנהייב.

דערנאָך, בכדי צו באַקעמפן דעם אייגננוץ, די ברוטאַלע עקספלואַציע פון די ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט ן, די עקאָנאָמישע אָרגאַניזירער פון דער אַרבעטערשאַפט, לאָזט זיך פילן אַ נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ קעגן־כוח, אַן אָרגאַניזאַטאָרישע קראַפט און אינסטיטוציע, וועלכע זאָל זיין אימשטאַנד זיך צו שטעלן אַנטקעגן דעם „עקספלואַטאַטאָר", דעם אייגנטימער. אָבער אַט־די אינסטיטוציע ווערט אויך נישט באַשאַפן פון אַרבעטער מיט זייערע אייגענע כוחות. ווי פאַר דעם, אין ריינעם עקאָנאָמישן פראָצעס פון אינדוסטריאַליזאַציע, איז ער פאַסיוו, אַזוי איז ער איצטער

אויף פּאַסיוו. דאָס הייסט, די מאַסן בלייבן פּאַסיוו. מער נישט ווי איינצל־נע פּערזאָנען ווערן אַקטיוו און זיי נעמען זיך פאַר דער אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן די מאַסן. פאַר דעם איז די אָרגאַניזיר־אַרבעט געטאָן געוואָרן פון די קאַפּיטאַליסטן אויף דעם ריינעם עקאָנאָמישן געביט, דערנאָך ווערט זי געטאָן פון די אָרגאַניזירער, אַליין ס׳רוב קינדער פון אַ העכערן קלאַס, פון דעם געביט פון פּראָפעסיאָנעלער, טרייד־יוניאָן־פּאַראייניקונג און אויך פּאָליטישער צוזאַמענשמידונג פון די מאַסן און אַן אַרבעטער־פּאַרטיי.

און אויב עס טרעפט, אַז „אייגענע״, טאַקע באמת פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, גיבן זיך אַ נעם פאַר דער אַרבעט פון אָרגאַניזאַציע, דעמאָלט העלפט עס סיי־ווי־סיי נישט, דאָס קען נישט אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פון סעגרעגאַציע, פון גראַדאַציע און דיפערענציאַציע, וועלכער נעמט זיך באַ־הויפּטן אין דער אַרבעטער־מאַסע. ווייל די אָרגאַניזירער וועלן שפּעטער אָדער פריער מוזן זיך אויסטיילן, אויסצייכענען, אַרויסווייזן זייערע ספּע־ציעלע פעאיקייטן און פאַרנעמען ספּעציעלע פּאָזיציעס פון פירער פון די אַרבעטער־מאַסן.

מחמת די מערהייט אַלס אַזעלכע קען זיך נישט העלפן, זי מוז אַרויס־פּרעסן פון זיך אַ מינדערהייט, אַ צאָל אינדיווידן, בעסער קוואַליפיציר־טע, רייכער באַשאָנקענע פּערזאָנען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער באַ־זאָרגונג פון די „אַלגעמיינע״ אינטערעסן פון די ברייטע מאַסן, אַזוי־אַרום ווערט די מאַסע פאַרוואַנדלט אין אַ מין פאָרם פון אַן אָרגאַניזם, דאָס הייסט, זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ באַשטימטער קערפּערשאַפט. זי קריגט אַן אָרגאַניזירטע פאָרעם. בכדי בכוח צו זיין צו טאָן עס מוז די מאַסע אַרויסטיילן אָרגאַנען, שאַפן אינסטיטוציעס. די אינסטיטוציעס זיינען פאַרקערפּערט אין לעבעדיקע מענטשן, וועלכע ווערן אויף אַזאַ שטייגער דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה פון דער, אויף וועלכער עס שטייען די דורכשניטלעכע מאַסע־מענטשן. אַ נייע פאָרמירונג פון איין סאָרט אָדער־פון אַן אַנדערן נעמט זיך אַרויסווייזן.

ו.

## די אַרבעטער און די „גרינע" אינטעליגענטן

די אַרבעטער־מאַסן, די „גרינע" אָנגעקומענע עמיגראַנטן־שטראָמען זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער היימישן באָדן עקאָנאָמיש. זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע זוכן ברויט, פּרנסה, חיונה פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס. אָבער צווישן אָט־די שטראָמען האָבן זיך געפונען עלעמענטן, וועלכע זיינען נישט געיאָגט געוואָרן פון עקאָנאָמישער נויט, נאָר פון פּאָליטישער נויטווענדיקייט. די זעלבסט־הערשונג, קעגן וועלכער זיי האָבן געפירט אַ ביטערן קאַמף, האָט זיי פאַרפאָלגט. זיי זיינען געווען פּאָליטישע פּליטים, וועלכע זיינען געלאָפן קיין אַמעריקע זיך ראַטעווען פון פּאָליטישער פאַרפאָלגונג, און זיינען נישט געווען געצווונגען צו עמיגרירן מחמת עקאָנאָמישע שוועריקייטן, אָט־די באַזונדערקייט האָט אָפּגעשטעמפּלט די גאַנצע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג.

אָ־די עמיגראַנטן האָבן גלייך פון סאַמע אָנפאַנג נישט באַלאַנגט צום אַרבעטער־קלאַס. זיי זיינען נישט געווען אַריינגעוואַקסן אין „פּראָלעטאַרישקייט" ווירטשאַפטלעך. זיי זיינען נישט אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דעם האַנטווערקער־שטאַנד אָדער קליין־מסחר־שיכט, אָדער קליינעם לאַנדבאַזיץ דורך אומברחמנותדיקער קאָנקורענץ אָדער עקספּראָפּריאַציע־דרוק, אויסגעאיבט אויף אַן עקאָנאָמישן אופן און, ערטערווייז און צייטנווייז, אונטערגעהאָלפן דורך געזעצגעבערישע מיטלען. ניין, דאָס איז נישט געווען דער פאַל. זיי זיינען געוואָרן פּראָלעטאַריער איבערנאַכט, האָבנדיק אַריבערגעשווומען דעם ים, צורירנדיק זיך צום באָדן פון דעם פּאָליטיש פרייען לאַנד. נאָך דעם צאַרישן רוסלאַנד האָט אַמעריקע אויסגעזען ווי אַ גן־עדן פּאָליטיש. אָבער ווי אַן אמתער גיהנום עקאָנאָמיש פאַר די עלעמענטן, וואָס אין רוסלאַנד האָבן געליטן צוליב זייערע פּאָליטישע אָנשוי־אונגען, און נישט פון זייער נעבעכדיקן מצב עקאָנאָמיש.

דאָ, אין אַמעריקע, האָט זיך זייער לאַגע דיאַמעטראַל געענדערט. פּאָליטיש איז זייער לאַגע אומגעהויער בעסער געוואָרן. זיי האָבן געקענט פריי אָטעמען, דאָ איז קיין צאַר נישט געווען, קיין זשאַנדאַרמען זיינען נישט געווען. מ'האָט זיי אין טורמעס נישט געשלעפּט פאַר זייער פּאָליטישער פריי־דענקעריי. אָבער דערפאַר עקאָנאָמיש האָבן זיי אינגאַנצן זיך פאַרלוירן. זיי זיינען אַראָפּגעזונקען צום סאַמע גרונט פון פאַריער.

זיי האָבן זיך געמוזט ברענען און בראָטן אין די טיפסטע אָפּטיילונ־גען פון אינדוסטריעלן גיהנום, וואָס האָט געהייסן די שוויץ־סיסטעם. זיי זיינען געפאַלן קרבנות פון פּאָליטישע איבערצייגונגען און אָנשויאונגען. זיי האָבן זיך מקריב געווען פאַרן כלל און זיינען אַזוי־אַרום געווען גע־צוואונגען צו קויפן זייער פּ ר יי ה יי ט מיט אַן אומגעהויער אומדער־באַרעמלעכער פאַרשקלאַפונג אויפן געביט פון עקאָנאָמיק. און, נאַטירלעך, אַז די אַנטריסטונג פון די עלעמענטן איז געווען שאַרף און שרייענדיק קעגן דער אומגערעכטיקייט, וואָס דאָ קומט פאָר. זיי זיינען נישט געווען קיין „געבוירענע" פּראָלעטאַריער. זיי זיינען נישט געווען גע־ווינט פון דער היים צו די צרות. און זיי האָבן סוביעקטיוו געליטן אַ סך מער ווי די געוויינלעכע אַרבעטער.

זיי האָבן געפילט אַ סך ווייטאַקדיקער זייער שווערע מערכה. און דאָס האָט געמוזט ברענגען צו אַן אויסברוך. נאָכמער וואָס זייערע פּאָ־ליטישע איבערצייגונגען, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד, זיי־נען געווען געפאַרבט ראַדיקאַל־עקאָנאָמיש. זיי האָבן זיך אין דער היים פאַרנומען מיט אויפקלערן און אָרגאַניזירן די פּויערים און אַרבעטער, הגם זייער הויפּט־כוונה איז געווען דאָרטן די נידערשטירצונג פון דער זעלבסט־הערשונג, אָבער פאַר איינס האָבן זיי זיך אויך פאַרמאָסטן קעגן קאַפּי־טאַליזם.

אָבער אין דער היים איז זייער סאָציאַליזם אָדער אַנאַרכיזם געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן אידעאַליסטישע שטרעבונג צו דער פאַרניכטונג פון אומ־רעכט בכלל. זייער ראַדיקאַליזם איז געווען אַן אָראַנזשערייען־געוויקס, אַן אַבסטראַקטע לערע וועגן אַ ווייטער צוקונפט. זיי האָבן זיך געשטעלט קעגן רשעות, וועגן וועלכער זיי האָבן געלייענט אין ביכער, אין פּראָפּאַ־גאַנדע־ליטעראַטור. זיי אַליין האָבן עס נישט איבערגעלעבט. זיי אַליין האָבן נישט געפילט די שמיץ פון די בייטשן פון אָרעמקייט און נויט. איצט האָט עס אָנגענומען אַ קאָנקרעטע פאָרעם. זיי האָבן מער נישט גע־רעדט צו „פרעמדע", מיט וועמען זיי האָבן געהאַט מיטלייד. זיי זיינען אַליין געוואָרן יענע ליידנדיקע. און, נאַטירלעך, אַז זיי האָבן געמוזט ביי דער ערשטער געלעגנהייט רעוואָלטירן.

און ווען זיי האָבן גענומען אָרגאַניזירן די מאַסן, האָבן זיי זיך אַליין אָרגאַניזירט. עס איז שוין מער נישט געווען „דאָס גיין אין פאָלק" אין נוסח רוסלאַנד, און ליידן מיט אים לשמה, לשם מצווה, בכדי צו קענען

אַגיטירן די פּשוטע פּויערים און אַרבעטער. זיי האָבן געליטן, ווייל זיי זיינען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין סאַמע תהום. זיי זיינען געלעגן אויף דעם זעלביקן דעק פון דלות און מאַנגל, אויף וועלכן די מאַסע יידישע אַרבעטער האָבן זיך געפונען דאָ אין אַמעריקע, אַ ניי לאַנד, צו וועלכן זיי זיינען נישט געווען צוגעפּאַסט, נייע אומשטענדן, וועלכע האָבן ערשט געדאַרפט אומגעשטאַלטיקט ווערן.

די פּאָליטישע פרייהייט האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט אויסצודריקן זייער עקאָנאָמישע אומצופרידנקייט אויף אַ גאַנץ הויכער טאָנאַליטעט. זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער מלחמת־מצווה פאַר דעם אויסבעסער פון די באַדינגונגען פון אַרבעט. זיי האָבן, אָבער, הויפּטזעכלעך געהאַט אין זינען די איבערבויאונג פון דער גאַנצער עקאָנאָמישער סטרוקטור אויף נייע סאָציאַליסטישע אָדער אַנאַרכיסטישע יסודות.

ז.

## פון אידעאַליזם צו קאַריעריזם

די ערשטע אָרגאַניזירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס זיינען געווען קודם־כל „אידעאָלאָגן", מענטשן מיט אידייען, מיט אַן אידעאַליסטיש קאָלירטער געזעלשאַפט־באַנעמונג. דערפאַר, אייגנטלעך, ווען זיי האָבן גענומען בויען די טרייד־יוניאַן אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס באַטראַכט בלויז אַלס מיטלען דורך וועלכע זיי האָבן געהאָפט צו דערגרייכן זייער ענדציל, וואָס איז געווען דאָס איינפירן דעם סאָציאַליזם אָדער אַנאַרכיזם.

מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס אַ רעכט ביסל יוניאַנס זיינען צעפאַלן געוואָרן מחמת דעם, וואָס די „לייטנדיקע גייסטער" זייערע האָבן זיך נישט געקענט אייניקן וועגן פּראָגראַמאַטישע פראַגן. די פראַגן האָבן קיין שום דירעקטע שייכות נישט געהאַט צום אַרבעטער־לעבן דאָ אין לאַנד. זיי האָבן זיך אויך נישט באַצויגן אויף דעם אויסבעסער פון די אַרבעטס־באַדינגונגען, ווי קירצן די שעהן פון אַרבעט און העכערן די שכירות, אויפהייבן דעם סאַניטאַרן צושטאַנד פון אַרבעט. זייער אויפמערקזאַמקייט איז געווען געפּאָקוסט אויף דעם צוקונפט־בילד, וואָס האָט געמיניעט פאַר זייערע גייסטיקע אויגן. זייער אויער איז געווען אָנגעשטרענגט אויפ־

צוכאַפּן די טענער פון דער צוקונפט־מוזיק, וואָס האָט אַרויסגעזונגען פון דער קעגנוואַרטיקער קאַקאָפאָניע. זיי האָבן געלעבט מער אין זייערע באַרעכטיקע אָדער אומבאַרעכטיקטע וויזיעס, פּראָפעטיש־סאָציאַלע זעאונגען. די רעפאָרם־פּלענער, וואָס אַ פּאַד־פּאַראיין, לויט זיין עצם־מהות נאָך, מוז זען אויסאַרבעטן און זיך באַמיען דורכצופירן, האָבן זיי נישט שטאַרק אינטערעסירט.

אַ פּאַד־פּאַראיין שפּיגלט אָפּ אין זיך דעם הויפּט־שטריך פון דער פונקציאָנירנדיקערווירטשאַפט און דאָס איז די קאָלאַבאָראַציע פון קלאַסן. אויף דער פאַבריק און אין ווערקשטאַט זיינען פאַרטראָטן צוויי קלאַסן. זיי אַרבעטן צוזאַמען, צי זיי ווילן עס, צי זיי ווילן עס נישט. איין קלאַס באַטייליקט זיך דירעקט אין דעם אינדוסטריעלן פּראָצעס, דער צווייטער קלאַס דיריגירט, פירט אָן מיט דעם אינדוסטריעלן פּראָצעס, אָרגאַניזירט די אַרבעט, דאָס הייסט באַטייליקט זיך אומדירעקט אין פּראָדוקציע־פּראָצעס.

אויף אַ־דעם באַדן פון צוזאַמענאַרבעט און צוזאַמענשטויס וואַקסן אויס די פּאַד־פּאַראיינען. זייער הויפּט־אויפגאַבע איז אָנצופירן, צו לייטן און דיריגירן, מיט דעם צוזאַמענשטויס, וועלכער איז אַ פועל־יוצא פון צוזאַמענאַרבעט. אַ טרייד־יוניאָן איז פאַרנומען מיט „דינגען" זיך, מיט אַמפּערן זיך, מיט „אַרויסקריגן" בעסערע באַדינגונגען אונטער די געגעבענע אומשטענדן אין דער געגעבענער ראַם פון געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. אַ טרייד־יוניאָן, לויט זיין עצם מהות, קען נישט גיין ווייטער פון פּשרה־מאַכעריי צווישן די צוויי צוזאַמענאַרבעטנדיקע און זיך צוזאַמענשטויסנדיקע באַשטאַנדטיילן, קאָנטר־אַגענטן פון דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, נעמלעך, אַרבעט און קאַפּיטאַל.

די ערשטע אָרגאַניזירער פון די יידישע טרייד־יוניאָנס אין ניו־יאָרק זיינען געווען אָנהענגער פון ראַדיקאַלע אידעאָלאָגיעס. זיי זיינען געשטאַנען מיט ביידע פיס אויף דער אומקאָמפּראָמיסלעכער פּלאַטפאָרמע פון פאַרניינונג פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם גרונט־יסוד פון קאַפּיטאַליזם, נעמלעך, די געצווונגענע קאָלאַבאָראַציע פון די צוויי קלאַסן, וואָס לעבן זיך נישט איין אינגאַנצן בשלום, און וועמענס אינטערעסן זיינען נישט אידענטיש דורכאויס. מיט אַנדערע ווערטער, די ערשטע גרינדער פון די יידישע יוניאָנס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן אויפגענומען די טעאָריע פון קלאַסן־קאַמף אין איר

עקסטרעמען אויסדרוק און אַנווענד. דערפאַר האָבן זיי נישט געקענט אַר־בעטן האַרמאָניש מיט דער „אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעט״, וועל־כע איז געווען און איז אינגאַנצן פאַרנומען מיט „רעפאַרמיסטישע״ פלע־נער.

די פירער פון די יידישע יוניאָנס אין דעם ערשטן פעריאָד פון זייער אַנטוויקלונג, האָבן דערוואַרט אומגעדולדיק און געגלייבט אומגע־טיילט אין דעם שנעלן אָנקום פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך געמאָלן אין זייער פאַנטאַזיע ווי אַ מין משיח־קומען, אַ פול־קומענע דערלייזונג פון ארבעטער־קלאַס און פון דער גאַנצער מענטש־הייט פון אַלע צרות, שלאַקן און אומגערעכטיקייטן. דערפאַר האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט דער קעגנוואַרט אומוויליק, ווי איבערגעוואַלד, נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל די אַרבעטער־מאַסן מיט זייער „עגאָאיסטישער״ גראָבקייט האָבן זיי געצוואונגען זיך פאַרנעמען מיט דעם. ווייל נאָר דורך דער קעגנוואַרט, דורך אַ שטרייק און דורך אַ יוניאָן־אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי געהאַט אַ צוטריט צו די ברייטערע „אומוויסנדיקע״ אַרבעטער־מאַסן. זיי אַליין, אָבער, זיינען געווען פאַרטאָן מיט פלאַנעווען דעם צוקונפטס־שטאַט אָדער די צוקונפט־געזעלשאַפט, וואָס האָט באַדאַרפט זיין אַן גראַ־דאַציעס, אָן קלאַסן־שפּאַלטונגען, אָן אַ העכער און נידער, אַ געזעלשאַפט געבויט אינגאַנצן אויף איין פלאַך וואָס וועט נישט דולדן קיינע דיפערענ־ציאַציע־חסרונות.

זייער אָפּגעבן זיך מיטן אויסבעסער פון די באַדינגונגען פון אַר־בעט איז געווען אַ צייטווייליקע זאַך און אַ קאָמפּראָמיס, אַ נאָכגעב דעם יצר־הרע און קורצזיכטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט, וועלכע וויל נישט זען די נאָענטקייט און מעגלעכקייט פון איר פולער דערלייזונג און קען אַריינגעצויגן ווערן אין דער אמתער הייליקער אַרבעט פון אַ ראַדיקאַ־לער רעקאָנסטרוקציע פון אַלע חברהשע אַנשטאַלטן נאָר דורך רעפאָרמעס, דורך קליינע מעשים און נישטיקע טאָפּ־לינדזן־דערגרייכונגען.

דער טאָפּ־לינדזן דאַרף אָבער פירן נישט צום דעם פאַרלוסט פון דער בכורה, נאָר צו איר דעראָבערונג.

מיט דער צייט און אויף אַ נאַטירלעכן אופן האָט פּאַסירט אַט־וואָס: די „אינטעליגענטן״ האָבן אָרגאַניזירט די מאַסן גאַנץ פלייסיק. אַט־די אַרבעט זייערע האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ נייעם מצב, פון פראַצע האָבן זיי זיך גענומען רוקן אין דער ריכטונג, וואָס פירט אומבאַדינגט צו

פּראָצע־פּריצעשאַפּט, און האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון דעם לעבן פון די מאַסן־אַרבעטער. דער פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאַציע האָט זיך פאַר־טיפט. די יעניקע, וואָס האָבן באמת צום אַרבעטער־קלאַס נישט געהערט, זיינען פריער אָדער שפּעטער אַוועק. זיי האָבן זיך דערוואָרבן פּאָזיציעס, וועלכע האָבן זיך געפונען מער אין איינקלאַנג מיט זייערע פעאיקייטן און דעם מצב, וואָס זייער פאָלקס־שיכט האָט פאַרנומען אין זייערע היים־לענדער. אַזוי־אַרום איז די יידישע אַרבעטערשאַפט באַפרייט געוואָרן פון אַ פרעמדן עלעמענט, וועלכער האָט זי געהאַלטן אין אַ צושטאַנד פון עק־זאַלטאַציע, אויפרעגונג און אויפברויז. איצט האָבן די יידישע יוניאָנס גענומען ווערן וואָס ווייטער אַלץ „נאָרמאַלער", אַלץ מער קאָמפּראָמיסלעך.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן, פון צייט צו צייט, פאַרזוכן זיך אומצו־קערן צו דער „אַלטער" ריינער אידעאָלאָגיע און טאַקטיק. אָבער די פאַר־זוכן האָבן אַלעמאָל זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַבאָרטיווע. דער פּראָ־צעס פון מיטלמעסיקונג און אויסניכטערונג איז געגאַנגען אומאָפּשטעל־באַר אויף זיין וועג ביז אַ צווייטע אויפטרייסלונג איז פאָרגעקומען, און וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט, ווי די ערשטע, אין אַ דורכפאַל און אַ באַ־רואיקונג און אַ פאַרמעסיקונג. די יידישע טרייד־יוניאָנס האָבן אָנגעני־מען אַלץ מער און מער פאָרמען פון אַ באַוועגונג, וואָס וואַקסט אַרויס פון קאָלאַבאָראַציע און פאַרנעמט זיך מיט אויסשטרייקן אָדער אויספּועלן ביי די באַלעבאַטים בעסערע באַדינגונגען, מער גינציקע פאַרשטענדיקונגען.

די יידישע יוניאָנס האָבן זיך „אויסגעגרינט", דאָס הייסט, זיי זיי־נען געוואָרן קאָמפּראָמיס־אַנשטאַלטן וואָס באַזאָרגן דעם אַרבעטער מיט אַביסל העכערע שכירות, אָדער פיל העכערע שכירות, און קורצערע שעהן. אָבער פאַרנעמען זיך מער נישט מיט פרעדיקן די נידערשטירצונג פון דעם גאַנצן עקאָנאָמישן איינשטעל. די יוניאָנס האָבן דורכגעמאַכט אַ פּראָצעס פון עוואָלוציע, וואָס קיינער האָט נישט געקענט אָפּשטעלן.

דורכמאַכנדיק אָט־דעם פּראָצעס זיינען זיי געוואָרן „קאַריעריסטיש", ד"ה זיי פאַרגעסן זיך אַליין אויך נישט. די אידעאַליסטן צווישן דער פי־רערשאַפט זיינען אָדער אויסגעשטאָרבן, אָדער באַזייטיקט געוואָרן, און די לייצעס האָבן פאַרנומען געניטע יוניאָן־פירער, וועלכע נעמען טונקל געוויר־ווערן, אַז זייערע אינטערעסן זיינען נישט אינגאַנצן די אייגענע וואָס די אינטערעסן פון די איינפאַכע אַרבעטער־מאַסן. זייערע שכירות זיינען היפּש אַרויפגעשרויפט געוואָרן, אַזוי אַז זייער לעבנס־סטאַנדאַרט

איז אויך געוואָרן אַן אַנדערער, אַ העכערער. זיי עסן אַנדערש, קליידן זיך אַנדערש, וווינען אַנדערש; בקיצור, זיי נעמען אינסטינקטיוו פילן, אַז זיי וואַקסן אויס אין אַ קלאַס, וואָס געפינט זיך ווי אַ בופער צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל.

בעני געהערט צו דער פרילינג־עפּאָכע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד. ער געדענקט די גוטע אַלטע יאָרן ווען אַלץ איז געווען אויף אַן אידעאַליסטישן שטייגער, ווען די אַרבעטער־פירער זיינען געווען גייער־דיקע פּרעדיקער פון יושר און רעוואָלוציע, אידעאַליזירט דעם אַרבעטער־קלאַס און אַליין געווען אידעאַליסטן וואָס זיינען גרייט געווען זיך אויפ־צואָפּפערן פאַרן סאָציאַליזם אָדער אַנאַרכיזם. בעני איז אַריינגעוואַקסן אין אַט־יענער דערהויבענער, גליענדיקער מיט מעסיאַנישע פייערן עפּאָכע.

בער, ווייטער, נעמט די יוניאָן־באַוועגונג אין איר גאַנג באַרג־אַראָפּ, פון באַרג פון אידעאַליזם אין טאָל פון רעאַליזם, און אַפילו ביוראָקראַ־טיזם און פעל־קאַריעריזם...

ביידע זיינען פאַרטרעטער פון צוויי פּעריאָדן און זייערע באַנעמונ־גען זיינען פאַרפאַרבט מיט שטאַרקן עמאָציאָנאַליזם. זיי זיינען נישט קיין קאַלטע, באַלאַנסירטע אַנאַליטיקער. זיי ליידן, בלוטיקן און שרייען, יע־דער אויף זיין שטייגער, און אַזוי שרייענדיק און שאַלנדיק גיבן זיי אונדז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין איר יוגנט און אין אירע מיטעלע מיושבדיקע יאָרן.

אין בעניִן קען זיך דער אַלטער אידעאַליזם נישט באַרויִקן. ער קאָכט און זידט און וואָלט וועלן שטופּן דעם זייגער אויף צוריק, אַזוי אַז עס זאָל נישט זיין קיין אָוונט נאָר פרימאָרגן אַ גאַנצן טאָג.

בער איז אַ קרבן פון דער ירידה פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער ליידט פון גראָבן פרעכן קאַריעריזם וואָס האָט זיך צעלייגט אין די טרייד־יוניאָנס און פון דער דעמאָראַליזאַציע פון די אַרבעטער־מאַסן, ווען מען נעמט אָן זיין ווערסיע און זיין אינטערפּרעטאַציע.

ה.

## די „אייזערנע“ רעגל

באמת, דער פּראָצעס פון מעסיקונג און פון זעלבסט־באַוווסטזיין פון די יוניאָן־פירער אַלס אַ סעפּאַראַטע גרופּירונג מיט אַן אָנזאָג פון אויס־

וואַקסן אין אַ באַזונדערן קלאַס, אַ לייטנדיקער קלאַס איז אומפּאַרמייד־לעך. עס איז נישט קיין פראַגע פון שלעכטן ווילן אָדער קאָרופּציע, פון דעם אָדער יענעם יוניאָן־אָנגעשטעלטן, יוניאָן־באַאַמטן. בלויז נאַאיווי־טעט אָדער פּאַרביטערטקייט אין צוזאַמענהאַנג מיט אומרייפקייט קען אינטערפּרעטירן אַן אומבאַדינגטן אומפּאַרמיידלעכן עטאַפּ אויפן וועג פון סאָציאַלער עוואָלוציע ווי אַ באַוווסטזיניקע, בכיוונדיקע מיסברויכונג און רשעות־טואונג. דאָ ווערט קיינער נישט פאַרראַטן אָדער אָפּגענאַרט, סיידן ער וויל זיך אָפּנאַרן לשם מצווה אָדער לשם הנאה פון זיסן שפּילן זיך אין צו ליכטיקע האָפענונגען.

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו דעם סיפּור־המעשה; נאָך די לענג־לעכע דערקלערונגען, וואָס מיר האָבן געגעבן, וועט ער זיך פאַר אונדז ברייטער פאַנאַנדערפעגען און אויך טיפער זיך באַגרונטעווען.

אַז די אַרבעטער זעען, אַז זיי האַלטן שמאָל און האָבן נישט אויף וועמען זיך אָנצולענען, הייבן זיי זייערע אויגן צו די בערג און פרעגן, כמעט פאַרצווייפלט: „מאין יבוא עזרי?" פונוואַנעט קען קומען זייער הילף, ווער קען ראַטעווען די סיטואַציע? בלית־ברירה דערבליקן זיי זיך ווי יחידים און זיי דערזעען אין זייער קלאַסן־שונא, דעם באַס, אַ שטיקל מענטש, און זיי ווענדן זיך צו אים ווי אַ מענטש צו זיין מיטמענטשן.

„זיי האָבן זיך איצט געפּרווט ראַטעווען אויף זייער אייגענער אח־ריות: — «מ'האָט די יוניע ווו»... און זיך אונטערגראַבן צום באַס, — וואָס דאַס וואָלט שוין ווידער פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גרויסן חטא ביי דער זעלביקער יוניע, און נישט ריידן צו אים ווי אַן אַרבעטאָרער מיט אַ באַלעבאַס, נאָר ווי אַ מענטש מיט אַ מענטש:

— ס'טייטש? היתכן? איר זעט דאָך נישט אויס אַזאַ גזלן צו זיין?

האָט דער באַס נאָר געקענט זיין תקיף, פילנדיק, אַפּנים, אַז די יו־ניע שטייט אים הינטער די פּלוצעס.

— מיט וואָס בין איך אַ גזלן? אַ רוצח? דערמיט וואָס איך מוף דעם שאַפּ? ווער פון אייך, אויף מיין אָרט וואָלט עס נישט געטאָן און געבליבן שטיין... אין ניו־יאָרק ביי אַזוינע היכלע ווידזשעס, אַז מ'קען קריגן די זעלביקע הענט אַ פּאָר טריט ווייטער איבערן וואַסער, אין דזשוירזי, פאַר אַ דריטל געלט, און זיי זאָלן אַפילו זיין כשר ביי דער יוניע אין די אויגן?" (זז. 1554־153).

דעם אמת געזאָגט, שטייען דען די אַרבעטער אויף אַ העכערער

מדרגה אין זייער מאָראַלישער אַנטוויקלונג ווי זייער באַס? זיינען זיי עטיש וואַכזאַמער פון אים, דעם קאַפּיטאַליסט? ער ווייסט דאָך אַז זיי מיען זיך בלויז פאַר זייערע ענג־עגאָאיסטישע אינטערעסן, פונקט ווי ער טוט. ער האָט ז י ך אין זינען. ער קומט ערשט און לעצט און אין מיטן אויך. זיי וואָלטן האַנדלען, זיכער, נישט בעסער, ווען זיי בייטן זיך מיט די ראָלן זייערע. און ווען ער איז זיכער, אַז זיי לגבי אים וואָלטן האַנדלען נישט אויף אַ האָר שענער, לייטישער ווי ער לגבי זיי, איז פאַר־וואָס זאָל אים פלאָגן דאָס געוויסן? פאַרוואָס זאָל ער האָבן גייסטיקע ערגערניש פון זיין געמיינקייט, ווען ער ווייסט פאַרגעוויס, אַז ער וואָלט נישט אָפּשניידן בעסער, ווען ער פאַלט אַריין צו זיי אין די הענט? וואָס ער וואָלט טאָן צו מיר, טו איך צו אים, ער וויל מיך אָוועקלייגן, וועל איך זיך פּעדערן און אים פּטרן, און אַ סוף זאָל עס נעמען. אויב דאָס איז נישט די גאָלדענע רעגל איז עס די אייזערנע, און זי איז פּראַקטיש, אַביסל צו פּראַקטיש. ווען איינער שעכט יענעם, וואָס וואָלט אים גערן שעכטן, בלייבט ער ביי זיך תמיד גערעכט.

ט.

## די עוואָלוציע פון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג

„זיינען זיי ביי דער יוניע" נישט קליין דאָ צו «פּיקעטן» די «שאָר־רומס», ביז זי וועט דאָרטן אַרויסקריגן אַן «אַגרימענט» *) ביים באַס, און אָנהייבן אויפמאָנען «דיוס» **) ביי די שיקסעס.

און אַז ס'איז געקומען דערצו, דאָס די יוניע האָט זיי אָנגעטאָן די «סיינס» ***), געהייסן גיין אויף דער «פּיקעט־ליין», דער באַס זאָל איר וואָס גיכער אָוועקגעבן די שיקסעס — האָבן זיי געלאַכט מיט גאַל:

— אַז זיי זאָלן מיטגיין מיטן באַס, וואָלט ביי דער יוניע געהייסן, אַז זיי סקעבן****), און אַז די יוניע העלפט דעם באַס, און דורך זייער פּי־קעטן, זיי אַרויסטוישן אויף שיקסעס — הייסט עס נישט אַז די יוניע

*) פאַרגלייך.

**) מיטגליד־אָפּצאָל.

***) שילדן.

****) שטרייקברעכער.

סקעבט זיי? וואָרן אַזוי ווי ס'איז מעגלעך דאָס אַרבעטאָרער זאָלן סקעבן קעגן דער יוניע, קען נישט געמאָלט זיין, אַז די יוניע זאָל סקעבן קעגן די אַרבעטאָרער?״ (זז. 55־54).

די אינטערעסן פון די אַרבעטער אַלס יחידים און פון זייער פאַך־פאַראיין נעמען זיך נישט נאָר פאַנאַנדערגיין, דיווערגירן, נאָר זיי נעמען זיך, אַפילו, שטעלן איינע קעגן די אַנדערע. די ״יוניע״ וועט אויס־נוצן די אַרויסגעוואָרפענע אַרבעטער אין דער אַקציע פון אַריינקריגן דעם שאַפּ, וואָס האָט זיך אַריבערגעצויגן. און אַריינקריגן דעם שאַפּ מיינט פאַר דער ״יוניע״ נישט מער ווי בלויז אַריינקריגן דיוס, שטייער, נישט העלפן אָרגאַניזירן אַן אָפּטיילונג פון זעלביקן פאַראיין אויך אין נייעם מקום, כדי אויף אַזאַ אופן צונעמען ביי דעם באָס דעם חשק פון לויפן אַהין. ווייל אויב אַרבעט וועט אין נייעם פּלאַץ אויך זיין אָרגאַניזירט, איז וואָס איז דאָס גליק פון לויפן אַהין? אָרגאַניזירטע אַרבעט מיינט העכער באַצאָלטע אַרבעט. אַפילו שיקסעס, אויב זיי וועלן ווערן יוניאָן־מיטגלידער, וועלן פאָדערן העכערן לוין, אַזוי אַז דער אונטערשייד אין שכירות פון איין פּלאַץ און אַ צווייטן וועט ווערן קלענער, און דער מאָ־טיוו זיך אַרויסצוציען פון די צענטערס וועט ווערן באַזייטיקט, און די באָסעס וועלן בלייבן אויף זייערע ערטער.

ביי בערן און זיינס־גלייכן אַרבעטער נעמט זיך עפּעס פּיקן אין קאָפּ אַז נישט אַלץ איז כשורה מיט זייער יוניאָן, אַז ער איז נישט דאָס, וואָס מען מיינט, וואָס זיי האָבן, לכתחילה, געמיינט. זיי נעמען זיך דעראַר־בעטן צום געדאַנק, אַז די אינטערעסן פון די אַרבעטער גיסן זיך נישט צו־זאַמען מיט די אינטערעסן פון דעם יוניאָן, ד״ה הויפּטזעכלעך מיט די אינטערעסן פון די פּערזאָנען, וואָס רעפּרעזענטירן, פאַרקערפּערן דעם יוניאָן, וואָס זיינען דאָך נישט מער ווי מענטשן, בשר־ודמס, מיט אייגע־נע פּערזענלעכע אַמביציעס און פניות, און אויך נישט מיט די קאָרפּאָ־ראַציע־אינטערעסן פון דעם פאַראיין, ווייל אָ־די אינטערעסן זיינען בלויז אַ סומע פון די פּערזענלעכע אינטערעסן פון די אָנפירער, פאַרשטייער פון דעם יוניאָן. ווען אָט־די געוויר־ווערעניש נעמט דורכברעכן זיך אַ וועג צו זייער פאַרשטאַנד, קומט זי ווי אַן אַנטפּלעקונג מיט אימפּעט פון אַ שטורעם, און פון אימפּעט לויפט זי אַריבער די מעטע פון קאַלטבלו־טיקן, באַלאַנסירטן, ריכטיקן אָפּשאַץ פון דעם אינטערעסן־פאַרפלעכט, זי טרייבט איבער, כאַפּט איבער די מאָס, און שטעלט אַרויס דעם יוניאָן,

ווי ער וואָלט שוין זיין אַ דם־שונא פון אַרבעטער, הגם אַ פאַרבאַהאַל־טענער. זי מאָלט אים אין אָפּשרעקנדיקע פאַרבן, ווי אַ קלאַס אָדער אַ קערפּערשאַפט, וואָס האָט זיך שוין אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון דער אַרבע־טערשאַפט.

דאָס קען און וועט פאַסירן פּיל שפּעטער, אויף אַ ווייטערדיקער שטופע פון עוואָלוציע, ווען דער יוניאָן וואָלט געהאַט איבערגענומען די אינדוסטריע, לויט דעם סינדיקאַליסטישן פּלאַן, און ווערן דער גאַנצער בעל־דעה אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן. לעת־עתה, איבער־הויפּט אין אַמעריקע, האַלט עס נאָך זייער ווייט פון דעם. דערווייל מוזן די פירער פון די יוניאָנס, האָבנדיק אין זינען טאָקע זייערע אייגענע ברויט און פוטער (און פוטערס פאַר זייערע ווייבער) אינטערעסן פילגנעווען צו אַ געוויסער היפשער מאָס די אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט. ווען נישט די אַרבעטערשאַפט וואָלטן זיי פאַרלירן זייערע פּאָזיציעס און אינ־גאַנצן זיך ליקווידירן. זייער זכות־הקיום, זייער אויפגאַבע באַשטייט אין זיין דער מתווך, דער פאַרמיטלער צווישן אַרבעטער און אַרבעט־געבער, און זיך אָננעמען פאַרן אַרבעטער, נישט פאַרלירנדיק בשעת־מעשה די אייגענע אינטערעסן, פון אַ גרופּירונג וואָס וועט זיך ערשט שפּעטער אויסבולטן אַלס אַ קלאַס מיט אייגענע אַמביציעס און ברייטע פּערספּעק־טיוון.

די אָרגאַניזירער פון אַרבעט, די פּראַצע־פּריצים, ווי די פּריצים אין אַלגעמיין אין דער געזעלשאַפט, דערפילן באַשטימטע וויכטיקע פונקציעס, און זי באַשטייט אין אַכטונג־געבן אַז דער באַלעבאָס זאָל נישט זיין דער גאַנצער שאַלטער און וואַלטער אויף דעם געביט פון דער פּראָדוקציע. ווייל פאַרנעמען זיין פּלאַץ ווען זיי, מיט דער צייט, קענען בלויז מיט דער שטיצע פון די אַרבעטער, וועלכע מאַכן אויס אַ מערהייט, און שטעלן פאַר אַ כוח אונטער איין באַדינג, דאָס הייסט, ווען אַ־די אַרבעטער ווערן אָרגאַניזירט פון אַ מינדערהייט, פון די אָרגאַניזאַטאָרן.

לעת־עתה, אין אַט־דעם געפעכט צווישן די קאַפּיטאַליסטן און די אָ ר ג אַ נ י ז י ר ע ר איז נאָך די אויבערהאַנט, דאָ אין אַמעריקע, אַלץ אויף דער זייט פון פּריוואַט־קאַפּיטאַל. די יוניאָן זיצט נאָך נישט רייטנ־דיק אויפן פערד פון דער געזעלשאַפט. זי מוז אָנקומען צו דער אַרבע־טערשאַפט זי זאָל אים העלפן זיך אַרויפכאַפּן און אויך האַלטן פאַר אים דאָס צוימל און דעם פוסשטייג־רימען. אַזוי אַז ער קען נישט פרעך און

אָפּן, אויגנאויפּרייסנדיק פֿאַרבערעכן קעגן די אַרבעטער וועמען ער מוז פֿאַרטיידיקן, העלפֿן, דינען. דער יוניאָן האַלט שטאַרק פֿון דער עצה, וואָס די עלטערע שטאַטסלייט האָבן געגעבן רחבעמען, שלמהס זון, ווען ער האָט געדאַרפֿט אַרויפֿקריכן אויפֿן טראָן: אויב היינט צו טאָג וועסטו זיין אַ קנעכט צו אָט־דעם פֿאָלק און דו וועסט זיי דינען... וועלן זיי בלייבן דיינע קנעכט אויף אַלע טעג״ (מלאכים א׳, י״ב, ז׳), «היינט» באַטייט איידער דו האָסט פֿאַרפֿעסטיקט דיין פּאָזיציע פֿון אַ הערשער...

אָבער, ווי געזאָגט, אין דעם קרומלעכן שפּיגל פֿון דעם זיך האַלב־אויפֿלייטערנדיקן באַוווסטזיין אין דעם היפּש־פֿאַרטשאַדזשעטן געהירן פֿון אַרבעטער בער האָט די רעפֿלעקסיע נישט געקענט זיין אַ פּינקטלע־כע, אַזאַ וואָס זאָל אַנטשפּרעכן גענוי דערווירקלעכקייט. בער דער אויפֿ־וואַכנדיקער אַרבעטער, זעט די סיטואַציע דורך אַ מאַטאָוון גלאָז, נישט דורך אַ היסטאָריש קלאָרן שפּאַקטיוו, וואָס כאַפּט אויף ריכטיק די פּערס־פּעקטיוו. אָבער אויגן פֿאַרמאָגט ער, און אַ ראיה האָט ער, ער גייט נישט פֿאַרביי אָ־דעם ענין, אַרבעטער, יוניאָן, באַלעבאָס, מיט צוגעמאַכטע אויגן.

י.

## די יידן ווערן אַרויסגעשטויסן

דער איינצלנער אַרבעטער טאָר זיך נישט פֿאַרגלייכן מיט דער „יו־ניע״, וואָס זי מעג טאָן, טאָר ער נישט. ער איז איינער, און זייענדיק איינער שטעלט ער פֿאָר מיט זיך יעדן איינעם באַזונדער, ד״ה אַמאָרפֿיש.

דאָס איז די טראַגעדיע פֿון דער מאַסע. ווען זי איז נישט אָרגאַני־זירט, איז זי פֿאַרמלאָז און הילפֿלאָז, אין אַ צושטאַנד פֿון תהו ובהו. ווערט זי יאָ אָרגאַניזירט, פֿאַרמירט זיך גלייך אַ קלאַס. זי מוז סעגערירן, אַרויס־טיילן פֿון זיך אַן אַנדער קערפּערשאַפֿט, וועלכע האָט ז י ך אין זינען, און האָבנדיק דערגרייכט אַ געוויסע שטופֿע פֿון אַנטוויקלונג נעמט זי אירע אינטערעסן, צייטנווייז, טרייבן קעגן די אינטערעסן פֿון די וואָס איר אויפֿגאַבע איז גאָר, לכתחילה, געווען צו פֿאַרטיידיקן. דעמאָלט דאַרפֿן די מאַסן נעמען ברעכן זיך דעם קאָפּ איבער דעם פּראָבלעם פֿון פֿאַרטיי־דיקן זיך קעגן זייערע פֿאַרטיידיקער, די געשווירענע און געשוואָלענע מיט רייכטום פֿאַרטיידיקער. „היט מיך גאָט פֿון מיינע פֿריינד, פֿון מיינע

פּיינט וועל איך זיך אַליין היטן" איז אין סאָציאָלאָגיע גאָר קיין גלייכ־וואָרט נישט. דאָ איז עס אַ היסטאָרישע טאַטזאַך. עס קומט אַזוי פּאָר כסדר. די מאַסן מוזן אָנקומען צו רחמי־שמים אום צו קענען זיך באַשיצן קעגן זייערע קלאַסן־פריינד־פּיינט, ווייל זיי אַליין, וויפל זיי זאָלן זיך נישט פלייסן, קענען עס נישט באַווייזן.

און טאַקע דערפאַר וואָס בער פילט זיך ווי פאַרלוירן, אַז ער פאַר־מאָגט נישט גענוג כוח זיך צו שטעלן קעגן זיין פריינד, „די יוניע" — איז ער מלא־רציחה. אָבער זיין כעס און צאָרן זיינען אימפּאָטענט און דעריבער טאַקע אַזוי אויפּברויזנדיק, בלעזלענדיק.

ער איז אויפגעבראַכט, ער איז געוועכט — אָבער מאַכטלאָז...

עס איז נישט מער דאָס וואָס אַמאָל, ווען „די יוניע [האָט] זיך גע־האַלטן אין איינשטעלן; ער האָט געשמעקט אין דער לופט דער זיידענער אַראָמאַט אירער. עס איז דער שווערער א י צ ט... [ווען] פון די יו־ניעס ווייעט ברוטאַלער כוח...

גאָטס וואונדער, ווי די ביידע, וואָס זיינען כמעט אין איין צייט אויפ־געקומען, די באָסעס מיט דער יוניע... האָבן איצט שכל געהאַט זיך צו נעמען אונטערן אָרעם, ווי אַ פאַרליבט פאָרל, און גראָד ווען די „יידלעך" [אַרבעטער] זיינען שוין נישט אַזוי יונג און די פּנימער ביי זיי נישט רויט, — און זיך אויסדרייען... צו זיי... און אויב נישט אַזוי גראָב, איז מיט אַ מינעלע, וואָס שטעכט אין דער זיבעטער ריפּ: «וואָסי? אויף איי־ביק האָט איר געוואָלט פאַרכאַפּן די מאַשינדלעך פאָר זיך? שיקסעס זיינען נישט אַזוינע מענטשן ווי איר?» און אַז זיי ווילן זיך אָוועקזעצן אַרבעטן, ווער מען זיי הייסן וואַרטן ביז איר ווערט שטאַרבן, אויסציען די פיס מיט אַלעם? און גראָד איצט זיך אָפּגטן מיטן ביסל בעלי־מלאכות, פון וועלכע זיי האָבן זיך אויסגעפּאַשעט, געוואָרן געשוואָלן: די יוניע מיט די באַלעבאַטים געקראָגן אַ בויך ביז הינטער דער נאָז, אַ געזונטן היב־טער־חלק און זיך אַרויפגעאַרבעט צו «רעגעלע אָלרייטניקעס»...

„זיי שטייען די יידלעך, שניפּן און זיפּן אַדורך יעדן סלוק, און עס איז נישט אַזוי דאָס וואָס זיי אַרבעטן נישט, נאָר וואָס ס'זעט זיך נישט מער אַרויס אויף להבא, מ'זאָל זיך נאָך אַמאָל ברויכן צוטוליען צום מאַ־שינדל; און דאָס «איז עס» וואָס מ'מאַכט אים, דעם אַמאָליקן אָנזעענדיקן בעל־מלאכה עובר־בטל, פאָר אַ גאָרנישט, אַ שטיקל בלאָטע, אַביסל פּרוכנע" (זז. 57־56).

דער ווייטאָג ווערט פֿאַרשטאַרקט און נאָך מער פֿאַרשמערצט פֿון באַוווסטזיין אַז דער אייגענער יוניאָן איז אויך געוואָרן אָפּגעפֿרעמדט, זיך אַרויפֿגעאַרבעט — און פֿאַרגעסן דעם נעבעכדיקן אַרבעטלאָזן... וואָס איז אינגאַנצן עפּעס ווי פֿאַרלוירן, טרינקט זיך און קיינער פֿון זיינע פֿריינד, וואָס שטייען אויפֿן זיכערן ברעג וואַרפֿן נישט צו קיין שטריק. זיי קענען אים ראַטעווען, ווי אים דוכט זיך, און ווילן נישט.

„נו, און די יידלעך? זיי האָט מען פֿאַרזען מיט דעם לעבעדיקן בית־עולם, וואָס מ׳רופֿט אים ביים נאָמען: מאַרקעט, וועלכער האָט זיך אויס־געלייגט... אָבער די טראָטואַרן... ווו זיי קענען אָפּשטיין זייערע טעג... און אַפֿילו נישט אָפּטרעטן אויף קיין מינוט (וואָס אַרט עס דען די יו־גיעז?) ווי פֿון אַ שיין ווייב, וואָס האָט, נעבעך, פֿאַרראַטן, אַנטלאָפֿן מיט אַ פֿרעמדן און מ׳טראַכט זיך: אפֿשר און טאָמער וועט זי זיך פֿאַרט אי־בערלייגן, מיישב־זיין... און זיך אומקערן אַהיים...״ (ז. 57).

די „יידלעך״ ווערן אַרויסגעשטויסן נישט בלויז פֿון די „שיקסעס״, אויך פֿון די „שקצים״. אָבער דערפֿאַר קען מען נישט וואַרפֿן די שולד אויף דער „יוניע״, ווי בער וויל האָבן, אַז זי איז די איינציקע פֿאַרברעכערין. דער יידישער אַרבעטער איז אַליין אויך שולדיק. ער פֿאַרלירט בידים אַ פּאָזיציע וואָס שטעלט פֿאַר מיט זיך אַ כּוח און פֿאַרנעמט אַ פּלאַץ וואָס איז חשוב, אָבער איז נישט קיין קראַפֿט אין דער געזעלשאַפֿט. ער ווערט אַ מענטש פֿון מיטלשטאַנד, פֿון אַ גאָר נידעריקן טרעפּל, זיינע קינדער ווערן „ווייס־קאָלנער״ אַרבעטער, אָפּיס־אָנגעשטעלטע, אָדער אויסגע־שטודירטע, דיפּלאָמירטע פּראָפֿעסיאָנאַלן. דאָס איז אַלץ נישט שלעכט לויטן ערשטן קוק, אָבער עס האָט קיין האַפֿט נישט, עס איז קיין פֿאַר־פֿונדעוועטער מעמד.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן אויך וועגן פֿאַרמעריי אין אַמע־ריקע. די יידן פֿאַרנאַכלעסיקן אַ־די געלעגנהייט, וועלכע איז נאָך פֿאַראַן, זיך צו פֿאַרוואָרצלען, פֿאַרפֿעסטיקן, קריגן אַן אחיזה אין באָדן. שפּעטער וועט עס באַנגטאָן, אָבער עס וועט לאחר־זמן זיין צו שפּעט און מ׳וועט עס נישט קענען צוריקכאַפּן.

„ווי קומען אַהער איטאַליענער? גריכן? ווו האָבן זיי [די יידישע אַרבעטער] זייערע אייגענע קינדער? די אַלטגעבאַקענע, פֿון דור־דורות שניידער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט זייערע מעשענע לייכטערלעך, בעט־געוואַנט, אויך מיטגעבראַכט זייערע פּרעס־אייזנס פֿון פּיטשוטש, פֿון

סאָקאַלע און אַנאַפּאַלקע, — זיי רוקן זיך שוין צוביסלעך אַוועק; צוביס־לעך, אָבער זיכער; און אַזוי ווי זיי האָבן, אַפּנים, נישט באַשטאַנען אויף זייער מערכה אין דער גאָלדענער מדינה: צו ליגן אין שאַפּ און נייען און פּרעסן, שוין בעסער געזען, אַז זיי האָבן געקענט — זייערע קינדער זאָלן זיין דאָקטוירים, לאָיערס, מענעדזשערס... און ניט איבערגעלאָזט, אַ קלאָג דאָס איז, קיינעמען נאָך זיך, וואָס זאָל זיי איבער הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר ירשענען; און אַ וועלט, נאָך אַזאַ גרויסע וועלט דערצו ווי אַמע־ריקע איז, קען דאָך נאָך אַלעמען נישט בלייבן אָן הויזן; אַזוי קומען זיי איר אָפּראַטעוועז (זיי שטייט נאָך יאָ אָן), די איטאַליענער, די גריכן, סיריער און נעמען איבער די יידישע טריידס, ווען אַפילו נישט בירושה — אין זייערע הענט אַריין...״ (זז. 12־111).

אַ טייל יידישע אַרבעטער ווערן אַרויסגעשטויסן, אַ טייל צעלויפן זיך אָדער פאַלן אַרויס אויף אַ נאַטירלעכן וועג, שטאַרבן, און זייערע פּלעצער ווען זיי בלייבן וואַקאַנט, ווערן פאַרנומען פון נישט־יידישע אַר־בעטער.

און בער אַליין, דערציט ער דען אַלע זיינע קינדער פאַר פּראָלעטאַ־ריער? חס־ושלום. איינס [בערס אַ זון] האָט געהאַלטן אין מיטן קאָ־לעדזש; ס׳אַנדערע זיך נאָך נישט געהאָט צעזעגנט זיך מיט «הײַ־סקול»...״ (ז. 58). אַן אָפּערייטאָר דאַרף נישט קיין קאָלעדזש־בילדונג פאַר זיין פאַרנעמען זיך מיטן פאַך.

יא.

## אויסזיכטן און האָפענונגען

בערן פאַלט די אַרבעטלאָזיקייט שווערער ווי די אַנדערע אַרבעטער פון זיין שאַפּ. ווייל זיינע קינדער האָט ער נאָך נישט אַרויסגעפירט אויפן שליאַך.

„דערנאָך אַז די קינדער וועלן שוין אינגאַנצן גיין פאַר זיך... און ער וועט בלייבן... אַליין מיט דער יידענע — האָט ער דאָך אַ שטיקל אָפּ־געצאָלטע פּאָליסי, ניין? וועט ער הייסן די טויזנט טאָלער איבערשרייבן אויף עפּעס אַ מושב זקנים; זי... זאָל אים ירשענען נאָכן טויט און פאַר דעם זיך אָפּגעבן מיט זיי [בער און זיין יידענע], ווי לאַנג ס׳וועט זיי נאָך באַשערט זיין צו לעבן...״ (ז. 61).

גרויסע גליקן שטייען אים פאָר. ער וועט אָפּאַרבעטן אַ לעבן־לאַנג, געבן זיינע קינדער „גוטע" דערציאונג, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך דערנאָך, ווען זיי וועלן זיין פאַר זיך און נישט־שלעכט איינגעאָרדנט, שעמען מיטן טאַטן, דעם פּראָסטן שניידער, און אים נישט וועלן האָבן ביי זיך, און ער וועט געפינען זיין מקום־מקלט ערגעץ אין אַ מושב זקנים. אַ שיינע פּערספּעקטיוו פאַר עלטערן וואָס עלטערן זיך און קיינער וויל זיי נישט און קיינער דאַרף זיי נישט, „קיינער" אַפילו נישט די אייגענע קינדער, פאַר וועלכע מען האָט וועלטן איינגעלייגט.

אָבער דער מושב זקנים איז בלויז דער לעצטער אומאויסזיכטבאַרער אויסקוק, דער אומאויסגאַנגלעכער אויסגאַנג — און דאָס וועט דאָך ערשט קומען אויף דער גרויער עלטער, ווען בער וועט שוין זיין אַן אמתער זקן. אָבער דערווייל מוז ער זען קריגן אַרבעט. און אַפילו נאָכדעם, ווען ער זאָל האָבן שוין דערגרייכט יאָרן פון זיקנה —

„עס גלוסט זיך פאָרט נישט, נאָך דעם גאַנצן געשריי: אַזוי פיל שעפער, דורכגעוואָרפן, אַזוי פיל «פּיידעס» מיט אַזוי פיל סטרייקס — פאַרענדיקן אין אַ מושב זקנים. און ווי לאַנג זיי זענען דאָ פאַראַן די שעפער — זיך אויסלעבן די יאָרן בהרחבה אין זיי, זיך עלטערן אָן שום זאָרג און וויי; און טאָקע נאָכדעם ווי זיי וועלן זיין אַליין — נישט נאָר נישט אונטערגיין, נאָר אויך פאַרבלייבן שטיקלעך מענטשן, מיט לייטן גלייך..." (ז. 62).

אָבער ווי באַווייזט מען עס? ווי קריגט מען אַרבעט? ווי רייסט מען זיך אַרויס פון דער קלעם פון אַרבעטלאָזיקייט? אז זי גיט אַ נעם אַריין אין אירע לאַפּעס איז זיך נישט לייכט צו באַפרייען.

בער האָט דאָך אַ סך פריינד און באַקאַנטע צווישן זיינע פאַכלייט. זיי וועלן אים נישט לאָזן פאַלן, בלייבן, חס־וחלילה, אַ ליידיקגייער אויף לעבן־לאַנג. די וועלט איז נישט סדום. ער האָט אַלעמען געהאָלפן וועט מען אים איצט נישט אָפּצאָלן מיט אַ טובה פאַר אַזוי פיל טובות, וואָס ער האָט געטאָן? קהל איז נישט קיין גזלן, און וואָס פאַר אַ קהל, אַן אַרבעטאָרישער!

„...בער האָט זיך אומגעוואָרפן קנאַפּע דרייסיק יאָר צווישן שעפער, געלעבט אַ שאָפּ־לעבן... געלעבט אַ מענטשלעך אָפּערייטאָריש לעבן און אָפן געהאָט די האַנט פאַר אַלע נויטן... למשל, מ'איז אים געקומען זאָגן: מ'האָט צוגענומען דעם גראָבן בערל אין שפּיטאָל אַריין, — האָט ער־

געקלאַפּט אין דער פּושקע: «קויפט אַ טיקעט פאַרן גראָבן בערל, לאָזט אים נישט, צוליב אַ פּאָר טאָלער, אויסשפּייען דעם לעצטן אָטעם?», און אַז ביינוש איז געוואָרן אַ קאַליקע... האָט ער נישט מרעיש־עולמות גע־ווען און מיט די לעצטע כוחות דורכגעפירט אַ שטיקל בענעפיט... אַחוץ וואָס ער האָט זיך געפּאָרעט ביי לוויות... זיך אויסגעקאַכט אין יעדן טעפּל...״ (זז. 63־62).

בער מוז קריגן אַרבעט. דער גאַנצער פאַך דאַרף זיך איינשטעלן פאַר אים, וואָס האָט אַזויפיל פאַרדינסטן פאַר זיינע ברידער־אַרבעטער. ער איז נישט איינער פון פילע, ער איז אַן אויסנאַמספאַל.

„— אויב עס זאָל נישט מער זיין אַפילו ווי איין שאָפּ אין דער שטאָט, וועט ער, בער, אויך אין אים אַרבעטן.״ (דאָרט).

אָבער דאָך איז נישט אַנגעקומען אַזוי לייכט צו קריגן אַ פּלאַץ פאַר בערן ווו צו אַרבעטן. יעדער באָס האָט געהאַט איין תירוץ, ער וויל פּטור ווערן פון די אַרבעטער, וואָס ער האָט און דאָ וויל מען אים נאָך צוגעבן אַ נייעם אַרבעטער. אָבער בערס פריינד האָבן נישט אויפגעגעבן זייערע מיאונגען און זוכענישן.

די בילדער באַציען זיך אויף דער שלעכטער צייט, ווען אין פאַך און אין לאַנד איז געווען מיט אַרבעט זייער שוואַך. עס איז געווען אַ דעפּרע־סיע.

בלויז איין באָס האָט זיך אויסגעפונען, וועלכער האָט מסכים געווען אַרויפנעמען בערן און אים אַוועקשטעלן אַרבעטן, אויב די יוניע האָט גאָרנישט קעגן דעם.

זייגען בערס גוטע ברידער אַוועק צו דער יוניע. אָבער די זאַך איז נישט אַנגעקומען אַזוי לייכט, ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט.

דער יוניאָן־באַאַמטער פרעגט מיט אַ גרויסן בתמיהא און הייבט די אַקסלען:

„— מיט וואָס ער, בער, איז דאָ מער פלאָקנשיסער פאַר די אַנדערע יידלעך, וואָס ברויכן אָפּשטאַרבן אין מאַרקעט?

— ס׳טייטש? ער בער... ער איז דאָך עפּעס דער אַריסטאָקראַט אין טרייד! זיך תמיד אויסגעריסן די קעל פאַר דעם און יענעם... געגאַנגען אין פייער, קיין שום זאַך פאַר אים נישט געווען צו טייער...״ (זז. 66־65).

אָבער אָט־די זכיות מיינען גאָרנישט פאַרן יוניאָן. ער האָט זיך איינ־געשטעלט פאַר איינצלנע אַרבעטער, איז וואָס?! די יוניאָן דאַרף וויסן,

ווי ער האָט זיך באַצויגן צום יוניאָן אַלס אַ גאַנצן. די ערשטע זאַך וואָס זיי פרעגן איז נישט ווי בער האָט זיך פאַרהאַלטן צו די אַרבעטער, זיי ווילן זיך דערקונדיקן „הלנו אתה אם לצרינו“, צי ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער צובאַמקער צו אַלץ וואָס די יוניאָן האָט געזאָגט און געטאָן. און דער באַאַמטער פון יוניאָן נעמט בערס פריינד אויף אַ פאַר־הער:

„— נישט געהאַט... קיין גרויס מויל אויף דער יוניע?

— ניין.“ (דאָרט).

און דאָך האָט די יוניאָן געהאַט אירע אייגענע חשבונות. זי האָט געוווּסט, אַז בער איז נישט געווען קיין גרויסער חסיד אירער, נישט גע־ווען קיין יוניאָן מה־יפיתניק, געהאַט אַן אייגענע מיינונג וועגן יוניאָנס עגאָאיזם און ביוראָקראַטיזם.

און די יוניאָן האָט געלייגט שטיינער אין וועג, אָבער בערס פריינד האָבן נישט נאָכגעלאָזט, און די יוניאָן האָט ווי דער שלעכטער מלאך בעל־כרחו געענטפערט אמן, און צוגעשטימט, אַז בער זאָל אַרויף אַר־בעטן, נישט געוואָלט אויפרייסן די אויגן ביי בערס פריינד, וואָס זיינען געווען היפש אין צאָל. דעם יוניאָן האָט נישט געפּאַסט צו צייגן, אַז ער האָט אייגענע פּניות, און האָט גאָר געהאַט בדעה אַרויפצושיקן איינעם פון זיינע „שטאַרקע“, וואָס האָט אַכטונג געגעבן, אַז דער אָדער יענער אַרבעטער זאָל נישט האָבן אַ גרויס מויל, נישט זיין קיין שייגעץ, און זיך נישט חצופן קעגן די יוניאָן־פירער, די פּראַצע־פּריצימלעך.

יב.

## די גרויסע אַנטוישונג און דער מוסר־השכל

און בער מיט האַרץ־קלאַפּעניש גייט דורך דעם גיהנום פון אָפיס, דער פחד וואַרפט אים ווי אין קדחת, טאָמער האָט דער באָס חרטה גע־קראָגן, און קומט אַריין אין אַ מזלדיקער שעה אין שאַפּ, אין זיין גן־עדן...

„פון דער זייט טיר איז ער דאָך ביי זיך אין דער היים: צווישן אָפּע־רייטאָרס, צושניידערס — לויטער אייגענע מענטשן, פריינד פון אַרבע־טאָרער, שונאים פון הינט־ישן באָס... זיי מוזן זיך אוודאי נישט ווייניק פרייען מיט אים, ווי דען?... די משפּחה זיך פאַרגרעסערן... וואָס מער

איז בעסער, מיט נאָך איינעם וועט מען זיך פילן שטאַרקער אַנטקעגן באָס, און טאַקע אים... קענען בייקומען, אַז ער וועט זיך פאַרלייגן און וועט אָפּדרייען אַ «באַנדל», צי אַראָפּדריקן פון פרייז.

און מיט אַמאָל — בענץ!... דער פלענט האָט אַ כאָרכל געטאָן מיטן האַלדז, אַ הייזעריקן כריפּ, און זיך פאַרהאַקט מיט שוים אויף די ליפּן... זענען אַרויסגעטראָטן עטלעכע בעלי־מלאכות, און ווי די גזלנים אין וואַלד...

— זיי ווילן נישט האָבן דעם נייעם אָפּערייטאָר...

— מ׳וויל נישט האָבן נאָך קיינעמען צו דער קאָריטע...

— ס׳וועט זיך נישט קיינער צורירן צום מאַשינדל, ביז דער נייער אָפּערייטאָר וועט אַרונטערגיין.״ (זז. 71־69).

בערס ערגסטער שונא איז נישט דער קלאַסן־פיינט, דער באָס. אויך נישט די יוניע, וואָס האָט כמעט געהאַט בושת־פּנים און אים געלאָזט אַרויפגיין אַרבעטן, נאָר טאַקע די אַרבעטער גופא.

וויבאַלד זייער גאַנצע סאָלידאַריטעט איז געווען געבויט אויף גאָר־נישט מיט נישט אויף אַ בלימה, אויף דעם באַוווסטזיין אַז זיי פאַרמאָגן גאָרנישט, איז ווי איז דער דין אַז זיי האָבן עפּעס יאָ אַ פאַרמעגן? יוערן זיי אויס מחותנים איינער מיט אַנדערן. זייער פאַרמעגן־האָבעניש באַ־שטייט אין אַ־דעם פאַל, וואָס זיי באַזיצן אַ שיסל פון וועלכן צו זופּן. די אַרבעטער פון אַ באַשטימטן שאָפּ האָבן אַרבעט, האָבן אַ דזשאָב, און ער, בער, האָט נישט. ער וויל אָבער צושלאָגן זיך צום שיסל, און כאַפּן אַ זופּ — אַן איבעריק מויל! — ווילן זיי אים, יאָגן זיי אים אָפּ.

„...דאָ ברויך מען שניידן שטיקער, לעבעדיקע שטיקער פון די אַר־בעטאָרער, טונקען אין עסיק און זיי דאָס געבן אויפצועסן...״ (ז. 72)

דאָס איז דער שלוס צו וועלכן בער האָט זיך דערטראַכט:

„אין מוח האָט זיך עפּעס געדרייט אַ מחשבה, אַ צייטיקע, וואָס האָט זיך געפּאַרבט, ווי אַ גרינער עפּל, אין דער מינוט וואָס די זון כאַפּט אים אַרום און קושט זיך מיט אים״ (ז. 71), און די מחשבה איז, אַז די אַר־בעטער טויגן אויף אַ כפרה ווי דער באָס און די יוניע...

די מסקנה איז אַ טרויעריקע: די אַרבעטער דאַרפן האָבן אַן אָרגאַני־זירער איבער זיך, ווייל אָן אים, זאָל ער הייסן יוניאָן, וואָלטן זיי נישט נאָר נישט געווען בכוח צו קעמפן פאַראייניקטע קעגן זייער באָס, דעם קאַ־פּיטאַליסט, נאָר זיי וואָלטן איינער דעם אַנדערן באַקעמפט און אומגע־בראַכט.

דאָס רירט אָן אַ וויכטיק פּראָבלעם וועגן אָרגאַניזאַציע בכלל אויף אַ גאָר גרויסן מאַסשטאַב.

עס איז נישט אמת אַז דער שטאַט, אָט־די צוואַנג־אָרגאַניזאַציע, אָט־די יוניאָן פון אַלע מיטגלידער פון אַ באַשטימטער געזעלשאַפט, קומט צו אונטערדריקן דעם יחיד, ווי דער קלאַסיקער־אַנאַרכיסט וויל האָבן. אמת איז, אַז ער אונטערדריקט דעם איינצלנעם, אָבער אַזוי־אַרום ראַטעוועט ער אים און פאַרטיידיקט אים פון אַ גרעסערן איבל, און דאָס איז דער אַמאָרפער ציבור, די פילקעפּיקע בעסטיע, וועלכע, ווען זי צע־יוכעט זיך, קען אַריבעריאָגן אין ווילדקייט, רשעות און אכזריות די ערגסטע אינסטיטוציע פון אַן אָרגאַניזירטער פאָרם.

צו בלייבן אַליין, אַלס אַ יחיד אַרבעטער קעגן דער מאַסע אַרבעטער, איז פיל ערגער ווי צו האָבן צו טאָן מיט אַ יוניאָן. דער לעצטער ווי שלעכט ער זאָל נישט זיין איז ער פאָרט אָרגאַניזירט און מוז נאָכקומען אַ מינימום פון אָביעקטיוון יושר, וועלכער פאַרקערפּערט זיך אין אים, אַנישט וועט ער צעפאַלן, ער וועט קיין קיום נישט קענען האָבן. קהל איז נישט קיין גזלן אין וואַלד, ווען דער קהל איז אָרגאַניזירט אין אַ באַ־שטימטער פאָרם.

דעם יחיד דראָט אַ גרעסערע סכנה פון דעם רבים, פון דער מענגע, וואָס ווי נאָר אירע עמאָציעס ווערן אָנגערירט פון אים, איבערהויפּט נאָך, אַז זיי זיינען הייליקע זאַבאָבאָנעס, פאָראורטיילן, — איז הימל עפן זיך, ער איז נישט זיכער מיטן לעבן אין בוכשטעבלעכן פשט פון וואָרט. מיר באַאָבאַכטן עס אין די לינטש־הינריכטונגען.

עולם־גולם איז ערגער פון רוצח — שטאַט. דער יוניאָן וואָלט קיינ־מאָל אַזוי אומבאַרמהאַרציק, אַזוי אוממענטשלעך באַהאַנדלען אַן איינצל־נעם אַרבעטער, ווי עס קען זיך דערלויבן אים באַהאַנדלען דער אויפגעע־רייצטער, אויפגעשרויפטער, גראָב־עגאָאיסטישער ערב־רב פון אַרבעטער און סתם־מערצאָל.

רייסן שטיקער פון זיי, ווי בער וויל האָבן, וועט ווייניק וואָס העלפן. זייער שטראָף איז גלייך צו זייער זינד, וועלכע באַשטייט אין זייער זיין אומסאָלידאַריש צווישן זיך. די שטראָף איז צו האָבן אי אַ באָס און אי אַ יוניאָן... ווייל דאָס איז ס׳איינציקע צוימל וואָס האַלט איין, דריקט אונ־טער זייערע ווילדע נייגונגען פון קנאה־שנאה, פון פיינטשאַפט איינער קעגן אַנדערן. דאָס איז אַ פאַל פון זינד און שטראָף...

## IV

# אויף צום ערשטן מײַ

## א.

# דער קולט פון אַרבעט און פון נישט־אַרבעט

גאָר פאַרצייטנס איז אַרבעט גופא געווען אַ רעליגיעזער אַקט, אַן עבודה, אַ גאָטעסדינסט. אַזוי אַז דער יום־טוב פון ציבור, פון דער געמיינדע איז באַשטאַנען בעצם נישט אין אויפהערן צו אַרבעטן, אין זיך צוריקציען פון אַרבעט, נאָר פאַרקערט אין באַטייליקן זיך אין איר.

אַ רודימענט פון אָט־דעם גרוי־אַלטן און טיף אינטימען דירעקטן קולט זעען מיר, ווען מען קלייבט זיך צונויף און מ׳לייגט מיט פייערלעכקייט און גרויס פּאָמפּ אַ ווינקלשטיין פאַר אַ וויכטיקן בנין, וואָס האָט אַ געזעלשאַפטלעכן באַדייט; אָדער מען פאַרזאַמלט זיך אויפצודעקן אַ מאָנומענט. דאָס שטעלן דעם מאָנומענט וואָלט פאָדערן צופיל צייט, אַזוי אַז דער עלעמענט פון אַרבעט ווערט רעדוצירט, פאַרשפּיצט צום לעצטן פּונקט, צום כלומרשטן גמר, וואָס באַשטייט אין אויפדעק, אַ סימבאָל און אַן אַנטהאַלטער פון דעם גאַנצן, לאַנגן און שווערן פּראָצעס פון פּראַצע.

אין יידישן פאַרצייטיקן ריטואַל איז די בציבורדיקע אַרבעט געווען פאַרטראָטן, ווי אַ רעשטל פון גאָר אַמאָל, און דער שמחה בית השואבה (סוכה נ״א, ע״א), שעפּן וואַסער צוזאַמען און גיסן עס; שעכטן דעם קרבן פסח אַלע צוזאַמען אין איין פּלאַץ.

„די קרבן־פסח־ברענגער זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין דריי כיתות. איז אַריין די ערשטע כיתה, איז אָנגעפילט געוואָרן די עזרה, האָט מען צוגעשלאָסן די טויערן פון דער עזרה, האָט מען געבלאָזן, געשאַלט און נאָכאַמאָל געבלאָזן. די כהנים זיינען אויסגעשטעלט אין רייען, אין די הענט האַלטן זיי זילבערנע בעקנס און גאָלדענע בעקנס, אַ רייע פון זילבערנע בעקנס איז געווען דורכאויס פון זילבער, פון גאָלד איז דורכאויס פון גאָלד, זיי זיינען נישט געווען געמישט. די בעקנס האָבן נישט געהאַט קיין ברייטע דעקן, כדי מען זאָל זיי נישט קענען אַוועקשטעלן, און דאָס בלוט וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן. אַ ישראל שעכט, און דער כהן נעמט עס [דאָס בלוט] פון אים און גיט עס איבער צו אַן אַנדער כהן אין דער ריי, איינער צום אַנדערן, מ׳נעמט צו אַ פולן [בעקן] און מ׳גיט אָפּ צוריק אַ ליידיקן. דער כהן וואָס שטייט לעבן מזבח, שפּריצט

עס איין שפּריצונג קעגן יסוד [פון מזבח]. איז אַרויס די ערשטע כיתה, גייט אַריין די צווייטע, איז אַרויס די צווייטע, קומט אַריין די דריטע. די האַנדלונג איז די אייגענע ווי פון דער ערשטער אַזוי פון דער צווייטער און דריטער. מ׳זאָגט הלל, אויב זיי האָבן געענדיקט [פּאַר פּרי], זאָגט מען איבער נאָכאַמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל. עס האָט אָבער קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז מען זאָל זאָגן [הלל] אַ דריטן מאָל...״ (פּסחים ס״ד, ע״א, משנה).

אַזעלכע האַנדלונגען פּאַראייניקן, מאַכן פון ציבור איין קאָנקרעטי־זירטן אָרגאַניזם. זיי דעמאָנסטרירן זיין גאַנצקייט, אויסגעבונדנקייט.

אַלס אַן איבערבלייב פון דעם מעג דערמאָנט ווערן דאָס באַקן „מצות מצווה״ ערב פּסח נאָך האַלבן טאָג, ווען חסידים אין די זשופּיצעס, אַרומגעגאַרטלטע ווי צום דאַוונען האָבן זיך מתעסק געווען מיט קנעטן די מייּרעס, גיסן וואַסער, וועלגערן, רעדלען, שיבן אין אויוון אַריין און אַרויס, און בשעת מעשה געזאָגט אויפן קול הלל. אויך צו הקפות־גיין. געהערט צו דער אייגענער קאַטעגאָריע פון אַרבעטן, וואָס זיינען עבודה, דאָס אייגענע צום תשליך־גיין, הושענות־שמייסן, המנען־שלאָגן בשעתן לייענען פון דער מגילה.

אָבער מיט דעם פאַרלויף פון צייט און דעם אויסוואַקס פון געזעלשאַפטלעכן אַגרעגאַט, זיין פאָרמער אין צאָל, איז דער אַרבעט־יום־טוב געוואָרן אַלץ ווייניקער קאָנדיוציוו צו זיין שליחות, צו זיין פונקציע פון ציבור־קאָנקרעטיזאַטאָר. דער יום־טוב פון נישט־אַרבעט פאַרנעמט איצט זיין אָרט. דער רו־טאָג ווערט אַ טייל פון דעם רעליגיעזן קולט, אַנשטאָט וואָס פאַרדעם איז גאָר געווען דער „אַרבעט־טאָג״. אַזוי אַז אין אונדזער באַוווּסטזיין איז יום־טוב אַ סינאָנים פון וואַקאַציע, פון נישט־אַרבעטן. אַרבעטן איז וואָכעדיק, טאָג־טעגלעך, פּראָפאַנירט, וועלטלעך, האָט גאָר נישט צו טאָן מיט רעליגיעזער פאָרשריפט און אָנזאָג.

אין חומש שטייען נאָךביידע זייט ביי זייט, אָבער דאָס בלויז אין די עשרת־הדיברות, אין דעם אַלטסטן און וויכטיקסטן דאָקומענט פון יידיש־שעפערישער געזעצגעבונג. דאָ קומען ביידע געבאָטן צוזאַמען, אַרבעט לאָזט זיך נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשטופּן אָן אַ זייט. זי האַלט זיך נאָך אין דער רעליגיעזער מעלה פּונקט אַזוי גוט ווי רו, ווי נישט־אַרבעט. „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן דיין גאַנצע מלאכה״ (שמות כ׳, ט׳) איז אַ פּולבלוטיקע מצוות־עשה, נישט ערגער פון ווייטערדיקן אָנזאָג

פון אייגענעם פסוק „און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען" (דאָרט), „אַזוי ווי שבת איז געגעבן געוואָרן ווי אַ צייכן פון בונד אַזוי אויך אַרבעט (אבות דרבי נתן, פרק י"א).

אָבער אין די איבעריקע אָנזאָגונגען וועגן די יום־טובים געווינט שוין די אויבערהאַנט באַשטימט דאָס רוען, דאָס „פרייען זיך", זיך לאָזן וווּיל־גיין. דער קאַרנאַוואַל־עלעמענט פאַרנעמט דעם אויבנאָן.

און אַזוי איז עס אָנגענומען געוואָרן ביי אונדז. מיר קענען נישט אַרבעטן אַלס אַ הייליקער קהל, ד"ה אַ פאַראייניקטער ציבור. עס איז אונדז פיל לייכטער צוזאַמען נישט צו אַרבעטן. ווייל אַרבעטן קומט דאָך אויס יעדן צו אַרבעטן. זיין באַשעפטיקט, ביי זיין פאַך מיט באַזונדערע געוועקצייג, און רוען קענען מיר, אָן שוועריקייטן, אַלע כמעט אויף איין אופן. אַזוי אַז רוען איז באַקוועמער, כאָטש אַ סך ווייניקער פעולהדיק. עס דינט אויף אַ גרינגערן וועג דעם צוועק פון רעאַליזירן אונדזער צי־בורדיקייט. מיר טוען אַלע נישט־אַרבעטן אין דער זעלביקער באַשטימטער צייט, אַ טאָג אָדער צוויי. מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין שב־ואל־תעשה.

ב.

## דער גענעראַל־שטרייק

דער ערשטער מאַי איז אַן אַרבעטער־יום־טוב. דער אַרבעטער־קלאַס אַלס אַ גאַנצער סאָציאַלער אָרגאַניזם, אַריבערשפּרייזנדיק איבער אַלע נאַציאָנאַלע מחיצות און אַפילו ראַסן־ראַגאַטקעס — מיט אַ דרייסטן פאַר־זוך זיי צו מאַכן כמעט ווי אַנאַכראָניסטיש, אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענ־הייט, וואָס האָט שוין אָפּגעלעבט איר צייט — ר ו ט און אויף אַזאַ שטייגער דעמאָנסטרירט ער זיין גאַנצקייט, זיין סאָלידאַריטעט, זיין גרייטקייט זיך אָנצונעמען איינער פאַרן אַנדערן און אַלע פאַר יעדן איי־נעם. אין דער אַרבעט איז דער קלאַס איינגעטיילט אין ספּעציאַליטעטן, אין צעכן, אין פאַכן, אין אַלע סאָרטן פון עבודת־פרך. איינער אַרבעט מיט דער ניי־מאַשין, מיט דער נאָדל, דער אַנדערער מיט דעם רידל צי מיט אַן אַנדער געצייג און איבער אַן אַנדער שטאָף; אָבער אין רו, אין מאַר־שירן, פאַראַדירן זיינען אַלע פועלים גלייך, פאַראייניקט. זייערע רייען זיינען געשלאָסן. זיי רעאַליזירן זיך אַלס אַן אחד. דער גאַנצער קלאַס־

ציבור ווערט ווי איין יחיד. און זיינע יחידים ווערן רעדוצירט אין אַ־דער אַקציע צום צושטאַנד פון איינצלנע צעלן, וואָס דאַרפן זיך אונטערוואַרפן דעם אַלגעמיינעם לעבנס־פּלאַן און לעבנס־פּיר פון גאַנצן אָרגאַניזם.

דאָס נישט־אַרבעטן, רוען אַלס דער אויסדרוק פון אַרבעטער־קלאַס יום־טוב קריגט צו געוויכט פון דעם אומשטאַנד, וואָס אין נישט־אַרבעטן, אין באַוווסטזיניק שטרייקן, אין דעם ג ע נ ע ר אַ ל ־ ש ט ר ײ ק ליגט די צעשטערנדיקע און, ממילא, איבערבויענדיקע אַלמאַכט פון פּראָלעטאַריאַט, אַזוי אַז אַט־די רו איז נישט סתם רו, און מער גאָרנישט, עס איז אַ מין רעפּעטיציע, אַ צוגרייטונג צום גענעראַל־שטרייק. דערווייל דויערט עס בלויז איין טאָג, אָבער דאָס איז גענוג צו צייגן אויף וויפל דער קלאַס איז בכוח צו פּאַראַליזירן דאָס נאָרמאַלע לעבן, אָפּשטעלן דאָס פונקציאָנירן פון דער געזעלשאַפט און אַזוי־אַרום געבן די הערשער, די באַלעבאַטים אַן אנשוילעכע לעקציע פון זיין פּאָטענציעלער קראַפט אין נעגאַטיוו און, דרך־אגב, אין פּאָזיטיוו. דער אַרבעטער־קלאַס ווייזט אַזוי ווי חשוב אַרבעט איז אין לעבן. מחמת די חשיבות פון אַ זאַך ווערט פול אָפּגעשאַצט בלויז דעמאָלט, ווען זי נעמט אונדז אויספעלן. דורך דעם נעגאַטיוו באַגרייפן מיר דעם פּאָזיטיוו.

זייער מעגלעך אַז דער יידישער שבת, זייענדיק דער אָנהייב פון אַרבעטער־געזעצגעבונג, נעמלעך דער איינפיר פון דער געקירצטער אַרבעטוואָך, איז בעצם געווען, לכתחילה, אַ קאָמעמאָראַציע פון דעם „גענעראַל־שטרייק", וואָס די שקלאַפן האָבן דורכגעפירט אין מצרים, אָדער טאַקע היסטאָריש, אָדער בלויז מיטאָלאָגיש, און דער מיסטיפיקאַטאָרישער געוועב מיט וועלכן מען האָט אים אַרומגעשפונען איז פון אַ פיל שפּעטערער עפּאָכע ווען דער אמתער באַטייט פון שבת איז שוין געווען אינגאַנצן פאַרגעסן און, בכלל, האָט ער שוין מער נישט אַנטשפּראָכן די אינטערעסן פון דער יידנשאַפט אַלס אַ גאַנצער, וועלכע האָט זיך געענדערט, נישט צום דערקענען, אין איר קלאַסן־סטרוקטור.

אויב דער געדאַנק איז אַ ריכטיקער, דעמאָלט זיינען, זיכער, די קראָים מער געטריי דעם שבת־רוען, ווי עס איז באַפוילן געוואָרן אין חומש. די קראָים האָבן געטייטשט דעם פּסוק בוכשטעבלעך, „לא תבערו אש בכל מושבותיכם" (שמות ל"ה, ג'), אַז מ'טאָר נישט אָנצינדן קיין פייער, מ'דאַרף בלייבן אין דער פינצטער אין אָנדענק און איבערלעב פון יענער צייט, ווען די השגחה איבערן פייער און שטוב־קאַמין איז געווען

די עובדא פון די שקלאַפן פון הויז. זיי האָבן עס געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז דער אש־תמיד, דער געטלעכער פייער, זאָל נישט אויסגיין און אי־בערלאָזן דאָס הויז אין פינצטערניש. אַזוי ווי די שקלאַפן האָבן גע־שטרייקט, איז געקומען די מכת־חושך. עס איז געווען פינצטער. און שבת דאַרף עס פאַראייביקן אין זיכרון פון דעם יידישן פאָלק אַט־יענע העראָאישע אַקציע זיינע, ווען זיי האָבן זיך אַנטזאָגט צו אַרבעטן און עס איז געוואָרן חושך ביי זייערע האַרן, די מצרים.

דאָס אייגענע בנוגע דעם צווייטן פסוק, „זיצט יעדער מאַן אונטער זיך, ער זאָל נישט אַרויס פון זיין פלאַץ אין זיבעטן טאָג" (דאָרט, ט"ז, כ"ט), שבו איש תחתיו, אל יצא איש ממקומו. די קאַראַאימער האָבן גע־לערנט דעם פשט, אַז אום שבת טאָר מען פון שטוב נישט אַרויס, ווייל בשעתן „גענעראַל־שטרייק", וואָס די פאַרצייטיקע עברים שקלאַפן האָבן געפירט זיינען זיי נישט אַרויס צו דער אַרבעט און געבליבן אין זייערע וווינונגען, זיך נישט גערירט פון אָרט, געבליבן אין זייער לאַגער. נאַ־טירלעך, אַזוי ווי דאָס איז געווען זייער שווער אַפּצוהיטן און בכלל האָט מען נישט געוואָלט מער אויפהאַלטן אין געדעכעניש די גרויסע העלדן־אַקציע, עס איז געווען צו רעוואָלוציאָנער פאַר אַ פאָלק מיט פאַרשיידענע קלאַסן, האָט דער תלמוד איינגעפירט אַ קולה און עס אינטערפּרעטירט, אַז עס מיינט אַ „תחום־שבת", ווייטער פון וועלכן מען טאָר נישט גיין. דאָס איז אַן אויפבּרעכנדיקער אַוועקגאַנג פון אַן אַלטער טראַדיציע.

ג.

## איבערגעניצעוועט

פאַרוואָס האָט מען אויסגעקליבן דווקא מאַי און נישט קיין אַנדער צייט? דער ענטפער איז איינפאַך: קיין „יש מאין" שאַפן מיר נישט גע־וויינלעך, נישט בלויז בנוגע יום־טובים. דאָס געזעץ פון דיווערגענץ פון צוועקן אַרויסגעבראַכט פון ו. וווּנדטן ווערט דאָ אָנגעווענדט גאַנץ ברייט־לעך. ס'רוב ווערט עס געטאָן אַזוי: מען נעמט אַ דאַטום פון אַן אַלטן יום־טוב, און טאַקע דעם אַלטן יום־טוב גופא און מ'גיט אים אַ נייעם אויס־טייטש. מען לייגט אין אים אַריין אַ נייעם אויסטייטש און מיין.

מען דערציילט וועגן מינסקער גדול, וועמענס פאָטער איז געווען אַ

שניידער, אַזאַ מעשהלע. איינמאָל אויף אַן אסיפה פון רבנים און גאונים, וואָס זיינען אַלע געווען מיוחסים, בני־טובים, רינגעלעך אין אַ קייט פון דורות רבנים, האָט זיך געפונען אויך דער מינסקער גדול. האָט זיך זיי פאַרוואָלט אים שטעלן אַביסל אין אַ פאַרלעגנהייט. האָבן זיי אָנגעהויבן זאָגן תורה, ווי דער שטייגער איז אויף אַזעלכע צוזאַמענקונפטן, דווקא פון זייערע טאַטעס און זיידעס: „מיין טאַטע, זכר צדיק לברכה, האָט אַזוי רעכט געמאַכט די סוגיא", מיין טאַטע האָט אַזוי פאַרענטפערט די סתירה אין רמב"ם, און דאָס גלייכן. דער מינסקער גדול האָט זיך נישט פאַר־לוירן. אַז זיי זיינען כמעט אַלע פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגערופן, איך וועל אייך אויך זאָגן אַ „תורה" פון מיין טאַטן: מיין טאַטע, זכרונו לברכה, האָט געזאָגט: „אַן איבערגעניצעוועט שטיקל סחורה טויג אויף אַ כפרה..." זיי זיינען געבליבן זיצן פאַרשעמט.

דאָס „אָפּזאָגן דעם לעבן" אַן איבערגעניצעוועטער שטיקל סחורה איז אַ שניידערש ווערטל, און האָט קיין ווערט נישט. קולטור־היסטאָריש, ציוויליזאַציאָנעל טוען מיר עס כסדר, מיר האַלטן אין איין איבערניצעווען. מען נעמט אַלטע שטאָפן און מען באַנייט זיי, מאָדערניזירט, מען נייט זיי איבער, מען קערט זיי איבער אויף דער אַנדער זייט, לויט אַ נייעם פאַסאָן און מאָדע.

עס איז פרילינג, מען פייערט עס סיי־ווי־סיי. אויב אַזוי לאָזט מען די יידן פונקט דעמאָלט גיין פון מצרים, עס ווערט אַ זמן חירותנו, די צייט פון באַפרייאונג. קריסטוס איז פונקט דעמאָלט אויפגעשטאַנען תחית־המתים. ווען אַנדערש זאָל ער אויפשטיין? אין האַרבסט, ווען עס איז קאַלעמוטנע אויפן האַרצן און שווער אויפן געמיט? די פאַרצייטיקע פעלקער האָבן עס סאַלעמניזירט, זיינען געקומען די מכשפות, די אַמאָליקע פריסטערינס פון די מאַגישע רעליגיעס און עס געמאַכט פאַר אַ חגא. איז עס געוואָרן אַ וואַלפורגיס־נאַכט. דערנאָך אַ יום־טוב צו פאַרברענען, צי אויף אַן אמתן, צי בלויז סימבאָליש, די מכשפות... אַ צייט ווען מ'איז „מבער דעם חמץ", אַלס סימבאָל פון שלעכטס.

דער מענטש איז נאָך אַלץ, און וועט בלייבן אַזוי אויף דור־דורות, אַ קינד פון דער נאַטור. און ווען די נאַטור פרייט זיך, פרייט ער זיך מיט. ווען די נאַטור מאַכט יום־טוב, ווען זיין פיזישע סביבה איז זיך משמח ווי אויף אַ חתונה, וועט ער נישט אַרומגיין דעמאָלט אַן אָנגעכמורעטער.

אָדער גאָר אַ פּאַרטרויערטער, ווי אַן אבל צווישן חתנים. ער איז אויך אַ מחותן מיט אַלעמען צוגלייך.

ד.

## דער יחיד מוז אָפּטרעטן

דער סיפּור־המעשה פון פּ. בימקאָ „אויף צום ערשטן מאַי״ גיט אַ בילד פון אַ צוזאַמענשטויס: „הייליקע״ אַרבעט שטויסט זיך צוזאַמען מיט רו וואָס איז נישט ווייניקער „הייליק״ און אָט־די קאָאַליציע קומט פּאָר אין אַ צוזאַמענבוטשקען זיך פון אַ יחיד מיט אַ יחיד. איינער שטעלט פּאָר זיך אַליין, באַשיצט זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, דער צווייטער רעפּרעזענטירט אַ ציבור, און אַזוי־אַרום באַזאָרגט ער זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, וועלכע פאַלן צוזאַמען מיט די אינטערעסן פון כלל, כל־זמן ער באַגייט נישט קיין אַקט פון גראָבער מיסברויכונג. מחמת ער איז נישט קיין פּשוטער יחיד, נאָר אַן אינדיווידואַל וואָס איז אַ פאָרשטייער פון אַ כלל. ער געפינט זיך אין אַ ספּעציעלער רובריק. ער געהערט צו אַ העכערער קאַטעגאָריע, און האָט, אפשר, גאָר אַן אַנדערן דין, דער „רבי״ מעג...

„עס איז געווען טויט אין שאָפּ״ (ז. 99)... דאָס מיינט עס איז נישט געווען קיין אַרבעט. מלאכה אין שאָפּ איז לעבן. דאָס גיט מחייה, די מעגלעכקייט צו „מאַכן אַ לעבן״, ד״ה ציען חיונה און חיונה איז חיים... כי הם חיינו ואורך ימינו, דאָס איז דעם אַרבעטערס לעבן, הגם נישט די לענג פון זיינע טעג, ווייל גאַנץ אָפט איבער־אַרבעט פאַרקירצט אים די יאָרן. אָבער זי איז נאָך אַלץ ווייניקער שעדלעך ווי גאָר אינגאַנצן אַרומגיין ליידיק, פּוסט און פּאַס.

„די פּאָר אָפּערייטערלעך״ (דאָרט)... דאָס איז לשון ביטול. וואָס פּאָר אַ ווערדע קענען זיי האָבן! זיי שפּילן נישט קיין שול ראָלע. זיי פאַרלירן זייער גאַנצע חשיבות, ווי נאָר עס איז קיין אַרבעט נישטאָ. זיי זיינען רעדוצירט אין שאָפּ צו איין פונקציע און דאָס איז פּראַצעווען. אַן דעם פאַרלירן זיי זייער עצם מהות. און אויב זיי האָבן עס נאָך אינגאַנצן נישט פאַרלוירן, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס זיי האַלטן אַן זייער פאַרבינדונג מיטן שאָפּ. אָבער זיי זיינען געמינערט אין זייער שטאַטור פון סאַמע אַרויספאָר פון דער דערציילונג. די דימוניציע אין זייער שיעור־

קומה האָבן זיי כשר פאַרדינט, אויסער איינעם, און ער איז עס דער פּאָ־זיטיווער העלד פון סיפּור־המעשה.

„די פּאָר אָפּעררייטערלעך: משה, שראל, בערל, דייוו און די אַנדע־רע...“ (דאָרט), די פּאָר איז דאָ כמעט. טאַקע בלויז אַ פּאָר, צוויי: איי־נער איז משה, און דער צווייטער איז שראל, בערל און דייוו. די דריי זיי־נען איין קאָמפּאָזיט פּערזאָן. בימקאָ װענדט דאָ אָן זיין מעטאָד װעלכן ער האָט געברויכט אַזוי געלונגען אין „עליע רבילע און זיינע יידעלעך“. דער טריאָ האַנדלט ווי איינער, זיי פירן זיך־אויף, ווי איין פּערזאָן. משה טיילט זיך אַרויס פון אָט־דער איין־פּערזאָניקער חברותא, הגם ער איז אַ זון פון דעם אייגענעם קלאַס און אַרבעט אין זעלביקן שאַפּ.

„ס'איז געװען טויט אין שאַפּ. די פּאָר אָפּעררייטערלעך: משה, שראל, בערל, דייוו און די אַנדערע — האָבן נישט געלעבט ביי אים [ביים שאַפּ], און אויך נישט געקענט שטאַרבן ביי אים. זיי האָבן זיך געדרייט אין אים ווי ווערים, — אַריין און אַרויס און געבליבן, ווי מ'זאָגט, ביי די גאַלע װענט און ליידיקע הענט“ (דאָרט).

קיין אַרבעט איז נישטאָ אַפילו אויף אַ רפואה. אויף דעם קלאָגן און באַקלאָגן זיך אַלע צו גלייך. עס לוינט זאָגאַר נישט אַרויפצוגיין אין שאַפּ, אָפּגעבן דעם באָס אַ „גוט מאָרגן!“ און אַ טאַפּ טאָן דעם דופּק מכוח אַ שטאָך אַרבעט.

דאָס אַרויפגיין און געוויר־ווערן טוט שראל, איינער פּאָר אַלע אַר־בעטער. אין דער אַקציע דינט ער אַלס זייער שליח ציבור, כאָטש נישט קיין געשיקטער און נישט קיין אויסגעקליבענער. ער דערפילט אָ־די פונקציע בלויז דערפאַר, ווייל ער ווייזט זיך דער ערשטער פאַרפרי. אָבער שראל אַלס אַ פּערזאָן איז דאָ לאָוו־דווקא. עס וואָלט רעכט זיין, אַז עמי־צער אַן אַנדערער זאָל עס האָבן אויסגעפירט.

„— נישטאָ גאָר צו פאַרבראָקן! — האָט זיך אָװעקגעשטעלט דער ערשטער אָפּעררייטאָר, לאָמיר זאָגן: שראל, וואָס מיט דער טויטער נאָז, און כסדר אָנגעזאָגט די „גוטע בשורה“ צו די איבעריקע אָפּעררייטאָרס, ווי משהן, בערלען, דייוון, וואָס האָבן געהאַלטן אין אָנקומען איינער נאָכן אַנדערן“. (דאָרט).

פאַרוואָס איז טאַקע נישטאָ קיין אַרבעט אין סעזאָן־צייט, ווינטער־צייט? דער ענטפער איז: ער, דער באָס, גייט אַליין „און וואָס ער קען

אַליין נישט אָפּנייען... שיקט ער ערגעץ אַרויס אין דר׳ערד אַריין צו די איטאַליענישע ווייבער, זיי זאָלן דאָס פֿאַר אים אָפּנייען...

און אַז די איטאַליענישע ווייבער קענען זיך שוין אויך קיין עצה געבן... דערמאָלט פֿאַרשטאָפּט ער ביים שאַפּ־אָפּערייטאָרס דאָס מויל: «נאָט אייך אויך אַ שטאָך צו טאָן!» און ווי מ׳זאָגט, «פּרעסט אייך אָן און ווערט דערשטיקט»״. (ז. 100).

און וואָס איז מכוח זייער באַשיצערין, די יוניע, פֿאַרוואָס טוט זי גאָרנישט? פֿאַרוואָס לאָזט זי אים אָוועקגעבן די אַרבעט ערגעץ אַנדערש־ווו?

„— איז יוניע... האַלט אָן אַ גרויסן אָפּיס, ווער ווייסט וויפל ביזנעס־איידזשענס, אָרגאַניזירערס, נאָר אַז מ׳ברויך עפּעס טאָן פֿאַרן אַרבעטאָרער איז בע־מע... נאָר ווי זאָלן זיי קענען עפּעס טאָן, ווען זיי זאָלן אָפּילו וועלן? וואָס זיינען זיי מלאכים?״ (ז. 101) ווי איינער זאָגט, פֿון לאַנג קענען זיי מאַכן קורץ, אָבער נישט פֿון קורץ לאַנג. אַז עס איז פֿאַראַן אַרבעט לרוב, קענען זיי קירצן די שעהן פֿון אַרבעט, אָבער אַז עס איז קיין אַרבעט נישטאָ, וואָס קען דער יוניאָן אויפֿטאָן? אויף שאַפֿן אַרבעט דאַרף מען האָבן מלאכים, נישט קיין יוניאָן־פֿירער. קריגן אַרבעט פֿאַר די אַרבעטער ליגט אויסערהאַלב דעם אָפּעראַציע־תּחום פֿון דער „יוניע״.

דאָס איינצלנע שטויסט זיך תּמיד צוזאַמען מיט דאָס אַלגעמיינע. דער צוזאַמענפֿאַל, די קאָנגרואַציע ליגט נישט אויף דער אויבערפֿלאַך, נאָר אויפֿן דעק, ד״ה ווען מען באַהאַנדלט דעם שייכות־קנופּ מיט אַ ווייטערן אויסקוק און טיפֿערן אַריינבליק. פֿון נאָענטן האָבן זיי נישט קיין שלום־בית, האַרמאָנירן נישט דורכאויס. דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע די שייכותן פֿון יחיד און זיין כּלל. אַלע מאָסרעגלען וואָס ווערן אָנגענומען, אַלע פֿאַרבאָטן און אָנזאָגן האָבן אים, דעם יחיד, יאָ אין זינען און נישט אי זינען. אַלץ ווענדט זיך ווי דער יחיד און זיין אינטערעסן־קרייז ווערט גענומען. אויב גאָר הויך און ברייט איז ער, דער איינצלנער, און דאַרף זיין דער שטענדיקער „תּנא ופליג״, דער אומדערמידלעכער חולק, דער פּראָטעסטירער קעגן די האַנדלונגען און אויפֿפֿיר פֿון כּלל. ווען ער, דער יחיד, ווערט גענומען ענג און נידעריק, דאַרף ער עס בשום אופֿן נישט זיין, ד״ה ער איז נישט באַרעכטיקט עס צו טאָן. און אויב ער טוט עס יאָ, באַקעמפֿט דעם כּלל, פֿאַרנעמט זיך מיט אונטערגראָבן די יסודות, אויף וועלכע עס האַלט זיך אָן איינגעאָרדנטע געזעלשאַפֿט, ער אַר־

בעט אונטערערדיש, אַזוי אַז עס זאָל זיין שווער אים אויסצוגעפינען, באַגייט ער אַ פאַרברעכן, און פאַרדינט אַ שטראָף מצד פון דעם כלל, ווען זיינע מעשים תעתועים ווערן אויפגעדעקט. אַט־דער קעגנאַנאַנדער וואָס ליגט צווישן יחיד און זיין כלל ווי צווישן דאָס איינצלנע און דאָס אַלגעמיינע ווערט דאָ אָנגעוויזן פון פ. בימקאָן גלייך מיט די ערשטע ווערטער פון אַ־דער דערציילונג.

### ה.

## וויפל שעהן אַרבעט דורכן יאָר?

די ערשטער־מאַי־פייערונג האָט אין פאַרטיקולאַר באַצוועקט דאָס קעמפן פאַר דעם איינפיר פון אַן אַכט שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. אין יענער צייט ווען אַ־די פאָדערונג איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי אַ פונקט פון „פראָגראַם־מינימום", איז זי געווען דרייסט און כמעט רעוואָלוציאָנעריש. טיילן דעם טאָג אין דריי גלייכע חלקים, איין דריטל אויף שלאָפן, איין דריטל אויף אַרבעטן, און איין דריטל פאַר דער אַרבעטער אַלס מענטשלעך וועזן מיט קערפערלעכע פיזיאָלאָגישע און גייסטיקע באַדערפענישן — איז געווען אַ בראַוווער אויפטו. הייגט־צו־טאָג אין אַ היפּשער צאָל לענדער און פאַכן איז די פאָדערונג אַן אַנאַכראָניזם. עס האָט פאַרלוירן איר ווערט. עס איז נישט אַזויפיל די פראַגע וויפל שעהן אַראָפּצונעמען פון דער אַרבעט־וואָך, ווי וויט צו גיין אין קירצן דעם אַרבעט־טאָג, וויפל עס איז די אויפגאַבע צו זען פאַרפיקסירן דעם אַרבעט־טאָג, די צייט פון אַרבעט דורך דעם יאָר, פאַרפליכטן דעם באָס, מאַכן אים שכירותדיק פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ באַשטימטער צאָל טעג און אַ באַשטימטע צאָל שעהן פון באַצאָלטער אַרבעט אין משך פון יאָר. ער דאַרף זיין מחוייב צו פאַרזיכערן דעם אַרבעטער אַ געוויסן מינימום פון אַרבעט־צייט לויט אַ באַשטימטן אָפּמאַך.

די איראָניע פון דעם ערשטן מאַי טאָג־פייערונג וואָס צייגט זיך אַרויס ווען מ׳האָט אין זינען אַ־די פאָדערונג פון אַרבעט־פאַרזיכערונג ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער דערציילונג בולט און שיפּשפּיציק.

אַ גאַנצן ווינטער נישט געקראָגן קיין שטאָך אַרבעט. פונקט מיט דעם אָנקום פון פרילינג האָט אָנגעשפּאַרט אַביסל אַרבעט. און דאָ, ווי

אויף־צו־להכעיס רוקט זיך אַריין דער ערשטער טאָג פון מאַי מיט דער פאָדערונג פון יוניאָן נישט צו אַרבעטן. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט גע־קענט פסקענען אַזוי, אַז די וואָס האָבן געאַרבעט דורך דעם סעזאָן, זאָלן אַראָפּ פון דער אַרבעט, אָבער די וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען שלינג־און־שלאַנג זאָלן יאָ מעגן אַרבעטן. זאָלן זיי כאָטש עפּעס אַריינקריגן, אַ שטיקל פאַרדינסטל. אָבער עס איז דאָך שווער צו מאַכן אויסנאַמען און פעסטשטעלן אויף וויפל דער אָדער יענער שאַפּ האָט נישט געאַרבעט, און אונטערזוכן, אַז קיינע מיסברויכונגען זאָלן דערביי נישט פאָרקומען, אַז דעם היתר זאָלן נישט אויסנוצן די, וואָס זיינען גאָר צו אים נישט באַ־רעכטיקט. דער „נתנו חכמים שיעורים לדבריהם“, אַלץ געענוי באַשטימען, ווי דהיינו וויפל נישט־אַרבעטן דורכן סעזאָן גיט דאָס רעכט צו אַרבעטן אום יום־טוב פון פּראָלעטאַריאַט, און וויפל שעהן פון אַרבעט דורכן סע־זאָן זיינען מחייב אָפּצוהיטן דעם יום־טוב מיט נישט־אַרבעטן אוז דע־מאָנסטרירן, איז אַ שווערע הילכתא, און נישט דורכפירבאַר, ווען עס זיי־נען פאַראַן אַזוי פיל בעלנים אויסצונוצן יעדע שפּאַרונע, דורך וועלכער מ'קען זיך בדוחק דורכשטופּן און זיך אַרויסדרייען פון איסור.

„געאַרבעט האָט זיך פונדעסטוועגן געשמאַק... מיט יעדן שטאָך מער, פאַרנייט מען מער אַ לאָך; און מיט יעדן «גאַרמעט» וואָס מען מאַכט פאַרטיק, קלענער ווערט דער פּאַק אויף די פּלייצעס! טויט אַן אַנדער חוב! און זיי זיינען דאָך אַזויפיל די חובות... ווייניק לעכער האָט דער ווינטער אָנגעמאַכט, אַז מ'האָט נישט געאַרבעט?

„און דאָ מיט אַמאָל, ווען אַ לויט אַרבעט איז אַ לויט גאָלד, איז אונ־טערגעלאָפן... דער ביזנעס־איידזשענט פון דער יוניע, וואָס האָט זיך גע־זוכט פאַר זיי נאָכאַנאַנד אויסצובאַהאַלטן, ווען זיי האָבן דעם גאַנצן ווינ־טער אַרויסגעבליקט מיט די צינגער:

— סטאָפּ, קינדערלעך! איר קענט זיך נאָך, חלילה, איבעראַרבעטן. איר זעט ווי די יוניע זאָרגט פאַר אייך? עס איז דער ערשטער מאַי אין דרויסן... איר וועט זיך אַרויסגיין אַביסל פרייען מיט דער וועלט...“ (ז. 105־106).

ז.

# כנגד ארבעה בנים...

ערשט דאָ שטעלט זיך אַרויס אַז מיר האָבן כמעט גאַנצע פיר בנים. יעדער קומט אַרויס מיט זיין טענה קעגן דעם יוניאָן. אָבער באמת זיינען דאָ פאַראַן בלויז צוויי רעפּרעזענטאַנטן, דער חכם, משה, און דער רשע, שראל־בערל.

משה טענהט זיך אויס מיטן יוניאָן־אַגענט. משה איז אַ געטרייער סאָלדאַט. ער איז געשטאַנען ביי דעם וויגעלע פון יוניאָן־עופּעלע...

„אויף זיינע פּלייצעס אַריבערגעטראָגן דעם שטרייק אין 94סטן יאָר מיט דזשאָזעף באַראָנדעס; און פון 10טן יאָר, און פון 16טן יאָר, און פון דעם 21סטן יאָר, אַלע שטרייקס: סיי די, ביי וועלכע מ׳איז צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט מיט אַ בענד מוזיק, און סיי יענע — ווען מ׳האָט זיך אומגעקערט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אבל וחפוי ראש״. (זז. 08־107).

משה רעדט דברים של טעם:

„— קען אונדז די יוניע מבטיח־זיין, דאָס ווען מיר וועלן נישט מאַכן מאָרגן די אַרבעט, וועלן מיר זי מאַכן איבערמאָרגן, צי נאָך־איבערמאָרגן? און נישט די איטאַליענישע ווייבער ערגעץ?...״ (ז. 106).

דער ביזנעס־איידזשענט בלייבט אָן אותיות.

עס איז נישט אַ פראַגע פון ד ע ם טאָג אַרבעט צי פון אָן אַנדער טאָג. די פראַגע, וואָס שטייט צושטייענדיק אַוועקגעשטעלט פאַר אָרגאַניזירטער אַרבעט איז די פאַרזיכערונג פון אַרבעט דורכן יאָר: אויב 8 שעה דאַרף עס זיין דורכן יאָר, אויב 6 שעה אָדער 4 שעה אָבער אַלץ דורכן יאָר. וואָס קומט אַרויס פון אַלע אָפּמאַכן מיט די באָסעס, ווען זיי גאַראַנטירן נישט קיין אַרבעט, און דער פועל גייט אַרום אַ שטיק צייט אינגאַנצן אָן אַרבעט. עס איז נאָך אַ גליק וואָס רוזוועלט, דער פּרעזידענט חסד, האָט איינגעפירט רעגירונגס־פאַרזיכערונג פאַר אַ באַשטימטן משך פון צייט, וואָס מ׳איז אַרבעטלאָז.

שראל רעדט ווי דער תם אין דער הגדה; ריכטיקער ער מאַכט זיך תמעוואַטע:

„זאָל די יוניע שיקן דעם באָס זיך אַביסל פרייען... דעם ערשטן מאַי; ער איז אַ הונט און ער האַלט פון קיין יום־טובים נישט״. (ז. 107).

בערל איז נאָך האַרבער, ער רעדט שוין ווי דער „רשע״:

„ווי קען אונדז די יוניע שלאָגן מיט צוויי בייטשן: נעמען געלט און נישט לאָזן אַרבעטן!" (דאָרט).

געלט נעמען מיינט מיטגליד שטייער־אָפּצאָל. ביי בערלען איז די יוניאָן אָן אָנשיקעניש. מה העבודה הזאת לכם? ביי אים קומט אויס, אַז עס איז אַ פאַל פון טאַקסאַציע אָן רעפּרעזענטאַציע און לחלוטין עפּעס צו טאָן פאַר די אַרבעטער.

דייוויד איז דער שאינו יודע לשאול — שווייגט ער.

„נאָר וואָס קומט... אַרויס... ווען ביי זייער יוניע איז דער ערשטער מאַי אַ יום־טוב, אין וועלכן די אַרבעטאָרער ברויכן זיך פרייען, מוז ער אַלצאַיינס זיין יום־טוב, — ס'זאָל זיי אַפילו אויסקומען צו וויינען, קיין שום חילוק נישט". (דאָרט).

ווען דער יחיד צעבוטשקעט זיך מיטן רבים, ווער קריגט אַ בייל? דער יחיד. ער דאַרף נאָכגעבן. דער כלל דאַרף פאַרהיט ווערן, ווייל בדרך כלל וועט דער יחיד פון דעם געווינען. אַ שטיין אַז עס פאַלט אויף אַ טאָפּ — אַז אָך און ווי צום טאָפּ; און אַז דער טאָפּ פאַלט אויפן שטיין — אַז אָך און ווי צום טאָפּ, צי אַזוי צי אַזוי איז אַז אָך און ווי צום טאָפּ" (מגילת אסתר רבה, פרשה ז'). דער יחיד מוז מוותר־זיין אויף דאָס זייניקע, אַנישט וועט ער צעבראָכן ווערן.

משה דער געטרייער זעלנער, דער לאָיאַלער מיטגליד האָט גלייך נאָכגעגעבן:

„...האָט... משה... אַ פאַרקלעמטער צענומען די הענט: «מילא אַז די יוניע וויל פון אים האָבן אַ קרבן» — אַוועק פאַראַדירן". (ז. 108).

ער האָט זיך געדונגען, זיך געאַמפּערט מיט דעם יוניאָן, אויסגע־זעצט, געפרעגט פראַגעס, געמאַכט סוגעסטיעס, אַלץ מיט דער כוונה די יוניאָן זאָל האָבן איינזעעניש און צוריקרופן זיין גזירה. אַמפּערן זיך, וויפל עס לאָזט זיך נאָר, אָבער איבערפּסקענען דעם דין, ברעכן דאָס געזעץ — חס וחלילה. משה טוט נישט אַזעלכע זאַכן. כל־זמן דער דין איז אין קראַפט, אַפילו ווען ער איז מיט אים נישט אין הסכם — פאָלגט ער אים אויס. ער וועט נישט פאַרבייגן. ער וועט זיך נישט לאָזן גיין אויף צעדרייטע און צעקרימטע הינטער־וועגעלעך, פון וועלכע קיין גוטס קען נישט אַרויסקומען. פאַרלירט ער אַ האַלבן טאָג אַרבעט, וועלכן ער דאַרף זייער נייטיק האָבן, ער האָט נישט וויניקער לעבער צו פאַרשטאָפּן ווי שראַל, בערל, און דייוויד.

משה בלייבט ביי זיין איינגעפונדעוועטער לאָיאַליטעט. אמת, ער האָט הרהורים רעים, דער יצר־הרע וויל אים צוריידן צו אַן עבירה. אָבער ער וועט ביי אים נישט אויספירן. ער וועט מאַרשירן מיט אַלעמען, מער נישט ער וועט אים האַלטן כסדר דערמאָנען וועגן די ביסל שכירות, וואָס ער פאַרלירט, און די שמחה פון יום־טוב איז געשטערט. די פיס זיינע מאַרשירן, אָבער דער קאָפּ איז פול מיט תרעומות.

„...ביסט קראַנק צו ליגן איבער דער מאַשין, אַז ס׳איז דאָ וואָס צו טאָן?... מארטשן גלוסט זיך דיר?“ (ז. 109).

„נאָך אַ האַלבן טאָג... ווען ער שלעפּט אים אַזוי אַדורך, און ווערט נישט, ווייל געשריגן, אָפּגעלייגט דורך דער יוניע — האָט ער דאָך שוין פאַר דעם קליינעם אייניקל זיינעם, פאַר דער יתומה... אויף אַ פּאָר שי־כעלעך! שוין ווי־לאַנג ווי זי וויינט אין אים אַריין... «שיכעלעך!»... און גיי דערצייל איר... ווער ס׳איז געווען דער מלאך־המוות פון אירע שי־כעלעך צי פון איר דרעסקעלע, אַ?“ (ז. 110).

אַנדערש האַנדלט די טריאָ, שראַל, בערל און דייוו.

„— וואָס זאָל מען ברויכן זיין פרומער פאַרן ביזנעס־איידזשענט אַליין? וואָרן, אַז ס׳זאָל אים אָנשטיין צו פאַרלירן געלט פון קעשענע, וואָלט ער געווען אַזאַ גוטער און געגאַנגען מארטשן?“ (ז. 108).

דער תירוץ גילט אַלע מאָל: וואָס? יענער איז דען בעסער? וואָלט ער דען בעסער געהאַנדלט? אַלע געמיינהייטן ווערן אַזוי באַגאַנגען. מען מאַכט זיך לייכט דאָס האַרץ מיט דעם וואָס אַנדערע וואָלטן זיך נישט אויפגעפירט שענער אונטער די אייגענע אומשטענדן.

„די דאָזיקע אָפּערייטאָרס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אינאיינעם מיט משהן... און אַריין מיט דער צווייטער טיר, וואָס פירט מיט די שטיגן אין שאָפּ — ווו מ׳האָט גענומען דאָס מאַשינדל אין די הענט אַריין, און גע־מאַכט חוכא־וטלולא פון דער יוניע מיטן ביזנעס איידזשענט אינאיינעם. (דאָרט).

אָבער משה איז נישט מיט זיי אין שאָפּ. ער מאַרשירט־מיט מיט אַלע אָפּערייטאָרס, ער איז נישט קיין פורש מן הציבור. ער וועט נישט פאַרשוועכן זיין פּראָלעטאַרישן יום־טוב, ווי גרויס דער נסיון פון נויט זאָל נישט זיין.

זיי גייען, די אָפּערייטאָרס, וועלכע מיט זיבעצן יאָר שאָפּ אויף די פּלייצעס, וועלכע מיט דריי און דרייסיק, און וועלכער אַזוי הויך ווי מיט

איין און פערציק... און ווער פון זיי עס קען גיין מיט אַ גרינגן קאָפּ, האַלט ער אים הויך, אויפגעהויבן פאַררִיסן: «די גאַנצע וועלט איז זיין»... אַ שאָד וואָס פון פאָרנט פאַרטונקלען די ערשטע רייען, די אַלערליי ביזנעס־איידזשענס, אָרגאַנייזערס, לעפל־לייט, דאָס ווילדפלייש, וואָס איז זיך אָנגעוואָקסן פון אַלע יאָרן בלוטן, אויף זייערע ווונדן...״ (ז. 112).

די זאַך איז וואָס אַן דעם ווילדפלייש וואָלט זיך דאָס פלייש איבער גאַנצן נישט געהאַלטן אויף די ביינער. ווען מ׳נעמט און מען באַזייטיקט זיי דורך אַ כירורגישער אָפּעראַציע, וואָלט די גאַנצע אַרבעטער־קערפּער־שאַפט צעפאַלן געוואָרן. זיכער וואָלט זיין בעסער ווען די אַרבעטער וואָלטן אָנגעווענדט דעם מעטאָד פון זעלבסט־אָרגאַניזאַציע און וואָלטן נישט אָנגעקומען צו די חסדים פון די אָרגאַניזירער, וואָס לאָזן זיך גוט באַצאָלן און ווילן מיט דער צייט אויסוואַקסן אין אַ נייעם קלאַס, אַ שונא־קלאַס. אָבער די אַרבעטער אויף זייער איצטיקן ניוואָ פון מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג האַלטן נאָך זייער ווייט פון דעם. אין אין שאַפּ טעכניש־עקאָנאָמיש, פינאַנציעל אָרגאַניזירט זיי „קאַפּיטאַל״, אויסערן שאַפּ און אין שאַפּ פּאָליטיש־עקאָנאָמיש ווערן זיי אָרגאַניזירט פון די טרייד־יוניאָנס, די אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס באמת זיינען אַן אָנזאָג אויף דעם אויפקום פון אַ נייעם הערשנדיקן קלאַס.

אָבער לעת־עתה קען מען זיך נישט העלפן, עס איז לית־ברירה. און די משהס מאַרשירן. זיי נעמען אָן דאָס „בויז״ ווי אומפאַרמיידלעך, אויף דעם סמך וואָס עס האָט געקענט זיין אַנדערש, אַ מער אידעאַלער, אַ מער ווינטשנסווערטער איינשטעל פאַרבייגן זיי נישט זייערע פליכטן צו זייערע יוניאָנס.

אָבער נישט דער טריאָ: שראל, בערל, דייוו. זיי גייען קעגן די כלל־אינטערעסן פון זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישן ציבור. דער פאַרענטפער איז: דער כלל איז שלעכט פאַרטראָטן, די פערזאָנען וואָס פּרעזענטירן דעם כלל שטייען נישט אויף אַ העכערער מאָראַלישער הייך פון זיי. דאָס איז אָבער אַ קנאַפּער פאַרענטפער.

ז.

# משפט, זינד און שטראָף

און אָט איז אַ בילד פון משפט און פסק־דין:

— וואָס? אַרבעטן אינעם ערשטן מאַי? דורך איין טיר אַרויס און דורך דער אַנדערער אַריין?!

זיי זיינען געזעסן, די אָפּערייטאָרס: שראַל, בערל, דייוו... אויף די בענקלעך... און געווען פאַרקלעמט: «גיי אַנטפלעק פאַר אים די ווונדן!... דער זאַטער קען דען גלייבן דעם הונגעריקן!»״ (ז. 113).

„...יעדער איינער פון אייך וועט אַריינצאָלן פינף טאָלער פּיין אין דער יוניע.

„— ...מ׳האָט דאָך גאָר אַזויפיל נישט געמאַכט! איז ביי די עטלעכע אָפּערייטאָרס איינגעפאַלן ס׳האַרץ. מ׳קען די יוניע אָוועקגעבן דעם האַלבן טאָג אַרבעט...

— מ׳האָט דען געאַרבעט פאַר נחת?

— גאַנצע פינף טאָלער פּיין — ס׳וועט קיין פּעני נישט טאָרן פעלן.

אויף דעם האָט זיך בערל אָפּגערופן, נישט חלילה אים [דעם ביז־נעס־איידזשענט] אין די אויגן:

— וואָרן ס׳גייט די יוניע אַזוי שטאַרק אין לעבן, וואָס מ׳האָט מחלל יום־טוב געווען? ס׳איז נישט מער ווי די פינפּערלעך וואָס זי וויל אַרויס־קריגן.״ (זז. 14־113).

דער יחיד, ווען ער שטעלט זיך קעגן זיין ציבור, מעג עס טאָן בלויז אויף איין גרונט און דאָס איז זיין דערהייבן זיך העכער איבערן ציבור. ער מעג זיך אָפּטיילן בכדי צו זיין ראוי און מסוגל זיך צו באַהעפטן, בלב תמים מיט אַ גרייטקייט אויף ברענגען קרבנות, און אַנשליסן אָן אַ הע־כערן און ליכטיקערן ציבור, אַ ברייטערן וועלכער וועט אין זיך באַהויפטן אין דער צוקונפט און אַריבערקומען דעם הייַנטיקן שמעלערן קאָלעקטיוו.

זיך באַפרייען אויף אייגענער אחריות פון די פליכטן וואָס דער־קעגנווערטיקער ציבור לייגט אויף אים אַרויף אויפן סמך פון אייגענע פערזענלעכע באַשטרעבונגען — דאָס טאָר דער יחיד נישט טאָן. ווען אַפילו זיין נויט און דער עקאָנאָמישער עול זאָל אים צווינגען עס צו טאָן. אָבער צו שטרענג שטראָפן דעם יחיד־„פאַרברעכער״ דאַרף מען נישט. „לא יבוזו לגנב כי יגנוב למלא נפשו כי ירעב״ (משלי ו׳, ל׳). ווען

ער זינדיקט מחמת דעם, וואָס ער האָט זיך נעבעך פאַרפּלאָנטערט אין דעם פרנסה־נעץ, „על פת לחם יפשע גבר" (דאָרט, כ"ח, כ"א). ער שלעפּט אָנגעהאנגען אויפן האַלדז די שווערע מילשטיינער, ריחיים בצווארו, לויט דעם אויסדרוק פון תלמוד.

איצט אַז זיי זיינען געקנסט געוואָרן און האָבן נעבעך געמוזט מקיים־פּסק־זיין, איידער זיי האָבן זיך געקענט אָוועקזעצן ביי דעם מאַשינדל, איז זיי דאָך ביטער אויפן האַרצן: אי געגעסן געשטינקענע פיש, אי גע־קראָגן געשמיסן מיט אַ קנס. ריידן זיי זיך אַראָפּ פון האַרצן: ערשטנס צו שטילן דאָס געוויסן, צווייטנס זיך אָפּצורעכענען מיטן יוניאָן בדאַי מיט ווערטער, וואָס האָבן נישט קיין ממשות. זיי לאָזן אויס זייער ביטער האַרץ און מאַכן כעפרא דארעא דעם ביזנעס־איידזשענט, פאַרשטייט זיך הינטער די אויגן. זיי באַשולדיקן אים און אין זיין פּערזאָן די גאַנצע יוניאָן אין געלט־גייציקייט.

זיי ווילן זיך איינשמועסן, אַז זי איז גאָר צופרידן מיט דעם וואָס זיי האָבן פאַרבראָכן קעגן דער דיסציפּלין, און אַזוי אַרום האָט זי גע־קראָגן אַ געלעגנהייט אַריינצוכאַפּן אַ פּאָר טאָלער. און זי איז אַזוי פאַר־ביטערט און מלא־רציחה ווייל צו ווייניק האָבן געזינדיקט און מ'קען זיי נישט באַשטראָפן און אַרויסרייסן ביי יעדן פון זיי קנס אין דער סומע פון פינפערלעך.

„...איי, וואָלט זי זיך דאָס געפּאַטשט אין בויך אַריין, די יוניע, ווען זי האָט זיי כאַטש זעקס־זיבן מאָל אַזוי פיל..." (ז. 115) פושעים הייסט דאָס אויסריידן כל־דבר־אסור אויף דער יוניאָן איז בלויז אַ מיטל ווי צו שטילן דאָס קאָכעדיק האַרץ, און קריגן אַ פאַרגעבונג פאַר דער „זינד". דאָס איז אַ מין נוסח פון שלאָגן זיך אין האַרצן על־חטא נישט־שלאָגנ־דיק און נישט צוגעבן דאָס באַנאַרישן זיך און דורכפאַלן. צו מאַכן אַ פע־לער, אַפילו צו באַגיין אַ זינדיקן אַקט איז מענטשלעך, אָבער צוצוגעבן, אַז מ'איז שולדיק און אָננעמען די שטראָף ווי אַ פאַרדינטן עונש, דאָס איז שוין אַ מדרגה, צו וועלכער לאָוו כל אדם זוכה. נישט יעדער מענטש קען זיין אָביעקטיוו, ווען ער אורטיילט וועגן זיך.

די „פושעים" ווילן גלייבן, אַז דער ערשטער מאַי איז גאָר עפּעס אַ וואַלפּורגיס טאָג פאַר דער מכשפה — די יוניע, אַ יום־טוב צו כאַפּן פינ־פערלעך פון די בידנע אַרבעטער...

***

פ. בימקאָ איז איינער פון די גאָר ווייניקע, אויב נישט טאַקע דער איינציקער וואָס האָט געוואַגט צו ברעכן דעם מינהג פון רימען און קאָמ־פלעמענטירן די אַרבעטער און זייערע אינסטיטוציעס. ער מיט זיך צו צייגן דאָס בילד אָן פליטערלעך, אָן רוזש, אָן צופוץ. ער שרעקט זיך נישט צו רייצן די געגנדז פון אַרבעטאָרישקייט. און דאָס נישט־שרעקן זיך איז אפשר דער גרעסטער טאַלאַנט זיינער. דאָס איז זיין וויכטיקסטע באַ־גאַבטקייט.

ער מאָלט די פּאַנאָראַמעס, ווי ער זעט זיי, און ער האַלט אָפן זיינעביידע אויגן, און פאָטאָגראַפירט אַ היפּש ביסל נעגאַטיווע עלעמענטן אין לעבן פון דער אַרבעטערשאַפט, און פון אָט־דער אויגן־פאָטאָגראַפיע מאַכט ער ערשט אַ קונסטבילד לדורות.

ד ר י ט ע ר   ט ײ ל :

# מענטש און ציוויליזאַציע

## I

## דער זייגער און זיין מערכה

א.

# דער זיגער איז נישט דער זייגער

דאָס איז אַ קורצע און, אויבנאויפיק געקוקט, אַ לייכטע דערציילונג. זי פאַרמאָגט אָבער אימפּליקאַציעס, וווייט־גייענדיקע און גאָר טיף־גרייכנ־דיקע. זי ווינקט אָן אויף אַן עיקר־זאַך. זי לאָזט אונדז הערן ברמיזא, אויף דעם יידישן גאָר־לאַקאָנישן שטייגער, וועגן אַן ענין, וואָס איז אומגעהויער וויכטיק.

יידישער אופן פון אויסדריקן זיך פאַרמאָגט צוויי פּאָלוסן, אָדער גאָר לאַנג באַריידעוודיק, אָדער אַזוי קורץ, אַז עס איז כמעט ווי איינזיל־ביק, ווייל „וכל המרבה דברים מביא חטא״, ריידן אַ סך ברענגט צו אַן עבירה. (אבות א׳, י״ז).

אָבער „אין המקרא יוצא מדי פשוטו״ (שבת ס״ג.). די מעשהלע איז אַ מעשהלע, און מיר וועלן זיך, קודם, מיט אים פאַרנעמען. אייגנטלעך איז דערביי נישטאָ פיל וואָס צו טאָן. די פאַבולע איז פשוט, „שטשופּלע״, מאַגערלעך און שיטערלעך.

די אַרבעטער אַרבעטן נישט פון שטיק, נאָר פון שעה. עס איז אַ שאָפּ ווי ס׳רוב שעפּער, וואָס האַלטן זיך אויף צייט־אַרבעט. אָבער אַ־דער שאָפּ אין פּרט פון צייט־פּינקטלעכקייט איז אַלטמאָדיש, ער איז אָפּגעשטאַנען פון דער מ אָ ד ע ר נ ע ר צ ײ ט, דהיינו עס פעלט אים אַ וויכטיקער אַקסעסואַר. עס איז נישט פאַראַן קיין זייגער אויף דער וואַנט. און אַ זייגער אין אַ שאָפּ איז נישט פּראָסט אַ צייגער, אַ מיטער פון צייט־אַפּלויף. ער האָט אַ צוגאָב, אַזאַ מאַכערייקע, וואָס שטעמפּלט אָפּ די אַר־בעטער־קאַרט. עס גיט אָן די שעה און מינוט, ווען דער אַרבעטער מעל־דעט זיך אין דער פרי און ווען ער מעלדעט זיך אויס אין אָוונט, אָדער בשעת דער הפסקה, ווען די אַרבעטער גייען אַרונטער אונטערצולענען דאָס האַרץ. אַזוי אַז אַלץ ווערט פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס, און די ווירטשאַפט פון צייט־אַרבעט פירט זיך מיט אַ שטרענגער האַנט פון פּינקטלעכן חשבון.

די אַרבעטער, וואָס זיינען דאָך נישט מער, ווי זינדיקע מענטשן, פאַרשפּעטיקן זיי זיך אין דער פרי ביים אַריינקומען.

עס איז, אגב, צו באַמערקן, אַז יידן וואָס איילן זיך דאָך תמיד, זיי־

נען טאַקע צוליב אַ־דעם געאײַל נישט אַקוראַט, זעלטן ווען זיי קומען אין צייט. זיי פֿאַרשפּעטיקן כמעט שטענדיק.

„אין דער פּרי פֿלעגט דער עולם אַרבעטאַרער קומען זייער פֿויל און צעשלעפּט אין שאַפּ אַריין; דער טאָג האָט זיך דעריבער דאָ שפּעטער אָנ־געהויבן ווי אין אַלע אַרומיקע שכנישע שעפּער". (ז. 119).

פֿאַרמאַליסטישע צייט־מעסטונגען, ווען זיי ווערן אָנגעווענדט אויף אַרבעט, קענען נישט געטנוי באַשטימען די מאָס פֿון אויפֿטוערישקייט. מחמת ווען מ׳זאָל אַפֿילו אָננעמען, אַז די צייט אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ און אין אַ באַשטימטן דוראַציע־אָפּשניט איז איינהייטלעך דורכאויס, דורך אַלע אירע מאָמענטן, איז זי דאָך נישט בכוח אָנצוצייגן די מאָס פֿון די ענערגיע־איינסן, וואָס אַ באַשטימטער אַרבעטער טוט אַריין אין אַ גע־געבענעם אָפּברוך פֿון צייט־פֿאַרלויף. דאָס הייסט זי זאָגט נישט וויפֿל מאַניפּולאַציעס דער אַרבעטער האָט דורכגעמאַכט. ווייל ער קען דאָך שנעל אָדער פּאַמעלעך אַרבעטן. אַזוי אַז זיין גאַנג איז אינגאַנצן אינדי־ווידועל. באמת ווערט דאָך אויך צייט אויסגערעכנט, פֿאַרבאַהאַלטענער־הייט, לויט שטיק־אַרבעט. מ׳ווייסט בערך וויפֿל אָפּעראַציעס דער אַרבע־טער דאַרף דורכשניטלעך אויספֿירן אין משך פֿון אַ באַשטימטער צייט. דאָס אַלץ לאָזט זיך ווערן און מעסטן, אָבער נישט אויף אַן אַפּטעקאַרס־קער וואָגשאָל.

און ווען דער יונגער פֿאַרמאַן בייזערט זיך, שרייט און דראָט — „כ׳וועל אַראָפּנעמען ביז איין מינוט, וואָס ס׳וועט פֿעלן" (דאָרט), ענט־פֿערט אים דער פֿאַרשפּעטיקטער אַרבעטער מיט פֿולער זיכערקייט און גאַנץ לאַגיש: „כ׳וועל אָפּיאָגן ביי דער אַרבעט, ווילי; ווייסט דאָך, אויב מ׳וויל דעם באָס אויסמאַכן אַן אויער, קען מען עס גאַנץ גוט זיצנדיק ביים מאַשינדל, — מ׳זאָל אַפֿילו אַריינקומען צו דער מינוט און צו דער רגע".

ווייבאַלד קיין זייגער איז נישטאָ, זיצט דער פֿאַרמאַן און פֿאַרשרייבט אין בוך די שעה און די מינוט, ווען יעטוועדער אַרבעטער שטעלט זיך אַר־בעטן. דער אמת איז, אַז ער פֿאַרשרייבט אַלעמען גלייך 8 אַזייגער, די צייט פֿון «שחרית» ביי דער אַרבעט. דאָס איז אַ הנחה פֿון זיין זייט, און פֿאַר דער הנחה לאָזט ער זיך באַצאָלן מיט דעם נעמען זיך דאָס רעכט צו פֿאָדערן ביי די אַרבעטער זיי זאָלן זיך צויאָגן, זיין „זריזים".

„ווילי, דער פֿאַרמאַן, נאָך גאָר אַ יונגער ייִנגל... האָט שוין פֿונ־

דערסטוועגן געהאַט דאָס קעפּל אויף דער רעכטער זייט״. (ז. 121).

אָבער אַז ווילי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס אין טרייבן די אַרבע־טער מיט דעם פּאַרמאַנישן בייטש, פלעגן די אַרבעטער זיך נעמען בריקען מיט די הינטערשטע פיס.

„אַזוי ווייט און ברייט, ביז דאָס רייסן פון די הענט איז שוין גע־גאַנגען איבערן לב: «אים פאַרקויפן די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן?» און געמוזט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרויספּלאַצן, אים אַ פּאַטש טאָן אי־בערן פּנים:

— מיינסט טאַקע, בחורל, אַז מיט אַ פּאָר מינוט וואָס דו קוקסט אַוועק, וועסטו אונדז אָפּקויפן, מ׳זאָל דיר אַריינהאַקן?״ (זז. 22־121).

הייסט עס, אַז דער פּאָרטייל פון אַביסל נאָכגעבן אין עקסטענסיווי־טעט פון דער אַרבעט־צייט, בכדי וואָס מער אַרויסצוקריגן דורך אינטענ־סיוויטעט, גילט נישט מער. דאַרף דער פּאַרמאַן עפּעס אַנדערש טאָן. ביי ווילין איז דער קאָפּ נישט אויסגעדאַרט.

אַ שטילקייט פאַר אַן אויפברויז פון אַ שטורעם. ווילי לאָזט אָפּ די לייצעס, לייגט אַוועק די בייטש. און די אַרבעטער פילן, אַז אַ צרה נעמט זיך רוקן אויף זיי. — אַ זייגער האָט זיך באַוויזן.

„אַ שווערער זייגער. ביי איטלעכן דרוק פונעם הענטל, האָט ער זיך ווי פאַרכליפּעט און אַ קלונג געטאָן; און דערמיט ווי אַ צי געטאָן ביי די אויערן אַלעמען אין שאָפּ, מ׳זאָל זיך אומקוקן אויף יענעם, וואָס האָט דאָרט געהאַט צו טאָן מיט אים. דאָס קלינגען זיינס האָט ביי דעם עולם אַרבעטאָרער, וואָס האָט נישט ווייניק געברענט אויפן זייגער — אַרויפּ־געצויגן אַ צעקרימט שמייכעלע אויף די פּנימער, און זיי צעשטרויט, מ׳האָט זיך געזוכט צו ווילין:

— ס׳איז דיין מלאכה, ווילי. דאָס האָסטו אָנגעאַרבעט... אַלע שטי־לע וואַסערלעך גראָבן טיף...

— איר אַליין האָט אים אָנגעבערענגט אויף די קעפּ אַרויף... דאָס קריגעלע גייט אַזוי לאַנג צום וואַסער, ביז ס׳אויערל רייסט זיך אָפּ.״ (זז. 23־122).

דער דיאַלאָג, כאָטש אָנגעפּילט מיט איינגעטאַמעוועטן אַנטאַגאָ־ניזם, פירט זיך געמיטלעך און אין האַלבן שפּאַס. ביידע צדדים זיינען איינגעגלייבט אין זיך און זיינען זיכער, אַז זיי וועלן אויספירן, און ווי־באַלד זיי וועלן סיי־ווי אַרויסקומען די זיגער, איז צו וואָס זיך כעסן,

נישט בעסער אָנצוגיין מיט דער געלאַסנקייט און געדולד וואָס קומט פון זיכערקייט?

„דער זייגער, כאָטש מ׳האָט זיך גאַנץ שיין אויסגעלאַכט פון אים, איז ער דאָך ביי יעדן איינעם געלעגן ווי אַ שטיק בליי אויפן האַרץ״. (דאָרט).

אַנשטאָט וואָס ער, דער זייגער, האָט עס געדאַרפט זיין דער אונ־טערטרייבער, איז ער גאָר געוואָרן דער שטערער, ווייל ער האָט געגומען קאָנקורירן מיט דער מלאכה גופא פאַר דער אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער.

— אויף וואָס האָסטו האָסטו נאָך געדאַרפט האָבן אַ כלי, מיט מוזיק? (דאָרט).

דער זייגער האָט זיך אַזוי צעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז ער איז געוואָרן דער כל־וּלך אין גאַנצן שאַפּ. ער איז געקור־מען, זיך באַוויזן — און באַזיגט אַלע אויגן פון די אַרבעטער. און אַן אויגן קענען דען די הענט אַרבעטן. דער זייגער האָט אַריינגענומען די אַרבעטער אין קלעם, ער איז אַפילו אַרויס פון שאַפּ. דאָ, דער לאָקאַל, איז געווען צו ענג פאַר אים, דאָ האָט ער געהאַט, כלומרשט, זיין שטיקל גוף, אויפגעהאנגען אויף דער וואַנט. זיין גייסט, זיין מהות, אָבער, האָט זיך דורך די אויגן־לעכער אַריינגעגנבעט צו יעדן אַרבעטער אינעווייניק, און זיך דאָרט באַזעצט בהרחבה, ווי דער ריכטיקער באַלעבאָס זייערער; נאָכ־געגאַנגען יעדן איינעם פון די אַרבעטער צו אים אַהיים. דער זייגער האָט זיך צעזייגערט, זיך פאַרמערט, און איז געוואָרן „מלא כל הארץ כבודו״, ער האָט אָנגעפילט די שטיבער פון די אַרבעטער.

ער איז געוואָרן דער הערשער. די אַרבעטער זיינען אין זיין רשות. עס איז גאָרנישט געווען קיין פּלאַץ, וווּ ער איז נישט געווען. און דערצו האָט ער נאָך געהאַט קליינינקע זייגערלעך, שטוב־זייגערלעך, וואָס זיינען געוואָרן ווי זיינע פאַרלייבטע עמאַנאַציעס, פאַרקערפּערטע אָפּלייכטונ־גען פון זיין ערע און כבוד. און דער אַרבעטער האָט נישט־ווילנדיק מקיים געווען דעם „בשבתך בביתך, בלכתך בדרך, בשכבך ובקומך״ (דברים ו׳, ו׳). ער האָט געטראַכט וועגן אים זיצנדיק אין שטוב, אויפן וועג צום שאַפּ און פון שאַפּ, בשעתן לייגן זיך שלאָפן און אויפשטיין. איר שפּילט זיך מיטן זייגער! ער פילט אַן דאָס לעבן פון די אַרבעטער און האַלט זיי ווי אַרומגענומען מיט אַן אייזערנעם רייף.

„ער האָט געהייסן קוקן דער צייט אין פּנים, וועלכע עסט אויס דאָס האַרץ ביי יעדן אַרבעטאָרער אינעם שאָפּ, ווישט אָפּ ס'לעבן זיינס, און בלייבט שטיין ווי אַ נאַר, ווען ס'איז שוין נאָך אַלעם; אַז דער שאול תחתיה מאַכט אויף דאָס פאַרהוילענע מויל:

— זיך געגנוג דאָ אָפּגעפּרייט, ברודערל.״ (ז. 126).

אומעטום שטייט דער זייגער, קוקט אָן די אַרבעטער און האַלט אין איין טיקען. ער איז אַ לעבעדיק וועזן, וואָס מאַכט זיך כלומרשט גע־פּגרט, טויט ווי אַ גולם. דער גולם איז בלויז זיין אויסערלעך געשטאַלט. ער אַליין לעבט און באַוועגט זיך. ער געוועלטיקט און באַהערשט אַלץ און אַלעמען. אַלץ ווענדט זיך אָן אים. אָן אים קען מען זיך קיין קער נישט טאָן, אַ ריר טאָן. וועגן אַלץ מוז מען זיך מיט אים באַראָטן. אויף אַלץ פאָדערט זיך זיין דערלויבעניש.

וואָס קען זיין וויכטיקער און מעכטיקער פון געלט, פון די אלהי־כסף וזהב? דער זייגער, אָבער, געוועלטיקט אויך איבער געלט. ער האָט די דעה אַפילו איבער דער מאה. ער קריכט אַריין אין קאָנווערט. ער האָט געמאַכט אַ תל פון דעם גרעסטן הייליקטום פון שאָפּ, פון דעם קאָנווערט, דעם דבר שבקדושה, וואָס רופט זיך „פּיי־ענוועלאָפּ״״ *).

„אַז ס'איז געקומען צו דער ערשטער פּיידע... איז דאָך ביי יעדן איינעם די פּיידע געווען צעקאַליעטשעט... און מ'האָט זיך געשאַרפט די ציין אויף ווילין... ווילי האָט דאָס געשפּירט... האָט ער דעריבער פון זיין טבע צו לויפן איבערן שאָפּ און רייסן די אַרבעט, נישט אין זין געהאַט אָפּצוטרעטן אויף אַ האָר...

„— ווילסט אַרבעט, ווילי, מאָן דיר ביים זייגער, וועט ער זי דיר געבן.״ (ז. 128).

וויבאַלד דער זייגער איז כל־יכול, זאָל ער אַליין טאָן די גאַנצע אַר־בעט. אויב ער איז אַלץ און די אַרבעטער זיינען גאָרנישט שבגאָרנישט, איז נישטאָ צו וועמען צו האָבן תרעומות.

„— אויפן זייגער ברויכן אַריינקומען, און נאָך וועלן, מ'זאָל אַר־בעטן ווי די פערד?״ (ז. 129).

קומען זיי אַריין אין צייט, ד״ה די פאָרמאַליטעט קומען זיי נאָך, אָבער בלויז פון יוצא־וועגן. זיי היטן אָפּ די צייט, אָבער לייגן ווייניק

---

*) שכירות־קאָנווערט.

אַריין אין איר. די צייט אַליין ווערט עפּעס ווי אַ תּכלית פאַר זיך, אַ צייט אָן געשעענישן.

דער שאַפּ־טשערמאַן: — „ווו און אין וועלכן שאַפּ איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מ׳זאָל אַראָפּנעמען איין פּעני...״

ווילי טראַכט זיך:

„...די בעלי־מלאכות, געזונטע חברה־לייט, אַ סך, אָנגעפּרעסענע, מיט בייכער... אויף וועלכע די הויזן קענען זיך קוים האַלטן... און ווילן אים דאָ צערייסן ווי די וועלף... דער גוטער יאָר ווייסט פאַרוואָס... ער וויל פון זיי אַרבעט — וואָס דען זאָל ער פון זיי וועלן?... און אַרבעט — גיט מען זיך נאָך אַ שאָקל, נאָך אַ שאָקל..״ (זז. 30־129).

מען גייט איין אויף אַ פּשרה. מען מעג פאַרשפּעטיקן אויף אַ פערטל שעה פון דער באַשטימטער צייט און פאַר דעם וועט מען נישט אַראָפּרע־כענען פון לוין. און אַ־די פערטל שעה, וואָס פאַר זיך מיינט זי נישט קיין סך, האָט נישט קיין באַטרעף, האָט אַוועקגעלייגט דעם זייגער, געמאַכט פון אים אַ פּגר. וויבאַלד מ׳מוז אים נישט פאָלגן אויף דער האָר, איז ער אויס מלכות, אויס דיקטאַטאָר, אויס הערשער איבער זייערע לעבנס. נאָכ־געגעבן איין „האָר״ — און דער „גאָר״ גייט מיט. געגעבן אַ פינגער, גייט מיט די גאַנצע האַנט. מחמת אין פּראָבלעמען, ווו עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּרינציפּ, איז אויב נישט גאָר, ווערט פון דעם גאָרנישט.

„ס׳איז נישט מער קיין זייגער, נאָר אַ פּגר״ (ז. 131). אַזוי ווי אַן אָנגעבלאָזן פּענכער, ווען מ׳שטעכט אים אַדורך, מ׳מאַכט אין אים אַ לעכל, מעג עס זיין ווי קליין, גייט די לופט אַרויס און מיט איר אַרויס־גיין פאַרלירט ער זיין גאַנצע אָנגעבלאָזנקייט, אַזוי איז אויב אַ פּרינציפּ־עניין. איין פּונקט נאָכגעגעבן, און די גאַנצע זאַך איז קאַפּוט.

## ב.

# צייט קראַנאָס איז אַ גאָט־געץ

עד כאן איז דער נגלה, די עקזאָטעריק פון דעם סיפּור־המעשה. וואָס איז אָבער דער נסתר, די חכמה־נסתרה, וואָס פאַרבאַהאַלט זיך צווישן די פאַלדן פון דער געשעעניש אין שאַפּ? וואָס דערציילט אונדז די דערציי־לונג צווישן אירע שורות, און זי פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל שורות און

צווישן־שורות? דאָס קען מען באַמערקן בלויז דעמאָלט ווען מ׳לייענט זיך אַריין אין דער טיף פון דעם ענין.

די דערציילונג האָט צו טאָן מיט איינער פון די טיפסטע מיסטעריעס פון מענטשלעכן באַנעם. צייט איז די דימענזיע פון אַלע דימענזיעס. זי שטייט איבער רוים. זי איז עלטער פון רוים. דער באַגריף פון צייט מוז זיין פ ר י ע ר, ווייל כל־זמן דער באַגריף פון צייט איז נאָך נישט גע־ווען בנמצא איז דאָך קיין פ ר י ע ר און ש פ ע ט ע רנישט געווען, קיין מוקדם ומאוחר נישט געקענט זיין. פריאָריטעט איז אַ צייט־השגה און אַלס אַזעלכע מוז זי זיין קודם צו דער רוים השגה. צייט איז אַבס־טראַקטער פון רוים, און דווקא דערפאַר וואָס זי איז אַבסטראַקטער איז זי קודם. אָן צייט קען מען רוים נישט אויפפאַסן.

רוים לויט אַ באַשטימטער אויפפאַסונג איז די אידייע פון קאָעק־זיסטענץ, מיט־זייעניש. דאָס איז די אַבסטראַקציע פון אַלע קעגנשטאַנדן. קאָעקזיסטענץ, חוץ דעם וואָס דער באַגריף פון עקזיסטענץ מוז איר פאָר־אויסגיין, מוז אויך אין זיך איינשליסן דעם באַנעם פון צייט. ווייל אויב רוים איז „מיט־זייאיקייט״, מוז ער דאָך פאָרקומען נישט אין „פאָר־זייאיקייט״ און נישט אין „נאָך־זייאיקייט״, ווייל איןביידע פאַלן האָט דאָך געקענט פאָרקומען אַ פאַרנעמעניש פון דעם אייגענעם פלאַץ פון פאַרשיי־דענע קערפּערס און נאָכפאָלג. בכדי די „מיט־זייאיקייט״, די קאָעקזיס־טענץ זאָל זיך קענען רעאַליזירן מוז זי גענומען ווערן אין איין און דעם זעלביקן מאָמענט. קאָעקזיסטענץ, אָ־דער „קאָ״, „מיט״, דעקט ביידע באַ־גריפן אי פון אָרט און אי פון צייט. מיט־זייאיקייט שיקט פאָראויס אַן א י ד ע נ ט י ט ע ט, נאָכזיין, פאַרזיין איז אויך אַ וואַריאַיטעט פון מ י ט ־ ז יי ן, דאָס זיינען מיט־זייאיקייטן אין צייט, אויפאַמאָל־זייע־ניש אין צ יי ט מוז צוקומען צו דער מיט־זייעניש אין רוים. וואָס מיינט צו קאָעקזיסטירן? ווען אין איין און דעם זעלביקן מאָמענט באַווייזן זיך צוויי דערשיינונגען, וואָס מאַניפעסטירן זיך גופא און צוגלייך זייער סימולטאַנישקייט, אויפאַמאָל־קומעניש, ערשט דעמאָלט נעמען זיי אָן די פאָרעם פון רוים אַלס קאָעקזיסטענץ.

די דערציילונג באַהאַנדלט דעם ביבלישן גאָר־גרויען אור־אור־אַלטן גאָט אָדער געטין בראשית אָדער ר א ש י ת, וועלכע שאַפט דאָס דאָ־זיין און אַפילו דעם אלהים גופא.

בראשית ברא אלהים... דער אָנפאַנג האָט געבוירן דעם אלהים. „האָט

געזאָגט רבי יצחק דער זון פון סימון: «זאָל ווערן אָוונט» שטייט נישט געשריבן, נאָר «עס איז געוואָרן אָוונט», ויהי ערב, פון דאַנענט איז צו דרינגען, אַז עס איז געווען אַ צייט־אָרדענונג נאָך פון פריער״. (בראשית רבה, פרשה ג׳).

דאָס איז די דערקלערונג וואָס די פּאַרצייטיקע יידישע פילאָזאָפן האָבן געפונען פאַר נייטיק צו מאַכן אויף דעם פּאַסאַזש פון בראשית. צייט און צייט־אָרדענונג, צייט־איינגעשטעלטקייט, אַ כראָנאָלאָגיע, אַן אָנהייב און אַ סוף, אַ צייט־פלוס, אַ פריער און שפּעטער איז שוין געווען פון פאַר דעם. אָן דעם קען מען דאָך נישט אָנהייבן, ווייל אָן צייט וואָלט דאָך קיין אָנפאַנג נישט געקענט זיין. און פון אָט־דער צייט איז אַרויס־געוואַקסן דער אָרט און שייכותן, דער „מקום״, דער אלהים, וועלכער הייסט גאַנץ אָפט אין די מדרשים „שמים״ און דעריבער הייסט ער אויך „מקום״, „אָרט״, רוים. ווייל שמים האָבן זיי געטייטשט „דאָרטנס״, און דער „אָרט״ ווערט אַ „דאָרט״. (אבא גאָרדין, יידישע עטיק, ז. 119).

און ווען משה פרעגט דעם אלהים וואָס איז זיין נאָמען, ענטפערט ער אים: מיין נאָמען און מהות איז „אהיה אשר אהיה״ (שמות ג׳, י״ד), דאָס הייסט ער אידענטיפיצירט זיך מיט דוראַציע, מיט דער קאַטעגאָריע פון צייט. דער מהות פון אלהים איז נאָך אַלץ צייט ב ר א ש י ת.

דאָס איז דער גאָט פאַר וועמען מיר זיינען מקריב אונדזער גאַנץ לעבן. מיר דינען צו דער צייט־געטין. מיר איילן זיך כסדר, מיר זאָלן זיי אין צייט, נישט פאַרשפּעטיקן, פאַרלעצן, פאַרשווענכן די צייט. פון אונ־דזערע לעבנס פאַלן שטיקער, פראַגמענטן און זיי ווערן פאַרצערט, באותו רגע, פון צייט.

מען פאַרגעטערט אַ זקן, ווייל ער איז נאָענט צו געטלעכקייט. ער האָט אין זיך אַבסאָרבירט אַ סך צייט. מען דאַרף זיך פאַר אים אויפ־שטעלן, מפני שיבה תקום והדרת פני זקן (ויקרא י״ט, ל״ב). דאָס איז דערפאַר וואָס ער באַזיצט אַ באַזונדער וויכטיקן אַטריבוט און דאָס איז צייט, צייט וועלכע געהער זיך אָן צום ב ר א ש י ת, צו דער פאַר־גאַנגענהייט. די פאַרערונג און פאַרערלעכונג פון אַלטקייט, פון זיקנה, איז די פאַרערלעכונג פון גאָט־צייט. די גמרא זאָגט אַז מען דאַרף זיך אויפ־שטעלן פאַר יעדן אַלטן מאַן אַפילו ווען ער איז אַ גוי, ווייל ער האָט אַ סך איבערגעלעבט (קידושין ל״ג). מען דאַרף אים פאַרערלעכן נישט פאַר זיין חכמה, וואָס קומט אַמאָל מיט דערפאַרנקייט, נישט פאַר זיין געלער־

זאַמקייט, נישט דאָס איז דעצידירנדיק. מ׳דאַרף אָפּגעבן כבוד טאָקע אַלטקייט אַלס אַזעלכער, צייטיקייט, פול־צייטעניש. צייט איז דער איינס, די גאַנצקייט פון אַלע געשעענישן, פון אַלע פּראָצעסן. דאָס איז אַ מין פיזיש־פּרימיטיווער א י ך, און דער אָנוכי יהוה, דער פּסיכאָלאָגישער, גייסטיקער א י ך פון דער זעל, צאָלט נאָך אַלץ אַ צינז צום „פיזישן איך״ פון געשעענישן און פּאַסירונגען. הגם ער שטייט איבער אים, ווייל ער דערהייבט זיך איבער צייט און רוים, ער ווערט דער אין־סוף סיי אין צייט און סיי אין רוים. אָבער ער הייסט נאָך פּאָרט נוהג־כבוד־זיין אין אים.

און ווען דער בראשית האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין צו באַגרע־נעצט און זיין באַשאַף איז נישט אַרויסגעקומען אַזוי גוט, אַזוי „כי טוב״, ווי דער אלהים האָט זיך פאָרגעשטעלט אין די ערשטע מינוטן פון עקס־טאַז און עקזאַלטאַציע פון שעפערישן אָנשטרענג, האָט מען צוגעשפּאַנט צום „בראשית״ דעם „באחרית״, „והיה באחרית הימים״... (ישעיה ב׳, ג׳). וואָס דער ב ר א ש י ת האָט נישט באַוויזן אויפצוטאָן (און וועגן זיין נישט־אויפטועוודיקייט זאָגט עדות די יידישע געשיכטע מיט די ליפּן פון די צרות וואָס יידן האָבן געמוזט אויסשטיין) וועט דער ב א ח ר י ת באַווייזן. אָבער אויך ביידע פאָלוסן פון צייט זיינען נישט צופרידנשטעלנ־דיק. עס טויכט אַרויף אַ ניי באַוווסטזיין פון אנוכי יהוה וואָס באַהערשט זיי ביידן, ווייל ער איז דער „היה, הווה ויהיה״ אין איין מאָמענט, דאָס הייסט ער האָט גובר געווען צייט.

מיט דעם אויפקום פון באַגריף פון „יניק וחכים״, יונג און געלערנט, וועלכן מען דאַרף אָפּגעבן כבוד, ווי אַן אַלטן מאַן (קידושין ל״ב:) נעמט זיך די פאַרגעטערונג פון ריינער צייט וואַקלען, נעמט גיין באַרג אַראָפּ. אויב מען קען זיין יונג אין יאָרן און קלוג אין שכל, אַלט אין פאַרשטענ־דעניש, מיינט דאָך עס, אַז קלוגשאַפט ווערט אומאָפּהענגיק פון גאָט פון צייט, חכמה גייט אַרויס פון זיין רשות. און רעספּעקטירן און טייער האַלטן דאַרף מען דאָך חכמה, אויב אַזוי ווערט דורכגעבראָכן די וואַנט אין טעמפּל פון דער עבודה־זרה פון ריינער צייט. דעמאָלט איז עס שוין אַ פראַגע וויפל געשעעניש און פאַרשטענדעניש דער מענטש טוט אַריין אין אַ אָפּשניט פון צייט.

דער גאָט קראָנאָס מיט זיין ב ר א ש י ת און ב א ח ר י ת איז פאַר דעם איינפאַכן מענטש אַ צו אַבסטראַקטער ענין. און עס ווערט געשאַפן זיין געץ, זיין גולם, און דאָס איז דער ז יי ג ע ר.

דער זייגער איז דער ריכטיקער געץ מיט אַלע פּיטשיוווקעס, אי מ׳זעט אים און אי מ׳הערט אים. און מענטש ווערט אַ שקלאַף פון אים נישט נאָר אין שאַפּ, נאָר אויך אין הויז, אין אַלע טואונגען און אָנגעלעגנהייטן דינט ער צום זייגער, אָן וועלכן קיין זאַך ווערט נישט געטאָן.

דער זייגער איז די מאַניפעסטאַציע פון צייט. און דאָס איז די עבודה־זרה פון אַלע צייטן און נאָך מער פון אונדזער צייט.

און דער ייד, דער אַנטשלאָסענער קעמפער קעגן געצנדינסט, באַ־קעמפט די צייט און דעם געץ זייגער. דער ייד צילעוועט אין דער איי־ביקייט אַריין. ער שטרעבט בייצוקומען דוראַציע אַלס אַזעלכע. און ער לאָזט אויס זיין גאַנצן נביאישן ברענענדיקן כעס צום געץ, דעם זייגער. ער מיט זיך צו באַווייזן, אַז דער געץ האָט קיין האַפט נישט, האָט נישט קיין ממשות, אַז ער איז אימפּאָטענט.

דער פאַרמאַן איז יונג. דאָס ווערט באַטאָנט אין דער דערציילונג זייער אַ סך מאָל:

„ווילי דער פאַרמאַן, נאָך גאָר אַ ייִנגל, אַ צוציקל״ (ז. 1221). „ווי־לי כאָטש ער איז געווען אין די יאָרן נישט מער ווי אַ קינד״ (דאָרט). „איז דאָס ייִנגל דער פאַרמאַן״ (ז. 122). ווערט ווידערהאָלט דריי מאָל אויף דעם זעלביקן זייטל.

„מ׳שטייט איין און מיט אַלעם ביי דעם ייִנגל אין די הענט״ (ז. 124). „האָט דאָס ייִנגל אַרויסגעשטעלט דעם פאַרמאַן״ (ז. 128). „נישט זיין אין דער מינוט אין זייערע אויגן דער פאַרמאַן, נאָר דאָס ייִנגל...״ (ז. 129).

אָט־דאָס וואָס דער פאַרמאַן איז יונג איז אין דער דערציילונג נישט קיין צופעליקע זאַך. אָט־די דעטאַל דעקט אויף דעם טיפן מיין פון דער גאַנצער פאַבולע. ער אַליין זייענדיק יונג, אַ מין „יניק וחכים״, ווערט אַליין די נעגאַציע פון דער פאַרגעטערונג פון צייט. ער קען נישט זיין דער איבערגעגעבענער, פאַרעקשנטער כהן פון גאָט פון צייט און דעם געץ זייגער. אויב צייט איז אַלץ און גאָר, אויב צייט איז געטלעך און אַזוי אומגעהויער חשוב איז ווי שיקט זיך עס, וואָס דווקא ער, דער ייִנגסטער, איז דער דעה־זאָגער, דער גאַנצער אויפטוער אין שאַפּ און נישט דער עלטסטער פון צווישן די אַרבעטער. ווילי, זייענדיק יונג, קען נישט אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון הוילער סעניאָריטעט, און ער גיט נאָך אָן אַ פאַרביטערטן קאַמף.

דער ייד האַלט אָפּ זיין זיג איבערן זייגער. יידנשאַפט ווערט אַן איי־ביקע קאַטעגאָריע, איז גובר אַ־דעם מאָנסטער, וואָס פאַרצערט מיט זיינע שאַרפע ציין אַלע יחידים און אַזויפיל פעלקער. אייביקייט איז דער סימן מובהק פון יידישן געזעמל.

„די צייט, דאָס קוועקזילבער אינעם בלוט, וואָס וויל זיך נישט פאַר־האַלטן אויף קיין איין איבעריקער מינוט, און מ׳וואָלט גערן געזען: ס׳זאָל נישט פאַרלוירן ווערן מיט גאַרנישט, מיט אַ קלייניקייט, אַ שיבוש דאָרט, נאָר אַרויסכאַפּן, אַזוי גייענדיק און פאַרגייענדיק — מיט ביידע הענט, און וויפל ס׳לאָזט זיך נאָר, אין די הויפּנס; וואָרן, איידער ס׳פאַרדרייט זיך, איז עס שוין אָפּגעלאָפן דעם הילוך, און מ׳ווייסט נישט, ווו ס׳איז אַהינגעקומען...״ (ז. 126).

מ׳מוז עס זען אָפּשטעלן, פאַרהאַלטן, וואָרן עס פאַרשווינדט לעולם ועד. יעדע רגע ווערט עס נישט. עס זעגט אומברחמנותדיק דעם בוים פון לעבן, דעם עץ־החיים. מ׳מוז עס בייקומען, עס אַריינקריגן אין ביידע הענט און צעברעכן אַ־דעם געץ־גאָט. אַנישט איז דאָס לעבן קיין לעבן נישט, נאָר אַן אויסגעצויגענע, איבער אַ יאָר זעכציק־זיבעציק, מער נאָך אָדער פיל ווייניקער, לענגער אָדער קירצער, גסיסה, אַ כסדרדיק אָפּשטאַרבן. דער מענטש איז אַ בית־עולם, ער באַגראָבט זיינע טעג און שעהן, זיינע שטיקער לעבנס. ער לעבט, אייגנטלעך, נישט, אַלץ וואָס ער טוט דורך זיין לעבן איז שטאַרבן. ער שטאַרבט צוביסלעכווייז.

אָט־דער גאָט־געץ שפּילט אַ צולהכעיס. ער רייצט זיך מיטן נעבעכ־דיקן מענטשן. ווען עס קומט אַ פאַרגעניגן, לויפט עס הענדום־פּענדום, משוגענע העוויות. קומט אַ פורעניות, אַ צרה, אַ פּלאָג, יסורים, אָדער אַפילו בלויז אומאנגענעמלעכקייטן, נעמט יעדע רגע זיך אויסציען. עס רירט זיך נישט פון אָרט.

עס איז נישט אַ שאָפּ, וואָס האָט זיך צעבונטעוועט, עס איז אַ פאָלק, אַ כנסת ישראל וואָס האָט אַרויסגערופן דעם גאָט־געץ אויף אַ פאַר־מעסט מיט די כוחות, אויף אַ געפעכט.

יידנשאַפט האָפט אָפּצוהאַלטן אַ־דעם גרויסן ניצחון פאַר זיך און פאַר דער גאָרער מענטשהייט איבער דעם געץ, אָפּשאַפן אָט־די עבודה־זרה.

דער זייגער וועט ווערן אַ פּגר...

II

# דער טאַטע, דעם טאַטעס קינדער
# און די יוניעס שאַפּ

א.

# דער פשט פון סיפור־המעשה

דאָס איז אַ מעשה מיט אַ טיפּן פּסיכאָלאָגישן מיין. עס איז אַ קורצע דערציילונג וועגן אַ מאַן, וואָס איז שוין איבער זעכציק.

„דער אַלטער טאַטע, ווי אַזאַ ייד, וואָס ביז ער האָט אַרויפגעקלעטערט צו דער דאָזיקער הויכער עלטער און איינגענומען די עטלעכע זעכציק יאָר, — האָט ער מסתמא געהאַט אַדורכצוגיין קאַלט און וואַרעם, און זיך גוט צו באַלעקן׳. (ז. 83).

ער איז אַן אויפגערעגטער.

„ער האָט שוין מער נישט געקענט זיין אַזאַ רואיק געלאָסן מענטשל, וואָס זאָל צו זיך לאָזן רעדן; האָבן דעם שכל, ריכטיקער, די סבלנות דאָס אַלץ אויסצוהערן, און אויף דעם אַלעם אָפּצוענטפערן געזעצט, מיט אַ געוויסן ישוב־הדעת״. (דאָרט).

ער האָט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעאַרבעט אין די שעפּער ביי שניידעריי. ער איז אַ שניידער בן שניידער. געבוירן געוואָרן אין פאַך.

„...ער איז פון אַלע זיינע יאָרן אַ שניידער, זיין זיידע איז נאָך אַ שניידער געוועזן״. (ז. 82).

ער איז ווי צוזאַמענגעוואַקסן מיט די געצייג. ער קען זיי פאַרריכטן, דווקא עס איז עפּעס דער מער מיט זיי. ער האָט כל ימיו געפּראַצעוועט, און די פּראַצע האָט אים „פּאַליובעט״, פון עבודת־פּרך איז אים צוגעקומען פודן געזונט. זיינע הענט זיינען נאָך שטאַרק. די מוסקולן בייגזאַם. „געזונטע הענט, אייזערנע הענט״ (ז. 90) איז זיין גרויס פאַרמעגן, און זיין גרעסטער שאַץ איז זיין גוטע ראיה.

זיינע קינדער איז גוט אַוועק.

„דיביידע זין פונעם טאַטן האָבן געהאַט אַ שאַפּ, אַ שיינעם שאַפּ, אַ לעבעדיקן, באַוועגלעכן, וואָס האָט שטענדיק געצאַפּלט, און ס׳האָט אים געברענט אונטער די הענט. ס׳האָבן אין אים געאַרבעט קאַטערס, אָפּערייטאָרס, העלפּערס״. (ז. 75).

און דעם טאַטן גייט אויס דאָס חיות, אים ווילט זיך אַרבעטן. און ער האָט געאַרבעט ביי די קינדער. „און נישט גלייך ווי יעדער איינער

בעל־מלאכה: פון אַכט אין דער פרי ביז נאָך פינף, נאָר ווי דער טאַטע פון די באַלעבאַטים, געלעגן איבער דער אַרבעט, נישט בלויז ווען אַלע זיינען געווען אין שאַפּ, נאָר אויך נאָכדעם ווי יענע זיינען שוין געהאַט אַוועק פון אים; געווען אַזוי פאַרכלינעט אין איר, אַז ער האָט גאָר קיינ־מאָל נישט געדענקט, ס'איז טאָג, נאַכט, און אַז מ'ברויך ווען'ס אָפּהאַקן פון איר. די אַרבעט איז דאָ געווען הפקר, און ס'האָט אים קיינער נישט געהאַט אַנצונעמען ביי דער האַנט און אָפּשטעלן... זיך נישט געלאָזט אַוועקרייסן אַפילו פון די קינדער, פון די אייגענע קינדער זיינע, וואָס האָבן צו אים געשריגן, אַז זיי ווילן גאָרנישט ער זאָל זיי רייך מאַכן...״ (זז. 81־80).

ווי אַ פרומער ייד אין בית־מדרש פלעגט ער אַריינקומען דער־ערשטער און אַוועקגיין גאָר שפּעט, דער סאַמע לעצטער.

מאַכט זיך אַזוי אַז מ'נעמט אָרגאַניזירן דעם שאַפּ. אַלע אַרבעטער גייען אַוועק אין יוניאָן, זיי פאַרשרייבן זיך, און נעמען אַרויס יוניאָן־ביכלעך. דער טאַטע וויל מיטגיין און ווערן אַ יוניע־מאַן.

די קינדער זיינען טאַקע באַסעס, זיי צאָלן אים געלט, אָבער נישט דערפאַר, וואָס ער איז זייער טאַטע, נאָר ווייל ער גיט זיין אַן אָרנטלעכן טאָג אַרבעט! וואָרן ווען ער זאָל נישט אַרבעטן, — וואָלט ער זייער געלט אַפילו נישט געוואָלט אָנקוקן! באַזונדער, איז ער דאָך עפּעס פון פריער, איידער־איידער זיי זיינען נאָך געוואָרן באַלעבאַטים, — שוין אַ בעל־מלאכה געווען, פאַרוואָס זאָל ער דאָס איצט ווייטער נישט זיין?״ (ז. 81).

אָבער די קינדער לאַכן אָפּ פון אים און טענהן אַ גערעכטע טענה:

„צו וואָס, טאַטע, ווילסטו גיין אין דער יוניע אַריין, זאָלסט קענען ווייניקער אַרבעטן ווי דו אַרבעסט? אַז מ'קען דיך סיי־ווי־סיי פון איר נישט אַוועקרייסן, אַז מ'ברויך זיך מיט דיר שלאָגן, זאָלסט כאָטש זי־בעטע־אַכטע אַהיימגיין! ווילסטו די יוניע זאָל דיך פון איר אַוועקנעמען פינפע? און אפשר (דערביי געלאַכט), ווייל זי זאָל דיר העלפן קריגן אַ רייז אויף די ווייִדזשעס? *).

האָט ער זיך טאַקע באַלד צוריקגעכאַפּט, דער טאַטע, און זיי דער־נאָך פאַר דער מעשה רע, — נישט געקענט קומען אַ צייט אונטער די־אויגן, ווי ער וואָלט זיי דערמיט געוואָלט מבייש־זיין די קינדער זיינע,

*) הוספה אויף די שכירות.

וועלכע זיינען געזעסן פּעסט אינעם זאַטל פון זייערע ביזנעס, געהאַט גרויסע קרעדיטן, שיינע אויטאָמאָבילן, געוווינט „אַפּ־טאַון" און דערביי פאַרגעסן ווי אין טויט אַריין דעם יחוס זיינעם... נאָר זיך אָנגעהויבן אײַ־בערצונעמען אַז ער אַרבעט שוין איצט נישט מער ביי זיי אין שאַפּ ווי אַ פּראָסטער אָרדינערער אַרבעטאָרער, נאָר ווי זייער ט אַ ט ע, ווייל ער האָט הנאה דערפון און ס׳איז זיין פאַרגעניגן..." (זז. 82־81).

אָבער דאָ הייבט זיך אָן זיין טראַגעדיע: דער שאַפּ איז איצט גע־וואָרן אַ יוניאָן־שאַפּ, און נישט קיין יוניאָן־מאַן טאָר אין אים צו קיין זאַך זיך נישט צורירן.

„נאָר דער טאַטע פון די באַלעבאַטים, וואָס האָט ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, געברויכט צו קענען אַרבעטן, אויב ער זאָל וועלן, אויף וואָס די וועלט שטייט, זיך לאָזן ווילגיין אין אים, — אים האָט די יוניע, אַזוי גיך ווי ער האָט זיך צו עפּעס צוגערירט, גאַנץ גראָב אָנגענומען ביי דער האַנט:

העי מיסטער־לעבן, ס׳אי׳ נישט פאַר אייך געדאַכט...

...ער וואָס האָט זיך, נעבעך, פון תמיד געריסן עפּעס צו טאָן, ס׳האָרץ אין אים געפּישטשעט: דאָ זיך אַרויפצוואַרפן אויף אַ שטיק וואַרע און עס צו צעטרייבערן; דאָרט אָפּנייען אַן אַרבל ביי דער מאַשין, — ער האָט געמוזט ליגן איינגעלייגט; שטיין, זיך אַרומדרייען, אַלצאיינס — מיט געבונדענע הענט. און קוים האָט ער זיך יאָ צו עפּעס צוגערירט, ריכ־טיקער, צוגעכאַפּט, אַרויפגעפאַלן אויף אַ ראָל טוך ווי אַ הונגעריקער אויף אַ שטיק ברויט...

— איר וועט מיר אפשר צוליבטאָן, און אַוועקנעמען די הענט פון דעם? וויפל מאָל איז דער שיעור, מ׳זאָל אייך עס ברויכן צו זאָגן... די אַרבעט מוז געמאַכט ווערן דורך יוניע־הענט, ס׳אי׳ אַ יוניע־שאַפּ." (זז. 76־75).

וויל ער זיך בדאי צושאַרן צום פאָרמאַן, אים העלפן אַכטונג געבן אויף די אַרבעטער. וויל דער פאָרמאַן עס נישט דולדן. עד זאָגט ער קען זיך באַגיין אָן אים. ער דאַרף אים נישט. ער שטערט אים. (ז. 85).

און די קינדער זאָגן אים:

„...ס׳איז דאָ אַ פאָרמאַן און מ׳צאָלט אים אַוועק שווערע געלטער, וואָס דאַרפסטו זיך מישן?

— דער פֿאַרמאַן איז דאָ מער פֿון מיר, אַן אייגענעם טאַטן... און ער ברויך נישט האָבן עמיצן איבער זיך?...

טרעטן זיי אים אינגאַנצן אָפּ, איבערלאָזנדיק, אַ מאַך מיט דער האַנט, וואָס הייסט:

וואָס איז דאָ מער צו טענהן מיט אים? ס׳וועט פֿאַר אים געזינטער זיין, פֿאַר זיי געזינטער זיין, און פֿאַרן שאָפּ געזינטער זיין, ער זאָל גאָר אינגאַנצן נישט אַריינקומען.

פֿאַרבייסט דער אַלטער די ליפּן, און אָנשטאָט אַרויסצוגיין פֿונעם שאָפּ, ווי זיי ווילן, פֿאַרלייגט ער זיך נאָך מער אויף אים. דאָס טרייבן האַלט אים ווי צוגעבונדן מיט שטריק. ער דערשטיקט אין זיך די אַלטע באַקאַנטע גוואַלדן, ווערט דערדריקט פֿון די עוולות, וואָס מ׳טוט אים פֿון אַלע זייטן, און וויל זיך נישט אַרויסרירן, ווען ר׳זאָל אַפֿילו ברויכן אויפֿפּלאַצן.״ (ז. 88).

וואָס זאָל ער נעבעך טאָן? ער וויל נישט און קען נישט אַרומגיין ליידיק. ער וויל נישט עסן קיין „בעטל־ברויט״, אָנקומען צו קינדער אויף דער עלטער, ווען ער איז נאָך קרעפֿטיק און קען אַריינאַרבעטן בעסער פֿון וועלכן עס איז אַרבעטער אויף וועלכע ער קוקט פֿון אויבן אַראָפּ. ער איז שטאָלץ אויף זיין מומחהשאַפֿט און קרעפֿטן. זיי קענען זיך צו אים נישט פֿאַרגלייכן.

„ער לאַכט אָפּ פֿון די אָפּערייטאָרס: זיי האָבן דען שכל ווי אַזוי צו נייען? ווייסן דעם פּירוש המילות פֿון אַ שטאָך? קענען בלויז אַדורכציען דעם דרים־פֿאָדעם דורכן לאָך פֿון דער נאָדל, און פֿאָרן דאַרויף: טיר־רר... אַרויסיאָגן פֿון דעם די קישקעס מיט די געדערים; און קוים פֿאַרוואַרפֿט וועלכעס ס׳קעפּל ווי אַ געחלשט הינדל, אַזוי מוז מען שוין... לויפֿן און ברענגען אַ דאָקטאָר, ער זאָל עס באַטאַפּן, באַקוקן, און וויסן צו פֿאַר־שרייבן אַ רפֿואה... און אַליין ביי דעם אויסצורייבן דאָס בייכל? איי־נ־שטילן די צערודערטע געדערים? כע־כע, גרויסע בריות! און אַזוי גיך ווי־ער כאַפּט זיך צו, גיט זיך אויף וועלכן אַ וואָרף אַרויף און אַ צעלאָז, — טרייבן זיי אים נאָך גיכער אַוועק: «זייערע מאַשינדלעך!» כע־כע... האָבן אַרויסגעקריגן אויף זיי אַ שטר פֿון דער יוניע!״ (ז. 78).

אַלע מעגן אַרבעטן און ער, דער טאַטע פֿון די קינדער, צו וועמען דער גאַנצער שאָפּ באַלאַנגט, טאָר דאָ גאָרנישט טאָן.

„שטייט ער זיך פֿאַרגאַפֿיעט אויפֿן פּלענט מאַשינדלעך: אַ שורה

קעפּלעך, און אַז זיי צעזינגען זיך, איז דאָס אים אַזוי זיס אין די אויערן צו הערן" (דאָרט). ער מוז זיך באַגנוגענען מיט קוקן, אָבסערווירן און הערן. קען ער מיט דעם יוצא זיין, קען ער מיט דעם הויפן טרוקענע ביי־נער אָנקאָרמענען זיין הונגעריקן וואָלף פון אַרבעט? זיך אָנזעטיקן „בלויז מיט קוקן, מיט קוקן". (ז. 90).

די אַרבעטער פאַרשטייען אים נישט, באַגרייפן נישט די טיפקייט פון זיין טראַגישן צושטאַנד. זיי מאַכן חוזק פון אים. רייצן זיך מיט אים. זיי פירן זיך אויף ווי אַ מענגע — סאַדיסטיש.

„דער אַלטער שטייט איינגעטונקען אין בלוט... דאָס רעדן זייערס זעט אויס ביי אים, ווי מ׳וואָלט פון אים... אָפּגעשפּעט." (ז. 89).

פון אומעטום יאָגט מען אים אַוועק. האָט ער זיך, בלית־ברירה, אַריינגעקליבן אין שיפּינג־דעפּאַרטאַמענט. דער שיפּינג־באָי איז אַ יונ־גער חברה מאַן, און ער וועט אים זיכער, אויס אָפּשיי, לאָזן עפּעס טאָן, מאַכן זיך נוצלעך. און אַז יענער איז נישטאָ דערביי צעסאָרטירט ער די בגדים. נאַטירלעך צעדרייט ער אַלץ, מאַכט אָן צרות, ווייל ער סאָרטירט פון זיין קאָפּ ווי אים פאַלט איין לויט די גאַרניטורן איינס צו איינס.

„און אַז דער «שיפּינג־באָי» קומט, גיט אַ קוק... הייבט די אַקסלען: ער וועט אַוודאי דאַרפן אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג אויפצושטעלן די «אָרדערס» — זיי זאָלן קענען געשיפּט ווערן... און דאָס יונגע בחורל, אויף וויפל דער אַלטער טאַטע זאָגט צו, ער וועט נישט מער פאַרבייטן די יוצרות, איז ביי אים רעכט, יענער זאָל זיך דאָ אָפּשפּילן מיט די «גאַרמענטס»: אויסציען אַ פאַלד, איינגעמען אַ קנייטש, אָנהענגען אַ צעטל, און נאָך אַ גלעט טאָן מיט אַ שמייכל פון זיינע אויגן, פאַר באַהילפיק זיין אים: «אַז ער וועט מיט דער צייט זיין זיין רעכטע האַנט!» פאַר דאָס אַז עס קומען אָן די «טראָקס», וואָס ברענגען די ריזיקע ראָלס וואַרע, אָדער ברויכן אַוועקנעמען די «קייסעס» מיט פאַרטיקע קליידער, האָבן די דרייוועוערס גאָר פון אים ס׳גענאַר... נעמט שלעפּן די אויפגעראָלטע שטיקער וואַרע אינגאַנצן אומבאַרעכנט, און גאַרנישט מענטשלעך... ער ווערט דערביי אָפּגעגאָסן מיט שווייס, די ביינער נעמען אים קראַכן". (ז. 92).

די קינדער קומען גראַד אָן, דערזעען עס, האָבן מורא ער זאָל נישט געברעכט ווערן —

„— טאַקע, ווי קומט דאָס צו דיר? דו ווילסט די דרייוועוערס פאַר־גרינגערן? זיי מאַכן אַ גרינג לעבן? טאַטע!" (ז. 93).

זיי לאָזן עס אים מער נישט טאָן.

דער סוף איז, אַז פון פאַרצווייפלונג און פחד אַז אויב ער וועט בלייבן זיצן אין הויז וועלן די שניר אים מאַכן פאַר אַן עופּעלע־וויגער, אים אַ בעל־מלאכה מיט גאָלדענע הענט, אַ פאַכמאַן — לויפט ער אַוועק אין יוניאָן און בעט זיך רחמים אים אַריינצונעמען ווי אַ מיטגליד און אים שיקן אויף אַרבעט. ער קאָן אָן אַרבעט נישט לעבן. אַרבעט איז אַן אָר־גאַניש טייל פון אים גופא.

און דערהויפּט טאַקע וואָס ער וויל צו די קינדער נישט אָנקומען. ער וויל פון זיי נישט נעמען בחינם קיין „פּיידי". ווען ער האָט עפּעס געטאָן אין שאַפּ, האָט ער זיך געפילט באַרעכטיקט צו קריגן זיין געהאַלט. אָבער אַז אַרבעטן לאָזן זיי אים נישט, איז וואָס זאָל ער גלאַט נעמען לוין? פאַר־וואָס? קצבה? עס איז נידעריקער פון זיין ווערדע פון אַ גוטן בעל־מלאכה.

ער בעט זיך מען זאָל אים אַריינגעמען אין יוניאָן. און ער טענהט, וואָס איז ער שולדיק, וואָס זיינע קינדער זיינען באַסעס.

זיין טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס זיין זעלבסט־ווערדע לאָזט אים נישט לעבן אויף קצבה און זאָל עס זיין אַפילו פון די אייגענע קינ־דער. עס האָט זיך אים „געוואָלט אויסלעבן ווי פריער, און מיט גרויס הרחבה, — ביי דער שער און אייזן. כאָטש ער האָט עס איצט אַזוי ניי־טיק באַדאַרפט האָבן ווי אַ לאָך אין קאָפּ, ס'האָט אים ביי די קינדער נישט געפעלט פון קיין פייגל־מילך." (ז. 77).

ער האָט יאָ באַדאַרפט אַרבעטן, ווי לעבן. ווי זאָגט ר' ירמיה מיט דעם פולן מויל פון טויב, וואָס איז אַרויסגעפלויגן פון נחס קאַסטן: זאָלן מיינע מזונות זיין ביטער ווי אַן אוילבערט... און נישט זיס ווי האָניק און זיין אָפּהענגיק פון אַ מענטשן... (עירובין י"ח:).

ב.

## דער רמז, דרוש און סוד...

דער מענטש וויל אַרבעטן, פאַרדינען זיין שטיקל ברויט אַפילו מיטן שווייס פון זיין געזיכט אַבי נישט זיצן אין גן־עדן אַן אַריינגעזעצטער און לעבן פון חסדים... עסן „נהמה דכיסופא".

בלויז ברויט פאַרדינען? דער מענטש וויל פאַרדינען אויך דעם באָדן,

די ערד אויף וועלכער ער טרעט, פאַרדינעןן אויך אויף דעם קעראָסין, וואָס ברענט אין דעם לעמפּל, וואָס הייסט זון און וואָס הענגט אין דעם פּולאָפ אָדער סטעליע איבער זיין פאַרריסן־שטאָלצן קאָפּ.

מענטש וויל פאַרדינען נישט בלויז זיין ברויט, נאָר אויך דאָס וואַ־סער, וואָס ער טרינקט פון טייך אָדער ברונעם, אָדער גאָר פון רעגן. ער וויל נישט לעבן אויף קצבה. ער וויל נישט אָנקומען צום קאָסמאָס. ער וויל זיך מפרנס זיין אַליין, זיין באמת, און אין פולן פשט פון וואָרט, אַ „נהנה מיגיע כפיו“, און דעמאָלט וואָלט ער זייןווירקלעך גרעסער פון דעם „ירא־שמים“ (ברכות ח׳.). דער מענטש, וואָס איז שטאָלץ, פאַר־רעכנט זיך פאַרן בחיר היצירה, וויל פאַרדינען דאָס ברויט פאַר די לונגען, די לופט, וואָס ער אָטעמט. עס וויל נישט זיין קיין בעטלער, קיין קבצן, וואָס גייט איבער די הייזער פון דער נאַטור און זשעברעוועט, בעט אויס אַ נדבה.

אַ־דער פאַרלאַנג, די ליידנשאַפט, דאָס רייסן זיך צו זיין אומאָפּ־הענגיק מאַכט אים פאַר איינעם, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מאַגיק. ער טרייבט אונטער די זון. ער העלפט זי שיינען. ער מאַכט רעגנס. ער העלפט די פעלדער זיך באַפרוכפּערן, דיביימער זיך צו באַבליטן. ער גיט זיי צו חשק, ער גיט אויף זיי אַבטונג. ער איז כסדר פאַרטאָן, פאַרנומען. ער רייסט זיך אַלץ צו אונטערנעמען און דורכצופירן.

מאַגיק איז גאַרנישט אַזוי קאָמיש און נאַריש און אַזוי אָפּשפּעט־פאַרדינעריש ווי דער נישט איבערשפּיצטער, כלומרשט אויפגעקלערטער מענטש מיינט. ער לאַכט־אָפּ פון דעם פאַרצייטיק מאַגיק־פּראַקטיצירער, ווי די אַרבעטער האָבן אָפּגעחוזקט פון אַלטן. זיי האָבן געמיינט, אַז עס פעלט אים אַ קליעפּקע אין קאָפּ (ז. 89). זיי האָבן אין זייער באַגרענעצט־קייט נישט אויפגעפּאַסט זיין ראַפינירטקייט, רייכקייט, זיין אינערלעכן שטאָלץ. דער מאַגיקער האָט זיך געפלייסט עפּעס אויפצוטאָן אין אָט־דעם גרויסן ווערקשטאַט, וואָס הייסט וועלט. ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין ליידיקגייער אויף דער וועלט. פילנדיק אַז ער באַזיצט אַ פרייען ווילן און פאַרמאָגט פאַרשטאַנד, טאָ ווי אַזוי האָט ער גאָר געקענט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז קיינער דאַרף דאָ זיין אַרבעט נישט, אַז דער שאַפּ וואָס הייסט קאָסמאָס קען זיך באַגיין אינגאַנצן אָן אים. דעם געדאַנק האָט דער שטאָל־צער מענטש נישט געקענט אָננעמען.

און דער מאַגיקער האָט געאַרבעט אין אַ־דעם גרויסן שאַפּ, געאַר־בעט שווער פון פרי ביז שפּעט, און געהאַט גרויס הנאה פון דעם.

ווען נייע אידייען קומען אויף און ווען אַט־דער שאַפּ ווערט י ו־ נ י אָ ז י ר ט, אָרגאַניזירט, עס ווערט אַ י ו נ י וו ע ר ז און דעם מענטשן לאָזט מען מער נישט אַרבעטן, זיין מאַגיק ווערט אויפגענומען ווי עפּעס וואָס איז איבעריק, וואָס מ׳דאַרף עס נישט האָבן, מען טאָר עס גאַרנישט טאָן, פאַנגט זיך אָן דעם מענטשנס גרויסע טראַגעדיע.

אָט די גרויסע אַנטדעקונג פון דער אומווירקזאַמקייט פון מאַגיק האָט אַרויסגערופן אַ ראַדיקאַלע הגם וואַרשיינלעך אַ פּאַמעלעכע איבער־קערעניש אין די מוחות פון די, וואָס האָבן פאַרמאָגט גענוג שכל צו מאַכן זי. די אַנטדעקונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מענטשן האָבן צום ערשטן מאָל אָנערקענט זייער אומפעאיקייט צו מאַניפּולירן, ווי זיי גלוסט זיך, געוויסע נאַטור־כוחות, וועלכע זיי האָבן ביז אַהער געגלייבט האָבן זיך געפונען אין זייער רשות. דאָס איז געווען אַ מודה־זיין זיך אין מענטשלעכער אומוויסנהייט און שוואַכקייט... זיין שווער מיען זיך איז געווען אַרויסגעוואָרפן, זיין נייגעריקע בריהשאַפט איז געפּטרט געוואָרן אויף גאַרנישט. ער האָט געצופּט שטריקלעך, צו וועלכע קיין זאַך איז נישט געווען צוגעבונדן. ער האָט געמיינט, אַז ער גייט גלייך צו זיין ציל, בשעת אין דערווירקלעכקייט האָט ער זיך געדרייט אין אַן ענגן קרייז. דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז די רעזולטאַטן, וועלכע ער האָט זיך באַמיט אַזוי שווער צו דערגרייכן, זיינען שוין מער נישט מאַניפעסטירט געוואָרן. זיי האָבן זיך באַקומען ווי פריער, אָבער נישט דורך אים. דער רעגן איז איצט אויך געפאַלן אויף דעם דורשטיקן באָדן. די זון האָט אָנגעהאַלטן איר טעגלעכע, און די לבנה איר נאַכטלעכע, נסיעה איבער די הימלען. די שטילע פּראָצעסיע פון די סעזאָנען האָט זיך נאָך אַלץ גערוקט אין ליכט און שאָטן, אין וואָלקן און זונשיין איבער דער ערד. מענטשן זיינען ווייטער געבוירן געוואָרן צו מי און מאַטערניש, און ווידער, נאָך אַ קורצן פאַרווײַלן זיך דאָ, זיינען אייגעזאַמלט געוואָרן צו זייערע עלטערן אין דער לאַנגער היים פון עולם־הבא. אַלע זאַכן זיינען באמת אָנגענומען ווי ביז אַהער, און דאָך האָט אַלץ אויסגעזען אַנדערש צו אים, פון וועמענס אויגן עס זיינען אַראָפּגעפאַלן אַלטע בעלמעס. מחמת ער האָט זיך מער נישט געקענט פאַרשפּילן מיט דער אַלטער אילוזיע, אַז ער איז עס געווען דער יעניקער, וואָס האָט געפירט די ערד און די הימלען אויף זייערע

מאַרשרוטן, און אַז זיי וואָלטן אויפהערן צו מאַכן זייערע ראַטאַציעס, ווען ער נעמט אַוועק זיין שוואַכע האַנט פון זייער ראָד...

אַזוי־אַרום אָפּגעריסן פון זיינע אַלטע פאַראַנקערונגען, געשליידערט אויפן אומרואיקן ים פון ספק און אומזיכערקייט, ווערט זיין אַמאָליקע איינגעגלייבטקייט אין זיך שטאַרק צעטרייסלט. אונדזער פרימיטיווער פילאָזאָף האָט זיך מן־הסתם געפונען אין אַ פאַרדריסלעכער פאַרלעגנהייט און אויפגערעגטקייט ביז ער האָט געפונען שלווה, ווי אין אַ שטילן פאָרט נאָך אַ שטורמישער רייזע, אין אַ נייער סיסטעם פון גלויבן און פּראַק־טיק, וועלכע, ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, וועט געבן אַן ענטפער אויף אַלע זיינע באַאומרואיקנדיקע ספקות, און דינען אַלס אַ במקום, כאָטש אַ נישט זייער געלונגענעם, פאַר יענער אויבערמאַכט איבער דער נאַטור, אַ מאַכט וואָס ער האָט זייער אומגערן אָפּגעדאַנקט.

אויב די גרויסע וועלט גייט אַן מיט איר אַרבעט אָן הילף פון אים און זיינע מיטמענטשן, מוז עס זיכער זיין מחמת דעם, וואָס עס זיינען פאַראַן אַנדערע וועזנס, ענלעך צו אים, אָבער פיל שטאַרקער פון אים, וועלכע, כאָטש אומזיכטבאַרע, דירעקטירן איר קורס און רופן אַרויס די פאַרשיידנאַרטיקע סעריעס פון פאַרקומענישן, וואָס ער האָט ביז אַהער געמיינט, אַז זיי זיינען גאָר אָפּהענגיק פון זיינע „מאַגישע אַקציעס״.

איצטער האָבנדיק גובר געווען זיין יאוש, נעמט ער זיך צושאַרן צום פּאַרמאַן, צו דעם וועזן, וואָס איז שטאַרקער און קליגער פון אים — אויף דעם פּונקט קומט אויף רעליגיע, וועלכע איז אַ פּראָדוקט פון מענטשנס פאַרצווייפלונג איבער דעם, וואָס ער קען שוין מער נישט אַרבעטן מיט זיינע מאַגישע מיטלען. ער וויל אַרויסהעלפן דעם וועלט־פּאַרמאַן.

און דער פּאַרמאַן טרייבט אים אויך אַוועק, ער זאָגט אים קלאָר מיט דעם מויל פון דעם נביא, אַז ער קען זיין שטעטל באַשטיין אָן מענטשנס הילף, אַז ער דאַרף נישט זיינע טובות און קרבנות און טעמפּלען און עבודה, זיין קולט, זיין „גאָטעסדינסט״, פאַרלירט זיך דער מענטש אינ־גאַנצן.

וואָס זאָל ער נעבעך טאָן? אַרומגיין פּוסט און פּאַס? זיך בלויז צו־קוקן צו דער וועלט־דראַמע זיין אַ פּאַסיווער צושויער? כאַפּט ער זיך אַריין אין דעם „שיפינג־דעפּאַרטמענט״. ער הייבט אָן צו סאָרטירן, קלאַסיפיצירן די דערשיינונגען. נאַטירלעך פאַרווירט ער און צעמישט אַלע איינאָרדע־נונגען פון דער נאַטור. אום צו קלאַסיפיצירן ווי געהעריק מוז מען דאָך,

קודם־כל, ווייסן וועגן וואס עס האנדלט זיך, וועלכן סימן מובהק נאכצו־פאלגן אין אט־דער קלאסיפיקאציע, אנישט מוז זי גורם זיין א צעבויטעשע־ניש, נישט קיין ריכטיקע ארדענונג. און יענער פרינציפ לויט וועלכן מען זאל דארפן אלץ איינסארטירן איז דעם מענטשן אינגאנצן אומבאקאנט.

מענטש איז אומגליקלעך, ער קען זיך קיין ארט נישט געפינען, און ער האלט זיך עקשנותדיק איינגעביסן מיט די ציין אין יעדן שטיקל אבערגלויבעריי, אין יעדער זאבאבאנע, אבי זי גיט אים א שטיקל מעג־לעכקייט זיך איינצורעדן אז ער איז אן אויפטוער. ער וויל זיין א פאכ־מאן און נישט זיך בלויז פארנעמען מיטן פרו־ורבו, מיט ניאנטשען קינ־דער און וויגן זיי אין וויגעלעך.

מיט דעם דערקלערט זיך וואס דער אלטער אדם איז אזוי איינגע־שפארט, ער קלאמערט זיך אזוי אן זיין אלטן פלאץ. ער זעט פאר זיך בלויז צוויי וועגן: אדער גיין צוריק צו מאגיק, אדער זיך אנהאלטן ביי דעם פארטוך פון דער ווילער מוטער, די אבערגלויבערישע פארמען פון רעליגיע. בשעת באמת האט ער פאר זיך איין ריכטיקן וועג, און דאס איז עפענען פאר זיך א שאפ, ד״ה איבערבויען די וועלט, זיך איינשאפן א מענטש־געשאפענע וועלט. דער ערשטער טריט פון אט־דער געוואג־טער היסטארישער אונטערנעמונג איז אינטעלעקטואליזאציע. די צוויי־טע איז טעכנישע דערפינדונגען. איבערבויען די וועלט אויף א טעכנא־לאגישן אופן.

מיר דערקלערן די וועלט. אזוי זעט עס אויס אויבערפלעכלעך. באמת פארפאלגן מיר איין צוועק און דאס איז פטור צו ווערן פון דער וועלט און איבערלאזן אין איר פלאץ אונדזער דערקלערונג. לכתחילה ווייסן מיר נישט, אז דאס איז טאקע אונדזער כוונה. מיר מאכן זיך נישט וויסנדיק פון דעם. מיר פארטונקלען אונדזערע באשטרעבונגען אין דער דאזיקער ריכטונג. אבער דאס איז דער אנטגילטיקער תכלית פון אונדזער גאנצער פארשונג־דערקלערונג־ארבעט. מיר הייבן אן צו ד ע ר ק ל ע ר ן די וועלט, דערנאך דערקלערן מיר די דערקלערונג, און די וועלט פון די חו־שים רוקט זיך וואס ווייטער און מער אוועק פון אונדזער אויפמערקזאמ־קייט און אויפפאסונג. ווייל די וועלט וועלכע מיר דערקלערן איז דאך שוין מער נישט קיין פרימיטיווע וועלט, ווי זי שטייט און גייט, נייערט זי אליין איז שוין באמת כמעט בלויז א הוילע דערקלערונג אונדזערע, א סומע דערקלערונגען, וועלכע מיר רופן אן וועלט, און וועלכע, צו א גע־

וויסער מאָס, ווערט שוין „אונדזער“ וועלט, אַ וועלט געשאַפן מיט אונ־דזער שכל פאַר אונדזער שכל.

דער צווייטער טריט איז באַשאַפן אַ נייע וועלט נישט בלויז ראַציאָ־נאַליסטיש, אַ וועלט פאַר אונדזער פאַרשטאַנד, אַ קאָנצעפּטועלע וועלט, נאָר טעכנאָלאָגיש, אַ נייע וועלט וואָס וועט זיך ווענדן צו אונדזערע נייע חושים.

אַז דאָס איז מענטשנס מערכה, זאָגט עדות דער מיטאָס פון מעשה בראשית. ער זאָגט אונדז מיטן פולן מויל. אַז מענטש שטרעבט צו אַ נייעם באַשאַף. און אַזוי ווי דערוויילן טרוימט ער בלויז וועגן דעם, שאַפט ער דעם מיטאָס, וועלכער איז אַן אָנזאָג, אַ מין אליהו הנביא, וואָס ברענגט די גרויסע בשורה אַז דער מענטש וועט זיך נישט באַרואיקן ביז ער וועט נישט דורכזעצן אָט־די אויפגאַבע בשלימות. דערווייל גייט ער אויף דעם וועג. ער לערנט זיך צו זיין אַ דערפינדער. ער הייבט אָן כלומרשט מיט בלויז אַריינמישן זיך אין די אָנגעלעגנהייטן פון דער נאַ־טור. ער פרובירט אָנטקעגנזעצן איין קראַפט קעגן אַן אַנדערער און ער באַמיט זיך אויסצונוצן זייער מחלוקת, אַזוי צו זאָגן, ווי דאָס ווערט פּראַקטיצירט אין דער פּאָליטישער וועלט. אַ בירגער־קריג גיט אַ מעג־לעכקייט אַן אויסערלעכער מאַכט זיך אַריינצורייסן, און זיך דערקלערן פאַר דער הערשערין איבערן לאַנד.

דער מענטש לעת־עתה פּראַקטיצירט דעם מחרחר־ריב מעטאָד, ער רייצט אָן איין כוח אויפן צווייטן, און בשעת דעם געפעכט באַצווינגט ער זיי ביידן.

אָבער זיין ענדציל איז נישט בלויז איינצונעמען אָט־די אַלטע וועלט, דאָס דאַרף דורכפירן, די אויפגאַבע וועט דורכגעזעצט ווערן, נאָך פון אַלטן אדמען. דער נייער מענטש שטרעבט צו ווערן אַ באַשאַפער פון אַ נייער וועלט.

מענטשנס מערכה איז אָנגעצייכנט אין „בראשית“ און איז קלאָ־רער אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון ישעיה הנביא:

„איך שאַף נייע הימלען און אַ נייע ערד“. (ישעיה ס״ה, י״ז).

# אינהאַלט

ערשטער טייל:

## יידן אין אַמעריקע


I דאָ און דאָרטן

דער גורל — 7
לך־לך — 8
היינעס מאָטיוו: נישט קיין צוריקגעקערטע ליבע — 11
תפילין־לייגן און קוקן אין הימל — 14
דאָס בענקען — 19
די היגע פריידן — 21
זיך געשטאַרקט — 23
יידן נעמען איין די שטאָט — 24
די ליבשאַפט צום תלמוד — 26
דער מיטל־שטאַנד — 30
דער „זינדיקער" קרעמער — 32
די שטעטלעך און לאַנדסמאַנשאַפטן — 34
יידישע צנועים־פּנים־געקניפּטקייט — 39
איבערגעבוירן־ווערן — 42
די יידישע מלחמה און די שול — 43
אַמעריקע אין קריג — 46
דער מבול פון גאָלד — 50
דער קרבן — אל מלא רחמים — 54
די יידישע משפחה־פּאַנאַנדערפאַל — 58

II „איסט־סייד"

שכינה — שחין — 67
דאָס פּרעסן אַלס אַ גאָטעסדינסט — 73
די ווייבערשע מלוכה — 94
לשון — פּרעג און ענטפער־נוסח — 105


צווייטער טייל:

## קלאַסן־קאַמף


I דער שאַפּ, עליע רבילע און זיינע יידעלעך

די צוויי שטאַנדפּונקטן — 131
יעקב אבינוס לייטער — 132

סטאַטיק און דינאַמיק 134
די פּאַטריאַרכאַלע פּאַרהעלטעניש 136
דאָס פיזישע און סאָציאַלע 138
עליעס קאַפּעליע 140
עליע קלעטערט באַרג־אַרויף 144
די אילוזיע פון גלייכהייט פלאַצט 146
דער אַנאָנימער קאָלעקטיוו 151
די צוויי פּאָביאַס 154
דער אינערלעכער בונט פון די שוואַכע 158
דער געראַנגל פון דורות 160
רעזיגנאַציע 163
אַ נייע וועלט 165
מענטש ווערסוס מאַשין 168
מענטש ברעכט די מאַשינען 173
עליע ראַנגלט זיך מיט זיין געוויסן 178
דער צוזאַמענשטויס מיטן פּאַרמאַן 181
די גרויסע אַנטוישונג 183
ווער איז שולדיק? 186
אין סאַמע פּינטל אַריין 189

## III קאַרל מאַרקס פון דער אַנדערער זייט

דער שטאָפּל שטאַפּלט זיך אָפּ... 195
אברהם דער איקאָנאָקלאַסט 196
יצחק דער לאַכער און אָפּלאַכער 198
יעקב בויט אַ בית־יעקב 200
מענדעלע דער חסרונות־אָנצייגער 201
דער „השיבנו גאָזאַד" 208
„שלום עליכם" איז דאָס „טעמפּאָ" 210
יידיש לעבן קען נישט זיין קאָמיש 212
י. ל. פּרץ און זיין „חדר" 214
דער פּראָלעטאַרישער „אתה בחרתנו" 218
די קללה פון אַרבעט 221
דעם נאַרס גן־עדן 224
געוואָלט אַריבערפּעקלען אַהער די רוסישע רעוואָלוציע 228
דאָס קינדער־לאַנד 231
דאָגמאַטיקער און סקעפּטיקער 233
דער גאָט פון צופאַל 235
פילאַנטראָפּיע אַ בורזשואַזער פּאַראורטייל 237
עטיק און פּאָליטיק 239
עטישער סאָציאַליזם און קלאַסן־קאַמף 242
ווען גלייך איז קרום 244
רימען און טאַדלען צוזאַמען 247

די ביימער און דער וואַלד — 251

איין צדיק אין סדום — 253

III דער באס, די יוניע און די אַרבעטאָרער ווי פון איין שטיק

ווען ניצחון איז אַ מפלה — 259

ווען מען מ ו ז, ו י ל מען ליבערשט — 262

דער דרייעק — 266

די יוניאָן האָט אויך זיך אין זינען — 268

די מאַסן ו ו ע ר ן אָרגאַניזירט — 271

די אַרבעטער און די „גרינע" אינטעליגענטן — 275

פון אידעאַליזם צו קאַריעריזם — 277

די „אייזערנע" רעגל — 281

די עוואָלוציע פון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג — 283

די יידן ווערן אַרויסגעשטויסן — 286

אויסזיכטן און האָפענונגען — 289

די גרויסע אַנטוישונג און דער מוסר־השכל — 292

IV אויף צום ערשטן מאַי

דער קולט פון אַרבעט און פון נישט־אַרבעט — 297

דער גענעראַל־שטרייק — 299

איבערגעניצעוועט — 301

דער יחיד מוז אָפּטרעטן — 303

וויפל שעהן אַרבעט דורכן יאָר? — 306

כנגד ארבעה בנים... — 308

משפט, זינד און שטראָף — 312


דריטער טייל:

## מענטש און ציוויליזאַציע


I דער זייגער און זיין מערכה

דער זיגער איז נישט דער זייגער — 317

צייט קראָנאָס איז אַ גאָט־געץ — 322

II דער טאַטע, דעם טאַטעס קינדער און די יוניעס שאָף

דער פשט פון סיפור־המעשה — 331

דער רמז, דרוש און סוד... — 336


---


**Este libro se terminó de imprimir el día 26 de Abril de 1957 en los Tall. Gráficos JULIO KAUFMAN S. R. L., Corrientes 1976, Buenos Aires.**